STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09657

DER FARLOYRENER NIGN

Leon Kobrin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן קאָברין און זיין אייניקל

(בילד גענומען אין 1946)

דער פֿאַרלוירענער ניגון

לעאָן קאָברין

געקליבענע ווערק

באַנד 1

לעאָן קאָבריז

דער פאַרלוירענער ניגון

(ראָמאַן)

און זעקס דערציילונגען

איקוף פאַרלאַג

1948

דאָס בוך איז דערשינען ביי דער
מיטהילף פון די פריינט
יוסף מאָרגענשטערן, מ. פרומין,
הענרי שאָקער א. אנד.

DER FARLOIRENER NIGUN

By LEON KOBRIN

Copyright, 1948, by Mrs. Pauline Kobrin

גערדרוקט אין 3,000 עקז.

YKUF, NEW YORK, 1948
189 Second Ave., New York 3, N. Y.

209

געזעצט און געדרוקט אין דער „פראָמפט פרעס",
113 פערטע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.

Printed in U.S.A.

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט — יואל ענטין 7

דער פאַרלוירענער ניגון (ראָמאַן)

ערשטער טייל 13

צווייטער טייל 81

דריטער טייל 160

דערציילונגען

דער אייביקער ייד 241

די שפּראַך פון עלנט 245

דער מאַן מיטן רויטן צייכן 262

אַקטיאָרן 288

מיין לאַנדסמאַן יאָסל בורדיע 305

די דריי שטערנדלעך פון דער פרייהייטס־אַרמיי 316

פאָרוואָרט

גאָר ווייניק האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, ווען איך האָב צוערשט, אויפן סאַמע ראַנד פונעם יאָרהונדערט, גענומען די פען אין האַנט צו שרייבן וועגן לעאָן קאָברינען, — און צענדליקער מאָל שפּעטער, — אַז איך וועל אַמאָל דאַרפן שרייבן נאָך אים.

ס'איז געוואָרן אַ יאָר, אַז מיר האָבן לעאָן קאָברינען פאַרלוירן, אָבער נאָר ווייניק אין די קנאַפּע דריי־הונדערט־פינף־און־זעכציק טעג זיינען אַוועק אָן דעם, איך זאָל וועגן אים ניט האָבן געטראַכט. וויפיל לעבנס־ און מחשבה־פּעדים האָבן ביי אונדז, אין אָט דעם לאַנג־לאַנגן גאַנג, געמיינשאַפטלעך זיך צונויפגעפלאָכטן. אונדזער ערשטער קלעטערן — ער פאָראויס, איך נאָך אים— אַרויפבאַרג. אונדזערע ערשטע באַגעגענישן (אין יאָר 1897) אין און אַרום דער „פרייע יידישע פאָלקס־בינע”. זיין באַשיצן מיך, ווי אַן עלטערער ברודער, אַז איך האָב מיין ערשטע בעלעטריסטישע זאַך אַריינגעגעבן אין „פאָרווערטס”. מיין טיף־היים פאַראינטערעסירן זיך אין זיינע ערשטע זוניק־קרעפּטיקע דערציילונגען. דאָס ליבע באַקענען זיך מיט זיינע דראַמע־שאַפונגען אין חלום און אויפן וואָר. מיין נעמען די פעדער אין האַנט — עלעהאַי אַ שפּיז, עלעהאַי אַ ריטער — צו קעמפן פאַר זיין אָנערקענונג.

עס קלינגט באַלד ווי טורגעניעווס מאָטאָ־שורות צו זיין ראָמאַן „פרילינג־שטראָמען”:

„פריילעכע יאָרן, טעג פון גליק און האָפן,
ווי פרילינג־שטראָמען זיינען זיי אָפּגעלאָפן.”

פאַר וועמען אַ ווייטיק, איז פאַר מיר קאָברינס טויט אַ טיפע פּיין, איינגעהילט אין אַ פולער, ברייטער צערפולער נעץ, שימערנדיק מיט רויט־ליכטיקע טראָפּנס פון אַ פאַרטערטן זון־אונטערגאַנג.

צו צוויי־און־זיבעציק יאָר איז לעאָן קאָברין געשטאָרבן... קיינער לעבט ניט אייביק. אַ דעמב איז איינגעפאַלן... אַלץ וואָס וואַקסט מוז אַמאָל איינפאַלן. דאָ איז אָבער איינגעפאַלן אַ זייל, אַ מויער, אַ גאַנצע ליטעראַרישע פּעריאָדע. מיט קאָברינען איז פּאַקטיש אַוועק יענער גאַנצער ליטעראַרישער

דור. קאַברין איז אויף־אַן־אמתן געווען דער לעצטער מאָהיקאַנער פון זיין דור.

און אינגאַנצן עס שפּירן קען איינער נאָר, וואָס אַליין געהערט ער אויך צו יענעם דור, וואָס האָט דאָס אַלץ דורכגעלעבט אויף זיין האַרץ, אין זיין נשמה.

* * *

„דער פאַרלוירענער ניגון", דאָס ערשטע פון עטלעכע ביכער, וואָס דערשיינט אין דער גאָר נאָענטער צייט, — איז ניט בלויז אַ מצבה נאָכן שריפטשטעלער. עס איז דאָס האַלטן אַן אָפּמאַך צווישן דעם שטאַרבנ־דיקן שרייבער און עטלעכע זיינע פריינט, אַ יידישלעכע דערפילונג פון אַ „צוואת שכיב מרע". דער האַרץ־קראַנקער, וואָס האָט אין די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין לעבן ניט־זעלטן גערעדט פון טויט, האָט אונדז אַנגעזאָגט, מיר זאָלן די ווערק אַרויסגעבן. מיר האָבן דעם „חסד" צוגעזאָגט. אונדזער האָפענונג, אַז ער וועט נאָך אַליין דערלעבן דעם נחת, איז, ווי אָפט, ניט מקויים געוואָרן. ער האָט נאָר דערלעבט דעם שיין־האַרציקן יובילײ אין טעאַטער, וואו דער נדר, אַרויסצוגעבן קאַברינס ווערק, איז באַנייט געוואָרן פון גרויסן עולם.

„דער פאַרלוירענער ניגון" דערשיינט צוערשט, לויטן וואונטש פונעם פאַרשטאָרבענעם. דער ראָמאַן איז שוין געדרוקט געווען אין „טאָג" מיט אַ יאָר זיבן פריער. איבערלייענענדיק אים ערשט איצט אין דער קאָרעקטור, בין איך צופרידן, וואָס די איצטיקע אויסגאַבע פאַנגט זיך אָן מיט אים. עס איז איינער פון קאַברינס בעסערע ראָמאַנען. עס איז, מער נאָך, גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַברינס שאַפן. און אוודאי איז עס אַ זייער אַנגענעמער באַווייז, אַז צו פינף־און־זעכציק יאָר איז קאַברין נאָך ניט אויסגעוועפּט, נאָר ער האָט נאָך אין זיך אַליין זיין גאַנצע קוואַליקע פרישקייט, זיין מונטערקייט, זיינע ליכטיקע פאַרבן, זיין גליענדיקן פייער.

באַשרענקט, ווי בכלל דער ריין־ליטעראַרישער ראָמאַן, סוזשעטיש, איז אָבער „דער פאַרלוירענער ניגון" גאָר ניט אָרעם אין גייסטיקע, אינערלעכע געשעענישן. עס איז די געשיכטע פון אַ קינסטלער־נאַטור, וואָס פאַרלירט זיך צווישן צוויי פרויען. עס איז דער קאַמף צווישן צוויי פרויען אום דעם ווילן־שוואַכן האַרץ פון איין מאַן. דער קאַמף, כאָטש ניט גאָר קיין שוואַכער, איז אָבער גאָר אַן אומגלייכער. לאָראַ, אונדזער קינסטלער־העלדס שטיל־ערלעכע יוגנט־חברטע, איז, אַזוי ווי הערמאַן זודערמאַנס „שמעטערלינג", גאָר אַן וואָפן אַקעגן זיין מעצענאַטקע, די אין דער געזעלשאַפט שיינענדיקע, שאַרף־דורכגעטריבענע לילי.

ביידע פרויען זיינען פריש געצייכנט (פרישע פרויען־מאָלעריי — דאָס איז קאָברינס אַלטע קראַפט). איינע, לאָראַ, אָטעמט מיט פיינער דורכדרינג־לעכקייט, מיט איידל־פּאָעטישער פילעוודיקייט און מיטפילעוודיקייט; די צווייטע, לילי, שפּרודלט מיט פרויען־צויבער און אַזאַרטנער פרויען־געוואַלט. אין דער געזעלשאַפט פון איינער, ווי פון דער צווייטער, לאַנגווייליקט מען זיך קיינמאָל ניט.

ס'איז קאָברינס אַלטע קראַפט, זיין אַלטער פרויען־צויבער. זיינע פרישע פאַרבן, זיין בוילעטער דראַמאַטיזם.

קומט נאָך צו, אין איצטיקן ראָמאַן, זייער אַ שיינע, זייער אַ וויטיקדיק־זיסע בענקשאַפט. זייענדיק קלאָר שיער ניט אין אַלע קאָברינס שריפטן, געדענקענדיק אַלץ כמעט געננוי, בין איך געווען גליקלעך איבערראַשט אין גרויסן, לעצטע קאַפּיטל פון איצטיקן ראָמאַן. עס איז די אויפלייזונג — אַן אויפלייזונג פון אַ יום־טובדיקן „ניגון", וואָס ווערט „פאַרלוירן", פון אַ זוניקער האָפענונג וואָס ווערט צערונען אין זאַמד, אַן אַלטאַר־פייער וואָס ווערט ברודיק פאַרשוועכט, אַן אידעאַל וואָס ווערט צעשפּאָלטן איבער צוויי, ניט־אַריבערשפּאַנענדיקע, ברעגן.

מאַקס, דער געזאָלט־זיינדיקער קאָמפּאָזיטאָר פון „דער אייביקער ייד", געזעגנט זיך מיט לאָראַן. אַ געזעגענונג מיט ניט קיין סך ווערטער, אָבער מיט אַ סך אין זייער ביידנס ריידנדיקע בליקן. מאַקס רעדט נאָך ווי עס איז, לאָראַ אָבער טוליעט זיך אין איר שאַל — ווי ס'וואָלט איר געווען קאַלט — און קוקט אַזוי ערנסט, אַזוי אָפּגעשלאָסן, אַזוי אומעטיק־פאַרשטייענדיק. אָט דאָ וואָלט געקענט זיין מאַקסעס גליק, אָבער עס איז פאַרשפּילט — אויף אייביק. איז ווער שולדיק? — ס'איז סיי ווי סיי פאַרפאַלן. גאַנץ־מאַכן דאָס צעבראָכענע קען קיין קראַפט אין דער וועלט ניט. פאַרפאַלן. בלייבט נאָר אייביקער האַרץ־ווייטיק, אייביקע דערמאָנונג און אייביקע ביטער־זיסע בענקשאַפט. בענקשאַפט און אַ מעלאַנכאָליע אָן אַ דנאָ.

און דער לעזער בענקט אַזוי שיין און ווײמוטיק מיט.

* * *

מיט פאַראויס־איבערגעלעבטער פרייד קוק איך אַרום אויף דער צייט, ווען עס וועט דערשיינען דער צווייטער באַנד פון דער איצטיקער אויסגאַבע. אין אים דאַרפן דערשיינען וואָסערע פינף פון קאָברינס סאַמע בעסטע טעאַטער־שטיק.

איך בין זיך מודה, אַז דאָס, דאָס פאַרעפנטלעכן אין בוך־פאָרם קאָברינס פיעסן, איבערהויפט די גאָר בעסטע פון זיי, ווי אַשטייגער „דעם דאָקטאָרס

וווייבער" („מינקע די מויד"), האָט מיך דער עיקר צוגעצויגן צו דער איצטיקער אַרבעט. איך ווייס ניט, צי האָט זיך נאָך ווער, אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט, אַזוי געפּרייט מיט קאָברינס דערציילונגען און סקיצן, ווי איך, זייענען אָבער די בעסטע פון זיי דערשינען אין אַ גרויסן בוך נאָך אין יאָר 1910. איך האָב אויך מיט פאַרגעניגן געלייענט אייניקע פון קאָברינס ראָמאַנען, וואָס זיינען דערשינען אַלס ביכער. אָבער אַחוץ דערציילער און ראָמאַניסט — און אין אַ פּאָר פּרטים אפשר טאַקע דער עיקר — איז קאָברין געווען דער דראַמאַטורג. (זיין דראַמאַטישקייט איז אויך געווען אַ טייל פונעם סוד פון זיין ריין־ליטעראַרישן און פּראַקטישן דערפאָלג). אויף דער יידיש־אַמעריקאַנישער בינע האָט קאָברין פאַרנומען אַ פּאָזיציע שיער־ניט זייט ביי זייט מיט יעקב גאָרדינען. ניט פאַרמאָגנדיק גאָרדינס אינטעלעקטואַלישקייט און זיין וויץ, איז ער אָבער געווען אפשר נאָך מער דראַמאַטיש פון אים. ער איז געווען אַ מייסטער פון דראַמאַטישער סיטואַציע. זיין הומאָר איז געווען אַ פריש־קוואַליקער. דאָס יידישע אַמעריקע האָט געלעבט אין זיינע ביינער.

דאָך זיינען קאָברינס טעאַטער־שטיק, מיט דער אויסנאַמע פון דריי, אי דאָס ניט די סאַמע־בעסטע, ביז איצט אין בוך־פאָרם נאָך ניט דערשינען. און דאָס איז אַ זינד ניט נאָר קעגן אונדזער ליטעראַטור, ניט נאָר קעגן דעם אָנדענק פון אונדזער וואָרט־קינסטלער, נאָר גאָר באַזונדערס קעגן יידישן טעאַטער גופא. קאָברינס בעסערע פּיעסן, ניט נאָר האָבן זיי געגעבן שפּייז אונדזער טעאַטער, זיי האָבן אים, נאָכמער, מיטגעשאַפן, אויפשפּילנדיק זיין גרויסן לעבנס־ און טריאומף־מאַרש, באַשאַפנדיק אייניקע פון זיינע בעסטע שפּילער.

דאָס יידישע טעאַטער, אויב עס גוססט אין אַמעריקע, לעבט עס אָבער אין דער גאָרער וועלט. און אפילו דאָ, גלויב איך באמונה שלמה, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט און דאָס טעאַטער וועט צוריק אויפלעבן.

און אַ לעבעדיק יידיש טעאַטער מוז האָבן קאָברינס פּיעסן. עס מוז זיי האָבן אַלס זיין טעגלעך ברויט, אַלס זיין נאַרהאַפטיקן לעבנס־זאַפט.

ניו־יאָרק, אַפּריל, 1947.

יואל ענטין

דער פֿאַרלוירענער ניגון

געווידמעט מיינע קינדער

ערשטער טייל

1

מיט יאָרן צוריק, באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט אין פילאַדעלפיע, אין אַ געגנט ניט ווייט פון פערמאָנט פּאַרק, געוואוינט אַ טשיקאַווער ייד מיטן נאָמען חיים־עליע דער אַקטיאָר.

דער דאָזיקער חיים־עליע, אַ ייד אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק אַלט, איז געווען אַ שוסטער. ער איז געזעסן ביי זיין וואַרשטאַט, אין אַ קלייטל, פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט און האָט פאַרריכט שיך, וואָס סיי יידן און סיי קריסטן, און סיי מענער און סיי ווייבער פון דער אַרומיקער געגנט האָבן צו אים געבראַכט.

אַ טשיקאַווער ייד איז ער געווען, מחמת ער איז געווען אַ ייד אַ פאַנטאַזיאָר. ער האָט כסדר געשוועבט אין וועלטן, וואָס זיי זיינען אַזוי ניט ענלעך געווען צו זיין וועלטל, וואו ער מיט זיין ווייב און קינד האָבן געלעבט.

זיצנדיק ביי זיין וואַרשטאַט איבער אַ שוך געבויגן, האָט ער אַמאָל אין מיטן דער אַרבעט דעם קאָפּ אויפגעהויבן, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פאַרחלומטע אויגן אין דער לופטן אַריין און איז מינוטן־לאַנג אַזוי געזעסן און האָט גע־שמייכלט מעשה גליקלעך קינד מיט זיין רונדן פּנים אָן אַ באָרד און וואָנצעס.

צי ער האָט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן פון זיין בענקל און אויסגע־שטרעקט זיינע ביידע אָרעמס, אַמאָל מיט אַ שוך אין איין האַנט און מיטן האַמער אין דער צווייטער, צוגעמאַכט פרום די אויגן און גענומען זינגען מיט אַ האַרציקן קול עפּעס אַ וויינענדיק לידל פונעם יידישן טעאַטער, צי ער האָט גאָר גענומען דעקלאַמירן אַ מאָנאָלאָג פון גאָרדינס אַ פּיעסע, ס׳רוב פונעם „ווילדן מענטשן״. און אַז ער האָט דעם גאַנצן מאָנאָלאָג פאַרענדיקט, האָט ער אַליין זיך אַפּלאָדירט און געשריען באַגייסטערט:

— בראַוואָ! נו, האַ? ווער וואָלט דאָס געקאָנט אַזוי, האַ? סיידן אַ יאַקאָוו אַדלער, אַ דייוויד קעסלער! די אַנדערע — אַ גוטע מכה!...

געוויינלעך, איז זיין ווייב, שרה־העניע, דעמאָלט אַריינגעלאָפן פון דעם חדר הינטער דעם קלייטל, וואו זיי האָבן געוואוינט, אַמאָל מיט איר דריי־

יאָריקן ייִנגעלע, מאַקסעלע, אויף די הענט (צוויי עלטערע קינדער — ביידע מיידלעך — זיינען ביי זיי פריער געשטאָרבן) און זי האָט זיך צעשריען אויף אים:

— דו האָסט זיך שוין ווידער צעדאָסט? הער אויף, הער אויף! מען וועט דאָך דיך אַמאָל פאַרשפּאַרן אין אַ משוגעים־הויז, חיים־עליע!...

איז חיים־עליע שוין אַזוי געוואוינט געווען צו איר געשריי און צו אירע טענות, אַז געוויינלעך האָט ער נאָר געלאַכט גוטמוטיק. אַמאָל אָבער האָט ער געפּרואווט דורכשמועסן זיך מיט איר גוטמוטיק אויף אַזאַ אופן:

— שרה־העניע לעבן, זאָג שוין אַליין... אָבער דעם ריכטיקן אמת, דו הערסט? דעם ריכטיקן אמת וויל איך! איך ווייס, אַז אויף טעאַטער דאַרפסטו זיין אַ מבינטע, פרעג איך דיך: ווער פון די יידישע אַקטיאָרן אין אָרטש־סטריט טעאַטער, צי אַפילו דאָרט אין ניו־יאָרק אַליין, וועט אַזוי „דערלאַנגען" אַט דאָס שטיקעלע, וואָס דו האָסט ערשט דאָרט געהערט, אַזוי ווי איך? זיך איך דאָ ביי די שיך און די ריכטיקע שוסטער שפּילן דאָרט טעאַטער! איז דאָס רעכט אַזוי? זאָג אַליין, שרה־העניע!

האָט שרה־העניע, אַ הויכע מאָגערע פרוי, וואָס זי איז פאַר דער צייט פאַרעלטערט געוואָרן, מחמת די צוויי מיידלעך וואָס זיינען ביי איר געשטאָרבן, זיך צעשריען אויף אים נאָך העכער, אַז זי קאָן דאָס שוין מער ניט אַריבער־טראָגן; אַז די גאַל פּלאַצט ביי איר; און כמעט שטענדיק האָט זיך דאָס ביי איר געענדיקט מיט געוויין. ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט דערזען, אַז זיין שרה־העניע וויינט, האָט ער זיך גענומען שווערן, אַז מער ניט, קיינמאָל ניט, זי וועט זען, קיין פּיפּס אַפילו וועט זי פון אים מער ניט הערן, אַבי זי זאָל ניט וויינען!...

אָבער אויף מאָרגן די אייגענע מעשה: ער זינגט און דעקלאַמירט, ווי זיין שרה־העניע וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען!

און איינמאָל איז ער אַפילו אויף איר אין כעס געוואָרן און ער האָט זיך צעשריען אויף איר:

— אַט, דווקא דיר אויף צו־להכעיס וועל איך דיר אַמאָל ווייזן, וועל איך אויך אַמאָל אַלעמען ווייזן, וואָס פאַר אַן אַקטיאָר איך בין!

אַט מחמת דעם האָבן די יידישע קונדן זיינע אים גערופן: „חיים־עליע דער אַקטיאָר".

געהאַלטן פון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט האָט, אַפּנים, איין מאַקסעלע. ער האָט גאָר אַנגעקוואָלן פון זיין טאַטן.

מאַקסעלע איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך־שיין קינד. מיט זיין צאַרטן, דורכזיכטיקן פּנים און מיט זיינע בלאָנדע לאָקן און זיינע גרויסע, בלויע אויגן

האָט ער מער אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקע קאָפּיע פון אַ בילד, געמאָלן פון אַ גרויסן מייסטער, איידער אַ קינד פון אַן אָרעמען שוסטער.

זיין טאַטע־מאַמע האָבן געציטערט איבער אים, איבערהויפּט שרה־העניע. יעדע פרייע מינוט, וואָס זי האָט געקאָנט אָפּרייסן פון איר אַרבעט אין הויז, האָט זי אים אָוועקגעגעבן. זי האָט גענייט קליידלעך פאַר אים, געוואַשן און געבאָדן אים, געקרויזט זיינע בלאָנדע לאָקן, געשלעפּט אים אין פערמאָנט פּאַרק אויף פרישער לופט, און כסדר האָט מען פון איר געהערט: „אוי, מאַקסעלע האָט עפּעס אויפגעהערט צו עסן! אוי, מאַקסעלע האָט עפּעס אַ גאַנצע נאַכט זיך געוואָרפן פון שלאָף!" און כמעט יעדן טאָג האָט מען פון איר געהערט די זעלביקע ווערטער, אַרויסגערעדט מיט טיפן געפיל: „מיין קאָפּ זאָלסטו איבערלעבן, מיין קינד!"

אָט ביי דעם מאַקסעלען האָבן זיך די בלויע אויגן אַלע מאָל צעלויכטן, ווען זיין טאַטע האָט זיך צעזונגען, צי ווען ער האָט דעקלאַמירט...

און איינמאָל, ווען חיים־עליע האָט דאָרט געאַרבעט איבער אַ שוך, איז דער האַמער מיט אַמאָל אין זיין האַנט פאַרגליווערט געוואָרן. ער האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ פון דער אַרבעט און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע אויגן אויף זיין קינד.

זיין דריי־יאָריק מאַקסעלע איז געזעסן רייטנדיק אויף אַ הילצערנעם פערדל, וואָס זיין מאַמע האָט אים מיט עטלעכע טעג צוריק געבראַכט, און ער האָט געזונגען דאָס זעלביקע ליד, וואָס ער, חיים־עליע, האָט ערשט נעכטן געזונגען. אַ ניי יידיש טעאַטער־ליד איז דאָס געווען, וואָס ער האָט יענע וואָך געבראַכט פון אָרטש־סטריט טעאַטער.

דאָס קינד האָט געזונגען דאָס ליד מיט אַלע תנועות און דריידלעך, ווי זיין טאַטע האָט עס געזונגען...

ביי חיים־עליען האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעריסן אַ געשריי:

— שרה־העניע, געוואַלד! גיכער, שרה־העניע!

— וואָס איז, וואָס איז? — איז זי אַריינגעלאָפן אַ צעשראָקענע פונעם הינטערשטן חדר. מאַקסעלע אַליין האָט זיך אויך דערשראָקן פון זיין טאַטנס געשריי און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— שרה־העניע! — האָט חיים־עליע פאַרסאָפּעט גערעדט, און זיין רונדער פּנים אָן אַ באָרד און אָן וואָנצעס האָט אינגאַנצן פאַרוואונדערט געלויכטן. — אונדזער מאַקסעלע... האָסט ניט געהערט ווי ער האָט געזונגען? ווי אַ פייגעלע, זאָלן מירביידע אַזוי געזונט זיין; ווי אַ קאַנאַריקל! דאָס גאַנצע ליד... זאָל איך אַזוי לעבן!...

און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום קינד:

— זינג נאָך אַמאָל, מאָקסעלע, זאָל די מאַמע הערן!

אָבער מאָקסעלע האָט אַריינגערוקט אַ פינגער אין מויל און, אַזוי ווי ער איז געזעסן אויפן הילצערנעם פערדל, האָט ער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און אַקסל.

— איכ׳ל דיר געבן אַ סענט, מאָקסעלע, זינג! איכ׳ל דיר געבן צוויי סענט, מאָקסעלע, זינג! קינד מיינס, זאָל דיין מאַמע הערן...

און אַז מאָקסעלע האָט אַלץ ניט געוואָלט זינגען, האָט חיים־עליע אַליין גענומען דאָס אייגענע ליד זינגען. געזונגען דאָס מאָל אומיסטנע, כדי אויפצו־וועקן דעם חשק ביי דעם קינד אויך צו זינגען.

און עס האָט געהאָלפן: מאָקסעלע האָט אַרויסגענומען דעם פינגער פון מויל און זיך ליכטיק צעשמייכלט מיט זיין צאַרטן, דורכזיכטיקן פּנים און מיט זיינע בלויע אויגן. נאָכדעם איז ער אַרונטערגעקראָכן פון פערדל און האָט זיך הינטערווייליעכץ, מיט זיינע צעשמייכלטע בלויע אויגן אַנגעשטעלט אויף זיין טאַטן, וואָס האָט נאָך געזונגען, זיך צוגערוקט צו זיין מאַמען און זיך איינ־געדרייט אין אַ פּאָלע פון איר קלייד און אונטערגעכאַפּט דאָס ליד.

שרה־העניע האָט פאַנאַנדערגעעפנט וויט דאָס מויל און אויגן. נאָכדעם האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און געכאַפּט קושן איר מאָקסעלען:

— אוי, גוואַלד! אוי, גוואַלד! אוי, גוואַלד! — האָט זי גערעדט ווי אַ משוגענע און געקושט אים און געקוואָלן. — טאַקע ווי אַ פייגעלע! טאַקע ווי אַ קאַנאַריקל!...

פון דעמאָלט אָן האָט מאָקסעלע אַ סך מאָל געזונגען, ס׳רוב פאַר טאַטע־מאַמע אַליין, און אַמאָל אַפילו פאַר קונדן אויך, וואָס האָבן אים דערפאַר באַ־לוינט מיט סענטן און אַנדערע מיט ניקלס.

די מאַמע האָט געטענהט, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער חזן, און דער טאַטע — אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער אַקטיאָר.

2

ווען מאָקסעלע איז אַלט געוואָרן פיר יאָר, האָט זיין טאַטע נאָך אַלץ געחלומט צו ווערן אַמאָל אַן אַקטיאָר. דעם דאָזיקן חלום האָט ער, אגב, גע־חלומט זינט ער האָט אַמאָל אַנטייל גענומען אין אַ פאָרשטעלונג פון גאָלד־פאַדענס אַ פּיעסע. אין יענער פאָרשטעלונג, געגעבן פון אַמאַטאָרן אין זיין שטעטל, האָט ער זיך שטאַרק אויסגעצייכנט, און פון דעמאָלט אָן האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון דער בינע.

ער האָט חתונה געהאַט און געחלומט וועגן דעם. ער האָט פאַרלאָזן זיין

שטעטל און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק און געחלומט וועגן דעם. ער האָט פאַרלאָזן ניו־יאָרק און איז געקומען קיין פילאַדעלפיע, מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט אפשר דאָרט קאָנען צוקומען צום טעאַטער. קינדער זיינען ביי אים געבוירן געוואָרן, קינדער זיינען ביי אים געשטאָרבן, און שרה־העניע, די פּראַקטישע שרה־העניע, האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט אַרויסטרייבן אַט דעם חלום פון זיין קאָפּ. און ווען זיין מאַקסעלע איז געבוירן געוואָרן, איז ער אָפּט געזעסן לעבן קינדס וויגעלע און האָט צו אים וועגן זיין חלום גערעדט...

ער האָט אָבער זיין וואַרשטאַט ניט פאַרלאָזן. ער האָט מורא געהאַט אייג־צושטעלן די חיונה פון זיין ווייב און קינד. אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר און ער האָט געצויגן די דראַטווע דורך זיינע שיך און דעם שיינעם חלום זיינעם דורך זיין אָרעמען לעבן.

ווען מאַקס איז אַלט געווען פיר יאָר, האָט ער געקענט אַ סך שטיקלעך פון יידישע פּיעסעס אויף אויסנווייניק און אַ סך יידישע טעאַטער־לידער.

יעדן שבת אויפדערנאַכט איז זיין טאַטע געלאָפן אין יידישן טעאַטער. ער האָט געמעגט זיין פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, האָט ער אַלצדינג געוואָרפן און איז געגאַנגען אין אַרטש־סטריט טעאַטער. אַמאָל האָט ער מיטגענומען אויך שרה־העניען, ווען זי האָט געהאַט ווער צו לאָזן אינדערהיים מיט איר קינד. און אַ גאַנצע וואָך דערנאָך האָט ער איבערגעשפּילט און איבערגעזונגען סצענעס און לידער, וואָס ער האָט שבת אויפדערנאַכט געזען און געהערט אין יידישן טעאַטער.

און דער קליינער מאַקסעלע האָט שטענדיק אים נאָכגעזאָגט און נאָכ־געזונגען אַלצדינג, וואָס ער האָט געהערט פון אים. נישט נאָר די ווערטער האָט דער פיר־יאָריקער מאַקסעלע געקענט, נאָר אויך די באַטאָנונג האָט ער געמאַכט, ווי דער טאַטע, און די אויגן האָט ער געגלאָצט, און אין דער קינדער־שער ברוסט האָט ער זיך געקלאַפּט. און אַמאָל האָט מאַקסעלע אינמיטן נאָכ־שפּילן זיין טאַטן זיך צעקלאָגט און צעכליפּעט אַזוי, אַז זיין מאַמע האָט זיך צעשריען אויף זיין טאַטן, הלמאי ער מאַכט קראַנק מיט זיינע משוגעתן דאָס קינד.

און דריקנדיק איר יינגעלע צו איר ברוסט, האָט זי מיט איר האַרץ געפילט ווי זיין האַרץ קלאַפּט, און זי האָט גערעדט צו אים:

— מיר פאַר דיין קאָפּ, קינדעלע! ווי עס קלאַפּט ביי אים ס'הערצעלע. לערן זיך ניט פון דיין משוגענעם טאַטן, קינד מיינס!...

האָט חיים־עליע איר דעמאָלט אויף דעם געענטפערט:

— שרה־העניע, ער וואַקסט אַ קינסטלער, ווי זיין טאַטע. אַזאַ משוגענער ווי איך, שרה־העניע, איך קאָן וועטן.

— זאָל איך דאָס בעסער ניט דערלעבן, משוגענער!

3

אַמאָל, אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, ווען מאַקסעלע איז ניט געשלאָפן, און ער, חיים־עליע, איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער אים גענומען אויף די הענט און זיך געזעצט מיט אים פאַר דעם ברענענדיקן אויוון אין צימער, און געגלעט אים די בלאָנדע לאָקן, וואָס זיינען איבער די קינדערשע אַקסלען צעשאָטן געווען אין גאָלדענע רינגען, און ער האָט אים דערציילט וועגן דעם ווי ער וואָלט געשפּילט יענע פּיעסע, און ער האָט פאַרזיכערט מאַקסעלען, אַז ער וועט עס נאָך אַמאָל באַווייזן...

און ניט אַלע מאָל האָט דער קליינער מאַקס געהערט אפילו, וואָס זיין טאַטע האָט צו אים גערעדט. מערסטנטייל איז ער געזעסן בשעת דעם מיט זיינע גרויסע, בלויע אויגן אויסגעגלאָצט און האָט געקוקט ערגעץ פאַרביי זיין טאַטנס פּנים, און אינגאַנצן ניט געהערט, האָט זיך געדוכט, וואָס יענער האָט צו אים גערעדט.

פון וואָס ער האָט דעמאָלט געטראַכט, דאָס פיר־יאָריק ייִנגעלע, אין וואָס פאַר אַ קינדערשער וועלט זיין פאַנטאַזיע האָט דעמאָלט געשוועבט — זיין פאַרחלומטער טאַטע האָט אים קיינמאָל וועגן דעם ניט געפרעגט...

אָט אַרום אָט דער צייט האָט חיים־עליע איין מאָל אין אַ שבת אויפדער־נאַכט גענומען מאַקסעלען און זיין מאַמען אין אַרטש־סטריט טעאַטער, צו זען דאָרט אַ נייע ייִדישע פּיעסע.

אַ באַרימטער אַקטיאָר, אַ סטאַר, האָט דאָרט געשפּילט אין דער נייער פּיעסע. אין יענער פּיעסע האָט דער באַרימטער סטאַר געזונגען אַ פּאָר ראָ־מאַנטישע לידער און געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ. (פּיאַנאָ שפּילן אויף דער בינע איז זיין שוואַכקייט געווען.)

נאָך דעם ערשטן אַקט איז חיים־עליען איינגעפאַלן צו ווייזן די אַקטיאָרן וואָס פאַר אַ געראָטן קינד זיין מאַקסעלע איז געווען. זאָלן זיי הערן ווי ער זינגט.

ער, חיים־עליע, איז געווען אַן אייגענער מענטש ביי די אַקטיאָרן. אמת, זיי דאָרט, הינטער די קוליסן, האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ „קריינק", וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער וואָלט געקאָנט זיין אַן אַקטיאָר, אָבער פאַר זייער אַן אייגענעם מענטשן האָבן זיי אים דאָך געהאַלטן, מחמת ווען עמעצער פון זיי האָט געהאַט אַן „ערן־אָוונט", האָט ער פאַר יענעם פאַרקויפט בילעטן צווישן זיינע באַקאַנטע און לאַנדסלייט, און געלאָזט אויפהענגען ביי זיך אין

קליטל אַן אַפּיש וועגן יענעמס „ערן־אוונט״. אַחוץ דעם האָט מען זיך דאָרט, ביי די אַקטיאָרן, שטענדיק פאַרלאָזט אויף זיין מבינות וועגן אַ נייער פּיעסע און וועגן זייער שפּילן. איז אים אַ נייע פּיעסע געפעלן געוואָרן, האָט מען געוואוסט, אַז די פּיעסע איז אַ דערפאָלג, אַזוי אויך פאַרקערט.

און געזאָגט האָט חיים־עליע זיי שטענדיק דעם אמת, סיי וועגן דער פּיעסע און סיי וועגן זייער שפּילן. אַוודאי, דעם גאַנצן אמת האָט ער זיי ניט געזאָגט, איבערהויפּט וועגן זייער שפּילן. מחמת אַלעמאָל, ווען ער האָט געזען זיי שפּילן, האָט ער ביי זיך געטראַכט: „פּורצעס, ווען זיי לאָזן מיך!...״ פונדעסטוועגן האָט ער זיי קיינמאָל ניט געזאָגט אויף גאָר־שלעכט — „גוט״ און אויף גאָר־גוט — „שלעכט״.

און אַמאָל האָט אויך געטראָפן, אַז ער איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון אַ פּיעסע און פון דעם שפּילן, אַז ער איז אַוועקגעלאָפן צו די אַקטיאָרן הינטער די קוליסן און האָט זיי געלאָזט וויסן, אַז אַזאַ פאָרשטעלונג און אַזאַ פּיעסע און אַזאַ שפּילן האָט מען אין יידישן טעאַטער נאָך קיינמאָל ניט געזען.

און יענעם שבת אויפדערנאַכט, ווען ער האָט גענומען מיט זיך זיין ווייב און זיין קינד צו דער נייער פּיעסע, איז דער ערשטער אַקט אים ניט געפעלן געוואָרן, און ער וואָלט ניט געגאַנגען הינטער די קוליסן צו די אַקטיאָרן, ווען אים וואָלט זיך אַזוי ניט געוואָלט ווייזן דאָרט ווי גוט זיין קליין מאַקסעלע האָט געזונגען די טעאַטער־לידער. איבערהויפּט יענע לידער, וואָס דער ראָמאַנטישער סטאַר אַליין פון יענעם טעאַטער האָט זיך אין זיי באַרימט געמאַכט.

חיים־עליע האָט זיך אָנגערופן צו זיין ווייב מיט אַ ברייטן שמייכל:

— איך גיי זען די אַקטיאָרן. איך נעם מיט זיך מאַקסעלען.

— וואָס דאַרפסטו אים נעמען אַהין? זאָל ער זיין דאָ מיט מיר.

— וואָס אַרט דיך, שרה־העניע? און איך וויל טאַקע, אַז זיי זאָלן הערן, ווי ער זינגט.

— מען דאַרף ניט, חיים־עליע! אַ קינד, ער קאָן זיך נאָך דאָרט איבערשרעקן. גיי אַליין אָן אים, אַז דו ווילסט.

— אָבער איך וויל, אַז זיי זאָלן דאָרט הערן וואָס פאַר אַ קאַנאַריקל ער איז. איך האָב זיי אַמאָל דערציילט, גלויבן זיי מיר ניט. שרה־העניע, לאָז אים גיין, איך וועל שוין אַכטונג געבן אויף אים. פאַרוואָס זאָלן זיי ניט זען, וואָס פאַר אַ געראָטן קינד מיר האָבן?

האָט שרה־העניע דעמאָלט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַקסעלען און זיך צעלויכטן פאַר נחת. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— נו, גוט. אָבער נעם אים פאַר אַ האַנט און גיב גוט אַכטונג, און זע, אַז ער זאָל זיך דאָרט ניט איבערשרעקן.

חיים־עליע האָט דעמאָלט גענומען זיין יינגל פאַר אַ האַנט און איז אַוועק מיט אים הינטער די קוליסן צו די אַקטיאָרן.

גראָד איז דער הויפּט־אַקטיאָר דעמאָלט געזעסן אויף דער בינע פאַר אַן אָראַפּגעלאָזטן פאָרהאַנג און האָט אײַנגעחזרט אַ שטיקעלע מוזיק אויף דער פּיאַנאָ. דאָס דאָזיקע שטיקעלע מוזיק האָט ער געדאַרפט שפּילן באַלד אין צווייטן אַקט פאַר דעם פּובליקום.

חיים־עליע איז אַרויף מיט מאַקסעלען אויף דער בינע און האָט זיך צוגעהערט. מיטאַמאָל האָבן זיך ביים יינגעלע די אייגעלעך אָנגעצונדן און די בעקלעך האָבן זיך ביי אים צעפלאַמט. און אויף די שפּיץ־פינגער האָט ער זיך צוגערוקט צו דער פּיאַנאָ, וואו דער הויפּט־אַקטיאָר איז געזעסן און האָט געשפּילט. ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט די טענער און די אַקאָרדן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער פּיאַנאָ, אין זיך געשלונגען.

און שפּעטער, ווען דער הויפּט־אַקטיאָר, אַ הויכער, שלאַנקער מאַן, מיט אַ פּאַריק פון לאַנגע, שוואַרצע האָר און מיט באַקן־באָרדן, ווי ביי ריכאַרד וואַגנער (ער האָט אין יענער פּיעסע געשפּילט אַ מוזיקער), האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פּיאַנאָ און מעשה־קעניג באַגריסט פונדערווייטנס חיים־עליען, איז דער קליינער מאַקס נאָך אַלץ געשטאַנען און האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט.

חיים־עליע האָט אים גערופן. דאָס יינגל האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. איז חיים־עליע דעמאָלט צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אָנגענומען פאַר אַ הענטל:

— קום, מאַקסעלע.

און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט ווי דאָס יינגל ציטערט און טרייסלט זיך. דער טאַטע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. ביי דעם קליינעם מאַקסעלען האָבן זיך געקייקלט טרערן פון די אויגן.

חיים־עליע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מאַקסעלע, וואָס איז, קינד? דיר טוט עפּעס וויי?

— ניין.

— היינט פאַרוואָס וויינסטו?

— איך ווייס ניט, — האָט דער קליינער מאַקס זיך צעוויינט נאָך העכער.

דער טאַטע האָט אים דערנאָך באַרואיקט. דער קליינער מאַקס האָט אויפגעהערט צו וויינען.

אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט דאָס יינגל געזונגען פאַר דעם הויפּט־אַקטיאָר איינס פון די לידער, אין וועלכע יענער האָט זיך אַלעמאָל אויסגעצייכנט.

דער אַקטיאָר איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן, אַז ער האָט גערופן די אַנ־

דערע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט הינטער די קוליסן, אַז זיי זאָלן הערן אַזאַ וואונדער, און זיי אַלע האָבן אַפּלאָדירט דעם קליינעם מאַקסעלען, און די הויפּט־אַקטריסע, וואָס איז געקומען צולויפֿן זען דעם וואונדער, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם ייִנגל אויף די הענט און געקושט אים און גערעדט מיט התפּעלות:

— געוואַלד, זעט נאָר וואָס פֿאַר אַ מלאכל! קוקט אים אָן! זאָלן מיר אַלע אַזוי געזונט זיין, אַ קינד אַ פּרינץ! אַזאַ זיס פּנימל! אוי, אוי, געוואַלד! — האָט זי אים ווידער און ווידער געקושט.

דער קליינער מאַקס האָט געקוקט אַרום זיך אַ צעשראָקענער, און ווי נאָר זי האָט אים אַרונטערגעלאָזט פֿון די הענט, איז ער צוגעלאָפֿן צו זיין טאַטן און האָט זיך הינטער אים באַהאַלטן.

די אַקטיאָרן האָבן צווישן זיך גערעדט:

— און מיר האָבן ניט געוואָלט גלויבן זיין טאַטן...

— אַ שטימעלע, ריין ווי אַ זילבערן גלעקעלע!...

— קיין איין פֿאַלשער טאָן... וואָס פֿאַר אַן אויער!

— אפֿשר וואַקסט עס אַ נייער ניסן בעלזער, צי אַ ראַזומאָווסקי? ווען זיי זיינען קינדער געווען האָבן זיי אויך אַזעלכע וואונדער געוויזן...

און חיים־עליע האָט זיי אַלעמען אַריבערגעשריען:

— ער וועט קיין חזן ניט זיין! אַ גרויסער אַקטיאָר וועט ער זיין! אַ גרויסער קינסטלער וועט ער ביי מיר ווערן! הערט איין מאָל אַ זאַך און ער זינגט עס איבער!

— און אפֿשר איז דאָס גאָר אַ צוקונפֿטיקער צווייטער קאַרוזאָ? — האָט די הויפּט־אַקטריסע זיך אָנגערופֿן.

און דאָ האָט דער הויפּט־אַקטיאָר זיך ווידער אָנגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ און אַ רוף געטאָן מאַקסעלען צו זיך.

— קום נאָר אַהער, באַיטשיקל!

האָט דאָס ייִנגעלע זיך נאָך מער באַהאַלטן הינטער דעם טאַטנס רוקן. דער הויפּט־אַקטיאָר, האָט, קוקנדיק אין דער זייט, וואו מאַקסעלע איז געשטאַנען, גענומען פֿירן מיט די פֿינגער איבער די קלאַווישן פֿון דער פּיאַנאָ און ווידער האָבן זיך צעגאָסן טענער און אַקאָרדן אין דער לופֿט. דעמאָלט האָט דאָס ייִנגל אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פֿון אַהינטער זיין טאַטנס רוקן און זיך אַ ווײַלע צוגעהערט מיט צעברענטע אייגעלעך. דערנאָך האָט ער זיך אינגאַנצן אַרויסגערוקט פֿון אַהינטער זיין טאַטנס רוקן און זיך גענומען גנבנען שטיל, אויף די שפּיץ־פֿינגער, נעענטער צו דער פּיאַנאָ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן

דעם שפּילער און האָט געקוקט, ווי יענער באַוועגט זיינע פינגער איבער די ווייסע און שוואַרצע קלאַווישן.

— אַנו, באַיטשיקל, — האָט דער שפּילער זיך אָנגערופן צו מאַקסעלען — דו קענסט דאָס זינגען?

דאָס יינגל האָט ניט געענטפערט און האָט אַלץ געקוקט אויף די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ.

מיטאַמאָל, ווען דער שפּילער האָט אַרונטערגענומען זיינע הענט פון דער פּיאַנאָ און געוואָלט זיך אויפהייבן, האָט דער קליינער מאַקס, ווי ער איז געשטאַנען נעבן דער פּיאַנאָ, ניט דרייסט אַרויפגעלייגט צוערשט איין פינגערל אויף אַ קלאַוויש און נאָכדעם אַ צווייטס, און באַלד אַלע זיינע פינגערלעך פון זיינעביידע הענטלעך און זיי געגומען באַוועגן, ווי דער הויפּט-אַקטיאָר פריער.

און קלאַנגען האָבן זיך דערהערט צעפּלאָנטערטע, אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זיינען ווי ענלעך געווען צו די קלאַנגען, וואָס דער הויפּט-אַקטיאָר האָט אַרויסגעבראַכט.

דער הויפּט-אַקטיאָר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון זיין אָרט מיט אַ געשריי:

— קינדער, הערט, קינדער! הערט! אַ וואונדער-קינד! . . .

מען האָט ניט געקאָנט נאָכדעם אָפּרייסן דאָס קינד פון דער פּיאַנאָ. און ער האָט געוויינט און געדריגעוועט מיט די פיסלעך, ווען זיין טאַטע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן צו זיך אויף די הענט און איז מיט אים אַרונטער פון דער בינע.

4

עטלעכע טעג דערנאָך האָט דער קליינער מאַקס זיך נאָכאַנאַנד געבעטן, אַז מען זאָל אים נעמען אין טעאַטער. ער וויל ווידער הערן מוזיק. און טאַטע-מאַמע האָבן אים אַלץ צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן אים נעמען אַהין.

איינמאָל — אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז דאָס געווען — איז צו חיים-עליען אין קליטל געקומען דער הויפּט-אַקטיאָר. ער איז געקומען צו אים מיט אַ פאָרשלאָג: היות ווי ער קלייבט זיך צו האָבן אַן „ערן-אָוונט" אינעם טעאַטער, האָט ער פאַר אים, חיים-עליען, אַ גוואַלדיקן פאָרשלאָג.

— פאַר מיר? — האָט חיים-עליע זיך פאַרוואונדערט.

— פאַר אייך און פאַר אייער יינגעלע.

— דהיינו?

— איך וועל אָנאָנסירן ביי יעדער פאָרשטעלונג און אין די ציימונגען, און אויף באַזונדערע פּלאַקאַטן, אַז צו מיין ערן-אָוונט וועט אויפטרעטן אַ וואונדער-קינד, דער וועלט-באַרימטער פיר-יעריקער חזן, מאַקסעלע . . . — און זיין בילד

וועל איך אויך אַריינשטעלן, און אַז איר ווילט — אייער בילד אויך, דעם טאַטן פון דעם פיר־יאָריקן חזן, הייסט עס. נו, הא, וואָס זאָגט איר? אייער באַיטשיקל וועט נאָר דאַרפן זינגען אַ צוויי־דריי לידלעך — נו?...

איז דאָס חיים־עליען געפעלן געוואָרן. בפרט האָט ער דאָ געזען אַ געלעגנהייט פאַר אים אַליין אויך צו ווייזן זיך אויף דער בינע, און טאַקע אין אַ ראָל, ווי ער האָט געהאָפט אַלע זיינע יאָרן. האָט ער געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ פיעסע ווילט איר שטעלן צו אייער ערן־אָונט?

האָט דער הויפט־אַקטיאָר אים אָנגערופן די פיעסע.

דעמאָלט האָט חיים־עליע זיך אָנגענומען מיט מוט און יענעם געזאָגט, אַז ער וועט קאָנען האָבן זיין קינד ווען ער, חיים־עליע, וועט אויך מיטשפּילן אין דער פאָרשטעלונג...

דער סוף איז געווען, אַז דער הויפט־אַקטיאָר, וואָס האָט געזען פאַר זיך אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ גרויסן דערפאָלג פון זיין „ערן־אָונט”, האָט אים נאָכגעגעבן.

אָבער, אַז שרה־העניע האָט וועגן דעם דערהערט, האָט זיך אויסגעבטלט אַלע בייזע חלומות צו חיים־עליעס קאָפּ, און זי האָט דערקלערט דעם הויפּט־אַקטיאָר, אַז ניט איר מאַן און ניט איר קינד וועט זי לאָזן זיך באַטייליקן אין זיין ערן־אָונט.

און עס איז געבליבן, ווי שרה־העניע האָט געוואָלט.

דער הויפט־אַקטיאָר אָבער האָט ווידער געפּרואווט. אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט, צו מאַכן אַ דערפאָלג פון זיין „ערן־אָונט”, האָט ער אַזוי גיך ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון די הענט. און אויף מאָרגן איז ער ווידער געקומען צום חיים־עליען אין קלייטל מיט דער הויפט־אַקטריסע פון זיין טעאַטער. אפשר וועט זי קאָנען פועלן ביי שרה־העניען. אָבער אומזיסט איז געווען איר טרחה. שרה־העניע האָט ניט געוואָלט דערפון הערן. אָבער פאַר דעם קליינעם מאַקסעלען איז פון דעם דאָזיקן באַזוך אַרויסגעקומען אַ טובה: זייענדיק דאָרט, ביי חיים־עליען אין קלייטל, האָט די הויפט־אַקטריסע, ווי איר באַגלייטער, דער הויפט־אַקטיאָר, ווידער געהערט, ווי דער קליינער מאַקס האָט געזונגען, און זי האָט אים ווידער געהאַלטן אויף די הענט, מעשה מאַמע, און אים געקושט און באַוואונדערט זיין שיינקייט. און צום סוף האָט זי דערקלערט, אַז זי מוז אַמאָל נעמען אָט־דעם קליינעם מלאכל צו איר פריינט, דעם מוזיק־לערער, אין סטודיאָ, און זאָל יענער אים פאַרהערן.

און זי האָט געהאַלטן וואָרט: נאָך אין דער אייגענער וואָך האָט זי איינמאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, געבראַכט דעם קליינעם מאַקסן צו איר פריינט, דעם מוזיק־לערער, אין סטודיאָ (שרה־העניע איז מיטגעגאַנגען), און יענער, ווען

ער האָט פאַרהערט דעם ייִנגל, האָט אויך געזאָגט, אַז ער איז זייער באַגאַבט. דער דאָזיקער באַזוך ביים מוזיק־לערער האָט זיך געענדיקט הערמיט, וואָס דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן ביי אים נעמען פּיאַנאָ־שטונדן איינמאָל אַ וואָך.

און פון דעמאָלט אָן איז געוואָרן אַ גאַנצע איבערקערעניש ביי דעם אָרעמען שוסטער אין דער היים. סיי ער אַליין און סיי זיין ווייב שרה־העניע זיינען איצט פול געווען מיט דעם איין געדאַנק, אַז זיי זיינען טאַטע־מאַמע פון דעם „גרעסטן וואונדער אין דער וועלט”, און אַז דעם דאָזיקן וואונדער מוזן זיי אָפּהיטן ווי די אויגן אין קאָפּ, און אַז אין דער צוקונפט קאָנען זיי זיך ריכטן אויף אַ סך נחת און גליק.

און דאָס ייִנגל אַליין? יעדן דאָנערשטיק האָט די מאַמע אים געפירט אַהין, צום מוזיק־לערער, און די גאַנצע וואָך האָט דאָס קינד ניט אויפגעהערט צו וואַרטן אויף יענעם טאָג.

און אַז יענער טאָג איז געקומען, איז ביז זיין מאַמע האָט אים אַהין גע־בראַכט, איז זיין הערצעלע אים שיער ניט אַרויסגעפאַלן, און טויב און בלינד איז ער געווען פאַר אַלצדינג, אַחוץ די פּיאַנאָ־קלאַנגען. ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם שפּילן דאָרט ביים לערער אין סטודיאָ, צוגעהערט זיך צו דעם שפּילן פון זיין לערער און צו זיין אייגענעם שפּילן און געפילט דערביי ווי עפּעס ציטערט אין אים און ציט און רוישט . . . ווי פאַרכישופט איז דאָס ייִנגל געווען . . .

נאָכדעם, ווען דער קליינער מאַקס איז אַהיימגעגאַנגען מיט זיין מאַמען, איז ער אינגאַנצן אָנגעזאָפּט געווען מיט טענער און עס האָט געקלונגען אין אים און געהילכט, ווי עמעצער וואָלט אין אים אויף אַ צאַרטן מוזיקאַלישן אינסטרו־מענט געשפּילט, און ווייגען האָט זיך דעם קליינעם מאַקסן געוואָלט און שרייען . . .

כדי דאָס ייִנגל זאָל קאָנען פּראַקטיצירן אין דער היים, האָט זיין לערער פאַראינטערעסירט עטלעכע פריינט זיינע, און זיי, מיט דער הילף פון אַ דאָר־טיקן ייִדישן ריכטער, האָבן אים באַזאָרגט מיט אַ פּיאַנאָ. און פון דעמאָלט־אָן האָט חיים־עליע יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער צייט געהערט די קלאַנגען פון דער פּיאַנאָ, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַ צימער הינטערן קלייטל, וואו ער איז געזעסן ביי זיין וואַרשטאַט. און אַז אַ קונד איז דעמאָלט געווען ביי אים אין קלייטל, האָט חיים־עליע געלאָזט יענעם וויסן, ווער דאָס שפּילט.

— מיין ייִנגל שפּילט עס, — האָט ער גערעדט צו יענעם מיט התפּעלות — אַ פּאַדעראַעווסקי וואַקסט עס. ער שפּילט שוין בעסער ווי דער גרעסטער פּיאַ־ניסט. הערט, הערט! — האָט ער פאַרלייגט זיין איינגעשמירטע האַנט הינטער

אַן אויער, אויסגעבויגן דעם קאָפּ אין דער זייט, פונוואַנען די פּיאַנאָ־קלאַנגען האָבן זיך געגאָסן, און זיך צוגעהערט — אוי, אוי, גע־וו־אַ־אַ־ל־ד!

ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין ייִנגל, אַז ער האָט פון זיך אַליין וויניקער אויפגעהערט צו טראַכטן. דערווייל האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג וועגן דעם שוסטערס „וואונדערקינד״, און איינמאָל איז אַ רעפּאָרטער פון אַן ענגלי־שער צייטונג אויך געקומען צו חיים־עליען אין קלייטל, און נאָכדעם איז דער־שינען דעם ייִנגלס בילד אין יענער צייטונג.

פאַר שמחה האָט חיים־עליע דעמאָלט געוויינט, און אַ צענדליק נומערן פון יענער צייטונג האָט ער געקויפט, און מאַקסעלעס בילד האָט ער אויסגע־שניטן און עס אויף אַ וואַנט אין זיין קלייטל אָנגעקלעפּט.

בלויז שרה־העניע איז ניט געווען צופרידן. זי האָט מורא געהאַט און זיך פּשוט געשראָקן, אַז מען זאָל, חלילה, איר מאַקסעלען קיין עין־הרע ניט געבן. און ניט איינמאָל האָט זי אין איר האַרצן גאָט געבעטן:

„רבונו של עולם, טאָמער איז אים עפּעס באַשערט שלעכטס, מיר פאַר זיין קאָפּ!...״

5

מאַקס איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר. ער האָט שוין געהאַט אַן אַנדער לערער. דער ייִדישער ריכטער און נאָך אַ פּאָר רייכע ייִדן האָבן אויף אים די גאַנצע צייט אַכטונג געגעבן. ער האָט שוין אָנגעהויבן צו גיין אין שול. אין דער שול האָט ער זיך באַפריינדט מיט לאָראַן, וואָס האָט געוואוינט אין דעם דריטן הויז פון זיין טאַטנס קלייטל.

אַ שיין און פריילעך מיידעלע איז זי געווען, פון זיין עלטער, מיט שוואַרצע לאָקן און גרויסע, שוואַרצע אויגן. דאָס הויז, וואו זיין טאַטע האָט געהאַט דאָס קלייטל, האָט געהערט צו איר טאַטן. מאַקס האָט זי גוט געקענט. ער האָט זי אָפט געזען ביי זיי אין גאַס און אויך אין דעם דערבייאיקן פּאַרק, ווען זי האָט געשפּאַצירט מיט איר מאַמען. איר מאַמע איז געווען אַ הויכע, דיקע פרוי. מאַקס האָט זי געהאַלטן פאַר זייער אַ שלעכטער, מחמת ער האָט אַ פּאָר מאָל געזען, ווי זי האָט אָוועקגעטריבן פון איר הויז קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געשפּילט.

פון שול איז אים אויסגעקומען צו גיין אַהיים עטלעכע קוואַרטאַלן מיט זיין מאַמען, וועלכע איז געקומען יעדן טאָג אים נעמען פון דאָרט אַהיים און מיט לאָראַן, און שטענדיק, ביז ער איז צוגעקומען צו זייער גאַס, איז ער גע־גאַנגען נעבן לאָראַן און האָט מיט איר גערעדט וועגן אַלערליי קינדערשע זאַכן.

נאָר אַז ער איז צוגעקומען צו זייער גאַס, האָט ער זיך אָפּגערוקט פון איר און זיך צוגערוקט צו שרה־הענין און זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, מחמת ער האָט מורא געהאַט פאַר לאַראַס „שלעכטער מאַמען״.

אין אָט־דער צייט האָבן די אַקטיאָרן פונעם יידישן טעאַטער געפּרואווט איינריידן חיים־עליען, אַז ער זאָל אָנהייבן צו מאַכן קאָנצערטן מיט זיין יינגל. ער קאָן פון דעם רייך ווערן, ווי די טאַטעס פון אַנדערע וואונדער־קינדער זיינען רייך געוואָרן.

חיים־עליע האָט זיך געוויס אָנגעכאַפּט אָן דעם, אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מאַקסעס לערער. ער האָט געוואָרנט דעם יינגלס עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן דאָס צו טאָן, סיידן זיי ווילן דערהרגענען די גאַנצע קינסטלערישע צוקונפט פון זייער יינגל. האָט שרה־העניע געהאַלטן מיט דעם לערער און מאַקס איז אויף קאָנצערטן נישט אויפגעטראָטן.

איינמאָל, אין אַ ווינטער, האָט חיים־עליע זיך פאַרקילט, ער האָט עטלעכע חדשים געקרענקט און איז נאָכדעם געשטאָרבן. מאַקס איז דעמאָלט אַלט געווען אַכט יאָר.

האָט זיין מאַמע דערנאָך אַליין געמוזט זאָרגן פאַר זיך און פאַר אים. זי האָט פאַרקויפט דאָס קלייטל מיט דעם וואַרשטאַט מיט דעם גאַנצן שוסטער־געצייג און זי האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער דירה אויף דער זעלביקער גאַס דערביי. זי האָט געפּרואווט טאָן איין זאַך און אַן אַנדער זאַך, און צום סוף איז זי אָוועק פּעדלען מיט אַ פּאַק זאָקן און קינדערשע קליידלעך און מיט נאָך אַנדערע אַזעלכע זאַכן איבער די הייזער.

זי האָט געשלעפּט דעם פּאַק פון איינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט, און כסדר האָט זי געטראַכט פון איר מאַקסעלען. און אין די געדאַנקען וועגן אים האָט זי אירע כוחות געשעפּט פאַר דער שווערער אַרבעט אירער. פאַרדינען האָט זי געוואָלט נאָך עטלעכע סענט, נאָך עטלעכע סענט, און נאָך אַ דאָלער, כדי אים זאָל גאָרנישט פעלן. שפּעטער, מיט גאָטס הילף, ווען זי שוין נישט דאַרפן אַרבעטן פאַר אים. ער וועט זיך שוין אַליין פאַרזאָרגן, מיט גאָטס הילף. „אוי, ווי דערלעבט מען דאָס?״ האָט זיך ביי איר דאָס האַרץ געצאַפּלט. „זאָל אים גאָט שענקען לאַנגע יאָרן...״

און זי האָט געאַרבעט נאָך שווערער, נאָך שפּעטער. זי האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם שווערן יאָך און, ווי אַן אָקס, איינגעשפּאַנט אין אַקער־אייזן, האָט זי אים געשלעפּט און געאַקערט דעם באָדן, וואָס אויף אים האָט געזאָלט אַרויסוואַקסן די שיינע צוקונפט פון איר מאַקסעלען, וואָס מיט אים וועט שפּעטער די גאַנצע וועלט קלינגען...

עס זיינען געווען צייטן, ווען זי האָט אים נאָר אין די אָוונטן געקאָנט זען,

בעת זי האָט זיך צוריקגעקערט שפּעט אַהיים מיט איר שווערן פּאַק. און ווי מיד זי איז דעמאָלט ניט געווען, האָט זי, אַז זי האָט אים דערזען, אַן איר מידקייט גלייך פאַרגעסן.

זי האָט איצט געציטערט איבער אים נאָך מער ווי פריער.

זינט איר מאַן איז געשטאָרבן איז שרה־העניע געוואָרן פרימער. פריער איז זי אין שול געגאַנגען בלויז ראש־השנה און יום־כפור. איצטער האָט זי גענומען גיין יעדן שבת אַהין און גענומען מיט זיך איר ייִנגל. אַחוץ דעם האָט זי גענומען פאַר אים אַ רבין, וואָס האָט מיט אים אַ שעה צייט יעדן טאָג געלערנט ייִדיש און חומש.

קיין גרויסן חשק האָט מאַקס צו דעם ניט געהאַט, אָבער אַז זיין רבי איז געקומען, האָט ער אַלצדינג אַוועקגעוואָרפן, אַפילו זיין פּיאַנאָ־שפּילן, און איז געגאַנגען מיט אים לערנען, כדי זיין מאַמע זאָל ניט האָבן קיין עגמת־נפש.

שעהן־לאַנג האָט ער געקאָנט אָפּזיצן ביי דער פּיאַנאָ און שפּילן מיט צע־פלאַמטע בעקעלעך און אייגעלעך. אַוועקרייסן פון דעם האָבן אים געקאָנט נאָר זיין רבי אָדער די קליינע לאַראַ. מיט לאַראַן האָט מען אים שטענדיק געזען. און איצט האָט ער זיך שוין נישט געשראָקן מער פאַר איר מאַמען אויך. זינט ער איז געבליבן אַ יתום, האָט לאַראַס מאַמע, אַדעלאַ, זיך אינטערעסירט מיט אים. איר מאַן איז געווען רייך, ער האָט געהאַנדלט מיט הייזער, און זי, אַדעלאַ, איז געווען דווקא אַ וואוילע פרוי. זי האָט געהאַלטן פון צדקה־געבן און פון העלפן מענטשן מיט וואָס באַר זי האָט געקאָנט. מיט דעם שוסטערס ייִנגל האָט זי זיך אינטערעסירט סיי ווייל ער איז געווען אַ וואונדערקינד און סיי ווייל ער איז געווען אַ יתום. אַחוץ דעם, האָט איר לאַראַ אַליין זיך אויך אָנגעהויבן צו לערנען פּיאַנאָ־שפּילן, און מאַקסעלע האָט איר אָפּט געהאָלפן ביים פּראַקטיצירן.

און מחמת דער קליינער מאַקס האָט זיך ניט געשראָקן מער פאַר איר און מחמת אים האָט נאָכאַנאַנד געצויגן צו זען לאַראַן, איז ער כמעט יעדן טאָג ביי זיי אין רייכן הויז געווען. ער האָט געהאַט אויך חברים ייִנגלעך, וואָס ער האָט מיט זיי אַמאָל געשפּילט און אַפילו געשטיפט, אָבער כסדר האָט געטראָפן, אַז אינמיטן שפּילן און שטיפן האָט ער זיך מיטאַמאָל ווי אָן עפּעס דערמאָנט און זיי אַלעמען פאַרלאָזן, און איז אַוועקגעלאָפן אַהיים און זיך אַוועקגעזעצט צו דער פּיאַנאָ.

אַזעלכעס האָט מיט אים אויך געטראָגן, אַפילו ווען ער איז געווען מיט לאַראַן.

אין שול איז ער כסדר געזעסן אַ פאַרחלומטער. עס האָט געטראָפן, אַז דער לערער האָט דאָרט עפּעס גערעדט צו די שול־קינדער און ער, דער קליי־נער מאַקס, האָט בעת דעם אין זיין פאַנטאַזיע געזוכט אַ טאָן, וואָס ער האָט

נעכטן ניט געקאָנט ריכטיק אַרויסברענגען, ווען ער האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ. איצט האָט ער דעם טאָן געכאַפּט, קלאָר האָט ער אים געהערט... יאָ, יאָ, דאָס איז געווען דער טאָן... ער האָט אים קלאָר געהערט קלינגען... ווען ער וואָלט געהאַט איצט פאַר זיך זיין פּיאַנאָ...

און ווי פון אַ תפיסה־באַפרייט, איז ער נאָכדעם געלאָפן אַהיים...

שרה־העניע האָט אים געהערט שפּילן נאָר אין די שבתים און אין די זונטיקן, בעת זי האָט ניט געפּעדלט. און בעת ער האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ איז זי געזעסן הינטער אים אויף אַ שטול און האָט מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ אויפגעכאַפּט יעדן טאָן, וואָס האָט פון זיינע קינדערשע פינגער זיך אַרויסגעריסן, און אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט יום־טובדיקייט און מיט גליק אָן אַ שיעור.

און הגם זי, שרה־העניע, האָט קיינמאָל קיין פּיאַנאָ מיט די פינגער ניט אָנגערירט און אַחוץ פון איר מאַנס טעאַטער־לידלעך איז זי בכלל געווען ווייט פון מוזיק, האָט זי איצט געקענט אַ סך שטיקלעך, וואָס איר מאַקס האָט געשפּילט.

די צוקונפט פון איר קינד איז איר געווען אַזוי טייער און זי האָט אַזוי געגלויבט אין אָט־דער גרויסער צוקונפט זיינער, אַז אַ פּאָר מאָל האָט אָט־די פאַרהאָרעוועטע פרוי געגומען איר מאַקסן צו קאָנצערטן, בעת וועלט־באַרימטע פּיאַניסטן זיינען דאָרט אויפגעטראָטן. און אויף אַזאַ קאָנצערט איז יעדע אויפרעגונג פון איר ייִנגל אויך איר אויפרעגונג געווען, און זיין באַגייסטערונג איז אויך איר באַגייסטערונג געווען.

עס האָט געטראָפן, ער זיצט נעבן זיין מאַמען (געוויינלעך אויבן, אויף דער גאַלערייע), און מיט די אויגן און אויערן, און מיט יעדן אבר און חוש זיינעם, זויגט ער איין אין זיך די טענער, וואָס צאַפּלען זיך אין דעם קאָנצערט־זאַל, אָט אַזוי ווי אַ שוואָם וואַסער. און מיטאַמאָל רייסט זיך ביי אים אַרויס: „אוי, מאַמע!" — און פון זיינע אויגן קייקלען זיך טרערן איבער זיין באַגייסטערט פּנימל; רייסט זיך ביי איר דעמאָלט אויך אַרויס אַ באַגייסטערטער אויסגעשריי: „אוי, מאַקסעלע!" און זי דריקט דעמאָלט דאָס קליין הענטעלע מיט אירער און פליסטערט:

— דו וועסט אויך אַמאָל שפּילן אַזוי ווי ער, נאָר בעסער ווי ער!...

— יאָ, מאַמע, יאָ, דו וועסט זען! — האָט דער קליינער מאַקס איר, געוויינלעך, געענטפערט מיט היץ.

קומענדיק אַהיים, נאָך דעם גרויסן קאָנצערט, האָט דער קליינער מאַקס זיך געזעצט באַלד צו דער פּיאַנאָ און געפּרואווט נאָכשפּילן דעם גרויסן פּיאַניסט. און שרה־העניע האָט מיט איר האַרץ אים מיטגעהאָלפן, און ווען איר

האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיין שפּילן איז ענלעך צו יענעמס, האָט זי מיט התפּעלות אויסגעשריען:

— אָט־אָט־אָט, פּונקט ווי יענער האָט געשפּילט!...

דער קליינער מאַקס איז דעמאָלט לעבעדיקער געוואָרן, האָט גענומען שפּילן זיכערער און מיט מער פרייד. אָבער אַן אַנדערש מאָל האָט ער איבערמיטן דערינען אויפגעהערט צו שפּילן און געזאָגט אַ נערוועזער:

— נייך, מאַמע, איך קען ניט שפּילן אַזוי ווי ער, ווי קום איך!...

אָבער נישט אַלעמאָל האָט ער אַזוי געפּילט און אַזוי גערעדט. ס׳רוב איז ער געווען צו־זיכער אין זיינע כוחות. און אַמאָל, זייענדיק אויף אַ קאָנצערט פון אַ באַרימטן פּיאַניסט, ווען זיין מאַמע האָט אים געזאָגט: „מיר ווייזט זיך אויס, אַז דו וואָלסט דאָס בעסער געשפּילט", האָט ער געענטפערט: „צו יעדער צייט..."

און איינמאָל אויף אַזאַ קאָנצערט האָט ער אַליין געזאָגט צו זיין מאַמען:

— שפּיל איך ניט בעסער פון אים בעטהאָווענס „מונלאַיט סאָנאַטאַ"?

— אוודאי, — האָט שרה־העניע מיט אים מסכים געווען.

און אַן אַנדערש מאָל:

— מיינע קאָמפּאָזיציעס וועלן נאָך זיין בעסער...

וועגן זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס און אַז ער וועט אַמאָל שאַפן ווערק „ווי בעטהאָווען אַליין", האָט ער איבערהויפּט ליב געהאַט צו רעדן מיט לאַראַן. און ווי זיין מאַמע, האָט זי אויך אין אים געגלויבט. זי וואָלט איר גאַנץ לעבן געשטאַנען לעבן אים, בעת ער איז געזעסן ביי דער פּיאַנאָ, און וואָלט זיך צוגעהערט צו זיין שפּילן...

מיט זייער גלויבן אין אים האָבן זיי זיין גלויבן אין זיך געשטאַרקט, זיין אַמביציע געצונדן און זיין פאַנטאַזיע באַפליגלט.

אָפטער און אָפטער האָט ער פאַרגעשפּילט סיי פאַר לאַראַן און סיי פאַר זיין מאַמען זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס און זיי ביידע זיינען געווען באַגייסטערט.

און אַמאָל האָט ער פאַר זיין מאַמען געמאָלן די וואונדערלעכסטע בילדער, ווי אַזוי ער וועט אויפטרעטן אויף קאָנצערטן אין אַלע לענדער פון דער וועלט, און אומעטום וועט ער שפּילן זיינע אייגענע ווערק; און אומעטום וועט זי זיין מיט אים. אָן איר וועט ער זיך קיינמאָל ניט אַ ריר טאָן.

און ווי שרה־העניע האָט געגלויבט אין דעם!...

אַזוי איז אַוועק נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר.

6

מאַקס האָט שוין געענדיקט די עלעמענטאַר־שול און ער האָט נאָך אַלץ גענומען לעקציעס ביי באַוואוסטע פּיאַנאָ־לערערס, פאַר וועלכע דער פילאַדעל־פיער ריכטער האָט נאָך אַלץ געצאָלט.

ער האָט גענומען לערנען אין אַ מיטלשול. ער האָט זיך געלערנט שלעכט, מחמת זיינע אַלע פיאיקייטן זיינען קאָנצענטרירט געווען אויף איין זאַך — אויף מוזיק.

לאַראַ האָט אים איצט נאָכאַנאַנד געהאָלפן צו מאַכן זיינע לעקציעס פאַר דער שול. זיי ביידע זיינען געווען אין איין עלטער — ביידע פערצן יאָר אַלט — ער איז געווען בלאָנד און מאָגער, מיט בלויע פאַרחלומטע אויגן, און זי — טונקל און שלאַנק, און בויגיק, און מיט אַ פריילעך פייערל אין אירע שוואַרצע אויגן.

זי, לאַראַ, האָט שוין געוואוסט, אַז זי איז פאַרליבט געווען אין מאַקסן.

יעדן יאָר איז מאַקס אַרויסגעטראָטן אויף אַ קאָנצערט מיט אַ פאַר אַנדערע שילער פון זיין פּיאַנאָ־לערער ערגעץ אין אַ זאַל אין פילאַדעלפיע. צו די דאָ־זיקע קאָנצערטן זיינען געקומען איינגעלאַדענע געסט, געוויינלעך מעצענאַטן, וואָס האָבן געשטיצט אַזעלכע וואונדער־קינדער, און אויך די עלטערן און פריינט פון די שילער.

אײדער אַזאַ קאָנצערט איז פאַרגעקומען האָט שרה־העניע נעכט ניט גע־שלאָפן און אויך לאַראַ האָט זיך צו דעם געגרייט, ווי צו אַ גרויסן יום־טוב. און ביי אַזאַ קאָנצערט זיינען אויך איר טאַטע־מאַמע געווען. זיי זיינען געזעסן נעבן שרה־העניען און האָבן זיך געפרייט, האָט זיך געדאַכט, ניט ווייניקער אײדער זי אַדער זייער טאַכטער לאַראַ, ווען מען האָט אַפּלאָדירט מאַקסן . . .

און איינמאָל אויף אַזאַ קאָנצערט האָט מאַקס, צווישן די אַנדערע נומערן, אויך געשפּילט זיינס אַ קאָמפּאָזיציע, און ער האָט אַזאַ רושם געמאַכט, אַז איינער פון די איינגעלאַדענע געסט, אַ פריינט פון דעם ריכטער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשטיצט מאַקסן, אַ רייכער יידישער פאַבריקאַנט, מיסטער אַדאָלף זאַנשיין, האָט דערקלערט:

— אַזאַ טאַלאַנט, און אפשר אַ מוזיקאַלישער גאון, טאָר ניט פאַרלוירן־גיין!

און מיסטער זאַנשיין האָט אים דערנאָך גענומען קיין ניו־יאָרק און אים געבראַכט צו אַ באַרימטן מוזיקער, אַז יענער זאָל אים פאַרהערן.

דער סוף פון דעם איז געווען, אַז מיסטער זאַנשיין האָט פאַרגעלייגט מאַקסן צו שיקן אים קיין איראָפּע צו שטודירן מוזיק אויף זיינע הוצאות. אין לייפּציג

האָט ער געהאַט אַ ברודער, אַ רייכן געשעפֿטסמאַן, האָט ער געוואָלט, אַז מאַקס זאָל פֿאָרן צו יענעם ברודער זיינעם, וואָס וועט אים העלפֿן אָנצוקומען אין דער דאָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע, און ביז ער וועט ענדיקן זיין מוזיקאַלישע בילדונג איז מיסטער זאַנשיין גרייט געווען אים אויסצוהאַלטן.

און ווען ער איז געפֿאָרן דערנאָך מיט מאַקסן צוריק קיין פֿילאַדעלפֿיע, האָט ער צו אים גערעדט:

— געדענק, מאַקס, איך לאָז זיך קאָסטן געלט; דיר וועט גאָרנישט ניט פֿעלן; דו מוזט מיר אָבער ווערן אַ בעטהאָווען, אַ וואַגנער, אַ מוזיקאַלישער גאון, אויף וועלכן מיר, יידן, זאָלן קאָנען שטאָלץ זיין!

און ער האָט אים דערציילט, וואָס פֿאַר אַ גלענצנדע צוקונפֿט ער קאָן האָבן.

און מאַקס איז געזעסן און האָט געהערט יענעמס ווערטער, ווי דורך אַ חלום... ער האָט געטראַכט: איצט וועט ער זיכער ווערן אַ גרויסער קינסטלער, זייער אַ גרויסער, גרעסער נאָך אפֿשר איידער וואַגנער אַליין, און, ווען ער וועט רייך ווערן, וועט ער באַצאָלן מיסטער זאַנשיינען צען מאָל אַזוי־פֿיל, וויפֿל ער וועט אים אָפּקאָסטן, הונדערט מאָל אַזויפֿיל... ער דאַרף ניט קיין געלט. וואָס דאַרף ער דאָס? אַבי ער וועט זיין אַ גרויסער קינסטלער און וועט זיין מאַמען פֿאַרזאָרגן, אַז זי זאָל ניט דאַרפֿן אַרבעטן אַזוי שווער. מער דאַרף ער גאָרנישט!

און אַז ער איז דערנאָך געקומען אַהיים און האָט אָנגעזאָגט זיין מאַמען די גוטע בשורה, האָט זי זיך פֿאַר פֿריידן צעוויינט און זי איז אַוועקגעלאָפֿן צו מיסטער זאַנשיינען אַהיים, כדי אים צו באַדאַנקען...

פֿופֿצן יאָר איז מאַקס דעמאָלט אַלט געווען. קיין לייפּציג האָט ער געזאָלט פֿאָרן אין עטלעכע חדשים אַרום.

זיין מאַמע איז געווען גליקלעך פֿון דעם געדאַנק, אַז איר יינגל וועט געהאָלפֿן ווערן אויף אַזאַ אופֿן. אָבער אַמאָל האָט זי אַן אַנדער געדאַנק גע־פּייניקט, און דעמאָלט האָט זי געוויינט מיט ביטערע טרערן.

איר זון וועט האָבן צו דאַנקען פֿרעמדע מענטשן און ניט איר, זיין אייגענער מאַמען. זיי וועלן פֿאַר אים צאָלן. זיי וועלן פֿאַר אים זאָרגן, ניט זי, זיין לייב־לעכע מאַמע, און זי וואָלט צופֿרידן געווען צו לאָזן זיך שניידן דאָס פֿלייש פֿון לייב, אַבי זי אַליין זאָל זיין די איינציקע, וואָס צאָלט פֿאַר אים, וואָס זאָרגט פֿאַר אים. ער וועט דאָך ניט האָבן פֿאַרוואָס איר צו דאַנקען!...

— מאַקסעלע, זאָג מיר, מיין קינד, — האָט זי זיך אַמאָל אָנגערופֿן צו אים און געשלונגען אירע טרערן. — ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער מענטש וועסטו דיין מאַמען ניט פֿאַרגעסן?

מאַקס האָט געלאַכט:

— דיך פאַרגעסן ? וואָס רעדסטו, מאַמע ? צוליב דיר וויל איך דאָך ווערן באַרימט, כדי דו זאָלסט קאָנען לעבן אַזוי רייך, ווי לאַראַס מאַמע.

זי האָט אים געגלויבט און האָט גליקלעך געשמייכלט.

— ווי לאַראַס מאַמע ? — האָט זי איבערגערעדט. — ווייס איך ! דאָס וויל איך גאָרניט. לעבן דיר נאָר וויל איך זיין, און אַכטונג געבן, אַז מיין באַרימטן זון זאָל גאָרנישט ניט פעלן...

און זי איז אויף־געווען גאַנצע נעכט און האָט געגרייט זאַכן פאַר אים, געפּאַקט זיי אין קופערט אַריין און יעדעס שטיקעלע און יעדעס ברעקעלע, וואָס זי האָט אַהין אַריינגעפּאַקט, האָט זי פריער אויסגעגלעט מיט אַ ליבנדער האַנט און געטראַכט דערביי: „דאָס איז פאַר מיין גרויסן, באַרימטן זון!...“

צווישן שרה־העניעס לאַנדסלייט און באַקאַנטע, און אויך צווישן די שכנים האָט מען גערעדט וועגן דעם, אַז מאַקס פאָרט אַוועק אין דייטשלאַנד, צו שטודירן מוזיק, און מען האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם מאַן, אויף וועמעס הוצאות ער פאָרט.

די שוואַרץ־אויגיקע לאַרא האָט מען איצט כסדר געזען ביי שרה־העניען אין הויז. זי האָט מאַקסעס מאַמען געהאָלפן צוגרייטן די זאַכן פאַר מאַקסן, און אַ סוועטער האָט זי פאַר אים געבראַכט, וואָס זי אַליין האָט אויסגעשטריקט, און טיכלעך מיט דעם ערשטן בוכשטאַב פון זיין נאָמען האָט זי פאַר אים געבראַכט, און דאָס אַלצדינג פאַרפּאַקט צווישן די אַנדערע זאַכן אין דעם קופערט.

זי איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שענער און כישופדיקער. אַ טונקעלע, אַ צאַרטע, מיט אַ שמייכל פול מיט חן, און אַ שלאַנקע, האָט זי זיך גראַציעז באַוועגט, און יעדער זשעסט אירער און יעדער בליק פון אירע שוואַרצע אויגן האָט מיט אויפגעוואַכטן פרילינג געזונגען.

זי האָט אַלץ געפאָדערט פון מאַקסן, אַז ער זאָל איר צוזאָגן, אַז ער וועט איר שיקן אָפטע בריוו.

— צוויי מאָל אַ וואָך, לאַרא.

— יעדע וואָך, מאַקס ?

— יעדע וואָך...

— וויפל וואָכן אין יאָר ?...

— וויפל וואָכן אין יאָר, צוויי מאָל אַזויפיל בריוו.

— זאָל איך דיר גלויבן ?

— דו האָסט מיין וואָרט.

— יאָ, מאַקס, איך גלויב דיר.

אַזעלכע שמועסן זיינען צווישן זיי פאָרגעקומען די לעצטע טעג איידער ער איז אַוועקגעפאָרן. און אַמאָל האָט זי אים גערופן צו גיין מיט איר אין

פערמאַנט פּאַרק. זי האָט געוואָלט מיט אים עפּעס רעדן אויג אויף אויג. און אַז ער איז מיט איר געגאַנגען — אין מיטן זומער איז דאָס געווען — האָבן זיי זיך דאָרט אָװעקגעזעצט אויפן גראָז הינטער אַ גרופּע ביימער, וואו עס איז גאַנץ שטיל געווען און וואו קיין לעבעדיקער נפש איז ניט געווען, און זיי האָבן אויך געשוויגן. ביז ער האָט ביי איר אַ פרעג געטאָן:

— נו? דו האָסט מיר עפּעס געוואָלט זאָגן?

האָט זי נאָך אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם אַ קוק געטאָן אויף אים פאַר־סודעט און אַרויסגעפּליסטערט:

— און דו ווילסט מיר גאָרנישט ניט זאָגן, מאַקס?...

— איך? ניין...

— איך האָב געמיינט, אַז דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן, — האָט זי אַרונטער־געלאָזן די אויגן, און מיט די פינגער גענומען צופּן אַרום זיך דאָס גראָז.

אין דעם טאָג אײדער ער איז אַוועקגעפאָרן האָט לאַרא אים ווידער גערופן אין פערמאַנט פאַרק מיטן תירוץ, אַז זי וויל מיט אים עפּעס רעדן, און ווידער איז ער געגאַנגען מיט איר אַהין, און זיי זײַנען ווידער געזעסן אין אַ שטילן ווינקל. דאָס מאָל אָבער האָט זי זיך צו אים אָנגערופן:

— ערשטנס, וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר איבערלאָזן דײַן לעצטע קאָמ־פּאָזיציע. זי געפעלט מיר זייער, און אין צוויי וואָכן אַרום וועט ביי אונדז זײַן אַן אונטערהאַלטונג אין הויז, וויל איך פאַר די געסט שפּילן דײַן קאָמפּאָזי־ציע... צווייטנס, וויל איך זיך מיט דיר געזעגענען איצט דאָ, ווען קיינער, חוץ אונדזביידן, איז ניטאָ...

און אײדער ער האָט צייט געהאַט איר צו ענטפערן אויף דעם, האָבן זיך אירע ליפּן געדריקט אויף זײַנע.

און ער האָט אירע קושן אויפגענומען, ווי אַ ברודער די קושן פון אַ שוועס־טער, וועלכע ער האָט זייער ליב...

מאַקס איז אַוועקגעפאָרן קיין לייפּציג.

7

אין קאָנסערוואַטאָריע האָבן די לערער גלייך באַמערקט, ווי הויך באַגאַבט ער איז; זיי האָבן שוין לאַנג צווישן זייערע שילער אַזאַ טאַלאַנט ניט געהאַט. און זיי אַלע האָבן זיך מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן מיט אים.

און ער אַליין האָט זיך מיט אַ ברען אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

פונדעסטוועגן איז זיי אַלעמען באַלד קלאָר געוואָרן, אַז זײַן הויפּטקראַפט איז געווען ניט אַזוי אין דעם שפּילן אויף דעם אינסטרומענט, ווי אין דער

דיכטונג פון מוזיק. געוויס, ער וועט זיין אַ גוטער פּיאַניסט, אָבער אַ דיכטער פון מוזיק קאָן ער זיין אַ סך אַ גרעסערער. אַז זיין נשמה איז רייך געווען מיט מוזיק־טעמער און מוזיק־פאַרבן — וועגן דעם איז ביי זיי קיינעם קיין ספק ניט געווען.

ער איז אָנגעגאַנגען מיט זיין פּיאַנאָ־שפּילן. און אויך פידל־שפּילן האָט ער געלערנט. אָבער דער עיקר האָט מען אכטונג געגעבן אויף דער אויס־בילדונג פון זיין שאַפונגס־טאַלאַנט, אַז ער זאָל גרינדלעך שטודירן די קאָמ־פּאָזיציאָנס־לערע...

און ער האָט אַרויסגעוויזן אין דעם אַזעלכע פיאיקייטן, אַז די לערער זיינען איבערראַשט געווען, האָבן ממש זייערע אויגן ניט געגלויבט.

שוין דעם ערשטן יאָר איז ער געוואָרן דער שטערן און דער שטאָלץ פון דער קאָנסערוואַטאָריע.

צו זיין מאַמען אין אַמעריקע האָט ער געשריבן באַגייסטערטע בריוו. זי האָט אים יעדע פּאָר וואָכן עפּעס צוגעשיקט: אַמאָל אַ העמד, אַ וואַרעמע דעקע, האַנטעכער, זאָקן—אַלצדינג פון דעם בעסטן און טייערסטן, מחמת איר „גרויסן זון" האָט זי ניט געקאָנט שיקן אַבי־וואָס...

און גאַנץ אָפט האָט זי אים איצט אויך צוגעשיקט עטלעכע דאָלער. און אין יעדן בריוו אירן האָט זי אים געשריבן (זיי האָבן זיך דורכגעשריבן אין יידיש), אַז ער זאָל גאָר ניט פאַרגעסן אין דעם פרעמדן לאַנד, אַז ער איז אַ יידיש קינד. מחמת מען הערט זיך אָן אַזויפיל וועגן דעם, אַז אַ סך גרויסע מוזיקער זיינען געוואָרן אויס יידן. זאָל אים גאָט אויסהיטן דערפון. זי וואָלט דאָס ניט געקאָנט איבערלעבן...

און צו לאַראַן האָט ער געשריבן די ערשטע צייט גאָר אָפט, און שפּעטער אַביסל זעלטענער. און זי האָט אים אויף די בריוו געענטפערט מיט ליבע און וואַרעמקייט. און אין אַנדערע בריוו אירע האָט זי אַריינגעלייגט בלימעלעך, וואָס זיינען געוואַקסן אין פּערמאַנט פּאַרק און וועלכע ער האָט ליב געהאַט. נאָכדעם אָבער האָט ער אויפגעהערט איר צו שרייבן. ער וואָלט איינגאַנצן וועגן איר פאַרגעסן, ווען זיין מאַמע וואָלט פון צייט צו צייט אים ניט דערמאַנט וועגן איר אין אירע בריוו.

„און לאַראַ גריסט דיך אויך, און זי האָט אויף דיר שטאַרק פאַראיבל, הלמאי דו האָסט אויפגעהערט איר צו שרייבן" — האָט ער געלייענט אַמאָל אין זיין מאַמעס אַ בריוו...

אַזוי זיינען אַוועק דריי יאָר.

אונטער דער צייט האָט ער זיך דערוואוסט פון זיין מאַמעס אַ בריוו, אַז לאַראַס פאָטער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט הייזער, איז געוואָרן זייער רייך

(געווען איז דאָס אין דעם סאַמע ברען פון די „פּראָספּעריטי״־יאָרן אין אַמע־ריקע); אַז ער האָט פאַרמאָגט צענדליקער הייזער, און אַז לאָראַ האָט איר אייגענע מאַשין, און מ׳האָט גערעדט, אַז איר טאַטע וועט מיט איר אַ שידוך טאָן מיט אַ ראָטשילד. אויך אַז יעדעס מאָל ווען זי טרעפט לאַראַן, פרעגט יענע נאָך ביי איר, וואָס ער, מאַקס, מאַכט און וואָס ער שרייבט אין זיינע בריוו. דערפאַר וואָלט גאָר ניט געווען קיין עוולה, אַז ער זאָל אַמאָל לאַראַן פאַרט אָנשרייבן אַ בריוול...

מאַקס האָט אָבער איבערגעלייענט דעם בריוו און ניט געטראַכט מער דערפון.

אַכצן יאָר איז ער שוין אַלט געווען. ער האָט געהאַט חברים סיי יידישע און סיי ניט־יידישע, סיי צווישן די סטודענטן אין קאָנסערוואַטאָריע און סיי צווישן אַנדערע יונגעלייט אין שטאָט, וואָס זיי האָבן מיט מוזיק קיין שייכות ניט געהאַט. ער, דער אַמעריקאַנער ייד און דער געבוירענער קינסטלער, האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד דעמאָלט צווישן ייד און ניט־ייד. אַזאַ אונטערשייד האָט ער דעמאָלט ניט געפילט. אַזוי אויך האָט ער געהאַט שילער יידישע און ניט־יידישע, וואָס ער האָט זיי געגעבן פּיאַנאָ־שטונדן די לעצטע צייט, כדי צו קאָנען שטיצן זיין אָרעמע מאַמע אין דער היים.

זיין נאָענטסטער פריינט איז געווען פריץ לענאָו, אַ זון פון דעם דירעקטאָר פון קאָנסערוואַטאָריע. מיט יענעם, אויך אַ סטודענט אין קאָנסערוואַטאָריע, האָט מען אים אָפטער געזען, ווי מיט אַנדערע פון זיינע חברים, און ביי יענעם אין דער היים איז ער אויך געווען אַ שטענדיקער גאַסט.

צווישן די אַנדערע חברים זיינע האָט מען גערעדט, אַז ער גייט אַזוי אָפט צו פריצן אַהיים, צוליב דער בלאָנדער שוועסטער זיינער, עמאַ.

און אַ ביסל אמת איז אין דעם אויך געווען: די זיבעצן־יאָריקע עמאַ, מיט די לאַנגע בלאָנדע לאָקן, איז געווען פאַרליבט אין מאַקסן. און ער אַליין האָט אויך אָפן אַרויסגעוויזן, אַז אים איז אָנגענעם צו פאַרברענגען מיט איר.

און ווער ווייסט, ווי אַט די פריינטשאַפט וואָלט זיך פאַרענדיקט, ווען זיין מאַמע וואָלט אים כסדר אין אירע בריוו ניט דערמאָנט וועגן דעם, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד.

ער האָט געוואוסט, אַז זיין מאַמע וואָלט עס געהאַלטן פאַר אַן אומגליק, ווען ער זאָל זיך פאַרליבן אין אַ קריסטלעך מיידל. מחמת דעם האָט ער שטענדיק אין זינען געהאַט, אַז פריינט מיט עמאַן קאָן ער זיין די בעסטע, די נאָענטסטע פריינט, אַזוי ווי מיט איר ברודער פריץ, אָבער פאַרליבן זיך אין איר ערנסט, אויף צו חתונה האָבן — פון דעם האָט ער זיך געדאַרפט היטן.

און אַמאָל, ווען ער איז געזעסן מיט עמאַן אַליין, און זי, אַ שטיפערקע,

האָט צוגעדריקט איר שטיפע, וואַרעמע באַק צו זײַנער, צי גאָר זי האָט זיך אײַנגעאַנצן צוגעדריקט צו אים מיט אירע שטײפע גלידער און מיט איר שטאַרקן, רונד־געוועלבטן בוזעם, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט שרעק און אַ צע־טומלטער זיך אָפּגערוקט פון איר.

און גראַד האָט מען בײַם פּראָפעסאָר לענאָו אין הויז דערמוטערט די דאָזיקע פּרײַנטשאַפט צווישן זיי ביידן. מחמת פּאַפּאַ לענאָו און מאַמאַ לענאָו און די איבעריקע אין זייער הויז, אויך פּריץ, האָבן שטאַרק געגלויבט אין דער גרויסער קינסטלערישער צוקונפט פון מאַקסן. און עס האָט קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז ווען זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן אָדער אַרויסגעגאַנגען פאַרברענגען, אַז מאַקס זאָל אויך ניט זײַן מיט זיי...

ניט דעם פּראָפעסאָר, ניט זיין ווײַב און קיינעם ניט ביי זיי אין הויז איז אָנגעגאַנגען וואָס מאַקס איז געווען אַ ייִד...

דער פּראָפעסאָר, אַ סאָציאַליסט, איז פון תמיד אָן געווען אַ ביטערער קעגנער פון אַנטיסעמיטיזם. אַחוץ דעם, זײַנען אין זײַן משפּחה געווען אַ סך ייִדן. ער האָט געהאַט אַ ייִדישע שוועגערין און ייִדישע פּלימעניקעס. און די בלאָנדע עמאַ אַליין האָט אויך קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם, צי דער אַמעריקאַנער, מאַקס, איז אַ ייִד אָדער ניט קיין ייִד. זי האָט געטראַכט פון זײַנע פאַרחלומטע אויגן און פון זײַן שיינעם קאָפּ און איבערהויפּט פון דעם, וואָס מיט אים איז איר געווען פריילעך, און אַז ווען זי האָט אים ניט געזען אַ לענגערע צײַט, איז איר געווען אומעטיק...

און פון די אַנדערע חברים זײַנע איז דער נאָענטסטער פרײַנט זײַנער געווען אַלעקס רײַנשטײַן. דער דאָזיקער אַלעקס, אַ סטודענט־מעדיק, איז גע־ווען אַ ניו־יאָרקער בחור, אַ זון פון אַ רײַכן טאַטן. ער האָט געוואוינט אין אַ געהויבענעם פּאַנסיאָן און פאַרשווענדט אָן אַ שיעור געלט.

אַמאָל האָט ער שטילערהייט גענומען מאַקסן מיט זיך ערגעץ אין אַ נאַכט־קלוב, צי אין אַ קאַבאַרעט. דערפון האָט קיינער ניט געטאָרט וויסן. פּראָפעסאָר לענאָו אוודאי ניט.

מיט אַמאָל האָט מען גענומען רעדן, אַז מאַקס איז אַרויס „בומלען" מיט זײַנע חברים. וועגן דעם האָט דערהערט דער דירעקטאָר פון קאָנסערוואַטאָריע, וועלכער האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון מאַקסן, און באַלד פּראָפעסאָר לענאָו אויך, און זיי האָבן אים אויסגערעדט דערפאַר. ער וועט זײַן טאַלאַנט רואינירן, האָבן זיי אים געוואָרנט. און דער דירעקטאָר האָט דערביי נאָך צוגעגעבן, אַז ער, מאַקס, דאַרף געדענקען, אַז די גוטע מענטשן, וועמען ער האָט צו פאַר־דאַנקען פאַר אַלץ, וואָלטן זיכער ניט געווען צופרידן, ווען זיי זאָלן זיך וועגן דעם דערוויסן...

אַוודאי איז דער דירעקטאָר אויסן געווען מיט אַט די רייד מאַקסעס טובה; אָבער זיינע ווערטער האָבן טיף פאַרוואונדעט דעם שטאָלץ פון דעם יונגן קינסטלער.

מחמת איצט איז מאַקס שטאָלץ געווען אויף די אוצרות פון זיין טאַלאַנט, וואָס ער האָט געפילט אין זיך. ער האָט געפילט אין זיך די קראַפט פון דעם שעפערישן גאון, געשפּירט אין זיך דעם שטאָלצן זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דעם אמתן און עכטן קינסטלער. און דווקא איצט, אין דעם דאָזיקן עלטער, ווען די כחות אין אים האָבן געשפּילט און איבערגעשוימט, און אינגאַנצן אים פאַרשיכורט, — דווקא איצט האָט מען אים אויפגעוואָרפן, אַז ער איז געווען אַ בעטלער...

דאָס האָט אים טיף באַליידיקט, און בשום אופן האָט ער דאָס ניט געקאָנט מוחל זיין דעם דירעקטאָר, און אים אויף צו־להכעיס, האָט ער גענומען „בומלען" נאָך מער, ניט דווקא מיט אַלעקסן, נאָר מיט אַנדערע חברים אויך. ער איז געזעסן אין נאַכט־קלובן, אין קאַבאַרעס, האָט פאַרבראַכט מיט מיידלעך און געהוליעט.

אין לייפּציג האָט געוואוינט דער ברודער פון מיסטער זאַנשיין, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן מאַקסן. דער דירעקטאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע איז געווען זיינער אַ פריינט. האָט ער זיך מיט אים געזען און האָט אים דערציילט וועגן דעם, ווי מאַקס האָט אָנגעהויבן אויפצופירן זיך.

דער לייפּציגער זאַנשיין, אַ רייכער געשעפטסמאַן — איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אין מאַקסעס קינסטלערישער צוקונפט. צו אים אין הויז איז מאַקס לכתחילה פאַרפאָרן, ווען ער איז געקומען קיין לייפּציג מיט אַ בריוו פון זיין אַמעריקאַנער ברודער, אַדאָלף זאַנשיין, און ביי אים אין הויז האָט מאַקס די גאַנצע צייט פאַרקערט און איז דאָרט אַמאָל אויפגעטראָטן אויף אַן אונטערהאַלטונג אויך.

מחמת דעם, אַז ער האָט דערהערט פון דעם דירעקטאָר וועגן מאַקסעס אויפפירונג, האָט ער געשיקט נאָך אים, און אַזוי ווי ער איז געווען אַן אַלטינ־קער, אַ כעסן, האָט ער צו מאַקסן גערעדט מיט כעס און אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט זיך ווייטער אַזוי אויפפירן, וועט ער וועגן דעם לאָזן וויסן זיין ברודער אין אַמעריקע. האָט דער היציקער מאַקס אים אויך געענטפערט אַזוי, אַז דער אַלטער איז געוואָרן נאָך מער אין כעס, און ער האָט אויפגעוואָרפן מאַקסן, אַז ער איז אומדאַנקבאַר. ער האָט געדאַרפט גערעדנקען, וואָס זיין ברודער טוט פאַר אים. פון שמוץ און שטויב האָט זיין ברודער אים אויפ־געהויבן און וויל אים פאַר אַ לייט מאַכן...

אויף דעם האָט אים מאַקס געענטפערט, אַז ער וועט באַצאָלן זיין ברודער

דאָס געלט, וואָס ער האָט אים געקאָסט, מיט צען מאָל אַזוי פיל פּראָצענט, און אַז ער, דער לייפּציגער זאָנשיין, וועט נאָך אַמאָל פון אים אויך הערן. ער וועט דעמאָלט האַלטן פאַר אַ כבוד צו קאָנען זאָגן, אַז ער האָט אים אַמאָל פערזענלעך געקענט...

און ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען דער דירעקטאָר, וואָס איז דערביי געווען, וואָלט זיך דעמאָלט ניט אַריינגעמישט. ער האָט באַרואיקט סיי מאַקסן און סיי זיין פריינט, דעם אַלטן פערדיבאַנד זאָנשיין. אָבער אַ ווירקונג אויף מאַקסן האָט עס פאָרט געהאַט: ער האָט שוין ניט געהוליעט מיט חברים אַזוי ווי פריער...

און אַזוי איז אַוועק נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר. מאַקס איז פאַר דער צייט נאָך מער אויסגעוואַקסן, אויך פיזיש. די בלאָנדע עמאַ איז נאָך אַלץ געווען פאַרליבט אין אים, און איר פאָטער, פּראָפעסאָר לענאַו, און זיין ווייב האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט אַמאָל זיין זייער איידעם.

אויך ביי דעם אַלטן פערדיבאַנד זאָנשיין אין דעם רייכן הויז זייבען פאַרליבט געווען אין דעם יונגן קינסטלער סיי זיין יינגסטע טאָכטער לעאָנאָרע און סיי אירע חברטעס, צווישן זיי אויך קריסטלעכע מיידלעך.

און גערעדט האָבן אַלע וועגן אים — סיי די לערער פון קאָנסערוואַטאָריע און סיי אַנדערע, וואָס האָבן אים געקענט — ווי וועגן אַ נייעם מוזיקאַלישן גאון, וואָס וועט גאָר אין גיכן איבערראַשן די מוזיקאַלישע וועלט מיט זיינע ווערק.

ביז אַהער איז זיינס אַ ווערק נאָך עפנטלעך ניט געשפּילט געוואָרן; מען האָט זיך אָבער שוין געגרייט צו דעם. זיינע לערער האָבן באַשטימט צו באַקענען די וועלט מיט זיינעם אַ ווערק אין דעם קומענדיקן יאָר. וועגן דעם האָט מען שוין געפירט אונטערהאַנדלונגען און אויך איז אין דער פּרעסע וועגן דעם געווען געמעלדעט.

זיינע לעקציעס האָט ער נאָך אָנגעהאַלטן און יעדן חודש האָט ער געשיקט געלט צו זיין מאַמען אין אַמעריקע. און פון איר האָט ער, ווי פריער, באַקומען בריוו. און כמעט אין יעדן בריוו אירן האָט זי אים דערציילט עפּעס נייעס פון דער היים, איבערהויפּט וועגן דעם, ווי זי בענקט נאָך אים און אַז זי האָט שוין פאַרלוירן די האָפענונג צו זען אים אַמאָל.

און ער האָט זי אין זיינע בריוו געטרייסט און איר צוגעזאָגט, אַז באַלד ווי ער וועט פאַרטיק ווערן מיט זיין שטודיום, וועט ער קומען אַהיים צו איר.

פּלוצים איז אין דייטשלאַנד אָנגעקומען דער פינצטערער יאָר 1933, מיט אַדאָלף היטלער...

איינמאָל האָט דער דירעקטאָר פון קאָנסערוואַטאָריע אַריינגערופן צו זיך

מאַקסן און מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פֿאַר אויפֿרעגונג און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער אים דערקלערט, אַז ער, מאַקס, מוז פֿאַרלאָזן די קאָנסערוואַטאָריע, מחמת ער איז ניט קיין „אַריער"...

מאַקס איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט זיינע אויערן ניט געגלויבט. איי־דער ער איז אַרויס פֿון יענעמס קאַבינעט, האָט דער דירעקטאָר מיט אַ פֿאַר־סודעטער מינע אים געפּרואווט טרייסטן.

— עס קאָן נאָך ווידער גוט ווערן, — האָט דער דירעקטאָר מיט אַ סוד אין זיינע אויגן געפּליסטערט. — עס וואָלט געווען מער ווי שרעקלעך פֿאַר דייטשלאַנד און פֿאַר דער גאַנצער קולטורעלער וועלט, ווען עס זאָל אַזוי פֿאַרבלייבן...

איז מאַקס דערנאָך פֿאַרבליבן אין לייפּציג און האָט געוואַרט אויף אַן ענדערונג, אויף דעם, הייסט עס, ווען עס וועט ווידער „גוט" ווערן... און לאַנג האָט ער ניט געדאַרפֿט וואַרטן. אין איין שיינעם טאָג האָט דער דירעקטאָר פֿון קאָנסערוואַטאָריע פֿאַרלאָרן זיין שטעלע, מחמת מען האָט אויסגעפֿונען, אַז זיין זיידע איז געווען אַ ייד. און פּראָפֿעסאָר לענאָווען האָבן שטורעם־טרופּערס נאָך אַרעסטירט און אים פֿאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אויך האָט מען אַנדערע מאַקסעס באַקאַנטע — סיי יידן און סיי קריסטן, צווישן זיי אויך פֿרויען — פֿאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן...

כמעט אין אַלע היימען, וואו ער האָט פֿריער געהאַט שטונדן, האָט מען אַרעסטירט מענטשן. אים איז אויסגעקומען צו זען, ווי אַ סך פֿון די פֿריערדיקע רואיקע און גליקלעכע היימען, וואוהין ער איז פֿריער אַריינגעקומען, זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום; אָבער דעם שרעקלעכסטן איינדרוק האָבן אויף אים געמאַכט צוויי געשעעניש: ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין פֿריינט פֿריץ, עמאַס ברודער און דער זון פֿון דעם פֿאַרשיקטן פּראָפֿעסאָר, איז געוואָרן אַ נאַצי און געהאָלפֿן צו אַרעסטירן זיינע פֿריערדיקע חברים און פֿריינט פֿאַר דעם איינציקן פֿאַרברעכן, ווייל זיי זיינען געווען ניט־אַריער; און ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז דער אַלטער פֿערדינאַנד זאַנשיין האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער...

און דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט מאַקס שאַרף דערפֿילט, אַז ער איז אַ ייד. און, ווי ער, אַזוי זיין פֿריינט אַלעקס, דער זון פֿון אַ ניו־יאָרקער אַסימילירטן יידן...

זיי ביידע זיינען איצט די גאַנצע צייט געווען צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידישע יונגעלייט פֿון אַמעריקע, וואָס זיינען אין יענער צייט געווען אין לייפּציג. און זיי אַלע האָבן זיך מיט אַמאָל דערפֿילט אין אַ וועלט פֿון שונאים, אין אַ וועלט פֿול מיט האַס און פֿאַראַכטונג צו זיי...

— פאַרוואָס? — האָט מאַקס געפרעגט אַלעקסן.
— פאַרוואָס? — האָט אַלעקס געפרעגט מאַקסן.
— פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָבן זיי אַלע געפרעגט איינער דעם אַנדערן.
און עס האָט זיך געוועקט דער ייד ביי זיי אַלעמען, דער יידישער באַוואוסטזיין און דער יידישער שטאָלץ.
„עוד לא אבדה תקוותנו" — נאָך איז אונדזער האָפענונג ניט פאַרלוירן! — האָט געזונגען איינער פון זייערע חברים סטודענטן, אַ ציוניסט.
און מאַקס האָט איינמאָל דערקלערט, אַז ער וועט גיין שרייבן אַ ביי ווערק, וואָס וועט ביי אים הייסן: „צוריק קיין ירושלים"...
אין אָט דער צייט האָט צו אים איינמאָל זיך אַנגערופן דער פריערדיקער דירעקטאָר פון קאָנסערוואַטאָריע:
— דאָס יידישע פאָלק וועט אַמאָל דאַרפן שטעלן אַ מאָנומענט אַדאָלף היטלערן, ווייל ער קערט אום צוריק צום יידישן פאָלק די האַלב-פאַרלוירענע קינדער און מאַכט זיי יידיש באַוואוסטזיניק. קיין יידישער נאַציאָנאַליסט וואָלט אַזוי פיל ניט געקאָנט אויפטאָן!...
צוליב פריצן האָט מאַקס שוין לאַנג אויפגעהערט צו קומען צו די לענאָוס אַהיים. ער האָט זיך ניט געוואָלט טרעפן אַפילו מיט עמאַן צוליב איר ברודער.
די לעקציעס האָט ער כמעט אַלע פאַרלוירן. און וועגן אויספירן זיין ווערק האָט שוין איצט אויך קיין רייד ניט געקאָנט זיין. פונדעסטוועגן האָט ער לייפציג נאָך אַלץ ניט פאַרלאָזן. ער האָט אַלץ געוואַרט און געהאָפט אויף אַן ענדערונג, ווי אַ סך אַנדערע...
דערווייל האָט נאָך מיסטער זאַנשיין פון פילאַדעלפיע אים געשטיצט.
פלוצים האָט ער באַקומען אַ ידיעה פון פילאַדעלפיע, אַז אין דעם געלט-קריזיס פון אַמעריקע האָט אַדאָלף זאַנשיין באַנקראָטירט און ער וועט דערפאַר אים מער ניט קאָנען שטיצן.
דעמאָלט איז זיין פריינט אַלעקס ריינשטיין אים געקומען צוהילף. ער האָט פאַרגעלייגט צו נעמען אים אַהיים אויף זיינע הוצאות.
און אין אַ צען טעג שפּעטער זיינען זיי ביידע אַנגעקומען מיט אַ שיף קיין ניו-יאָרק.

8

אין ניו-יאָרק האָט אַלעקס פאַרגעלייגט מאַקסן, אַז ער זאָל פאַרפאָרן צו אים אַהיים אויף סענטראַל פּאַרק וועסט און ביי אים פאַרברענגען עטלעכע

טעג, איידער ער פֿאָרט קיין פילאַדעלפיע; אָבער מאַקס האָט ניט געוואָלט הערן דערפֿון. ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געזען זיין מאַמען און זי קאָן זיך אויף אים ניט דערוואַרטן. און נאָך דעמזעלבן טאָג האָט ער גענומען די באַן קיין פילאַדעלפיע.

זיין מאַמע האָט נאָך געוואוינט אין דערזעלבער דירה. זי איז פֿאַר די עטלעכע יאָר געוואָרן עלטער און שוואַכער. זי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פֿון איר זון, האָט זי געוויינט און געלאַכט פֿאַר פֿרייד און זי האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּוואונדערן, ווי ער האָט זיך פיזיש אַנטוויקלט פֿאַר דער צייט, זינט זיי האָבן זיך ניט געזען.

— קיין עין־הרע ניט, מיין קינד! — האָט זי גערעדט מיט טרערן אין די אויגן. — איך קוק אויף דיר און קוק און איך גלויב דאָך ניט מיינע אויגן. איז דאָס טאַקע מיין מאַקס, זאָל לעבן? ביזט דאָך מיט אַ קאָפּ העכער פֿון דיין טאַטן, דיר צו לאַנגע יאָר! און שיין . . . די זון איז דאָך ניט אַזוי שיין ווי דו, מיין קינד...

די לעצטע דריי יאָר האָט זי מער ניט געפּעדלט. זי האָט געלעבט פֿון דעם געלט, וואָס מאַקס האָט איר צוגעשיקט. איצט, זינט מאַקס האָט איר מער ניט געקאָנט שטיצן, איז זי ווידער אַרויס מיטן פּאַק.

אָבער די צייט איז געווען אַ ביטערע. מענטשן האָבן געהונגערט. מענטשן זיינען געשטאַנען אין דער ריי און האָבן געוואַרט אויף אַ שטיקל צדקה־ברויט און אַ טעלער צדקה־זופּ. נאָכאַנאַנד האָט מען געלייענט אין די צייטונגען וועגן פריערדיקע רייכע מענטשן, וואָס האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. איבערהויפּט האָט דער קריזיס געטראָפֿן יידן, וואָס האָבן זיך געהאַט שטאַרק אַרויפֿגעאַרבעט אין די „פּראָספּעריטי“־יאָרן. אַ סך פֿון זיי זיינען געוואָרן אָרעמעלייט, אביונים ממש...

פֿון זיין מאַמען האָט מאַקס זיך דערוואוסט, אַז לאַראַס רייכער פֿאָטער האָט אויך אין דעם קריזיס פֿאַרלאָרן אַלע זיינע הייזער און זיין גאַנץ פֿאַרמעגן, און ער איז שוין איבער אַ יאָר ערגעץ אַוועקגעפֿאָרן מיט ווייב און קינדער.

— און וואָס מאַכט לאַראַ אַליין? — האָט מאַקס געפֿרעגט.

— אַ שיין מיידל, אַ גאָלדענע מיידל, אָבער חתונה האָט זי דערוויל ניט געהאַט. האָט נעבעך קיין מזל ניט. פֿריער, ווען איר טאַטע איז געווען אַזוי רייך, האָט זי דאָך געקאָנט טאָן דעם בעסטן שידוך...

— האָט זי זיך די לעצטע צייטן אַמאָל נאָכגעפֿרעגט אויף מיר, מאַמע?

— שוין לאַנג ניט. שוין אַ פּאָר יאָר, ווי זי האָט אויפֿגעהערט זיך נאָכצופֿרעגן אויף דיר. אַז דו האָסט איר אויפֿגעהערט צו שרייבן און גריסן האָסטו איר אויך קיינמאָל ניט געגריסט, היינט פֿאַרוואָס זאָל זי זיך נאָכפֿרעגן

אויף דיר? אָבער אַ מיידל איז זי ווי גאָלד און זייער אַ געראָטענע. זי קען גוט זינגען אויך, זאָגט מען...

— זי קען זינגען?

— איך האָב אַליין געהערט, ווי זי האָט געזונגען, מיין קינד, פאַר דער הדסה אויף אַ קאָנצערט. אַ לאַנדספּרוי האָט מיר פאַרקויפט אַ טיקעט...

אַרום צוויי וואָכן האָט מאַקס פאַרבראַכט מיט זיין מאַמען אינדערהיים. ער האָט ניט געוואוסט, צו וואָס ער זאָל זיך נעמען, צי ער זאָל עפּענען אַ סטודיאָ, אָדער זוכן פּריוואַט־שטונדן. צום סוף האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין ניו־יאָרק זוכן גליק. דאָרט וועט אים זיין לייכטער צו פאַרשאַפן זיך שטונדן און, איבערהויפּט, אויב ער וויל קומען צו אַ ריכטיקן תכלית, מוז ער פאָרן קיין ניו־יאָרק...

— האָב ניט מורא, מאַמע! — האָט ער צו איר גערעדט מיט זיכערקייט אין זיין קול. — איך וועל זיין דאָרט, וואו איך געהער. איך וועל מיינס דער־גרייכן. אוודאי וואָלט געווען מיר לייכטער, ווען איך פאַרענדיק די קאָנ־סערוואַטאָריע, און, זיכער, מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, און ווען איך קום נאָכדעם אַהער נאָך יענעם אָוונט מיינעם, ווען מען האָט געזאָלט באַקאַנט מאַכן די וועלט מיט מיינע שאַפונגען; אָבער עס מאַכט ניט אויס, מאַמע, איך וויים, אַז עס וועט קומען, עס מוז קומען, מאַמע! — האָט ער גערעדט מיט טיפן גלויבן אין זיך.

* * *

אין מיטן יולי איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. זיין מאַמע האָט געהאַט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, האָט זי דאָס אים אָוועקגעגעבן.

אין ניו־יאָרק האָט ער געזוכט אַ צימער מיט אַ פּיאַנאָ. אין אַ צייטונג האָט ער איבערגעלייענט אַן אַנאָנס, וואָס האָט זיך געלייענט:

„אַ מעבלירט צימער מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג און מיט אַ פּיאַנאָ, צו פאַרדינגען. נאָכפרעגן ביי מיסעס שטיין — אויפן צווייטן שטאָק.“

און עס איז געווען אָנגעגעבן דער אַדרעס אויף דער זעכצנטער סטריט.

„מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג און מיט אַ פּיאַנאָ“ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — „מ'דאַרף אָנקוקן...“

אַ ווילע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו אַ געמויערט פיר־שטאָקיק הויז מיט הויכע שטיינערנע טרעפּ פאַר דער אַריינגאַנגס־טיר, צווישן דער צווייטער און דריטער עוועניוס. ער האָט אָנגעקלונגען אין דעם גלעקל, וואָס איבער אים איז געהאַנגען אַ מעשענע שילד מיטן נאָמען „מיסעס שטיין“.

אַן עלטערע פרוי, מיט אַ ווייסן קאָפּ און מיט אַ ברייטן און גוטמוטיקן שמייכל, האָט געעפנט די טיר.

— קאָן איך אָנקוקן דאָס צימער?

האָט זי אַ ווײַלע אים גוט באַטראַכט, באַקוקט אים פֿון קאָפּ ביז צו די פּיס, דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופֿן:

— מיט דער פּיאַנאָ, צי מיט דער באַזונדערער קיך?

זי האָט גערעדט מיט אַן אַקצענט. מאַקס האָט גלייך דערקענט אין איר אַ דײַטשקע.

„אפשר אַ נאַצי?" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם, איר זײַט דאָך אַ דײַטשע, ניין?

— יאָ, וואָס איז?

— איך מיין, אפשר זײַט איר פֿון יענע, וואָס צוליב זיי האָב איך געמוזט פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד?

— איך פֿאַרשטיי אײַך ניט, מיסטער. ווער זײַט איר און וואָס ווילט איר?

האָט מאַקס געענטפֿערט כּמעט מיט כּעס (און בעת ער האָט גערעדט, האָט ער זיך געפֿרעגט הלמאַי ער רעדט אַזוי; ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט העלפֿן — דאָס האָט פֿון אים אַרויסגערעדט):

— איך בין אַ ייִד, מאַדאַם. אַ ייִדישער קינסטלער. אַ מוזיקער. געשטודירט אין דײַטשלאַנד אין אַ קאָנסערוואַטאָריע, געווען דאָרט דער בעסטער שילער. נאָכדעם איז געקומען היטלער און איך בין געוואָרן אַ פֿאַרברעכער... איצט בין איך דאָ, זוך אַ צימער מיט אַ פּיאַנאָ פֿאַר זיך . . . ווײַל איך דאַרף דאָס האָבן . . . האָט איר דאָס פֿאַר מיר . . . זײַט איר אָבער אַ דײַטשע פֿרוי. . . וויל איך וויסן, איידער איך צי זיך אַרײַן צו אײַך: וועט איר מיך אויך האַלטן פֿאַר אַ פֿאַרברעכער, אָדער ניט?...

די אַלטע האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט און געענטפֿערט:

— אַזוי לאַנג ווי איר וועט מיר צאָלן רענט, וועל איך אײַך האַלטן פֿאַר אַן אָנשטענדיקן דזשענטלמאַן...

און זי האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרויסן צימער, און אַזוי ווי עס איז שוין געווען פֿאַרנאַכט, האָט זי אויפֿגעדרייט די עלעקטריע.

דאָס צימער איז געווען גרויס, ריין און ציכטיק און פֿון דעם בעט האָט ממש אַראָפּגעווונקען אַ קלאָרע ווײַסקייט.

מאַקסן איז דאָס צימער געפֿעלן געוואָרן. ער איז געווען מיד און דאָס קלאָר־ווײַסע בעט האָט אים אַזוי געצויגן צו זיך.

ער איז מיט איר דורכגעקומען וועגן דעם פּרײַז, באַצאָלט פֿאַר צוויי וואָכן אין פֿאָראויס, און ער איז אַוועק נאָך זײַן באַגאַזש, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין פּענסילווייניע דיפּאָ.

אַזייגער אַכט אין אָוונט האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהין מיט זיינע זאַכן. ער איז געזעסן אַ ווײַלע. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און האָט זי געפּרואווט. זי האָט אַ ביסל אונטערגעקרעכצט און אונטערגעהוסט פון עלטער־שוואַכקייט. מאַקס האָט אָבער ביי זיך געטראַכט, אַז ער וועט די פּיאַנאָ אָנטאָנען און אויף דערוויל וועט ער זי קאָנען נוצן.

דערנאָך האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. אַ סך צו זען איז דאָרט ניט געווען וואָס. די נאַכט האָט זיך געטוליעט צו די הייזער מיט באַלויכטענע פענצטער, דורך וועלכע מענטשן האָבן אַרויסגעקוקט — מענער און פרויען — אַלע האַלב־אויסגעטאָן, אויסגעמאַטערטע פון דער שטיקנדיקער ניו־יאָרקער היץ. פון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן אַ טומל פון מענטשן און אַ געקלאַנג פון טראַמווייען...

מאַקס האָט זיך אויך גיך אויסגעטאָן און זיך אַרייַנגעוואָרפן אין בעט.

ער האָט אָבער ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין צוקונפט. ער וועט אָבער ניט פאַרלאָרן גיין. ער איז יונג, ער איז געזונט, און ער פילט אין זיך אַזאַ קראַפט, וואָס וועט מוזן פאַר אים דורכברעכן דעם וועג צו אַ שיינער צוקונפט...

אמת, ער האָט געוואוסט, אַז דער וועג איז אַ שווערער, אָבער ער איז געווען גרייט אויף אַלצדינג...

אַ ווײַלע שפּעטער איז ער געלעגן, און זיין פאַנטאַזיע האָט זיך געטראָגן דורך אַ וועלט פול מיט כישוף און מוזיק. אַ גרויס ווערק וועט ער שאַפן, אַ יידיש ווערק. אַ נאָמען פאַר דעם ווערק האָט ער שוין געהאַט: „דער אייביקער ייד". וועגן דער טעמע האָט ער די לעצטע צייט שוין ניט איין מאָל געטראַכט. אַנשטאָט „צוריק קיין ירושלים", ווי אים איז איינגעפאַלן אין לייפּציג, האָט ער געטראַכט איצט צו שאַפן אַ ווערק וועגן דעם אייביקן ייד... גרויסע מעג־לעכקייטן האָט ער געזען פאַר זיך. דער ייד פון מתן־תורה אָן טראָגט זיך איבער אַלע לענדער, געדריקט פון אַלע פעלקער, מען דריקט אים און מען שטיקט אים, מען יאָגט אים און מען פּלאָגט אים, און ער לעבט, ער לעבט ביז אין די אייביקייטן אַריין...

וואָס פאַר אַ סוזשעט! וואָס פאַר אַ קלאַנגען, וואָס פאַר אַ טענער!...

9

און אויף מאָרגן האָט ער זיך שוין גענומען צו דער אַרבעט. מיט דער גאַנצער אומגעדולד פון דעם יונגן דיכטער, וואָס פילט דאָס באַדערפעניש

אַרויסצוהויבן פון זיך דאָס, מיט וואָס זיין גייסט איז אָנגעזאַפּט, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו דעם.

צוערשט האָט ער גענומען לייענען די ביבל. פון די יידן ביים באַרג סיני האָט ער באַשלאָסן אָנצוהויבן, בעת זיי באַקומען די תורה.

באַלד אָבער האָט ער איינגעזען, אַז צו שאַפן אַזאַ ווערק, מוז מען זיין מער צוגעגרייט און מען מוז אויך זיין פאַרזיכערט מער אָדער ווייניקער מיט חיונה.

מחמת דעם האָט ער גענומען טראַכטן וועגן געבן שטונדן, וועגן ווערן אַ פּיאַנאָ־לערער, און ער איז אַוועק זיך זען מיט זיין פריינט אַלעקס ריינשטיין.

דאָס איז געווען מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, נאָכדעם ווי זייביידע זיינען געקומען פון דייטשלאַנד.

אָבער ווי גרויס איז געווען זיין אַנטוישונג, ווען מען האָט אים דאָרט, ביי אַלעקסן אינדערהיים, אויף סענטראַל פּאַרק וועסט, געענטפערט, אַז אַלעקס איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע צו שטודירן.

דאָס איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר מאַקסן. אויף זיין פריינטס הילף האָט ער אַ סך געבויט.

אַ דערשלאָגענער, מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, איז ער שפּעטער גע־גאַנגען איבער בראָדוועי צווישן טויזנטער מענטשן און האָט ניט געהערט דעם טומל, וואָס עס האָט זיך דאָרט געטראָגן פון אַלע זייטן. אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען אין זיך. עלנט און ווי פון אַלעמען פאַרלאָזן האָט ער זיך איצט געפילט. ער האָט פאַרצווייפלט געטראַכט: „וואָס טוט מען? ווי אַזוי קריגט מען שטונדן?"

און פּלוצים האָבן זיינע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שוי־פענצטער, וואָס ער איז פאַרבייגעגאַנגען. אַ מוזיק־געשעפט איז דאָס געווען. אַ געדאַנק האָט אים אַ בליץ געטאָן. ער איז אַהין אַריין.

אַן עלטערער דזשענטלמאַן איז צו אים צוגעגאַנגען — דער פאַרוואַלטער פונעם געשעפט.

— איר דאַרפט עפּעס?

האָט מאַקס אים געענטפערט:

— איך זוך אַ מוזיק־פאַרלעגער. איך וואָלט געוואָלט פאַרקויפן עפּעס . . .

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מאַקס געבראַכט צו יענעם אַ פּאָר זאַכן, און יענער האָט גלייך דערשמעקט דעם אומגעוויינלעכן טאַלאַנט פון דעם אומ־באַקאַנטן יונגנמאַן און האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— יונגערמאַן, איר האָט טאַלאַנט, און נאָך מיין מיינונג, גאָר אַ היפּשן. פאַרוואָס זאָלט איר ניט פאַרדינען געלט? איך וועל אייך צונויפפירן מיט אַ

באַקאַנטן ליבּרעטיסט און איז בײדע קאָנט שאַפן עפּעס רעכטס, וואָס זאָל אײך אַרײַנבּרענגען אַ סך געלט. איר וועט אפשר נאָך ווערן נײַע גילבּערט און סאַליוואַן...

מאַקסן איז זײער אָנגענעם געווען צו הערן אַזאַ מײנונג פון דעם פאַר־לעגער, דאָך האָט ער אים געענטפערט:

— גילבּערט און סאַליוואַן זײַנען ניט מײַן מוסטער. מײַן מוסטער זײַנען וואַגנער, בעטהאָווען, שובּערט, מאָצאַרט און די מאָדערנע פון דעם ראַנג...

דער פאַרלעגער האָט אַ שמײכל געטאָן און פאָטערלעך באַמערקט:

— יונגערמאַן, פאָלגט מיך, דעם אַלטן מאַן. איך בין שוין אין דעם געשעפט באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט. איך קען זײ אַלעמען, סײ יענע, וואָס זײַנען דורכגעפאַלן, און סײ די אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג און זײַנען רײַך געוואָרן פון זײערע ווערק. זאָג איך אײך: לאָזט צורו די וואַגנערס און בעטהאָווענס; זײער אַ סך טאַלאַנטן זײַנען אומגעקומען, ווײַל זײ האָבן געוואָלט זײַן נײַע וואַגנערס און נײַע בעטהאָווענס. איר בעסער קוקט אויף אײַרווינג בערלין. איר האָט אַ פײַנעם טאַלאַנט, דאַרפט איר אים ניט לאָזן גײן אין ניוועץ. דער טאַלאַנט איז אײַער קאַפּיטאַל, און מיט קאַפּיטאַל דאַרף מען פאַרשטײן ווי זיך צו באַגײן, אַז עס זאָל וואָס מער אַרײַנבּרענגען. איר שרײַבּט אָן אַזױנס, וואָס דער ברײטער עולם וויל הערן...

מאַקס האָט אים איבּערגעשלאָגן אַ שמײכלענדיקער און אַ צערויטלטער פון די קאָמפּלימענטן, וואָס ער האָט געהערט.

— איר בעסער רעקאָמענדירט מיך פאַר אַ לערער, אויב איר קענט און ווילט זײַן אַזוי גוט...

דעם פאַרלעגער איז ער געפעלן געווען און ער האָט געוואָלט אים העלפן, האָט ער אים פאַרשאַפט עטלעכע שטונדן אין רײַכע הײַזער.

די ערשטע צײַט איז פאַר מאַקסן געווען אַן אמתע פּײַניקונג צו זיצן מיט זײַנע שילער די שטונדן. שלעכטע שילער זײַנען זײ געווען, ווי מיט פאַר־שטאָפּטע אויערן און לײמענע פינגער. נאָכדעם אָבער האָט ער צו זיך געזאָגט:

— זאָל דאָס גײן! בעסער ווי צו שרײַבן בּיליקע זאַכן!

שפּעטער זײַנען אים צוגעקומען נאָך אַ פּאָר שטונדן. מחמת אײנע פון זײַנע שילערינס האָט דערצײלט אירע חברטעס וועגן די העל־בּלויע פאַר־חלומטע אויגן פון דעם יונגן שײנעם פּיאַנאָ־לערער, האָבן אַנדערע פון אירע חברטעס אויך אָנגעהויבן צו נעמען בײַ אים שטונדן.

איצט האָט ער געקאָנט אַרבּעטן מיט אַ רואיקן קאָפּ איבּער זײַן ערנסטן ווערק.

פאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהײם אויפן צווײטן שטאָק,

האָט ער זיך גלייך געזעצט צום טיש, וואו זיין מאַנוסקריפּט איז געלעגן.

דאָ איז ער שוין ניט געווען דער מידער פּיאַנאָ־לערער, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אויף זיינע שטונדן פאַר די פּאָר דאָלער, אין וועלכע ער האָט זיך געניויטיקט, נאָר דער רייכסטער און דער גליקלעכסטער קיניג אין זיין קיניגרייך...

מיט אַלע אוצרות פון דער וועלט קאָן מען זיך ניט קויפן יענעם טיפן, יענעם באַרוישנדיקן גליק, וואָס דער אמתער דיכטער פילט, בעת ער איז פאַרכאַפּט פון זיינער אַ שאַפונג.

מאַקס איז געווען גליקלעך, מחמת ער האָט געפילט, אַז ער שאַפט אַ גרויס ווערק פאַר דער גאַנצער וועלט. ער האָט שוין געהערט, ווי די גאַנצע וועלט זינגט זיינע געזאַנגען און ווי יעדער אינסטרומענט שפּילט זיינע מאָטיוון, די מאָטיוון פון זיין „אייביקן ייד"...

אַמאָל איז ער צוגעפאָרן צו זיין מאַמען קיין פילאַדעלפיע און האָט מיט איר פאַרבראַכט דאָרט אַ טאָג, און שטענדיק, שטענדיק איז ער געקומען צו איר מיט דער גוטער בשורה, אַז ער שאַפט עפּעס אַזוינס, וואָס וועט די גאַנצע וועלט איבערראַשן...

און איינמאָל, ווען ער איז געווען ביי זיין מאַמען אויף באַזוך, האָט זי אים געזאָגט:

— דו ווייסט, מאַקסעלע, ווער עס איז דאָ ערשט געווען און זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר?

— ווער?

— לאָראָ. זי האָט געהערט אַז דו ביזט געקומען צוריק פון דייטשלאַנד, איז זי געקומען דיך זען.

מאַקס האָט זיך דערפרייט.

— וואו איז זי? איך וואָלט זי אויך וועלן זען.

— איך האָב איר געגעבן דיין ניו־יאָרקער אַדרעס. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיין ביי דיר. זי אַליין וואוינט אויך אין ניו־יאָרק און איר טאַטע־מאַמע ערגעץ אין שיקאַגאָ.

— ווי זעט זי אויס, מאַמע?

— ווי אַלע זונען. דאַכט זיך, נאָך שענער ווי אַמאָל. זי וויל דיך אַזוי זען, זאָגט זי...

10

אַזוי איז אַוועק נאָך אַ שטיקל צייט. מאַקס האָט געאַרבעט ווייטער אויף

זיין ווערק, האָט געאַרבעט און איבערגעאַרבעט, און ער איז גאָר ניט מיד געוואָרן.

איינמאָל — געווען איז דאָס אין מיטן נאָוועמבער — איז ער געקומען פאַרנאַכט אַהיים. ער איז געווען מיד און נערוועז פון זיינע שילער. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ראָק און די וועסט און זיך צוגעלייגט אויפן בעט אָפּרוען.

זינט צוויי וואָכן האָט ער געאַרבעט אויף אַ געוויסער שטעלע אין זיין ווערק און עס איז ביי אים ניט אַרויסגעקומען, ווי ער האָט געוואָלט. איצט, ליגנדיק אויפן בעט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז איצט קאָן ער יענע שטעלע אַרויסברענגען. איז ער אַרונטערגעשפּרונגען פונעם בעט און האָט זיך גע־זעצט צו דער פּיאַנאָ און פיבעריש גענומען שפּילן. ער האָט געשפּילט אַ היפּשע ווײַלע און מיט אַמאָל איבערגעריסן, איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום טיש און האָט גענומען שרייבן.

ווי אין שלאָף, האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר... נאָך אַ קלאַפּ און נאָך אַ קלאַפּ...

מיט אומגעדולד האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פונעם אָרט, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זי געעפנט.

אַ יונגע פרוי איז פאַר אים געשטאַנען, אַנגעטאָן אין אַ גרויען מאַנטל מיט אַ פוטערנעם קראַגן און אין אַ טונקעלן הוט.

— האַלאָ! — האָט זי געזאָגט. — איר דערקענט מיך?...

עפּעס איז זי אים פאַרגעקומען באַקאַנט, און איר שטים, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז אים אויך געווען באַקאַנט. ער האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין איר.

שוואַרצע אויגן מיט אַ שמייכלענדיקן פייערל אין זיי... ער האָט זיי ערגעץ געזען — וואו?... און וואו האָט ער געזען אָט דעם טונקעלן פּנים מיט אָט די פולע, פרישע, זאַפטיקע ליפּן, איבער וועלכע עס האָט זיך געטוקט אַ האַלב־שעמעוודיקער שמייכל?

דער באַקאַנטער קול האָט ווײַטער גערעדט:

— מאַקס, איר דערקענט מיך ניט?

דעמאָלט האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— לאַראַ!

זי האָט זיך אָנגעצונדן, ווי אַ שטיק פייער...

— יאָ, מאַקס, דאָס בין איך.

ער האָט זי אַ ציִ געטאָן צו זיך אין צימער אַריין און צוגעמאַכט די טיר. נאָכדעם האָט ער זי אָוועקגעזעצט לעבן זיך אויף אַ סאָפע, וואָס איז דאָרט

געשטאַנען, אַריינגענומען אירע ביידע הענט אין זיינע און שטום געקוקט איר טיף אין די אויגן אַריין.

ער האָט געמורמלט:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, וואָס דו ביזט געקומען! איך האָב דיך אַזוי געוואָלט זען.

— דאָס איז ניט אמת.

— אמת, לאַראַ, אמת! דו געדענקסט, וואָס פֿאַר אַ פֿריינט מיר זיינען אַמאָל געווען?

— אויב איך געדענק? —האָט זי האַלב־טרויעריק אַ שמייכל געטאָן. — איך געדענק דאָס שוין גאָר גוט. דו אָבער, שלעכטער יינגל, האָסט עס שוין לאַנג פֿאַרגעסן.

ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

— און איצט, לאַראַ, זיינען מיר ווידער די אַמאָליקע פֿריינט, גייט עס?

— גייט עס! — האָט זי געענטפֿערט, און אין אירע אויגן האָט פֿרייד געלויכטן.

אַ ווײַלע האָבן זי נאָכדעם געשוויגן און געקוקט איינע אויף די אַנדערע.

— איך קוק און קוק אויף דיר, מאַקס, און איך קאָן זיך גאָר ניט אָפּ־וואונדערן: אַ מאַן געוואָרן. און איך שטעל זיך מיר פֿאָר, אַז אָט דער בלאָנדער מאַן האָט געגנוג ווייבערשע הערצער צעבראָכן...

זי האָט אַרויסגענומען אירע הענט פֿון זיינע און אַרונטערגענומען דעם הוט פֿון איר קאָפּ. זי האָט געהאַט וואונדער־שיינע שוואַרצע האָר, וואָס זיינען ביי איר פֿון הינטן געווען געשאָרן, ווי ביי אַ יינגל.

ער האָט איר געענטפֿערט:

— אויב איך האָב אַפֿילו צעבראָכן אַ ווייבערש האַרץ, פֿאַרזיכער איך דיר, אַז איך בין דאָס ניט אויסן געווען.

— איז דאָס אמת?

— ווי איך זע איצט לאַראַן פֿאַר מיינע אויגן!

— נו, ווי זעט עפּעס אויס לאַראַ איצט אין דיינע אויגן?

— ביזט זייער שיין געוואָרן, לאַראַ.

— אָבער ניט אַזוי שיין, ווי די אַנדערע מיידלעך, וואָס דו קענסט? — האָט זי אַרויסגערעדט מיט דער אייגעבוירענער קלוגשאַפֿט פֿון דער פֿרוי, וואָס זוכט פֿון דער זייט אַנצוקלאַפּן ביי אַ מאַן אין האַרצן.

— וועלכע אַנדערע מיידלעך? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר פֿאַר־וואונדערט.

— איך מיין יענע . . . די בלאָנדע, די ברונעטע, די שאַטינע . . . וועלכע פון זיי געפעלט דיר בעסער ?...

— דו לאַכסט, לאָראַ ?

זי האָט אים אַריינגעקוקט טיפער אין די אויגן.

— האָט קיין מיידל דיך ביז אַהער גאָרניט פאַראינטערעסירט ?

— איך פאַרשטיי, וואָס דו מיינסט, לאָראַ . . . ניין, אַזוי ווי דו מיינסט — ניט ! איך האָב וויכטיקערע זאַכן אויפן קאָפּ. מיין אַרבעט איז מיר וויכטיקער, מיין ווערק איז מיר אַ סך, אַ סך וויכטיקער.

— וועלכע ווערק ?

— איך שרייב אַ ווערק, לאָראַ. אַ גרויס ווערק וועט דאָס זיין, אַ סימפאָניע וועגן אונדזער פאָלק. מיין ווערק וועט הייסן „דער אייביקער ייד". איך בין אין מיטן פון דער אַרבעט. די אַרבעט וואָלט מיר אָנגעקומען אַ סך לייכטער, ווען איך בין מער באַקענט מיט דער יידישער געשיכטע. ביז דער לעצטער ציים בין איך אַזוי ווייט געווען דערפון. איך האָב אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ ייד . . . אָבער היטלער האָט עס דערמאָנט מיך און נאָך אַנדערע ווי איך . . . דערנאָך איז עס מיר איינגעפאַלן . . . איך האָב גענומען לייענען די ביבל... דאָס איז אָבער ניט גענוג, פיל איך . . . אָבער איך זוך, איך לייען אַלץ, וואָס איך קריג. נו, אַרבעט איך אַ ביסל שווערער, אָבער דאָס ווערק וואַקסט...

און מיט צעברענטע אויגן האָט ער גענומען איר דערציילן דעם אינהאַלט פון זיין ווערק.

לאָראַ האָט זיך אינגאַנצן צעלויכטן. זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט שיינענדיקע אויגן און זיך אָנגערופן מיט אַ ציטערנדיקער שטים :

— איז דאָס אמת, מאַקס ? דו שאַפסט אַזאַ ווערק ? דו קאָנסט זיך גאָר־ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פריילעכע בשורה דאָס איז פאַר מיר ! קענענדיק דיך, בין איך זיכער, אַז ביי דיר וועט אַרויסקומען אַ גרויס ווערק. איך גלויב נאָך אַלץ אין דיר, ווי אַמאָל. דו ווייסט, מיר איז אַזאַ ווערק נאָך דערפאַר באַזונדערס טייער, ווייל איך געהער צו דער הדסה, צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע...

און זי האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און געזאָגט, ווי צו זיך אַליין, שיער ניט מיט עקסטאַז :

— מיין גאָט, מאַקס שאַפט אַ ייִדיש־נאַציאָנאַל ווערק !...

שפּעטער זיינען זיי געזעסן אין קאַפע ראָיאַל און זיי האָבן געטרונקען טיי. מאַקס האָט איר דערציילט וועגן זיין לעבן אין לייפּציג און פאַרוואָס ער

האָט איר ניט געשריבן. צופֿיל פֿאַרנומען געווען מיט שטודירן. ער האָט געהאַט אַ סך צו לערנען. נאָכדעם האָט ער אַ סך אַנדערע זאַכן געהאַט אויפֿן קאָפּ און, איבערהויפּט, האָט ער איר ניט געשריבן, ווייל ער איז געווען אַ יינגל. איצט וואָלט ער אַזוי ניט געהאַנדלט. אָבער ער האָט זיך מיט איר אַלע מאָל אינטערעסירט. זיין מאַמע האָט אים וועגן איר געשריבן — אָבער דו, לאַראַ, האָסט דאָך מיר אויך אַזוי לאַנג ניט געשריבן, — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן.

— וואָס איז, דו מיינסט, אַז איך האָב גאָר קיין שטאָלץ ניט? אַ ביסעלע שטאָלץ האָב איך אויך, מאַקס. ווען דו האָסט מיר אויפֿגעהערט צו שרייבן . . .

— אמת, איך בין זיך מודה... איך בין שולדיק... אָבער איצט זעסטו, ווי איך פֿריי זיך מיט דיר?

— ערנסט?

— זייער ערנסט, לאַראַ. דו האָסט מיר נאָך ניט דערציילט, וואָס דו טוסט איצט.

— איך אַרבעט. איך גיב אויך פּיאַנאָ־שטונדן, אַזוי ווי דו, — האָט זי שטיל געענטפֿערט. — איך טו דאָס, זינט מיין פּאַפּאַ איז אָרעם געוואָרן. מאַקס האָט זי אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט.

— דו ביזט אויך אַ פּיאַנאָ־לערערין? דאָס איז פֿאַר מיר אַ נייעס!

— ווי דו הערסט, מאַקס. ווען דו ביזט אַוועקגעפֿאָרן, איז מיר איינגעפֿאַלן אַ נאַרישקייט אין קאָפּ: אפשר קאָן איך אויך ווערן אַ גרויסע פּיאַניסטין, און, ווער ווייסט? אפשר גאָר אַמאָל באַרימט ווערן. בין איך צוויי מאָל אַ וואָך געפֿאָרן צוליב דעם אין ניו־יאָרק. ווייל אין ניו־יאָרק איז געווען יענער, וואָס איך האָב אים געהאַלטן פֿאַר דעם בעסטן לערער פֿאַר מיר. געגנוג געלט האָט דאָס מיין פּאַפּאַן געקאָסט. ער איז אָבער געווען רייך און מיט יעדן טאָג איז ער געוואָרן רייכער פֿון זיין „ריעל־עסטעיט״. נאָכדעם איז מיר איינגעפֿאַלן: אפשר גאָר אויסבילדן מיין שטים? אַ פיינע קאָנטער־אַלטאָ האָט דער לערער ביי מיר געפֿונען. נאָכדעם דאָס אויך געוואָרפֿן און געפּרוּווט אַ דריטע קונסט — טאַנץ... געוואָלט ווערן אַ טענצערין. און אַלץ — זאָל איך דאָס דיר דערציילן? — מיטן געדאַנק וועגן דיר... כדי דו, מאַקס, זאָלסט וויסן, אַז איך בין געוואָרן אַ קינסטלערין... נאַריש? עס קאָן זיין! יאָ, יאָ, אַוודאי נאַריש. נאַאיוו, זייער נאַאיוו. אָבער וואָס קאָן מען דערוואַרטן פֿון אַ פֿאַרליבט מיידל, וואָס האָט געוואָלט ווייזן דעם, וועמען זי האָט געליבט, אַז זי איז אויך עפּעס... שפּעטער איז פֿון דעם אַלעם גאָרנישט ניט געוואָרן.

— פֿאַרוואָס? — האָט ער געפֿרעגט, שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס זי האָט דערציילט.

— ווייל אונטער דעם פינאַנציעלן קראַך זיינען אויך מיינע באַרישע חלומות באַגראָבן געוואָרן! מיין פּאַפּאָס הייזער, זיין גרויס פאַרמעגן, זיין אויטאָמאָביל, מיין אויטאָמאָביל, די אַלע וואוילטאָגן, — אַלץ אַוועק, ווי אָפּ־געווישט... אפילו דאָס הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט. היינט וואוינט מיין פּאָפּאָ אין שיקאָגע מיט דער גאַנצער פאַמיליע. אַ ברודער זיינער האָט דאָרט געעפנט פאַר אים אַ שטיקל געשעפט, און איך אַליין שטיץ אים אויך פון דאַנען: איך שיק אים יעדע וואָך אַ העלפט פון מיין פאַרדינסט...

— דו האָסט געווען שטובן?

— יאָ, אַדאַנק מיינע פריינט פון דער הדסה...

אין קאָפּע־הויז זיינען זיי געזעסן ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. מאַקס האָט זי באַגלייט דערנאָך אַהיים. זי האָט געוואוינט ניט ווייט פון אים, אויף דער צוואָנציקסטער גאַס. ער האָט זי צוגעפירט ביז צו איר הויז. ביים צעשיידן זיך האָט לאָראַ מיט אַמאָל זיך אָנגערופן:

— מאַקס, וואָלסטו וועלן האָבן מיך פאַר אַ שכנה?

— וואָס מיינסטו?

— זייט וואָכן זוך איך אַ נייעם צימער. די פרוי, ביי וועמען איך וואוין, איז קראַנק געוואָרן און מען האָט זי צוגענומען אין שפּיטאָל. איז נישטאָ ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף די צימערן. דערפאַר זוך איך אַן אַנדער צימער. היינט, גייענדיק צו דיר, האָב איך אָנגעקוקט דערוויילע ביי דיין מיסעס דעם צימער מיט דער קיך, וואָס עס שטייט ביי איר ליידיק, און איצט איז עס מיר נאָך מער געפעלן, — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט לאַכנדיקע אויגן.

— איצט איז דאָס דיר נאָך מער געפעלן?

— יאָ, איצט, אויב דיר וועט זיין געפעלן צו האָבן מיך פאַר דיין שכנה...

אונטער דעם שיין פון דעם עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס האָט געברענט איבער דער אַריינגאַנג־טיר, האָט מאַקס דערזען דעם לאַכנדיקן פּנים פון לאָראַן. און איבער זיין פּנים האָט זיך אויך צעגאָסן אַ פריידיקער שמייכל. ער האָט גע־נומען איר האַנט און צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן.

— איך וועל זיין באמת גליקלעך, ווען דו וועסט זיין מיין שכנה, — האָט ער געזאָגט מיט וואַרעמקייט.

און שפּעטער, ווען ער איז געקומען אַהיים, איז ער אַ לאַנגע צייט גע־שטאַנען פאַר אַ שפּיגל אין זיין צימער און האָט גוט באַטראַכט זיין פּנים און ער איז געבליבן צופרידן מיט זיין אויסזען. יאָ, ער איז טאַקע געווען אַ שיינער מאַן. ניט אומזיסט איז ער זיי דאָרט אַזוי געפעלן געווען, אין לייפּציג...

אין דער אייגענער וואָך האָט זיך לאָראַ אַריינגעצויגן אין דעם צימער

מיט דער קיך, וואָס איז אָפּגעטיילט געווען פון מאַקסעס צימער בלויז מיט אַ דין ווענטל...

11

אין די אָוונטן האָבן זיי אָפּט פאַרבראַכט ביי אים אין צימער. זי איז דאָרט געזעסן אַמאָל מיט עפּעס אַ האַנט־אַרבעט און האָט זיך צוגעהערט מיט שטילער אַנטציקונג צו יעדן טאָן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער פּיאַנאָ...

און אַמאָל האָט ער פאַר איר פאַרגעשפּילט גאַנצע שטיקער פון זיין ווערק „דער אייביקער ייד". און זי האָט נאָכדעם גערעדט דערפון מיט אויפריכטיקער באַגייסטערונג.

און נאָך אָפּטער האָט זי מיט אים גערעדט וועגן אַ היסטאָרישער פּאַסירונג, וואָס ער האָט געזאָלט אַרויסברענגען אין זיין ווערק.

אין די אָוונטן, ווען זי האָט מיט אים ניט פאַרבראַכט, איז זי געזעסן ביי זיך אין צימער און האָט געלייענט די יידישע געשיכטע פון יאָזעף פלאַוויוס אָדער פון גרעצן, און געמאַכט באַמערקונגען אויף בייגעלעך פּאַפּיר, און אויף מאָרגן האָט זי דערמיט באַקענט מאַקסן. און אויף אַזאַ אופן האָט זי אים לייכטער און קלאָרער געמאַכט זיין אַרבעט...

איינמאָל, ווען זי איז אַזוי געזעסן אין זיין צימער און ער האָט פאַר איר געשפּילט אַ נייע שטעלע פון זיין ווערק, איז זי פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, אים אַ קוש געטאָן און איז אַרויסגעלאָפן פונעם צימער.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך איר. זי איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער און באַלד איז ער אויך דאָרט געווען. זי איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צום טיש און האָט זיך שטיל צעוויינט.

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך.

— וואָס איז דער מער, לאָראַ? פאַרוואָס וויינסטו?

האָט זי אים געענטפערט און דערביי געשמייכלט דורך טרערן:

— איך ווייס ניט. פאַר גליק מסתמא. מאַקס, ווען די וועלט וועט הערן דאָס, וואָס דו האָסט היינט געשפּילט . . . סיידן זי איז טויב, סיידן זי האָט אַ האַרץ פון שטיין . . . מאַקס, דו ביזט אַ גרויסער קינסטלער. און אויב עס איז דאָ ערגעץ אַ גאָט אין די הימלען, וועט ער דאָרט מוזן דערהערן דעם יאָמער פון דעם אייביקן ייד, וואָס טראָגט זיך דורך אָט דער תּפילה זייַנער, וואָס דו האָסט איצט פאַר מיר געשפּילט...

מאַקס האָט אינגאַנצן געשיינט פון אירע ווערטער.

— לאַראַ — האָט ער געזאָגט — טויזנט מאָל זאָל זיין געבענטשט יענער צופאַל, וואָס האָט אונדז צונויפגעבראַכט. דיין באַגייסטערונג איז אַן אָנזאָג פון מיין רום אין דער צוקונפט. און דאָס דערמונטערט מיך צו שאַפן ווייטער און בעסער. זינט דו ביזט דאָ, אַרבעט איך מיט מער ברען, מיט מער חשק...

און איינמאָל האָט ער דערהערט, ווען ער איז געזעסן ביי זיך אין צימער, ווי זי האָט געזונגען דאָרט הינטער דעם דינעם ווענטל אַ ראָמאַנס פון זיין „איביקן ייד“. גראָד איז ער דעמאָלט געזעסן ביים טיש און האָט געאַרבעט. האָט ער זיך אַ ווײַלע צוגעהערט, דערנאָך זיך אויפגעהויבן פון אָרט מיט אַ צעלויכטענעם פּנים. גלייך אָבער האָט ער זיך אָנגעכמורעט.

אַ פיינע שטים האָט זי געהאַט, אַ שטים מיט וואַרעמע, לאַסטשענדיקע, סאַמעטענע טענער און מיט טיפע, ווי ביי אַ מאַן. און זי האָט געזונגען מיט אַ סך נשמה און געפיל. און וואָלט זי געזונגען אַ פרעמדע זאַך, קאָן זיין, אַז איר שטים וואָלט אים געפעלן געוואָרן. אָבער זיין ראָמאַנס האָט זי ניט אַרויסגעבראַכט אַזוי ווי ער אַליין האָט עס געפילט, דערפאַר האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז איר שטים גרילצט אונטער...

נאָכדעם איז ער אַריין צו איר אינעם צימער. ער האָט אָבער איר ניט געוואָלט ווײַ טאָן, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דו האָסט אַזאַ פיינע שטימעלע. ווען איך וועל האָבן מער צייט, וועל איך פּרוּוון. אפשר קאָן מען זי אויסבילדן אין עפּעס רעכטס...

— וואָס איז דיר מיט אַמאָל איינגעפאַלן, מאַקס?

— ווײַל ביז אַהער האָב איך ניט געהערט, ווי דו זינגסט. איצט, ווען איך האָב דיך געהערט, איז מיר איינגעפאַלן, ווי שיין דאָס וואָלט געווען, ווען דו ביזט אַ זינגערין.

לאַראַ האָט זיך האַרציק צעלאַכט:

— וואָס דיר קאָן איינפאַלן! איך טראַכט שוין לאַנג ניט דערפון, צו זיין אַ זינגערין. איך וועל זיין צופרידן, ווען דו וועסט גרויס און באַרימט ווערן.

ער האָט זי וואַרעם אָנגעקוקט:

— אַזוי טייער בין איך דיר?

— יאָ, מאַקס, אַזוי טייער ביזטו מיר, און אַזוי טייער איז מיר דיין אַרבעט.

אָט אַזוי האָבן זיי בײדע געלעבט אין זייערע צימערן אונטער איין דאַך און מיט יעדן טאָג האָבן זיי זיך אַלץ מער און מער צוגעבונדן איינער צום אַנדערן.

ביי טאָג איז זי פאַרנומען געווען מיט אירע און ער מיט זיינע שטונדן;

דערפֿאַר אָבער האָבן זיי די אָוונטן פֿאַרבראַכט צוזאַמען ביי אים אין צימער. ער איז געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און זי האָט זיך אַלץ מער און מער אַריינגעלעבט אין זיין וועלט פֿון טענער און קלאַנגען...

זיי האָבן געהערט איינער צום אַנדערן. דורך ווערטער האָבן זיי דאָס נאָך ניט אַרויסגעזאָגט, אָבער געפֿילט האָבן זיי דאָס ביידע. עס האָט נאָר געדאַרפֿט קומען יענער מאָמענט. סיי זי און סיי ער האָבן אויף דעם געוואַרט. אָבער דער מאָמענט איז נאָך ביז אַהער ניט געקומען...

לאַראַ האָט קיין חברטעס ניט געהאַט. פֿון אירע פֿריערדיקע רייכע חבר־טעס האָט זי קיינעם מער ניט געטראָפֿן, און מיט קיין נייע, וואָס זי זאָל זיך מיט זיי פֿאַראינטערעסירן, האָט זי זיך ניט באַגעגנט. אמת, זי האָט געקענט אַ סך יונגעלייט, אָבער קיינער פֿון זיי האָט זי באַזונדערס ניט אינטערעסירט. פֿון צייט צו צייט בלויז איז זי אַרויסגעגאַנגען מיט איינעם פֿון זיי אין אַ טעאַטער אָדער צו אַ קאָנצערט, צו אַ ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג, אָדער אַמאָל — צו זען אַ בילד אין ראַדיאָ סיטי; אָבער זינט זי האָט זיך ווידער געטראָפֿן מיט מאַקסן, איז זי נאָר אַ פּאָר מאָל געווען אויף אַ הדסה־מיטינג. די איבעריקע פֿרייע אָוונטן האָט זי פֿאַרבראַכט מיט אים אין זיין צימער, און ס׳רוב איז זי געווען דעמאָלט גליקלעך, אַ פֿאַראינטערעסירטע אין זיין אַרבעט און אין אים.

אָבער אויך געגנוג שווערע מינוטן האָט זי מיט אים דורכגעלעבט; געגנוג האַרץ־ווייטיק און קאָפּ־ווייטיק האָבן זיי ביידע געהאַט, ווען ער האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען דאָס, וואָס ער האָט געפֿילט. דעמאָלט איז ער געווען אויפֿגערעגט, פֿאַרצווייפֿלט, האָט אויף זיך די האָר געריסן, די פֿינגער געביסן, און ניט איינמאָל האָט זיך ביי אים דעמאָלט אַרויסגעריסן, אַז ער וועט אינגאַנצן די אַרבעט וואַרפֿן; אָבער זי, לאַראַ, איז געווען דערביי און אַלעמאָל האָט זי אים געקאָנט באַרואיקן.

איינמאָל — לאַראַ וועט יענע נאַכט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן — דאָס איז געווען אויף דער זעקסטער וואָך, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך געטראָפֿן. זי איז געזעסן ביי אים אין צימער. און יענע נאַכט איז ביי אים געווען איינע פֿון יענע שלים־מזלדיקסטע; די אַרבעט האָט זי אים ניט איינגעגעבן. ניט די קלאַנגען האָט דער אינסטרומענט אַרויסגעגעבן, וואָס ער האָט געזוכט...

איז ער פֿאַרצווייפֿלט געוואָרן. און מיטאַמאָל האָט ער אַריינגעלאָזט ביידע הענט אין די האָר און גענומען שאָקלען דעם קאָפּ.

ער וועט הייַנט משוגע ווערן! די גאַנצע אַרבעט טויג ניט. עס איז ניט דאָס, ניט דאָס, טויג אויפֿן פֿייער; ער האָט זיך ניט געטאָרט פֿאַר דעם נעמען...

איז לאַראַ באַלד געווען לעבן אים, און זי האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ

צווישן אירעביידע קליינע הענט און אַרויסגערעדט אַזוי ווייך, ווי נאָר זי אַליין האָט געקאָנט צו אים רעדן:

— ניט דאָס ערשטע מאָל, מאַקס... מאָרגן וועט דאָס בעסער גיין... באַרואיק זיך...

און דערביי האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אים צוגעפירט צו דער סאָפע. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ קינד. זי האָט זיך געזעצט אויף דער סאָפע, און אים אַ צי געטאָן צו זיך. ער האָט זיך געזעצט לעבן איר און אָוועקגעלייגט זיין קאָפּ צו איר אויפן שויס מיטן פּנים אַראָפּ. איז געלעגן אַזוי מיט צוגעמאַכטע אויגן און זיך געקלאָגט ווייטער פאַר איר וועגן זיין אַרבעט.

עס איז ניט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ערשט איצט איז דאָס אים קלאָר... אפשר פילט ער ניט גענוג דעם יידישן גייסט פון אַמאָל, פון איצט, די ריכטיקע אַטמאָספערע...

— ניט אמת, מאַקס, דאָס ווייזט זיך דיר אויס, — האָט זי אים באַרואיקט און געגלעט אים די באַקן — איך האָב דאָך דאָס אויך געהערט... איך קען דאָך דיין ווערק באַלד אַזוי ווי דו... עס פעלט דאָרט גאָרניט... מיר ווייזט זיך אויס, אַז עס זיגגט פון דאָרט אַרויס דער ייד פון אַלע צייטן, זיין נשמה... און דו ביסט דאָך נאָך ניט פאַרטיק דערמיט...

ער האָט געעפנט די אויגן און געזאָגט:

— דיר געפעלט דאָך אַלצדינג מיינע!

— ווען דאָס וואָלט געווען שלעכט, וואָלט דאָס מיר ניט געפעלן. די תּפילה אַליין פון דעם „אייביקן ייד" איז דאָך אַזאַ מייסטערווערק...

ער האָט זיך אויפגעזעצט.

— ערנסט, לאָראַ? דו ווייסט, איך האַלט זייער פיל פון דיין מיינונג. ווען איך זאָל נאָר זיין זיכער, אַז דאָס איז דיין אויפריכטיקע מיינונג...

— איך שווער דיר, מאַקס, אַז דאָס איז מיין אויפריכטיקע מיינונג!

ער איז אויפגעשטאַנען פון דער סאָפע און פאַרטראַכט זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער.

— אפשר? — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרטראַכטער אינמיטן צימער און גערעדט ווייטער צו לאָראַן, וועלכע איז געבליבן זיצן אויף דער סאָפע — יאָ, דאָס איז אַ מייסטערווערק... און אפשר ווייזט זיך מיר נאָר אויס, אַז דאָס איבעריקע איז מיר ניט געלונגען... אפשר איז שולדיק די שטימונג מיינע... דו ווייסט, וואָס מיט מיר איז היינט אויפדערגאַכט, לאָראַ?

— וואָס?

— איך ווייס ניט. נאָר אומעטיק... איך וואָלט ערגעץ געגאַנגען פאַר־ברענגען... אין אַ ווייַן־קעלער ערגעץ... אפשר זאָלן מיר טאַקע צוגיין,

לאַראַ? אפשר אין ווילעדזש, צי אויף סעקאנד עוועניו?

— פונמיינטוועגן. אָבער, אויב דו ווילסט טרינקען וויין, האָב איך ביי זיך אַ פּאָר פלעשער.

— היינט, וואָס שוויגסטו? אַהער!...

— אַ שילערין האָט עס מיר אַריינגעשיקט אויף קריסטמעס, — האָט זי באַמערקט — שטייען ביי מיר דיביידע פלעשער נאָך ניט געעפנטע. איך האָב זיך אַלץ געקליבן דיר צו זאָגן וועגן דעם.

ער האָט איר ניט געלאָזט ווייטער רעדן און געשריען:

— אַהער! אַהער! ביידע פלעשער!

און באַלד זיינען געשטאַנען אויפן טיש די ביידע פלעשער וויין און צוויי גלעזער.

מאַקס האָט אָנגעגאָסן די גלעזער.

— פאַר דיין געזונט, לאַראַ!

און זיי ביידע האָבן אויסגעטרונקען.

ביי דעם צווייטן גלאָז האָט מאַקס שוין גענומען רעדן זיכער און מיט באַגייסטערונג וועגן זיין אַרבעט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט לאַראַ געפילט, ווי דער קאָפּ שווימט אַוועק ביי איר פון די אַקסלען. זי האָט זיך שטיל צעלאַכט און אַרויסגעמורמלט:

— מאַקס, מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אַביסעלע שיכור. איך קאָן זיך ניט אַ ריר טאָן. איך וועל זיך צושפּאַרן אויפן בעט. העלף מיר, מאַקס.

ער האָט זי אַ נעם געטאָן אין זיינע אָרעמס, אויפגעהויבן זי און זי אַרונ־טערגעלאָזט אויפן בעט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און אַ שמייכל געטאָן צו אים. ער האָט איר געענטפערט אויך מיט אַ שמייכל און אין זיינע געדאַנקען פאַרטיפט, האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— אויב דיר געפעלט מיין ווערק, בין איך זיכער, אַז עס איז אַ גרויס ווערק. דו ביסט די בעסטע קריטיקערין מיינע!

מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ קול, ווי אַ צעפּיעסטשעט קינד:

— זעץ זיך לעבן מיר, מאַקס. איך וויל ביי דיר עפּעס פרעגן.

ער האָט זיך געזעצט לעבן איר. זי האָט געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און געשוויגן.

— וואָס ווילסטו מיך פרעגן?

האָט זי נאָך אַ ווײַלע געשוויגן און אַלץ געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט אירע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן. נאָכדעם האָט זי מיטאַמאָל געפרעגט מיט אַ הייזעריק קול:

— מאַקס, דו האָסט שוין מיט אַ סך פרויען געשלאָפן ?
ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פונעם אָרט און זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט מיט גרויסע אויגן.
זי האָט זיך שטיל צעלאַכט.
— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן ? זעץ זיך צוריק אויף דיין אָרט און ענטפער מיר. מיר ביידע זיינען ניט קיין קינדער. און מיר לעבן אין דעם יאָר 1935. שעמען זיך דערמיט איז בישטאָ וואָס...
ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט לעבן איר און זי אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל דערזען.
איר טונקעלער פּנים איז געווען פריש און חנעוודיק און אירע פולע זאַפ־טיקע ליפּן האָבן זיך אַזוי ווי געבעטן צו קושן.
ער האָט זיך אָנגערופן :
— יאָ, איך האָב געקענט אַ היפּש ביסל פרויען... נו, און דו, לאַראַ ?
זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.
— קיינעם ניט. ניט מחמת מאָראַל, נאָר ווייל קיינער איז מיר ניט גע־פעלן געווען.
און זי האָט זיך איבערגעשלאָגן :
— אָבער איך וויל וויסן וועגן דיר. זיינען זיי געווען יונגע ? עפּעס שיינע ? געפעלן דיר בלאָנדע, אָדער ברונעטקעס ? דו ווייסט, מאַקס, מ׳זאָגט, אַז איך בין שיין. ווי מיינסטו ?...
— דו ביסט זייער שיין, לאַראַ, — האָט ער אַרויסגעמורמלט. און פּלוצים האָט ער זי אַ ציי געטאָן צו זיך און זי אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן.
זי האָט אַרויסגעמורמלט :
— זאָג דאָס נאָכאַמאָל, מאַקס.
— וואָס ?
— אַז איך בין שיין.
— דו ביסט שיין, לאַראַ, זייער שיין, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט שוין הייזעריק, ווי אין האַלדז וואָלט אים געברענט.
ווי אין חלום האָט דאָס מיידל גערעדט. ווי אין חלום האָט זי געשמייכלט. ווי אין חלום האָט זי זיך געדריקט אַלץ פעסטער און פעסטער אין זיינע אָרעמס. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר אַלץ מער און מער און פאַר זיינע אויגן האָט זיך געמישט. ער האָט בלויז געזען האַלב־געעפנטע אויגן, וואָס האָבן צו אים אַרויפגעקוקט מיט אַ פאַרשוואומענעם בליק, און ער האָט געפילט, ווי עס שטורעמט אין אים, ווי זיין בלוט שוימט אים אין זיינע אָדערן און ווי עס מישט

אים אין מוח. מיט ברענענדיקע הענט האָט ער אַרויסגעוויקלט איר כישופדיקע נאַקעטקייט אַלץ מער און מער פון אירע קליידער...

און שפּעטער, ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט שיינענדיקע אויגן און געפּליסטערט:

— מיין מאַקס! מיין שיינער חלום!...

12

אויף מאָרגן זיינען זיי ביידע אויפגעשטאַנען, ווי אַ פּאָר גליקלעכע קינדער, און זיי זיינען צוזאַמען אַוועק אין אַ רעסטאָראַן עסן פרישטיק, און צוזאַמען זיינען זיי דערנאָך געקומען צוריק אַהיים, און ער האָט פאַרגעלייענט פאַר איר די מאָרגן־צייטונג.

אַזייגער צען האָט לאָראַ געדאַרפט אַוועקגיין צו איר ערשטער שטונדע, האָט זי זיך אָנגעטאָן און זיך שוין געוואָלט געזעגענען מיט מאַקסן; פּלוצלינג האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— היינט גיין צו דער אַרבעט? נייך, מאַקס, דאָס וואָלט געווען די גרעסטע פאַרשווערכונג פון אונדזער גרויסן גליק! דו בלייבסט אויך אין דער היים. איך בעט דיך, זאָג: יאָ!

— גוט, איך וועל אָפּרופן מיינע שילער און זיי זאָגן עפּעס אַ תירוץ. אפשר פאַר מאָרגן אויך.

— ווען מיר וואָלטן געקאָנט, פאַר דער גאַנצער וואָך, ביז קומענדיקן מאָנטיק. מיר וואָלטן געפאָרן אין אַטלאַנטיק סיטי פאַר דער צייט. איך האָב געלט גענוג.

מאַקס האָט אונטערגעכאַפּט מיט אַ פריידיקן אויסדרוק אין פּנים:

— איך האָב אויך געלט. עס איז אַ פּלאַן. מיר פאָרן.

זי האָט זיך געוואָרפן אים אויפן האַלדז.

נאָך אין דעמזעלביקן טאָג זיינען זיי געווען אין אַטלאַנטיק סיטי.

* * *

דאָס איז געווען אין אַ פאָר טעג שפּעטער אין אַ נאָכמיטאָג.

דאָס וועטער איז געווען קאַלט און אומפריינטלעך. פון דעם ים האָט זיך געטראָגן אַ קאַלטע נאַסקייט. די האָטעלן מיט די געשעפטן און די קינאָמאַ־טאָגראַף־טעאַטערס און אַלע און אַלצדינג אויפן באָארדוואָק האָבן זיך געטונקט אין אַ פייכטער קאַלטער גרויקייט. ווייניק מענטשן האָבן דאָרט געשפּאַצירט אויפן באָארדוואָק, און יענע, וואָס האָבן יאָ געשפּאַצירט, זיינען דאָרט גע־גאַנגען, אָדער געלאָפן, צונויפגעקאָרטשעט...

אויך מאַקס מיט לאַראַן, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אין אַ האָטעל אין באַזונדערע צימערן, האָבן געפּרוּווט אַרויסגיין שפּאַצירן אויפן באַארדוואָק. זיי האָבן זיך אָבער באַלד צוריקגעקערט און זיי האָבן זיך געזעצט אין דער גרויסער לאָבי פונעם האָטעל.

זייער אויפמערקזאַמקייט האָט באַלד צוגעצויגן אַ היציקע שטים פון אַ יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן הינטער זיי מיט צוויי אַנדערע. די שטים האָט גערעדט וועגן דער יידישער לאַגע.

מאַקס און לאַראַ האָבן זיך צוגעהערט.

— אונדזער יידישע לאַגע איז אַ מוראדיקע, נאָך ערגער ווי אין מיטלאַל־טער, — האָט די שטים גערעדט — און אַ סוף מאַכן צו דעם קאָן אָן אמת דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט. אפילו אַ יידיש לאַנד איז ניט קיין ענטפער אין אַ וועלט, וואו דער פאַשיזם וועט האָבן די אויבערהאַנט...

מאַקס האָט אַ טראַכט געטאָן:

„אַ באַקאַנט קול, ווי אַלעקס וואָלט גערעדט...“

די שטים האָט גערעדט ווייטער:

— אין דעם קאַמף מיטן פאַשיזם מוזן אַלע דעמאָקראַטן, אַלע אמתע דע־מאָקראַטן, פון אַלע שאַטירונגען, און מיר יידן אוודאי, ווייל דאָ האַנדלט זיך ממש וועגן אונדזער לעבן, גיין האַנט אין האַנט. אוודאי, די אַנטיסעמיטן פון דער גאַנצער וועלט וועלן אונדז פאַרשרייען פאַר קאָמוניסטן; נו, איז דאָס אַ נייעס? האָבן זיי פריער דאָס ניט געשריען?

מאַקס האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ פאַרוואונדערט פּנים און אַריבערגע־קוקט אַהין, פון וואַנען אָט־די ווערטער האָבן זיך געטראָגן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן: „יאָ, ער, אַלעקס!...“

און מיט אַן איבערראַשטן שמייכל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו לאַראַן:

— אַנטשולדיק, מיין פריינט אַלעקס איז דאָרט!

און ער איז צוגעגאַנגען צו די דריי מענטשן. יאָ, אוודאי איז דאָס געווען אַלעקס! יענער האָט נאָך גערעדט מיט היץ און די אַנדערע צוויי האָבן זיך צוגעהערט.

מאַקס האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן יענעם און אים אַריינגעקוקט אין פּנים מיט אַ שמייכל. און גלייך האָט אַלעקס אויך באַמערקט מאַקסן און זיך איבערגעשלאָגן מיט אַ פאַרוואונדערטן געשריי:

— זע, ווער דאָ איז!...

ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו מאַקסן, און מאַקס צו אים.

— וואָס פאַר אַ סורפּריז, מאַקס!

— יאָ, אַלעקס, אַ סורפּריז! וואָס מאַכסטו? דו ביסט דאָך געווען אין איטאַליע? ווי קומסטו אַהער?

— געווען און צוריקגעקומען. איך האָב דיך די גאַנצע צייט געוואָלט זען. איך האָב אָבער ניט געוואוסט, וואו מען זוכט דיך. וואַרט איין מינוט, — האָט אַלעקס זיך איבערגעשלאָגן, און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו די אַנדערע צוויי, וואָס ער איז מיט זיי פריער געזעסן, און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט. איינער פון מיינע טייערסטע פריינט. שוין איבער צוויי יאָר אים ניט געזען...

און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מאַקסן אונטערן אָרעם און אים אַ צי געטאָן נאָך זיך מיט די ווערטער:

— קום, מיר וועלן זיך דאָרט ערגעץ אַוועקזעצן. דו וועסט מיר דערציילן, ווי דיר גייט, וואָס דו מאַכסט.

— זייער גוט, זייער גוט. דו ביסט שוין לאַנג דאָ אין אַטלאַנטיק סיטי?

— האָט מאַקס געפרעגט, אַוועקזעצנדיק זיך מיט אים אין אַ וויטן ווינקל.

— געקומען היינט און פאָר היינט אַוועק. און דו, מאַקס?

— איך וועל דאָ פאַרברענגען ביז דעם קומענדיקן מאָנטיק.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זע, דערווייל האָב איך איבערגעלאָזן אַליין מיין לעידי! קום, אַלעקס, איך וועל דיך פאַרשטעלן פאַר אַ וואונדערלעך מיידל. מיין פריינדין פון קינדהייט אָן. אַן אויסערגעוויינלעך מיידל. איך האָב איר אַזוי פיל צו פאַר־דאַנקען...

און באַלד איז ער געווען מיט אַלעקסן לעבן לאַראַן, וועלכע איז געזעסן אויף איר פריערדיקן פּלאַץ.

— לאַראַ, — האָט מאַקס זיך אָנגערופן צו איר מיט פרייד אין זיין קול — דו געדענקסט, וואָס איך האָב דיר דערציילט וועגן מיין פריינט אַלעקס פון לייפּציג? באַקענט זיך, דאָס איז ער אַליין!...

אַלעקס האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר. ער איז געווען געקליידט מעשה ענגלישער דזשענטלמאַן און ער האָט געטראָגן אַ פּענסנע אויף זיין עטוואָס אויסגעבויגענער נאָז. אויף לאַראַן האָט ער געמאַכט אַ גוטן איינדרוק מיט זיין אָפענעם פּנים און האַרציקן שמייכל. זי האָט געזאָגט:

— קען איך אייך, אַלעקס. מאַקס האָט אַזוי אָפט גערעדט מיט מיר וועגן אייך און כסדר גוטס...

ער האָט האַרציק אַ שמייכל געטאָן.

— מסתמא קענט איר דאָך מאַקסן אויך, און איר ווייסט, וואָס פאַר אַן ענטוזיאַסט ער איז און ווי ער קען אַמאָל איבערטרייבן...

און אַזוי ווי זי, לאַראַ, האָט פאַרשטאַנען, אַז די ביידע פריינט האָבן גע־וואָלט פאַרבלייבן אַליין, האָט זי זיך פּלוצים אַנטשולדיקט פאַר זיי מיטן תּירוץ, אַז זי דאַרף שרייבן בריוו, און זי איז אַוועק צו זיך אין צימער.

ביידע פריינט זיינען נאָכדעם אַוועק אין „באַר־רום" פון האָטעל און ביי אַ גלאָז וויין האָבן זיי זיך צעשמועסט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייט עטלעכע חדשים האָט אַלעקס זיך באַטייליקט ביי זיין פאָטער אין געשעפט. ער האָט ניט געטראַכט מער וועגן שטודירן מעדיצין.

— עס איז מיר קלאָר געוואָרן, — האָט דערציילט אַלעקס — אַז קיין גוטער דאָקטער וועל איך קיינמאָל ניט זיין. איך ווייס ניט, אויב איך וועל זיין אַ גוטער ביזנעסמאַן, אָבער אַ דאָקטער, בין איך זיכער, וואָלט איך געווען אַ שלעכטער. די מערסטע צייט אין יאָר וואוין איך אין לאָנדאָן.

און מאַקס האָט אים אויך דערציילט וועגן זיך. אין די שענסטע פאַרבן האָט ער פאַר אים געשילדערט דעם גליק, וואָס זיין אַרבעט פאַרשאַפט אים.

— און אַ סך האָב איך צו פאַרדאַנקען לאַראַן פאַר דעם. זי איז, באמת, מיין מוזע...

אַלעקס האָט האַרציק אַ שמייכל געטאָן.

— אויב אַזוי, האָסטו אַ שיינע מוזע. זי איז זייער אַטראַקטיוו, דיין מוזע.

— זי האָט נאָך אַ שענערע נשמה.

—יאָ, זי מאַכט אַ גוטן איינדרוק, — האָט אַלעקס באַמערקט — וואָס טוט זי?

— איר פאָטער איז פריער געווען זייער רייך, — האָט מאַקס דערציילט זיין פריינט — און זי האָט אַלצדינג געהאַט, אַלצדינג געקאָנט זיך פאַרגינען. געלערנט זיך, געשטודירט... היינט אָבער קומט איר אויס צו אַרבעטן שווער. אין דעם קריזיס האָט איר פאָטער אַלצדינג פאַרלאָרן. גיט זי פּיאַנאָ־שטונדן, ווי איך, און שטיצט אים מיט איר פאַרדינסט. אַ וואונדערלעך מיידל, אַלעקס!

אַלעקס האָט אַ קוק געטאָן אויף אים.

— ווי איך זע, איז זי דיר שטאַרק געפעלן, מאַקס, — האָט ער געזאָגט.

— איך באַוואונדער זי. און מיר ווייזט זיך אויס, אַז איצט וואָלט איך גאָר אָן איר ניט געקאָנט אויסקומען.

— אַזוי פאַרליבט ביסטו אין איר?

— זי העלפט מיר אַרויס זייער אַ סך מיט יידישער געשיכטע. דאָס איז מיר זייער נויטיק פאַר מיין אַרבעט. מיט יידישער געשיכטע אינטערעסירט זי זיך זייער שטאַרק. זי איז אַ ציוניסטקע. זי געהערט צו דער הדסה. און מיין אַרבעט איז איר אויך זייער טייער...

אַלעקס האָט ווידער אַ לאַך געטאָן און זיך אָנגערופן:

— פון אט־די אלע סימנים ווערט מיר קלאר, אז איך וועל באלד האבן א חתונה.

מאקס האט זיך א כאפ געטאן און א קוק געטאן אויף אלעקסן ווי מיט שרעק.

— דו מיינסט אזוי? ווי קענען מיר דאס? נאך ניט איינגעארדנט. און, איבערהויפט, דארף איך און קאן איצט טראכטן נאר וועגן איין זאך — וועגן מיין ארבעט...

— וואס איז געווארן פון דיינע אנדערע ארבעטן? — האט אלעקס מיט־אמאל געפרעגט. — דיינע פראפעסארן האבן דאך אזוי געהאלטן פון זיי?

— זיי ליגן דארט ביי מיר אינעם קופערט און ווארטן אויף דער צוקונפט, — האט מאקס טרויעריק א שמייכל געטאן.

— אן דער הילף פון אנדערע וועלן אלע דיינע ארבעטן בלייבן ליגן ביי דיר אין קופערט, — האט אלעקס נאכדעם זיך אנגערופן פארטראכט — און מיר איז באזונדערס צום הארצן, וואס דו דערציילסט מיר וועגן דיין איצטיקער ארבעט. זינט מיר האבן זיך ניט געזען, איז מיר אויסגעקומען א סך צו טראכטן אויף דער טעמע „ייד", און נישט איינמאל האב איך זיך דערמאנט וועגן דעם, אז דו האסט געפלאנעוועט צו שרייבן עפעס אונטערן נאמען „צוריק קיין ירושלים". שרייבסטו איצט אנשטאט דעם „דער אייביקער ייד". מען לאזט אונדז ניט רוען, מוזן מיר דערפון טראכטן... איך בלייב ביי אט־דעם טראכטן און ביי דיר קאן עפעס דערפון ארויסקומען...

— איך בין זיכער, אלעקס, אז איך שאף א גרויס ווערק, — האט מאקס געזאגט מיט איבערצייגונג אין זיין קול.

— דארף מען דאך אודאי זען, אז עס זאל ניט פארבלייבן אינעם קופערט. הער אויס, איך בין צופרידן, וואס איך האב דיך געטראפן. די ערשטע זאך מוזסטו האבן גוט־באצאלטע שטונדן. דאס וועל איך דיר פארשאפן אין אונ־דזערע קרייזן. אחוץ דעם, וועל איך דיך באקענען מיט מענטשן, וואס זיי קאנען פאר דיר א סך טאן. זיי האבן פארבינדונגען אין דער מוזיקאלישער וועלט. זיי קאנען ארויסברענגען פאר דער וועלט דיך און דיינע ווערק. וואס זאגסטו, הא?

— איך וועל דיר דאנקען דערפאר.

— פארוואס זאלסטו מיר דאנקען? איך וועל דאס טאן, ווייל מיר וועט דאס זיין אנגענעם צו טאן, און ווייל איך בין דיינער א פריינט. איך רעכן, אז נאך מארגן וועל איך זיך זען מיט עמעצן... יא, איך גלויב, אז זי קאן טאן פאר דיר א סך...

— ווער איז דאס זי? — האט מאקס געפרעגט.

— איר נאָמען האָסטו געווים אַמאָל געזען אין די ציימונגען. איך מיין לילי מאַרשאַל.

מאַקס האָט אויסגעגלאָצט די אויגן אויף זיין פריינט.

— דו מיינסט יענע, האָט ער געפרעגט — וואָס שטיצט די קינסטלער?

— יאָ. אָט־די מיין איך.

און ער האָט גערעדט ווייטער שוין מיט אַ שמייכל:

— דו דאַרפסט נאָר אויף איר מאַכן אַן איינדרוק, דעמאָלט ביסטו פאַר־זאָרגט און אפשר דערהרגעט...

— דערהרגעט? וואָס מיינסטו?

— ווען דו וועסט זיך מיט איר נעענטער באַקענען, וועסטו שוין אַליין אויסגעפינען, וואָס איך מיין. אָבער טרעפן זיך מיט איר מוזסטו. זי קאָן דיר זייער צוניץ קומען. ביי איר אינעם הויז טרעפט מען אַן אויסגעוויילטע קינסט־לער־געזעלשאַפט פון יעדן געביט. זי קאָן דיר אַ סך העלפן צו קומען פאַר דער וועלט...

מאַקס האָט זיך אָנגערופן:

— איך דערמאָן זיך, מיט אַ פאָר יאָר צוריק האָט עפּעס אַ קינסטלער זיך גענומען דאָס לעבן צוליב איר... די ציימונגען האָבן דעמאָלט אַ סך געשריבן וועגן דעם...

אַלעקס האָט אַ לאַך געטאָן:

— אַ וואונדער וואָס נאָר איינער האָט זיך גענומען דאָס לעבן...

— אַזאַ געפערלעכע פרוי איז זי?

— אָט־דאָס וועסטו אַליין אויסגעפינען. איין זאַך וועל איך דיר נאָר זאָגן, ווי אַ פריינט דיינער: צופיל גלויב ניט אירע אויגן און ניט איר שמייכל. קיין מאָן בלייבט ניט גלייכגילטיק צו איר.

מאַקס האָט אַ שמייכל געטאָן:

— מיר ווייזט זיך אויס, — האָט ער זיך אָנגערופן — אַז דו אַליין ביסט אויך ניט גלייכגילטיק צו איר.

— אמת, איך לייקן דאָס ניט; אָבער וועגן מיר, זיי זיכער, וועלן די ציימונגען ניט שרייבן. מיט איין וואָרט, מאַקס, אָט מיט איר באַקען איך דיך קומענדיקע וואָך...

און איידער די פריינט האָבן זיך צעשיידט, האָבן זיי אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז קומענדיקן דינסטיק זאָלן זיי זיך טרעפן אין ניו־יאָרק אין אַ געוויסן רעסטאָראַן אויף בראָדוועי.

— געדענק, מאַקס, פונקט זעקס זאָלסטו דאָרט זיין, און גריס דיין מוזע.

— האָט אַלעקס אים געזאָגט ביים צעשיידן זיך.

13

אין אַ ווײַלע אַרום איז מאַקס געווען בײַ לאַראַן אינעם צימער. זי האָט זיך איבערגעטאָן. זי איז געשטאַנען בײַם שפּיגל מיטן שוואַרצן, אונטערגע־שווירענעם קאָפּ, ווי בײַ אַ ייִנגל, כמעט אײַנגאַנצן נאַקעט, אַ צעשטראָלטע, מיט שײַנענדיקע אויגן. און ער, שטייענדיק לעבן איר, האָט זי געקושט.

— מײַן וואונדערלעכע! — האָט ער געפּליסטערט.

שפּעטער, ווען זי איז געווען אָנגעטאָן, האָט ער איר איבערגעגעבן אַלצ־דינג, וועגן וואָס אַלעקס האָט מיט אים גערעדט, און אויך וועגן דעם, אַז ער וועט אים פאַרשטעלן קומענדיקע וואָך פאַר לילי מאַרשאַל.

איז לאַראַ מיטאַמאָל געוואָרן צעמישט. איר טונקל פּנים איז אַזש רויט געוואָרן, און בײַ איר האָט זיך אַרויסגעריסן:

— וועגן איר האָב איך אַ סך געהערט. אַ געפערלעכע קאָקעטקע. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט אַ באַגאַבטער מאָלער זיך דערשאָסן צוליב איר.

— יאָ, איך ווייס. איך מיט אַלעקסן האָבן טאַקע גערעדט ערשט דערפון.

— מען זאָגט, אַז זי איז אַ געפערלעכע פרוי.

מאַקס האָט זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— נישט פאַר מיר, לאַראַ. דו האָסט מיך געמאַכט אימיון קעגן אַלע פרויען...

זי האָט געשוויגן און זיך פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט זי אַרויסגעפּליסטערט:

— איך האָף אַזוי...

און זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אוי ווײ, וואָס פאַר אַ זיפץ, לאַראַ! — האָט ער ווידער אַ לאַך געטאָן.

— וואָס זיפצסטו אַזוי, קינד?

זי האָט געענטפערט שטיל און פאַרטראַכט:

— מאַקס, איך בין אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך, אַז אַ שרעק כאַפּט מיך אָן. בלויז נאָך צוויי יאָר, נאָך צוויי יאָר וואָלט איך וועלן זײַן אַזוי גליקלעך, און דערנאָך וואָלט מיך ניט געאַרט, ווען איך זאָל אפילו שטאַרבן...

ער האָט זיך צעלאַכט וואַרעם און האַרציק, אַרײַנגעקוקט איר אין די שוואַרצע אויגן.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט, מיר וועלן ערשט גליקלעך זײַן, ווען מיר וועלן לאָזן קלינגען אונדזערע טענער אין דער וועלט! און דאָס וועט מקוים ווערן. דו הערסט, לאַראַ, דאָס וועט מקוים ווערן, און אַ סך גיכער ווי מיר מיינען!...

און מיטאַמאָל האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— קום, איך מוז איצט טאַנצן מיט דיר!

ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביי דער טאַליע און זיך גענומען דרייען מיט איר איבערן צימער, ווי אַ משוגענער.

ווי אַ שטיק פּייער האָט זיי ביידן אַרומגעכאַפּט; ווי אַ שטיק פּייער, וואָס האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט, וואָס לענגער זיי האָבן זיך געדרייט אַרום צימער. צום סוף, ווען ער האָט זיך שוין געוואָלט אָפּשטעלן, האָט ער ניט געקאָנט, געשלעפּט פון איר...

ביז זי איז שטיין געבליבן מיט אַ צעפלאַמט פּנים און מיט הייס געלעכטער. און פאַרסאָפּעט האָט ער זיך דעמאָלט אָפּגערופן:

— אָבער דו טאַנצסט... איך האָב דאָך גאָרניט געוואוסט, אַז דו קאָנסט אַזוי גוט טאַנצן!

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב זיך געלערנט טאַנצן, — האָט זי געענטפערט, און זי האָט גליקלעך געשמייכלט.

* * *

זונטיק האָט מאַקס באַקומען אַ טעלעפאָן פון זיין פריינט אַלעקסן. אַנשטאָט צו טרעפן זיך מיט אים דינסטיק אין דעם רעסטאָראַן אויף בראָדוועי, ווי זיי האָבן אָפּגערעדט, האָט אַלעקס אים איינגעלאַדן צו זיך אַהיים, און דערביי האָט ער אים געלאָזט וויסן, אַז אויך לילי מאַרשאַל וועט דאָרט זיין.

דינסטיק דעם גאַנצן טאָג האָט מאַקס געטראַכט וועגן דעם „דינער" ביי זיין רייכן פריינט אַלעקס אינדערהיים.

אַרום דריי איז ער געקומען אַהיים פון זיינע שטונדן און ער האָט זיך גלייך גענומען גרייטן צו זיין באַזוך.

ווען ער האָט אַרויסגענומען זיין שוואַרצן אַנצוג פון קליידער־שאַפע, איז ער געוואָרן אומרואיק. דער דינער אין יענעם רייכן הויז האָט זיכער געטראָגן אַ בעסערן אַנצוג, ווי דער, וואָס ער האָט געזאָלט אָנטאָן. נאָכדעם אָבער האָט ער צו זיך מיט שטאָלץ געזאָגט: „דער קינסטלער גייט אויף באַזוך און ניט דער אַנצוג." און ער האָט זיך גענומען איבערטאָן.

און שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר דעם שפּיגל און זיך פאַרקעמט די בלאָנדע האָר און פאַרדרייט אַרויף די דינע שפּיצן פון זיינע וואָנצעס, איז ער גאָר געבליבן צופרידן מיט זיין אויסזען.

און דערהוייל איז לאָראַ אָנגעקומען. האָט זי אים באַטראַכט פון אַלע זייטן, פאַרריכט אויף אים דעם קינסטלערישן האַלדזטוך, אַ קוש געטאָן אים און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— מיין אַלטע באָבע וואָלט געהייסן דיר מיטגעבן אַביסעלע זאַלץ, כדי מען זאָל דיר קיין עין־הרע ניט געבן. אַזוי שיין ביסטו!

פאַר זעקס איז ער צוגעגאַנגען צו דעם רייכן אַפּאַרטמענט־הויז אויף צענטראַל פּאַרק וועסט, וואו עס האָבן געוואוינט די ריינשטיינס.

אויפן צוועלפטן שטאָק האָבן זיי געוואוינט. אַן עלעווייטאָר האָט אים אַרויפגעבראַכט אַהין. ער האָט אָנגעקלונגען אין אַ ווייסער טיר.

אַ נעגער־פרוי מיט אַ ווייסן טשעפּיק האָט אים די טיר געעפנט. ער איז אַריין איינעווייניק און האָט איבערגעגעבן דער פרוי זיין הוט און מאַנטל און איז געבליבן שטיין, מיט די פיס פאַרזונקען אין ווייכן, טיפן פּליוש, איינ־מיטן אַ קאָרידאָר מיט רויטע, סאַמעטענע ווענט.

די נעגערין, מיט זיין הוט און מאַנטל, איז אויף אַ רגע פאַרשוואונדן און האָט באַלד זיך צוריקגעקערט און אים געבעטן, אַז ער זאָל גיין נאָך איר.

זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער און אים דאָרט איבערגעלאָזט אַליין. אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט, ווי אין אַ קירך. די דאָזיקע שטיל־קייט, איינאיינעם מיט דער שטילער, ניט־שרייענדיקער עלעגאַנץ, וואָס ער האָט אַרום זיך געזען, האָט אים דערמאָנט אָן דעם פריערדיקן רייכן הויז פון פערדינאַנד זאָנשיין, אין לייפּציג.

נאָכדעם איז אַלעקס אַריינגעלאָפן אַ פריילעכער און מיט די ווערטער:

— פיין, געקומען אין צייט! און איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט פאַרשפּעטיקן.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מאַקסן אונטערן אָרעם און אַוועקגעשלעפּט נאָך זיך אין אַ צווייטן צימער. דאָרט האָט ער אים פאָרגעשטעלט פאַר זיין מוטער און פאַר זיינער אַ מומע און איר טאָכטער.

אויסער זיי איז מער קיינער דאָרט ניט געווען.

זיי האָבן אויפגענומען מאַקסן פריינטלעך, און באַלד האָט ער זיך דערפילט צווישן זיי פריי, ווי צווישן מענטשן, וואָס ער איז שוין מיט זיי באַקאַנט געווען.

אַלעקסעס מוטער, די אַלטע מאַדאַם ריינשטיין, איז געווען אַ דיקע דאַמע מיט אַ ווייסן קאָפּ און שוואַרצע, יונגע אויגן. זי האָט גערעדט שטיל און גע־שמייכלט שטיל און יעדע באַוועגונג אירע איז געווען שטיל און ווי געמאָסטן...

ביז מיט אַ פאַר יאָר צוריק האָט זי זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט קיינעם און קיין זאַך, אַחוץ מיט איר אַליין און מיט די נאָענטע מענטשן אירע.

האָט זיך איר אַמאָל אויסגעוויזן, אַז זי האָט ניט געהאַט גענוג אַפּעטיט, האָט זי גלייך געשיקט נאָכן הויז־דאָקטער, און יענער האָט איר פאַרשריבן פּילן, אָדער פּראָשקעס, נאָך וועלכע איר אַפּעטיט האָט זיך פאַרבעסערט. אַזוי אויך, ווען איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַן אַנדערער אין איר פאַמיליע איז ניט מיט אַלעמען. ווייטער איז איר קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען.

אמת, זי האָט אַמאָל זיך באַטייליקט אין אַ צדקה־אונטערנעמונג, אָבער אַלעמאָל האָט מען זי מיט געוואַלד אַריינגעצויגן אין דעם.

נאָר אַזאַ איז זי געווען פריער. אין די לעצטע פאַר יאָר האָט זי זיך אינ־גאַנצן אומגעביטן, זינט אירע צוויי ברידער זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד.

זינט דעמאָלט איז זי געוואָרן פרימער. זי איז געגאַנגען יעדע וואָך אין טעמפּל און האָט אָנגעהויבן צו שטיצן מיט געלט יידישע אונטערנעמונגען, איבערהויפּט ציוניסטישע.

זי אַליין איז געווען אַ געבוירענע פון בערלין, און איידער זי איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט זי זיך געהאַלטן פאַר אַ דייטשקע. און נאָכדעם — פאַר אַן אַמעריקאַנערין. מיט יידן אַלס יידן און מיט יידישקייט האָט זי פריער כמעט אינגאַנצן ניט געהאַט צו טאָן.

גאַנץ אַנדערע מענטשן זיינען געווען אַלעקסעס מומע מיט איר טאָכטער. די מומע, גערטרוד לעווענבערג, זיין פאַטערס אַ שוועסטער, איז געווען דאָס ווייב פון ראַביי לעווענבערג, וואָס וועגן זיינע דרשות אין איינעם פון די רייכע טעמפּלען פון ניו־יאָרק האָט מען אָפט געשריבן אין די צייטונגען.

זי גערטרוד, איז כסדר פאַרנומען געווען מיט אונטערנעמונגען, וואָס זי האָט געמאַכט פאַר פילאַנטראָפּישע צוועקן מיט די גרעסטע קינסטלער, און אין די זונטיקן האָט זי אָנגעפירט אין איר מאַנס טעמפּל אַ העברייאישע זונטיק־שול, וואו זי האָט באַקענט אירע שילער מיט יידישער געשיכטע.

און מחמת איר איז אַלעמאָל אויסגעקומען צו אַראַנזשירן די דאָזיקע אונ־טערנעמונגען, איז זי אָפט געקומען אין באַרירונג מיט קינסטלער.

און זי האָט ליב געהאַט זיך אונטערהאַלטן מיט זיי. אפשר דערפאַר, ווייל זי האָט געקאָנט פאַר זיי אַרויסווייזן איר באַהאַוונטקייט אין קונסט און אין מוזיק (זי אַליין האָט אויך געענדיקט אַ קונסט־שול), און אפשר דערפאַר, ווייל קינסטלער מיט אַלע זייערע חסרונות זיינען דאָך אינטערעסאַנטערע מענטשן, איידער דער דורכשניט־מענטש.

איר טאָכטער גרעיס האָט געהאַט נאָר־וואָס געענדיקט קאָרנעל אוניווער־זיטעט. דאָרט האָט זי באַלאַנגט צו אַ קרייז פון עקסטרעמע ראַדיקאַלן. איר חלום איז געווען צו באַזוכן סאָוועט־רוסלאַנד און זען מיט די אייגענע אויגן, ווי מען בויט דאָרט איבער די וועלט...

זי אויך איז שטענדיק פאַרנומען געווען מיט אונטערנעמונגען פאַר דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. זי האָט געקליבן געלט פאַר דער אַנטי־פאַשיסטישער באַוועגונג און איז אפילו אַמאָל אויך אַרויסגעטראָטן אויף אַ פאַרזאַמלונג.

אין אירע אָפטע דיסקוסיעס מיט אירע עלטערן וועגן דער יידן־פראַגע

האָט זי שטענדיק געטענהט, אַז די יידן־פּראַגע וועט געלייזט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען עס וועלן געלייזט ווערן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָגן אין דער גאַנצער וועלט. אַלעקס איז געווען דער איינציקער אין איר משפּחה, וואָס האָט מיט איר מסכּים געווען וועגן דעם.

דעם אָוונט האָט די אַלטע מאַדאַם ריינשטיין איינגעלאַדן זי מיט איר מוטער, כּדי צו רעדן מיט זיי וועגן אַ געוויסער אונטערנעמונג. אין אָט־דער אונטערנעמונג פאַר די פּליטים פון דייטשלאַנד זיינען זיי אַלע גלייך פאַראינטערעסירט געווען.

פאַראייניקטע האָבן זיי זיך געוואָלט שוין אויך באַקענען מיט אַלעקסעס פריינט, דעם מוזיקער.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען גערטרוד און גרעיס געזעסן מיט מאַקסן און האָבן זיך אונטערהאַלטן מיט אים. אַלעקס האָט זיי אַ סך דערציילט וועגן אים, אויך וועגן דעם, אַז ער שאַפט אַ ניי ווערק, „דער אייביקער ייד״, האָבן זיי אים געזאָגט.

ווי מען וואָלט אויף פּעטראָלעאום אַ וואָרף געטאָן אַן אָנגעצונדן שוועבעלע, אַזוי האָט זיך מאַקס אָנגעכאַפּט און גענומען רעדן פון זיין ניי ווערק.

גערטרוד האָט איר באַגייסטערונג אים אַרויסגעוויזן, ווען ער האָט איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון זיין ווערק, האָט זי אים יעדע ווײַלע אונטערבראָכן:

— אַך, ווי שיין! אַך, ווי וואונדערלעך! איך מוז אייך באַקענען מיט מיין מאַן!...

און אַפילו גרעיס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אינהאַלט, וואָס ער האָט דערציילט, און ביי איר האָט זיך אויך אַרויסגעריסן:

— אינטערעסאַנט. עס ווייזט אויף שוואונג פון דער פאַנטאַזיע... אפשר וועט אייך נאָך אַמאָל איינפאַלן צו שאַפן אַ סימפאָניע אויף דער טעמע „דער נייער אינטערנאַציאָנאַל״...

אַלעקס מיט זיין מוטער זיינען צוגעגאַנגען צו זיי.

— אַך, ווי אינטערעסאַנט דאָס איז, וואָס דיין פריינט, אַלעקס, דערציילט אונדז, — האָט זיך אָנגערופן מאַדאַם לעווענבערג.

און גרעיס האָט אויך געזאָגט צו אים:

— איך בין נייגעריק צו הערן עפּעס פון דיין פריינטס ווערק.

— מאַקס וועט פאַר אונדז שפּעטער עפּעס שפּילן, — האָט אַלעקס געענטפערט. — אמת, מאַקס?

מאַקס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך געפילט אינגאַנצן ווי צווישן אייגענע מענטשן. פּלוצים האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט און זיך אַ קער געטאָן צו אַלעקסן:

— און וואו איז יענע?

אַלעקס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דו מיינסט לילי מאַרשאַל? איך ווייס ניט. זי האָט געדאַרפט קומען מיט טאַנטע גערטרוד. טאַנטע, קומט היינט לילי מאַרשאַל? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מאַדאַם לעווענבערג.

— זי וועט דאָ זיין שפּעטער. איר ווילט זיך מיט איר באַקענען? — האָט זי זיך אָנגערופן צו מאַקסן.

מאַקס האָט צעמישט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

אַלעקס האָט זיך אַריינגעמישט:

— דאָס וויל איך, טאַנטע, אַז ער זאָל זיך באַקענען מיט איר. זי קאָן אים אַ סך העלפן אין זיין קאַריערע.

די אַלטע מאַדאַם ריינשטיין האָט מיטאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף איר שוועגערין מיט פאַרסודעטע אויגן און זי האָט שטיל באַמערקט:

— נאָך איינער, וועמען זי וועט דעם קאָפּ פאַרדרייען...

— אָך, רעי, רעד ניט נאָך, וואָס די אַנדערע פּלאַפּלען. עס פּאַסט ניט פאַר דיר! — האָט געזאָגט מאַדאַם לעווענבערג צו אַלעקסעס מוטער. — איך קען לילין און איך ווייס, אַז אַלצדינג, וואָס מען רעדט וועגן איר, איז ניט ריכטיק...

האָט מאַדאַם ריינשטיין אויף דעם געענטפערט מיט אַ שטילן שמייכל:

— ליבע גערטרוד, דיך קען איך אויך, און איך ווייס, אַז ביי דיר זיינען גאָר נישטאָ קיין שלעכטע...

און דאָ האָט מען זיי גערופן צום טיש. זיי האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און זיינען אַריין אין אַ צווייטן צימער, וואו אַ טיש איז געווען געגרייט.

ביים טיש האָט מאַקס זיך אויך געפילט גאַנץ באַקוועם און מיט אַפּעטיט געגעסן דעם פיינעם מיטאָג. מאַדאַם ריינשטיין איז געזעסן צווישן אים און אַלעקסן און האָט זיך געלאָזט אונטערהאַלטן פון זיי ביידן.

דעמאָלט האָט מאַקס זיך אויך דערוואוסט, אַז דער אַלטער ריינשטיין אַליין האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין סאַן פראַנציסקאָ, וואו מען האָט געעפנט אַן אָפּטיילונג פון דעם גרויסן דעפּאַרטמענט־סטאָר פון ניו־יאָרק, פון וועלכן ער איז געווען פּרעזידענט.

שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פונעם טיש, האָט גערטרוד פּלוצים זיך אָנגערופן צום מאַקסן:

— אפשר וואָלט איר פאַר אונדז עפּעס געשפּילט?

— אפשר גאָר ?...

מאַקס האָט די גאַנצע צייט געוואַרט, אַז מען זאָל אים בעטן שפּילן...

זיי זיינען אַריין אין מוזיק־צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ פּראַכטפולער קלאַוויר. מאַקס האָט זיך געזעצט שפּילן.

און די קלאַנגען, וואָס ער האָט פון דעם קלאַוויר אַרויסגעבראַכט, האָבן אים פאַרשיכורט. די פּיאַנאָ ביי אים אינדערהיים האָט קיינמאָל אַזעלכע אַקאָרדן ניט אַרויסגעגעבן.

זיי אַלע זיינען אַנטציקט געוואָרן און גערטרוד האָט געליאַרעמט:

— מער ווי איך האָב דערוואַרט! בראַוואָ! בראַוואָ!

אפילו די אַלטע מאַדאַם רייכשטיין האָט שטילערהייט אַפּלאָדירט און געלאָזט הערן איר בראַוואָ.

אָבער מאַקס האָט זיי קיינעם כמעט ניט געהערט. ווי דורך אַ חלום האָט ער זיי אַלעמען געזען, און זייערע שטימען האָבן זיך פאַר אים געטראָגן ווי פון ערגעץ ווייט. ער האָט נאָר זיינע טענער געהערט, וואָס זיי זיינען געווען ער אַליין. לעבעדיקע שטיקער פון זיין נשמה...

ער האָט אויך ניט באַמערקט, ווי אַ יונגע, עלעגאַנטע דאַמע איז פּלוצים אַריינגעקומען אין צימער אַריין מיט ווייכע טריט און האָט באַגריסט אַלעמען מיט אַ האַנט־באַוועגונג פון דערווייטנס און דערנאָך זיך שטיל אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, אין אַ ווינקל פון הינטן, און אַוועקגעלייגט אירע ביידע הענט אויפן שויס און זיך צוגעהערט צו זיין שפּילן מיט אַ פאַרוואונדערטער מינע.

ער האָט געשפּילט ווייטער און איז אַלץ מער פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין מוזיק. ווען דאָס גאַנצע צימער וואָלט פול געוואָרן מיט מענטשן, וואָלט ער דאָס ניט באַמערקט...

14

ער האָט געענדיקט, און אַלע האָבן באַגייסטערט אַפּלאָדירט, אַחוץ די יונגע פרוי, וואָס איז שפּעטער אַנגעקומען און וואָס זי איז געווען לילי מאַרשאַל...

זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך אויף איר הינטערשטן שטול אין אַ ווינקל, דעם קאָפּ מיט די שווערע האָר, רויטלעכע ווי זאַפראַן, אויפגעהויבן הויך, און האָט געקוקט מיט שטאַרע בלויע אויגן פאַר זיך, ווייט איבער מאַקסעס קאָפּ, ווי זי וואָלט נאָך דאָרט געהערט די טענער פון זיין מוזיק... באַכדעם האָט זי זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן אין איר גאַנצן הויכן און שלאַנקן וואוקס, האָט

אָפּגעוואָרפן דעם רויטלעכן קאָפּ אַהינטער, אויסגעשטעלט אין פאָראויס איר הויכן שטאַרקן בוזים, און באַטראַכט פון וויטנס מאַקסן.

אין דעם עטוואָס האַרטן אויסדרוק פון איר ווייסן פּנים, ווי פון אַלבאַסטער, מיט די פולע, זאַפטיקע ליפּן, און אין אירע טיפע בלויע אויגן, אונטער די רויטלעכע ברעמען, און אין דעם גאַנצן שטעל פון איר הויכער, שלאַנקער געשטאַלט, איז געלעגן עפּעס, וואָס האָט גערעדט פון כאַראַקטער־פעסטקייט...

אַלעקס איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט איר געדריקט די האַנט.

— ווי געפעלט איך, לילי?

זי האָט זיך אָנגערופן שטיל און געלאָסן מיט אַ ברוסטיקער שטים:

— איז דאָס יענער פריינט אייערער פון לייפּציג?

— יאָ.

— און דאָס האָט ער זיין מוזיק געשפּילט?

— יאָ, ווי געפעלט איך?

זי האָט ווידער געוואָרפן אַ פאַרטראַכטן בליק אַהין, וואו מאַקס איז געשטאַנען מיט גערטרודן און מיט גרעיסן, און מיט אַלעקסעס מוטער, און זי האָט געענטפערט:

— אינטערעסאַנט...

און מער קיין איין וואָרט ניט.

אין דער אייגענער צייט האָט גערטרוד אויסגעדריקט איר העכסטע באַגייסטערונג פאַר מאַקסן, און זי האָט אים פאַרגעלייגט צו מאַכן אַן אָוונט ביי איר אין הויז פאַר איינגעלאַדענע געסט, כדי זיי צו באַקענען מיט זיינע שאַפונגען. און ער האָט כמעט ניט געהערט, וואָס זי האָט גערעדט, אַזוי פאַרשיכורט איז ער געווען פון זיין אייגענער מוזיק.

ערשט, ווען אַלעקס האָט נאָכדעם פאַר אים פאָרגעשטעלט לילי מאַרשאַל, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין חלום.

— איר זייט אַ מייסטער, — האָט זי געזאָגט — און מיט אומגעדולד וואַרט איך אייך צו הערן ווידער...

ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר און אַרויסגעמורמלט, ווי אַ שיכור:

— אַ דאַנק! אַ דאַנק! אַ דאַנק!...

און מיטאַמאָל האָט ער צעטראָגן גענומען זוכן אויף אַלע זייטן מיט די אויגן.

— וואָס זוכסטו? — האָט אים אַלעקס געפרעגט.

— מיין הוט... מיין ראָק... — האָט מאַקס געמורמלט. — איך וויל גיין אַהיים.

— שוין? וואָס איילסטו זיך?

— איך מוז גיין אַהיים. איך וועל נאָך היינט אַרבעטן, — האָט מאַקס געקוקט אויף זיין פריינט מיט צעטראָגענע אויגן.

לילי מאַרשאַל האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ שמייכל.

— איר ווילט זיך גאַר ניט אונטערהאַלטן מיט די דאַמען? — האָט זי זיך אָנגערופן, און אירע בלויע אויגן האָבן געקוקט אויף אים גאַנץ אַנדערש ווי פריער — ווייך און ווי זיי וואָלטן אים געלאַסטשעט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, איך מוז זיך איילן אַהיים. עפּעס וואָס איך האָב די גאַנצע צייט געזוכט, האָב איך איצט געפונען, — האָט ער געענטפערט, און כמעט ניט געקוקט אויף איר.

און פּלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן. דאָרט ביי דער דינסט זיינען מיינע זאַכן!

און ער האָט זיך פאַרנייגט:

— גוד נאַיט, לעידיס, אַ דאַנק! זייער אָנגענעם געווען!

און ער איז אַרויס פונעם צימער מיט אַלעקסן.

לילי מאַרשאַל האָט באַמערקט צו די אַנדערע דאַמען אינעם צימער:

— אָדער ער איז אַן איינפאַכער אידיאָט, אָדער אַ זשעני!

אין דער אייגענער צייט האָט אינעם קאָרידאָר אַלעקס געפרעגט מאַקסן:

— ווי געפעלן דיר די דאַמען?

— זייער, זייער, — האָט מאַקס געענטפערט. — דיין מאַמע און דיין טאַנטע און דיין קוזינע, זיי געפעלן מיר זייער!

— און לילי מאַרשאַל?

מאַקס האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

— לילי מאַרשאַל? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט אַ פאַרוואונדערטער מינע, און גלייך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — אָ, דאָס איז זי, יענע דאַמע?...

אַלעקס האָט זיך צעלאַכט:

— איך האָב דאָך אָנגערופן איר נאָמען, ווען איך האָב זי דיר פאָרגע־שטעלט, דו האָסט דען ניט געהערט?

מאַקס האָט געענטפערט:

— איך האָב געהערט און ניט געהערט. אָבער איך וויס ניט, איך האָב זיך ניט איינגעקוקט אין איר...

האָט אַלעקס זיך נאָך העכער צעלאַכט.

— אַט האָסטו דיר! — האָט ער אויסגעשריען. — צוליב דעם, אַז איר זאָלט זיך טרעפן און דו זאָלסט זיך באַקענען מיט איר, זייט איר דאָך ביידע איינגעלאַדן געווען. און וואָס הייסט, דו האָסט ניט באַמערקט איר שיינקייט?

— אַ שיינקייט? — האָט מאַקס איבערגעפרעגט, און ער האָט זיך אונ־

טערבראָכן. — וועמעס דאגה איז דאָס? שיין, מיאוס... אַ גוטע נאַכט, אַלעקס
— וואָרט, לויף ניט אַזוי, מיין אויטאָמאָביל וועט דיך אָפּפירן.
— מען ברענט דאָרט אויף דער אינקוויזיציע דעם אייביקן יידן... פאַר־שטייסט? — האָט גערעדט צעטראָגן מאַקס. — נאַר־וואָס די קלאַנגען גע־פונען... פאַרשטייסט?... דערפאַר מוז איך לויפן אַהיים וואָס־גיכער!...
שפּעטער האָט אים אַלעקסעס אויטאָמאָביל צוגעפירט צו דעם הויז, וואו ער האָט געוואוינט.
אין דרויסן האָט זיך אַ פראָסט פאַרנומען. ביי מאַקסן אינעם צימער איז געווען קאַלט; ער אָבער האָט די קעלט ניט געפילט.
ער איז געזעסן ביי דער פּיאַנאָ ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.
אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען אַ פריילעכער און האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן. אינעם צימער איז שוין געווען וואַרעם.

* * *

פלוצים איז לאָראַ אריינגעקומען אין אַ מאָרגן־קלייד. זי איז אויך געווען פריילעך. איר פרישער פּנים מיט די שוואַרצע אויגן האָט געשמייכלט.
— גוט מאָרגן, מאַקס! ווען ביסטו געקומען אַהיים נעכטן? שפּעט?
— ניט זייער שפּעט, פאַר עלף. דו האָסט שוין דעמאָלט געשלאָפן?
— ניין, איך בין געווען אויף אַ הדסה־מיטינג און וויסנדיק, אַז דו ביסט אינדערהיים נישטאָ, בין איך פונעם מיטינג אַריין מיט באַקאַנטע אין אַ קאַפע־הויז און מיר זיינען דאָרט געזעסן ביז אַזייגער איינס. ווען איך בין אַהיים־געקומען, האָב איך געהערט דיך שפּילן. איך האָב אָבער ניט געוואָלט דיר שטערן. פון דעם, וואָס איך האָב געהערט ביי מיר אינעם צימער, האָב איך געפילט, אַז איך טאָר דיר ניט שטערן...
ער איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט איר האַסטיק אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן.
— דאָס גרעסטע, וואָס איך האָב אַמאָל געשאַפן, — האָט ער געזאָגט — עס ברענט דאָס אינקוויזיציע־פייער... אינמיטן איז דער אייביקער ייד מיט די הענט צום הימל און ער זינגט זיין תפילה... די פלאַמען שלאָגן פון אַלע זייטן... אַרום זיינען די שוואַרצע מאַנאַכן מיט זייער געזאַנג... אָבער ניט דאָס פייער און ניט די אַלע פלאַמען קאָנען אים באַזיגן... ער איז דאָס אַלץ מנצח און אויך זייערע שוואַרצע מאַנאַכן... און צום סוף הערט מען נאָר זיין געזאַנג, דאָס געזאַנג פון דעם אייביקן יידן וועגן דער טריאומפירנדיקער גע־רעכטיקייט... ווילסטו עס הערן?
— אויפגעדערנאַכט, — האָט זי געענטפערט — אין אַ האַלבער שעה דאַרף איך זיין אויף אַ שטונדע.

— און איך וואָלט הייַנט געבליבן אינדערהיים, — האָט מאַקס אַרויס־געריגעדט פאַרטראַכט — הייַנט וואָלט איך געאַרבעט...

— אפשר וואָלסטו דאָס טאָקע געטאָן, מאַקס, אויב דו ביסט אַזוי אויפּ־געלייגט צו אַרבעטן?

— איך האָב מורא צו ריזיקירן. הייַנטיקע צייַטן מוז מען די שטונדן היטן...

— נו, און ווי איז דיר געפעלן געוואָרן יענע דאַמע? — האָט לאַראַ פּלוצים געפרעגט.

— יענע דאַמע?... וועלכע?...

— אָט יענע, לילי מאַרשאַל?

— אַ, די מייַנסטו? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן. — איך ווייס ניט, זי האָט מיך ניט אינטערעסירט.

— איז זי דאָרט געווען?

— יאָ, זי איז געווען. איך האָב אָבער קיין באַזונדערס ניט באַמערקט. אַ יונגע פרוי, דאַכט זיך, אַז מיט רויטע האָר... אפשר אַ שיינע... איך ווייס ניט, איך האָב זיך ניט צוגעקוקט...

בײַ לאַראַן האָבן זיך די באַקן צערויטלט און אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעלויכטן.

זי האָט פּלוצים זיך אָנגערופן:

— ווען טרעפן מיר זיך הייַנט אין רעסטאָראַן?

— צווישן זעקס און זיבן? זאָל זיין זיבן! — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן — ווייל איך וויל פריער שרייבן אַ בריוו צו מיין מאַמען.

גריס איר פון מיר, — האָט לאַראַ געזאָגט איידער זי איז אַרויס פון זיין צימער.

15

אין דער אייגענער וואָך איז מאַקס איינמאָל אַן אויפדערנאַכט געזעסן אַליין בײַ זיך אין צימער און האָט געאַרבעט. מיטאַמאָל האָט מען אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר.

— אַריין! — האָט מאַקס אויסגערופן, מייַנענדיק, אַז דאָס האָט געקלאַפּט לאַראַ.

די טיר האָט זיך געעפנט. מאַקס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אומגעדרייט.

— אַלעקס! — האָט ער אויסגערופן און איז אויפגעשפּרונגען.

אַלעקס האָט פאַרריכט די פענסטע אויף זיין נאָז און געזאָגט:

— און איך האָב אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועל איך דיך ניט טרעפן. דאָ וואוינסטו, הייסט עס?

— זיץ, אַלעקס, — האָט מאַקס אים אונטערגעטראָגן אַ שטול.

אַלעקס האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, האָט זיך געזעצט און עס אַוועקגעלייגט צו זיך אויף די קני.

— איך בין געקומען צו דיר מיט אַ טאָפּלטער שליחות, — האָט ער אָנגעהויבן. — ערשטנס, וויל מיין טאַנטע גערטרוד מאַכן אַן אָוונט פאַר דיר קומענדיקע וואָך. זי וויל איינלאַדן עטלעכע מענטשן־פּראָפעסיאָנאַלן און אויך אַ פריינט אירן, אַ באַוואוסטן מוזיק־קריטיקער. זי זאָגט מיר, אַז זי האָט מיט דיר דערפון גערעדט יענעם אָוונט ביי אונדז אינדערהיים.

— דאַכט זיך, אַז זי האָט יאָ עפּעס גערעדט וועגן דעם, — האָט מאַקס באַמערקט.

— „דאַכט זיך"? — אַזאַ זאַך פאַרגעסט מען ניט, צעדרייטער! — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן. — דאָס איז איינס. די צווייטע שליחות מיינע איז נאָך וויכטיקער פאַר דיר.

— וואָס איז די צווייטע?

— פון לילי מאַרשאַל. זי וויל, אַז איך זאָל דיך מאָרגן אָוונט ברענגען צו איר?

— מאָרגן אָוונט?

— יאָ. און דו מוזט גיין צו איר, מחמת, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, איז איר באַקאַנטשאַפט פאַר דיר זייער וויכטיק. ווי עס ווייזט־אויס האָט זי שוין זיך פאַראינטערעסירט אין דיר...

— אין מיר אָדער אין מיין אַרבעט?

— אין דער שיינער אַרבעט פון דעם שיינעם יונגנמאַן, — האָט אַלעקס געענטפערט מיט אַ שטיפערישער מינע — און ווייטער וועסטו שוין אַליין אויסגעפינען...

— און די איינלאַדונג איז אויף מאָרגן אָוונט? — האָט מאַקס פאַרטראַכט איבערגעפרעגט. — ווער נאָך וועט דאָרט זיין?

— דאָס האָט זי מיר ניט געזאָגט. איך וועל דאָרט זיין זיכער.

אימעצער האָט שטיל אָנגעקלאַפט אין דער טיר און לאַראַ איז אַריינגעקומען. זי האָט דערזען אַלעקסן, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן צוריק, אָבער מאַקס איז שוין געווען נעבן איר.

— קום, לאַראַ, בלייב דאָ מיט אונדז, — האָט ער געזאָגט.

אַלעקס האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט זיך פאַרנייגט.

האַלב־צעמישט און מיט אַ צערויטלט פּנים האָט לאַראַ געפרעגט:

— שטער איך אייך ניט?

אוןביידע יונגעלייט האָבן געענטפערט אין איין צייט:

— ניין! ניין!

זיי אַלע האָבן זיך געזעצט, מאַקס נעבן לאַראַן מיט אַן אָרעם אַרום איר אַקסל און אַלעקס אויף אַ שטול קעגן זיי.

און דאָ האָט אַלעקס מיטאַמאָל זיך אָנגערופן צו לאַראַן:

— כ'האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איך דאַרף מיין פריינט מאַקסן מקנא זיין נאָך פאַר עפּעס, אחוץ פאַר זיין טאַלאַנט.

— וואָס מיינט איר? — האָט זי שטיל געפרעגט, אַריינדריקנדיק זיך מיט איר אַקסל אין מאַקסעס אָרעם און קוקנדיק מיט אַ פריידיקער מינע צו אַלעקסן.

— איך מיין, — האָט ער געענטפערט, — וואָס ער האָט אַזאַ פריינדין ווי איר, לאַראַ.

— אַ דאַנק, אַלעקס, — האָט זי געזאָגט.

— איז זי ניט ליב, אַלעקס? — האָט מאַקס זיך אָנגערופן און ער האָט צוגעדריקט זיינע אַ באַק צו אירער.

— „ליב"? — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן. — דאָס וואָרט איז צו פּראָזאַאיש, הער קינסטלער! זי איז מער ווי ליב; זי איז מער ווי שיין...

— זי איז מיין מוזע, — האָט מאַקס אונטערגעכאַפּט.

לאַראַ איז אויפגעשפּרונגען.

— גענוג, גענוג, קינדער, אַניט וועל איך מיינען, אַז איר לאַכט פון מיר!

און מיטאַמאָל האָט זי זיך גראַציעז פאַרנייגט און זי האָט פאַרלאָזט דעם צימער.

מאַקס האָט דעמאָלט ווידער געזאָגט:

— ערנסט, אַלעקס, איז זי ניט ליב?

— יאָ, — האָט געענטפערט אַלעקס.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויסגענומען זיין זייגער און אַ קוק געטאָן אויף אים.

— איך מוז גלייך גיין. אַלזאָ, מאָרגן ביי לילי מאַרשאַל. פאַרגעס ניט.

— ניין, איך וועל ניט פאַרגעסן.

— דו קום צו מיר אַהיים. פון דאָרטן וועלן מיר פאָרן צו איר.

און אַלעקס איז אַוועק.

16

אויף מאָרגן אויפדערנאַכט זיינען אַלעקס און מאַקס געפאָרן צו לילי מאַרשאַל אַהיים.

און זיצנדיק אין דעם אויטאָמאָביל, האָט מאַקס פּלוצים זיך געווענדעט צו אַלעקסן:

— זאָג מיר נאָר, דו האָסט מיר נאָך גאָרנישט דערציילט וועגן איר מאַן. וואָס איז ער פאַר אַ מענטש, דער מיסטער מאַרשאַל?

— אַן עלטערער מענטש. מיט אַ יאָר דרייסיק עלטער פון איר. זייער רייך, זייער דיק און זייער אומגעלומפּערט. אַחוץ זיינע געשעפטן און זיין ווייב אינדערהיים, און זיין ברידזש און פּאָקער אין קלוב, עקזיסטירט מער קיינער און גאָרנישט פאַר אים, — האָט אַלעקס געענטפערט.

— אַזאַ מענטש איז ער? ווי קומט עס, וואָס אַזאַ, ווי לילי, זאָל הייראַטן מיט אַזאַ מאַן? — האָט מאַקס זיך פאַרוואונדערט.

— גאַנץ איינפאַך: ווייל זי איז געווען אָרעם און ער זייער רייך. איר פאָטער איז פאַר 1929 אויך געווען רייך. ער איז אָבער געווען אַ ספּעקולאַנט, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין גרויסע ספּעקולאַציעס אין וואָל סטריט, איז ער אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. און שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ, איז די יונגע לילי אָנגעקומען צו דעם באַנקיר ווילסאָן אַלס גוואווערנאַנטקע צו זיינע קינדער. זי איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין, געבילדעט און דער עיקר קלוג און פּראַקטיש. זי האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען ווי צו באַנוצן איר כישוף אויף די מענער. און אַזוי ווי דער דיקער קאָרנעליוס מאַרשאַל איז געווען אַן אַלמן און אַ הויז־פריינט ביים באַנקיר ווילסאָן, האָט לילי אים פאַרליבט אין זיך.

— דאָס הייסט, זי האָט זיך איינפאַך פאַרקויפט פאַר געלט, — האָט מאַקס זיך אָנגערופן.

— פאַר אַ לעבן אין גרעסטן וואוילטאָג, — האָט אַלעקס געענטפערט. — היינט איז זי איינע פון אונדזערע פאַרנעמסטע דאַמען. זי וואָלט קיינמאָל דאָס ניט געווען, ווען זי וואָלט ניט חתונה געהאַט מיט אַט דעם אַלטן העלפאַנט.

— אַ שיינער פאַמיליען־לעבן! — האָט מאַקס זיך צעלאַכט.

— ניט ערגער איידער טויזנט אַנדערע, — האָט אַלעקס באַמערקט. — בעסער איידער אַ סך, וואָס איך קען. צווישן איר און דעם אַלטן העלפאַנט איז אַלצדינג אָפן. זי שפּילט זיך מיט די מענער און ער ווייסט עס, און ער שטערט איר ניט. ער ווייסט, אַז דעם גרענעץ וועט זי קיינמאָל ניט איבער־טרעטן...

— ווי אַזוי קאָן ער דאָס וויסן?

— ווייל ער קען זי; ווייל ער זעט, ווי גיך און ווי אָפט זי שטויסט אַוועק פון זיך אירע קרבנות. ווען זי וואָלט אים אומטריי געווען, וואָלט זי כאָטש איינעם פון זיי איינגעהאַלטן. ער זאָגט צו מיר אַמאָל: „לילי שפּילט מיט איך, יונגעלייט, ווי איך מיט מיינע קאָרטן. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס איך פאַרשפּיל אַמאָל און זי קיינמאָל ניט...״

— און ער איז גאָר קיינמאָל ניט אייפערזיכטיק אויף איר?

— איך גלויב, אַז ניט. דער פאַקט וואָס ער איז זעלטן אינדערהיים בעת געסט קומען צו איר, באַווייזט, ווי זיכער ער איז אין איר. און זי אַליין האָט עס מיר דאָס אויך געזאָגט. „מיין מאַן״, האָט זי צו מיר געזאָגט, „וואָלט זיינע אָוונטן ניט פאַרבראַכט אין קלוב, ווען ער וואָלט ניט געוואוסט, אַז ער דאַרף מיך ניט היטן...״

האָט מאַקס זיך אָנגערופן:

— היינט צוליב וואָס טוט זי דאָס? מען האַלט זי דאָך פאַר אַ געפּער־לעכער פאַרפירערין?

— יאָ, אַז דו ווילסט איז זי דאָס. יאָ, זי איז אַ געפערלעכע פאַרפירערין. און דאָס איז יעדע פרוי, אויב דו ווילסט. יעדע פרוי האָט ליב דעם ליבע־שפּיל. און זי אפשר מער איידער די אַנדערע. מחמת זי איז דורכאויס פרוי. טרויעריק איז נאָר פאַר אונדז, מענער, וואָס לאָזן זיך אַריין מיט איר אין אָט דעם שפּיל. דו ווייסט פאַרוואָס?

— פאַרוואָס?

— ווייל ווען דאָס שפּיל דערגרייכט דעם הויכן פּונקט, לאָזט זי מיט אַמאָל אַרונטער דעם פאַרהאַנג איבער דעם, און אויס שפּיל!...

מאַקס האָט אַרויסגערעדט ווי צו זיך אַליין:

— אינטערעסאַנט!

און דערנאָך זיך ווידער אָנגערופן צו זיין פריינט:

— זאָג מיר נאָר, צו וואָס שלעפּסטו מיך צו איר? דו ווייסט? פון דיינע ווערטער שטויס איך זיך אָן וואָס פאַר אַ פרוי יענע איז. אפשר אַן אינטערע־סאַנטע. עס קאָן זיין זייער און זייער אַן אינטערעסאַנטע. אָבער ניט פאַר מיר. איך האָב ניט קיין געדולד פאַר פרויען פון דעם סאָרט. ערנסט, אַלעקס, איך וויל וויסן, וואָס קאָן מיר אַרויסקומען פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט איר?

— זייער אַ סך, מאַקס. איך וואָלט דיך ניט צוגערעדט צו פאָרן צו איר, ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, ווי וויכטיק עס איז איר באַקאַנטשאַפט פאַר דיין צוקונפט. אַ סך קינסטלער האָט זי פאַר דער וועלט אַרויסגעבראַכט. דעם

באַרימטן וויאָליניסט וויזיאַנאַ האָט זי פאַר דער וועלט אַרויסגעבראַכט. דו האָסט אים געהערט?

— יאָ, אַ וואונדערלעכער קינסטלער.

— און דאָס האָט מען זיך ערשט דערוואוסט, ווען לילי מאַרשאַל האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט. פריער איז קיינער צו זיינע קאָנצערטן ניט געקומען. אָבער נאָכדעם, ווי זי האָט אָנגעהויבן איר פּראָפּאַגאַנדע פאַר אים, האָט גאַנץ ניו־יאָרק דערנאָך גערעדט וועגן דעם גרויסן קינסטלער אין אַלע צייטונגען, און וויזיאַנאַ איז מיט אַמאָל באַרימט געוואָרן.

— יאָ, איך דערמאָן זיך, — האָט מאַקס אַרויסגערעדט פאַרטראַכט. — איך האָב וועגן דעם אין די צייטונגען געלייענט.

לילי מאַרשאַל האָט געוואוינט אַרום יאָנקערס. אַלעקסעס אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ שיינער ווילאַ.

— דאָ איז עס, — האָט ער געזאָגט.

זיי זיינען אַריין דורך אַן אייזערנעם טויער אין אַ גאָרטן, וואָס האָט אויס־געזען פאַרוויסט אין דעם דאָזיקן ווינטערדיקן אויפדערנאַכט. פון הינטערגרונט האָט צו זיי אַ בליאַסק געטאָן אַ ווייסע, צווייסטאָקיקע הויז, וואָס האָט זיך ווי געבאָדן אין כוואַליעס עלעקטרישן ליכט.

— געדענק, — האָט אַלעקס זיך ווידער אָנגערופן, — זיי מיט איר אַזוי נאַטירלעך ווי מיט מיר. וויל נאָר ניט זיין מער חכם ווי דו ביזט. איך וויל, אַז דו זאָלסט איר געפעלן.

מאַקס האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקוקט זיין פריינט מיט אַ באַליידיק־טער מינע.

— אַז דו רעדסט צו מיר אַזוי, שיק איך צום טייוול דיך מיט איר צוזאַמען און איך גיי צוריק!

האָט זיך אַלעקס צעלאַכט.

— צוריק וועסטו ניט גיין. אָבער דער טאָן דיינער געפעלט מיר. האַלט אים טאַקע אָן מיט איר אויך. אַ חוצפּהדיקער, אָבער פאַר אַ קינסטלער, ווי דו, פּאַסט ער! אַזוי וועסטו איר געפעלן...

— ווער וויל עס איר געפעלן? איך פייף אויף איר! — האָט מאַקס אַרויסגעמורמלט.

— דהעט׳ס איט! — האָט אַלעקס געלאַכט, און ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם. — קום, דו וועסט עס איר זאָגן!...

אַ דינער אין אַ פּאַראַדנעם אָנצוג האָט פאַר זיי געעפנט די טיר און פון זיי אַרונטערגענומען די מאַנטלען.

צווייטער טייל

1

די עלעגאַנץ, וואָס האָט זיך באַלד פאַר מאַקסעס אויגן געעפנט, האָט אויף אים געמאַכט נאָך מער איינדרוק ווי די עלעגאַנץ ביי אַלעקסן אינדער־היים, צי אַפילו ביי זאַנשיינען אין דעם רייכן הויז אין לייפּציג. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט געשוואומען אין שטראָמען פון מילדן ליכט און פון ווייכע, סאַמעטענע פאַרבן און קאָלירן...

אין יעדן צימער, וואָס ער מיט אַלעקסן זיינען דורכגעגאַנגען — אַנדערע פאַרבן, אַנדערע קאָלירן און אַן אַנדער ליכט. ווענט און מעבל, סופיט און דיל — איין קאָליר, באַלויכטן דאָ פון ווייסן, דאָ פון בלויען און דאָרט פון טונקל־ראָזעווען ליכט.

ווי אין אַ חלום האָט מאַקס דאָס אַלצדינג געזען און ווי אין אַ חלום איז פּלוצים אַרויסגעשוואומען פון דעם ים ליכט און פאַרבן די הויכע, שלאַנקע געשטאַלט פון לילי מאַרשאַל. פול מיט חן האָט זי געשמייכלט און אויס־געשטרעקט איר האַנט אַפריער צו אַלעקסן, וואָס האָט זי צו זיינע ליפּן צוגעטראָגן.

נאָכדעם האָט זיך די קליינע און קרעפּטיקע האַנט צו מאַקסן אַ ציי געטאָן און ער האָט דערהערט ווערטער, אַרויסגערעדט פון אַ טיפער ברוסט־שטים:

— גוד איוונינג! עס פרייט מיך צו זען אייך ביי מיר.

מאַקס האָט זיך מעכאַניש פאַרנייגט, גענומען איר האַנט און זי צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן, ווי אַלעקס האָט עס געטאָן.

דערנאָך איז ער געקומען צו זיך און האָט דרייסטער אַ קוק געטאָן אויף איר.

זי האָט אויסגעזען גאַנץ אַנדערש, ווי ביי די ריינשטיינס אינעם הויז יענעם אָוונט. איר פּנים, ממש ווי פון מאַרמאָר, מיט חן־גריבעלעך אויף די באַקן, האָט ניט געהאַט קיין שום סימן פון יענער האַרטקייט, וואָס עס האָט יענעם אָוונט געהאַט. איצט האָט דאָס פּנים אירס געשמייכלט ווייך און צאַרט, און אירע טיפע, בלויע אויגן אונטער די רויטע ברעמען האָבן גע־לאַסטשעט.

מאַקס האָט ערשט איצט באַמערקט, ווי שיין זי איז געווען. ער האָט באַ־מערקט אירע חן־גריבעלעך און איר קאָפּ רויטלעכע האָר, ווי זאַפרען, און די גאַנצע געשטאַלט אירע, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„ווי אַ סטאַטוע פון אַ קונסט־גאַלעריי . . . אויף אַן אמת געפערלעך...“

זי האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ גאַסט־צימער, וואָס איז באַלויכטן געווען פון אַ ווייכן, ראָזעווען ליכט. אַ יונגע פרוי איז זיי אַנטקעגן געקומען. זי איז געווען אַ קליינע ברונעטקע, מיט קלוגע אויגן און מיט גלאַט־פאַרקאַמטע, שוואַרצע האָר. אַלעקס האָט זי באַגריסט, ווי אַ גוט־באַקאַנטע.

— מיס גרין! — האָט לילי זי פאַרגעשטעלט פאַר מאַקסן.

און ער האָט זיך פאַרנייגט.

מערי גרין איז געווען לילים סעקרעטאַרין, וועלכע האָט געוואוסט אַלע אירע סודות.

זיי האָבן זיך אַלע געזעצט אין די ווייכע פאָטעלן. נאָר לילי אַליין איז געבליבן שטיין.

זי האָט זיך אוועקגעשטעלט ווי אומיסטנע אונטער דעם ראָזעווען שיין פון אַ גרויסן לאָמפּ־שירעם, וואָס אונטער אים האָט איר קאָפּ אויסגעזען רויטער, און זי האָט פון ווייטן געשמייכלט צו מאַקסן.

און ווי ער האָט ניט אַנגעשטרענגט זיין ווילן, האָבן דאָך איר בליק און שמייכל אים ווי פאַראַליזירט, און ער האָט געמוזט די אויגן אָפּווענדן פון איר.

ער האָט געטראַכט:

„וואָס קוקט זי אַזוי אויף מיר? הויבט זי דאָס אָן אַזוי איר שפּיל? אָבער ניט געטראָפן דעם אָרט.“

אַלעקס האָט זיך אונטערהאַלטן דערווייל מיט מיס גרין. מאַקס האָט געוואָלט צוהערן זיך צו זייער שמועס, נאָר דאָ איז לילי צוגעקומען צו זיי און האָט גענומען עפּעס רעדן, און, ווי פון זיך אַליין, האָבן זיינע אויגן זיך אַ צי געטאָן צו איר, און זיין בליק איז ווי פאַרזונקען געוואָרן אין איר.

זי איז איצט געשטאַנען צו אים צו אין פּראָפיל, הויך און עלעגאַנט, אין אַ בלויען קלייד פון הימל־קאָליר, און קעגן זיין ווילן האָט ער ווידער אַ טראַכט געטאָן:

„ווי שיין זי איז!“

און עפּעס אַ בענקעניש האָט אים אַנגעכאַפּט.

און פּלוצים איז ער בייז געוואָרן אויף זיך און ער האָט זיך גענומען זידלען אין זיינע געדאַנקען: „אידיאָט! שווייַן!“ און אַוועקגעדרייט פון איר די אויגן.

און אין אָט דער רגע האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— זייט איר אַלעמאָל אַזאַ שעמעוודיקער? — האָט זי געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט בלויע, לאַכנדיקע אויגן.

דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט פאַר אים, אַז אויף אַ מאָמענט איז ער צעמישט געוואָרן. צעטומלט האָט ער זיך אָנגערופן:

— האַ?

האָט זי איבערגעפרעגט איר פֿראַגע און אירע בלויע אויגן האָבן נאָך מער געלאַכט.

האָט ער דערנאָך געענטפֿערט, אָבער נאָך אַלץ אין אַ צעטומלטן טאָן:

— פֿאַרוואָס דענקט איר, אַז איך בין אַ שעמעוודיקער?

— איר זיצט אַזוי שטיל, ווי אַ שעמעוודיקער יינגל. ווי אַלט זייט איר?

די דאָזיקע ווערטער, איבערהויפּט דאָס וואָרט „יינגל“, האָט אים פֿון זיין צעטומלטקייט אַרויסגעבראַכט. ער איז געוואָרן בייז אויף זיך, הלמאַי ער האַלט זיך אַזוי ווי אַן „אידיאָט“, און אויף איר, הלמאַי זי פֿאַרגלייכט אים צו אַ יינגל. כמעט גראָב האָט ער געענטפֿערט:

— ווי אַלט איך בין? עלטער פֿון אַ „יינגל“, מאַדאַם. מיט אַ פּאָר יאָר עלטער.

זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט און זיך אָנגערופֿן:

— אַנטשולדיקט, הער קינסטלער. איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז ביי די קינסטלער, ווי ביי אונדז פֿרויען, פֿרעגט מען ניט אויף זייער עלטער.

האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן און ער האָט אַרויסגעמורמלט מיט אַ פֿאַרשעמטן שמייכל:

— איך בין פֿינף־און־צוואַנציק, מאַדאַם.

— בין איך עלטער פֿון אייך מיט גאַנצע דריי יאָר, — האָט זי דערנאָך געזאָגט. — איר זעט? איך שעם זיך ניט צו זאָגן ווי אַלט איך בין! — האָט זי צוגעלייגט און אַ לאַשטשע געטאָן אים מיט אַ שמייכל, וואָס האָט גערעדט, האָט זיך געדאַכט:

„דרייסטער, דו געפֿעלסט מיר!“

נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופֿן:

— דערציילט מיר עפּעס וועגן זיך. פֿון אַלעקסן ווייס איך, אַז איר האָט געהאַט אַן אינטערעסאַנטע קינדהייט. איר זייט דאָך געבאָרן געוואָרן אין פֿילאַדעלפֿיע, ניין?

— יאָ. ביי אַ פֿאָטער אַן אָרעמען שוסטער און ביי אַ מאַמען אַ פּעדלערקע. איז דאָס אינטערעסאַנט פֿאַר אייך?

— זייער. אָט דאָס רופֿ איך אמת־אינטערעסאַנט. אַרויסוואַקסן פֿון אַזאַ אומגעבונג, אויף דעם מוז מען זיין גאָר אַ גרויסער טאַלאַנט. איך האָב דאָס אָבער אין אייער שפּילן דערפֿילט, ווען איך האָב אייך געהערט ביי די ריינשטיינס.

— וואָס האָט איר דערפֿילט?

— דעם קינסטלער, דעם גרויסן טאַלאַנט.

און דאָ האָט זי אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַן אָרעם און צוגעלייגט מיט וואַרעמקייט:

— זייט רואיק, מיין פריינט, מיר וועלן אייך אַלע העלפן. אַחוץ דעם, געדענקען מיר אויך, אַז איר זייט אַ קרבן פון די נאַציס און אַז עס איז די פליכט פון אונדז אַלעמען אייך צו העלפן.

— איך דאַנק אייך, מאַדאַם מאַרשאַל.

זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איך בין געוואוינט, אַז מיינע פריינט זאָלן מיך רופן אייגפאַך „לילי". רופט מיך אויך אַזוי.

ער האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט נאָך אַמאָל:

— אַ דאַנק.

— וועמען דאַנקט איר? — האָט זי געפרעגט און געקוקט אויף אים מיט אַ שמייכל.

— איך דאַנק לילין.

און זייביידע האָבן זיך צעלאַכט הויך אויפן קול.

לילים מאַן איז אַריינגעקומען.

ער איז געווען קורץ און פעט, מיט אַ רויטן, אויפגעבלאָזענעם פנים און גרויסע, אויסגעקאַטשעטע אויגן. קיין באָרד האָט ער ניט געהאַט, און די עטלעכע גרויע האָר, וואָס זיינען געשטאַנען ביי אים אויפן גלאַנציקן שיידל, זיינען ביי אים פייכט געווען פון דער פאָמאַדע, מיט וועלכער ער האָט זיי געשמירט.

ער האָט זיך געקייקלט אויף קורצע, גראָבע פיס מיט אַ בויך, ווי אַ ביר־פאַס, אויסגעשטעלט אין פאָראויס, און ער האָט שווער געסאָפּעט, מחמת די לעצטע צייט האָט ער געליטן פון אַסטמע.

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פרוי מיט אַ העפלעכער מינע. זי האָט פאָר־געשטעלט פאַר אים מאַקסן.

— קאָרנעליוס, — האָט זי געזאָגט, — באַקען זיך מיט מיין נייעם גאַסט, אַ צוקונפטיקער מוזיקאַלישער זשעני.

— אָה! — האָט קאָרנעליוס מאַרשאַל הייזעריקלעך אויסגעשריען און געקוקט שפּאָטיש מיט זיינע רונדע, אויסגעגלאָצטע אויגן אויף מאַקסן. — אַזוי? אַ צוקונפטיקער מוזיקאַלישער זשעני? נו, געוויס, די מערסטע געסט פון מיין ווייב זיינען זשעניען!

און ער האָט דערלאַנגט מאַקסן זיין קורצע, פעטע האַנט.

— און אויף וועלכן אינסטרומענט שפּילט איר? — האָט ער גערעדט ווייטער.

לילי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אויף אַלע אינסטרומענטן שפּילט ער, טייערער. ער איז אַ קאָמ־פּאָזיטאָר.

— אַזוי? פיין, פיין! עס פרייט מיך. און אויף מיין אינסטרומענט שפּילט איר אַמאָל אויך? — האָט דער אַלטער גוטמוטיק גערעדט ווייטער צו מאַקסן.

— וואָס איז אייער אינסטרומענט? — האָט מאַקס געפרעגט.

— פּאָוקער, ברידזש און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, — האָט דער אַלטער מאַרשאַל געענטפערט און האָט זיך הייזעריק צעלאַכט.

מאַקס האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— ניין.

— ניין? דאַן זייט איר ניט מיין מענטש. דאַן זייט איר אינגאַנצן אירער. פאַרשטייט איר מיך, מיר האָבן צווישן זיך צעטיילט די אינסטרומענטן. אַלע מוזיקאַלישע פאַר איר און די קאָרטן־אינסטרומענטן פאַר מיר. ניט אַזוי, לילי?

— יאָ, טייערער, — האָט זי געענטפערט.

דער אַלטער מאַרשאַל האָט נאָכדעם אַרויסגעלאָזט מאַקסעס האַנט פון זיינער און איז צוגעגאַנגען צו אַלעקסן.

מאַקס האָט געפילט אַן אומאַנגענעמע וואַרעמקייט אויף זיין האַנט פון יענעמס באַרירונג. ער וואָלט זיין האַנט אָפּגעווישט, ווען לילי וואָלט ניט געשטאַנען לעבן אים. עס האָט אים געעקלט פון יענעמס באַרירונג. און ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז לילי איז יענעמס ווייב, האָט זי אין זיינע אויגן מיט אַמאָל איר גאַנצן פריערדיקן רייץ פאַרלאָרן.

די געזונטע נאַטור פון אָט דעם יונגן קינסטלער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם.

און ווי זי וואָלט דערשפּירט, וואָס ער פילט און טראַכט, האָט לילי זיך אָנגערופן צו אים:

— איר וואונדערט זיך געוויס, וואָס מיין מאַן ... ער איז בעסער איידער ער זעט אויס. ער איז גוטהאַרציק און איך האָב ביי אים די פולסטע פרייהייט, און דאָס איז ביי מיר דער עיקר...

דערמיט האָט זי, געוויינלעך, אָנגעהויבן איר שפּיל מיט אַ מאַן, אויב ער איז איר געפעלן געוואָרן. אָבער אויף מאַקסן האָט איר לעצטע באַמערקונג קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט. ער האָט געזען דעם גרויסן, שווערן בויך פון איר מאַן, וועלכער האָט דאָרט עפּעס גערעדט מיט אַלעקסן, און ער האָט געטראַכט מיט עקל:

„אַ פרוי וואָס קאָן פועלן ביי זיך חתונה צו האָבן מיט אַזאַ פּאַרזעעניש, איז סיי־ווי אַ מיאוסע בריאה !..."

אַ דינער האָט געעפנט די טירן פון דעם עס־צימער. לילי האָט אויס־גערופן :

— מיינע הערן, צום טיש !...

2

ביים טיש האָט לילי אַוועקגעזעצט מאַקסן לעבן זיך. איר מאַן איז געזעסן צווישן אַלקעסן און מיס גרין און ער האָט זיך הויך אויפן קול אונטערהאַלטן מיט זיי, און נאָכאַנאַנד האָט זיך געהערט זיין הייזעריקלעכער געלעכטער.

און לילי האָט זיך שטיל אונטערהאַלטן מיט איר טיש־שכן.

צווישן די געריכטן האָט מען געטרונקען ווייַן. נאָך אַ פּאָר גלעזער גוטן ווייַן איז מאַקס געוואָרן גאָר לעבעדיק. ער האָט גערעדט און געלאַכט, און ווידער און ווידער האָט ער געטראַכט :

„גאָט, איז זי שיין !..."

לילי האָט פאַרשטאַנען די קונסט ווי אַזוי צו פירן אַן אינטערעסאַנטן שמועס, בפרט מיט אַ מענטשן וואָס זי האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט. אויף אַזאַ אופן האָט זי יענעמס כאַראַקטער שטודירט, זיינע שוואַכקייטן אויס־געפונען און דערנאָך לויט זיי מיט אים זיך באַגאַנגען. אין דעם איז זי געווען אַן אמתע מייסטערין...

און פאַראינטערעסירט האָט זי זיך נאָר מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס זי האָט זיי געוואָלט באַהערשן. עס איז פאַר איר געווען ממש אַ האַרץ־ און בלוט־באַדערפעניש צו שפּילן זיך מיט די שוואַכקייטן פון די דאָזיקע מענער און צו באַזיגן זיי.

די מערסטע פון אָט די מענער האָבן ווי געהאַט פּעטראַלעאום אין זייערע הערצער, און זיי האָבן זיך גלייך אָנגעכאַפּט פון איין פונק אירן. און אַז עמעצער פון זיי האָט נאָכדעם צופיל געפּאָדערט, האָט זי אים היינט אַוועקגעשטויסן פון זיך און מאָרגן האָט זי אים ווידער אַ פריינטלעכע מינע געוויזן. און אַזוי האָט זי זיך אַמוזירט מיט דעם דאָזיקן שפּיל...

זי האָט אָבער אויך געקאָנט אַרויסווייזן אַ מערקווירדיקע איבערגעגעבנ־קייט צו אַנדערע פון זיי, און, איבערהויפּט, צו קינסטלער, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין הילף.

אַמאָל האָט עמעצער פון די קינסטלער, און איבערהויפּט אַזאַ איינער, וואָס זי האָט ביי אים דערשפּירט טיפערע, שאַרפערע און צוגלייך פיינערע געפילן,

איר האַרץ אַנגעצונדן און אַ חלום פון ליבע דאָרט אויפגעוועקט. אָבער שטענדיק האָט אַ געוויסע מורא קעגן דעם איר געוואָרנט און זי צוריקגעהאַלטן.

איז דאָס געווען די מורא צו ריזיקירן? די מורא פאַר אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל? טיילוויז דאָס אויך. אָבער זי אַליין האָט זיך געוואָלט איינרעדן, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, מחמת זי האָט געוואָלט בלייבן טריי איר מאַן, ווי זי האָט שטענדיק געזאָגט אירע מענער־פריינט אין געוויסע מאָמענטן:

„מיין מאַן האָט צו מיר דעם פולסטן צוטרוי און איך וועל זיין צוטרוי ניט באַטריגן...“

און אַן אַנדערש מאָל האָט זי געטראַכט נאָך עפּעס, וואָס איז געווען נעענטער צום אמת.

זי האָט דאָס איין מאָל אַרויסגערעדט פאַר איר פּריוואַט־סעקרעטאַרין, מיס גרין. זי האָט צו איר געזאָגט:

— דער מאַן, פאַר וועמען איך וואָלט זיך געקאָנט פאַרלירן, מוז זיין אַ גאַנץ באַזונדערער מאַן; אַזאַ איינער, וואָס אין מיינע אויגן זאָל ער זיין אויסער־געוויינלעך...

און אויף אַזאַ מאַן האָט זי געוואָרט אין איר אונטערבאַוואוסטזיין; אים האָט זי אין אַ טונקעלן ווינקל פון איר האַרצן די גאַנצע צייט געזוכט...

ביז אַהער האָט זי אַזאַ נאָך ניט געטראָפן. די אַלע מענער וואָס זי האָט ביז אַהער געטראָפן, סיי קינסטלער און סיי ניט־קינסטלער, סיי אין דעם לאַנד און סיי אין די אַנדערע לענדער וואָס זי האָט באַזוכט ביז אַהער (זי איז שוין צוויי מאָל אַרומגעפאָרן אַרום דער וועלט: איינמאָל, מיידלוויז, מיט איר פאָטער; דעם צווייטן מאָל, מיט דריי יאָר צוריק, מיט איר מאַן), זיינען געווען אַזוי ענלעך איינער צום אַנדערן, און זיי אַלע האָבן געזוכט ביי איר מיט אויסגעהונגערטע, חיהשע אויגן דאָס אייגענע...

בלויז פאַראיאָרן האָט זיך איר אויסגעוויזן אַ געוויסע צייט, אַז זי האָט געטראָפן איינעם, וואָס איז ניט געווען ענלעך צו די אַלע אַנדערע מענער. דאָס איז געווען דער יונגער באַגאַבטער וויאָליניסט, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד פאַר ליבע צו איר. אַ שטיק צייט דערנאָך האָט זי אים באַוויינט מיט אויפריכטיקע טרערן און זי האָט געליטן אמתע יסורים, און זי האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זיין הלמאי זי איז זיך מיט אים ניט באַגאַנגען אַנדערש, ווי מיט די אַנדערע מענער... און דעמאָלט האָט זי זיך אויך געגעבן אַ וואָרט אויפצוגעבן איר שפּיל מיט די מענער. זי האָט איר וואָרט געהאַלטן, און די גאַנצע צייט אין די לעצטע עטלעכע חדשים האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט פילאַנטראָפּישער אַרבעט. איבערהויפּט מיט דער אַרבעט פאַר די קרבנות פון דייטשלאַנד...

זי האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד, צי יענע קרבנות זיינען געווען יידן אָדער ניט־יידן. אויך צווישן ניט־יידישע קרבנות האָט זי געהאַט אַ סך קרובים פון איר מוטערס צד. אַפילו איין דייטשער פּאַסטאָר פון בייערן האָט באַלאַנגט צו איר מוטערס משפּחה. אַזוי אויך זיינען אין איר מאַנס משפּחה (ער האָט אויך געשטאַמט פון דייטשלאַנד) געווען קאַטאָליקן וואָס זיינען גע־וואָרן קרבנות אין זייער פאַטערלאַנד זינט היטלער איז דאָרט אויפגעקומען.

דאָס האָט איר געקאָסט אַ סך געלט. איר מאַן אָבער איז געווען גענוג רייך און זי האָט געקאָנט ביי אים קריגן געלט וויפיל זי האָט נאָר געוואָלט. דער אַלטער איז פאַרליבט געווען אין איר. זיין ערשטע ווייב, די מאַמע פון זיינע פיר אויסגעצויגענע קינדער, איז געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק. און שפּעטער, ווען ער האָט געטראָפן לילין און האָט חתונה געהאַט מיט איר, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ערשט ביי איר האָט ער געפונען דעם אמתן גליק.

אָט אַזאַ איז געווען לילי מאַרשאַל און אַזוי זיינען געווען די באַציאונגען צווישן איר און איר מאַן ווען מאַקס האָט זיך מיט איר געטראָפן יענעם אויפדערנאַכט ביי איר אינדערהיים.

ביים טיש זיינען זיי געזעסן איבער אַ שעה. נאָכדעם האָבן זיך אַלע אויפ־געהויבן פון טיש און לילי האָט זיי איינגעלאַדן אין איר מוזיק־צימער.

אין מיטן פון דעם דאָזיקן לאַנגן, טונקל־באַלויכטענעם צימער איז גע־שטאַנען אַ גרויסע פּיאַנאָ צווישן צוויי טייערע וואַזאַנעס מיט לעבעדיקע בלומען. דאָרט איז לילי געבליבן שטיין מיט מאַקסן. אַלעקס האָט זיך געזעצט לעבן מיס גרין אויף אַ קליינער סאָפע וואָס איז דערביי געשטאַנען. און דער דיקער קאַרנעליוס מאַרשאַל האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זיי אַלעמען מיט דער דערקלערונג, אַז ער דאַרף וועגן עפּעס טעלעפאָנירן אין זיין קלוב, אַז ער קומט באַלד צוריק.

לילי האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— איך האָף, טייערער, אַז דו וועסט היינט פאַרבלייבן דעם אָונט אינ־דערהיים כדי צו הערן אונדזער גאַסט.

— אָ, זיכער, זיכער! פאַר קיין זאַך אין דער וועלט וועל איך ניט דורכ־לאָזן אַזאַ פאַרגעניגן. איך קום באַלד צוריק, — האָט דער אַלטער קאַרנעליוס מאַרשאַל איר געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

לילי האָט זיך נאָכדעם אַ קער געטאָן צו איר סעקרעטאַרין, וועלכע איז נאָך געזעסן לעבן אַלעקסן און מיט אים געשמועסט:

— מיס גרין, ווען וועט מיסטער ראַלאַנד דאָ זיין?

— ער האָט געזאָגט, אַז אַרום אַכט.

לילי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט־זייגערל און באַמערקט:

— אויב אַזוי, דאַרף ער דאָ באַלד זיין.

און זי האָט דערקלערט מאַקסן, אַז זי מיינט עס דעם מיסטער ראָלאַנד, דעם באַרימטן מוזיק־קריטיקער פון „מאָרנינג סטאַר".

— איך וויל, אַז ער זאָל אייך הערן, מאַקס, — האָט זי געזאָגט.

מאַקס, אויפגעלעבט פון דעם ווײַן און אויך פון דער באַקאַנטקייט פון אָט דער יונגער, שיינער פרוי, האָט וואַרעם און האַרציק געשמייכלט ווי אַ געזונט קינד. ער האָט געזאָגט:

— ראָלאַנד פאַרשטייט מוזיק.

— און מיט זיין מיינונג רעכנט מען זיך, — האָט לילי אונטערגעכאַפּט.

— און דאָס איז די הויפּט־זאַך.

— איך דאַנק אייך, מאַדאַם.

— „מאַדאַם" ? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מאַקסן מיט אַ פאַרוואורף.

— אַנטשולדיקט, איך מיין לילי...

— אָט אַזוי. און פאַרגעסט עס ניט.

זי האָט גענומען אַ פּעכער פון אַ דערבייאיקן קליינעם טישל. זי האָט אים געהאַלטן אין דער האַנט און זיך געשפּילט מיט אים. זי האָט אים געעפנט און צוגעמאַכט, צוגעמאַכט און אים געעפנט, און דערביי האָט זי געקוקט אויף מאַקסן מיט אַזעלכע אויגן, וואָס האָבן ווי גערעדט:

„מיר איז אַזוי אַנגענעם וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן!..."

מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זע נאָר, וואָס שטייען מיר? קומט, זעצט זיך דאָרט.

און זיי האָבן זיך געזעצט אין דעם ווייטסטן ווינקל פון דעם צימער. דאָרט וואו זיי זיינען געזעסן, האָט שוין אַלעקס און מיס גרין זיי ניט געקאָנט זען.

— איצט דערציילט מיר עפּעס וועגן אייער אַרבעט, — האָט לילי פּלוצים געזאָגט.

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן? אַ ביסל האָט איר געהערט ביי די ריינשטיינס אין הויז.

— און וויפיל איך האָב ניט געהערט פון אייער מוזיק, קאָן איך עס ניט פאַרגעסן. אייער מוזיק יענעם אָוונט האָט מיך איינפאַך באַצויבערט.

ער איז געוואָרן רויט פון איר קאָמפּלימענט און האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ דאַנק אין זיינע אויגן. נאָכדעם האָט ער אַרויסגערעדט ניט גאָר באַשיידן, ווי יעדער קינסטלער ווען ער רעדט וועגן זיינער אַן אַרבעט, פון וועלכער ער איז פאַרשיכורט:

— אָ, ווען איר וואָלט געהערט די אַנדערע טיילן! דאָס וואָס איר האָט

געהערט איז גאַרנישט אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע טיילן אין אַט דעם ווערק מיינעם.

— אין דעם בין איך זיכער, — האָט לילי באַמערקט, שפּילנדיק אויף זיינע קינסטלער־געפילן.

זי האָט שוין געוואוסט, ווי צו רעדן מיט אים, ווי אַזוי צו ווירקן אויף אים.

— דערציילט מיר מער וועגן דעם אינהאַלט, — האָט זי אים געבעטן. — איך בין אַזוי פאַראינטערעסירט!

און לאַנג האָט זי אים ניט געדאַרפט בעטן.

מיט באַגייסטערונג האָט ער פאַר איר געשילדערט דעם אינהאַלט פון זיין סימפאָניע „דער אייביקער ייד".

ער האָט גערעדט לאַנג, האָט זיך געריבן די הענט, געפירט מיט די פינגער דורך די בלאָנדע האָר זיינע, געדרייט די שפּיצן פון זיינע וואָנצעס, אויפגעהויבן זיך און צוריק אַוועקגעזעצט, האָט גערעדט און דערציילט, האָט פּשוט געפלאַקערט.

ער איז אַלעמאָל געווען באַגייסטערט, ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין אַרבעט, אָבער קיינמאָל ניט ווי איצט.

איז דאָס געווען מחמת דעם וויין, וואָס ער האָט געטרונקען, צי מחמת דער שיינער פרוי, וואָס האָט אויף אים געווירקט אַזוי?

לילי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט איר פעכער און געזאָגט:

— פון דעם ווי איר רעדט וועגן אייער אַרבעט, מיין פריינט, קאָן איך זען, וויפיל נשמה איר האָט דאָרט אַריינגעלייגט.

איר מאַן איז אַריינגעקומען מיט אַ נייעם גאַסט. זי האָט זיי דערזען, איז זי אויפגעשטאַנען מיטן פעכער אין דער האַנט און איז זיי אַנטקעגן געקומען מיט די ווערטער:

— גוד איווניגג, מיסטער ראָלאַנד!

דער נייער גאַסט איז געווען דער באַרימטער מוזיק־קריטיקער וויליאַם ראָלאַנד, אַ זשוואַווער אַלטינקער, אַ קליין־געוויקסיקער און אַ מאַגערער, מיט אַ וויסן קאָפּ און אַ יונגן פּנים.

— איך מוז אייך זאָגן, — האָט לילי אים געדריקט די האַנט, — אַז איך האָב פאַר אייך היינטיקן אַוונט אַן איבערראַשונג. אַ מוזיקאַלישער זשעני פון דער ריכטיקער פּראָבע, מר. ראָלאַנד, פריש, ווי אַ נאַטור־קוואַל...

דער מוזיק־קריטיקער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— אויב איר, מאַדאַם מאַרשאַל, האָט אַזאַ מיינונג וועגן אים, — האָט ער באַמערקט, — איז גאָר ביי מיר קיין ספק ניט, אַז זיין מוזיק איז פון דער ריכטיקער פּראָבע...

דער אַלטער קאָרנעליוס מאַרשאַל האָט זיך הייזעריקלעך צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— מיין ווייב אַנטדעקט באַכאַנאַנד זשעניעז. און מערקווירדיק איז דאָס, מיסטער ראָלאַנד, וואָס זי האָט ביז אַהער נאָך קיין טעות ניט געמאַכט. די קריטיקער זיינען שטענדיק מיט איר מסכים.

לילי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ניט שטענדיק, מיין טייערער. דו מיינסט אַזוי, וויל דו לייענסט נאָר יענע קריטיקער, וועלכע זיינען מסכים מיט מיר און ניט די אַנדערע, וואָס זיינען ניט מסכים מיט מיר.

— די אַנדערע, וואָס זיינען מיט דיר ניט מסכים, זיינען ביי מיר ניט קיין קריטיקער, דערפאַר לייען איך זיי ניט, — האָט ער זיך אַזוי צעלאַכט, אַז ער האָט געגומען כריפּען, און דערביי האָט ער שווער געטרייסלט מיט זיין גרויסן בויך, און דער פּנים מיט די אויפגעבלאָזענע באַקן זיינע איז אַזש בלוי געוואָרן פון אָנשטרענגונג.

לילי האָט באַקענט מאַקסן מיט דעם מוזיק־קריטיקער. און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי אַלע געזעסן אַרום מאַקסן, אויך אַלעקס און מיס גרין, און דער אַלטער קאָרנעליוס מאַרשאַל, און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט דערציילט וועגן די פּראָפעסאָרן און דעם דירעקטאָר פון דער לייפּציגער קאָנסערוואַטאָריע, איידער היטלער איז געקומען.

און גערעדט האָט ער מיט אַ סך ליבע וועגן זיי און מיט אמתן ווייטיק וועגן דעם, וואָס פון זיי און פון דער גאַנצער קאָנסערוואַטאָריע איז געוואָרן נאָכדעם...

שפּעטער האָט דער מוזיק־קריטיקער גענומען אויספרעגן אים וועגן זיין אַרבעט. מאַקס האָט אים געענטפערט. ער האָט אים אויך דערציילט וועגן זיין נייעם ווערק „דער אייביקער ייד״.

— דאָס האָב איך נאָך ניט פאַרענדיקט. ערשט פאַרטיק מיט דער ערשטער העלפט. איך גלויב אָבער, אַז ווען איך וועל דאָס ענדיקן, וועל איך האָבן געשאַפן עפּעס נייעס, — האָט מאַקס דערציילט.

דער מוזיק־קריטיקער האָט באַמערקט:

— אויב עס איז אַזוי ווי איר זאָגט, וועט עס זיין אַ גרויסער אויפטו. אַ קאָלאָסאַלע אידייע. גיט גרויסע מעגלעכקייטן דעם מוזיק־דיכטער . . .

אַלעקס האָט זיך אַריינגעמישט:

— איך האָף, אַז דאָס וועט זיין אַ גרויס ווערק, וויל איך גלויב אין מיין פריינטס טאַלאַנט, און איך פאַרלאָז זיך אויך אין דעם אויף די מיינונגען, וואָס עס האָבן וועגן אים געהאַט אין לייפּציג מוזיק־אויטאָריטעטן. און אויב

זיין „אייביקער ייד״ וועט אַרויסקומען אַזוי גוט, ווי איך בין כמעט זיכער אַז עס וועט אַרויסקומען, וועלן מיר דערפאַר דאַנקען פריער פאַר אַלעמען הער אַדאָלף היטלערן אַליין. ווייל מיין פריינט מאַקסן וואָלט אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו שאַפן אַ יידיש־נאַציאָנאַלע ווערק...

האָט זיך דערנאָך פאַרפירט אַ דיסקוסיע וועגן דעם, צי דאַרף די וועלט, און בפרט די יידן, זיין אַזוי אומרואיק וועגן היטלערן און זיין נאַצי־באַוועגונג.

דער אַלטער קאַרנעליוס מאַרשאַל, אַן אייגנטימער פון קופּער־מינעס, האָט געטענהט, אַז זאָל נאָר די וועלט פּטור ווערן פון די קאָמוניסטן, וועט זי פון היטלערן אויך פּטור ווערן. מען האָט געשטיצט היטלערן, ווייל, ווען מען וואָלט אים ניט געשטיצט, וואָלטן די קאָמוניסטן געמאַכט פון דייטשלאַנד דאָס אייגענע, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון רוסלאַנד. זיינע אייגענע ברידער אין דייטשלאַנד האָבן היטלערן געשטיצט מיט געלט. זיין קאָזין, אַ באַנקיר, און נאָך אַנדערע ווי ער . . . יידן און קריסטן האָבן היטלערן געשטיצט, כדי צו ראַטעווען די וועלט פון די קאָמוניסטן, — האָט געטענהט דער אַלטער קאַר־נעליוס מאַרשאַל.

האָט אַלעקס מיט אים ניט מסכים געווען. ער האָט געטענהט, אַז די יידן, וואָס האָבן געשטיצט היטלערן מיט געלט, צי דירעקט צי אומדירעקט, באַ־דויערן דאָס שוין איצט, און זיי וועלן דאָס נאָך מער באַדויערן שפּעטער. ניט די קאָמוניסטן זיינען שולדיק אין היטלערן. ער איז אַ פּראָדוקט פון דער וועלט־מלחמה און פון דער גאַנצער היינטיקער און פריערדיקער וועלט־אָרדענונג. ווען קאָמוניסטן וואָלטן אַפילו אויף דער וועלט ניט געווען, נאָר עס וואָלטן געווען יענע אומשטענדן, וואָלט די אכזריות געמוזט געבאָרן ווערן, די מוראדיקע אכזריות, וואָס הייסט „היטלער״...

לילי און מיס גרין האָבן אים אַפּלאָדירט. מאַקס האָט מיט אים אויך מסכים געווען, און דער מוזיק־קריטיקער, וויליאַם ראָלאַנד, האָט מיט אַ גוט־מוטיקן שמייכל באַמערקט:

— איר רעדט, ווי אַן אַרטיקל אין דער „ניו־רעפּאָבליק״, צי אין „ניישאָן״...

אַלעקס האָט זיך צעלאַכט:

— דאָס זיינען טאַקע מיינע צוויי צייטונגען. און אייערע ניט, מר. ראָלאַנד?

— איך בין אַ דעמאָקראַט, מר. ריינשטיין, ווי מיין טאַטע און מיין זיידע זיינען געווען. אַ רעוואָלוציאָנער בין איך נאָר אין מוזיק, — האָט דער מוזיק־קריטיקער געענטפערט מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל.

דאָ זיינען אָנגעקומען מאַדאַם לעווענבערג און איר טאָכטער גרעיס. ווען זיי האָבן זיך באַגריסט מיט די אַנדערע, האָט זיך דער אַלטער קאַרנעליוס מאַרשאַל אָנגערופן מיט זיין הייזעריקלעכן קול:

— ווען מיס גרעיס לעווענבערג איז דאָ, זאָלן מיר בעסער ניט רעדן מער וועגן די קאָמוניסטן. דערפאַר מאַך איך אַ פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן גלייך אַריבערגיין צו דעם הויפּט־צוועק פון הייַנטיקן אָוונט...

— יאָ, יאָ, — האָט זיך אויך לילי אַ כאַפּ געטאָן. — ווער איר איצט פּאָר אונדז שפּילן? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מאַקסן.

ער האָט זיך אין האַרצן דערפרייט דערמיט, און ער איז אויפגעשטאַנען און איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ ווי אין אַ פיבער.

ער האָט זיך געזעצט און שוין אַוועקגעלייגט זיינע הענט אויף די קלאַווישן, ערשט מיס גרין איז צוגעקומען צו אים מיט אַ פּאָר זילבערנע לייכטער און האָט זיי געוואָלט אַוועקשטעלן אויף דער פּיאַנאָ; האָט ער זיך אָפּגעוועדט פון דעם מיט ביידע הענט.

— ניין, ניין! — האָט ער געגומען שרייען. — קיין ליכט! איך בעט אייך, מאַכט נאָך איינעם צימער אַ ביסל טונקעלער...

מ׳האָט געטאָן ווי ער האָט פאַרלאַנגט. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום אים. לילי האָט זיך געזעצט אַזוי, אַז זי זאָל קאָנען זען זיין פולן פּנים, די אַנדערע זיינען געזעסן מער אין שאָטן.

ער האָט גענומען שפּילן. אַלע האָבן געשוויגן און זיך צוגעהערט.

דאָס האַלב־טונקעלע צימער איז באַלד פול געוואָרן מיט הערלעכע אַקאָרדן. ביי לילין האָבן זיך די אויגן צעפינקלט און זי האָט זיך איבער־געקוקט מיט דעם מוזיק־קריטיקער. יענער איז אויך באַלד פאַרכאַפּט געוואָרן פון מאַקסעס שפּילן און פון דער זאַך, וואָס ער האָט געשפּילט; אַזוי האָבן זיך איבערגעקוקט די אַנדערע צוהערער איינעם צימער.

דער אַלטער קאָרנעליוס מאַרשאַל האָט זיך פון הינטן צוגעבויגן צו אַלעקסן און האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— אייער פריינט קאָן שפּילן, אוצרות מיט גאָלד וואַרטן אויף אים...

אַלעקס האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט אַפילו ניט געהערט, וואָס דער אַלטער האָט געזאָגט. זיין בליק איז געווענדט געווען אויף לילין, וועלכע איז געזעסן איצט אַ פאַרגאַפטע, מיט אירע אויגן איינגעגעסן אין דעם שפּילערס פּנים...

און מיטאַמאָל האָט מאַקס איבערגעריסן זיין שפּילן און מיט אַלע צען פינגער אַ פיר געטאָן דורך די בלאָנדע האָר זיינע.

אַלע האָבן אים אַפּלאָדירט.

— נאָך עפּעס! — האָט לילי אַרויסגעפּליסטערט, צובויגנדיק זיך צו אים.

ער האָט זיך ניט געלאָזט בעטן און געשפּילט נאָך און נאָך, און האָט זיך אַלץ מער און מער מיטגעריסן מיט זיין שפּילן. אַזוי אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד.

און ווי דורך אַ חלום האָט ער נאָכדעם געהערט די קאָמפּלימענטן פון זיי אַלעמען. אויך פון דעם מוזיק־קריטיקער, וויליאַם ראַלאַנד. יענער האָט געדריקט מאַקסן די האַנט און געזאָגט:

— איר האָט מיר אַ גרויסן גענוס פאַרשאַפט. איר זענט מער ווי איך האָב דערוואַרט!

אויך האָבן אים באַדאַנקט מאַדאַם לעווענבערג און איר טאָכטער גרעיס, און זיי האָבן אים דערמאַנט, אַז קומענדיקע וואָך וועט ביי זיי זיין אַן אָונט פאַר אים; און שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען ער און אַלעקס האָבן זיך געזעגנט מיט לילין און איר מאַן, האָט לילי, האַלטנדיק זיין האַנט אין אירער, געקוקט לאַנג אים אין די אויגן אַריין מיט אַ סוֹדותפולער צערטלעכקייט און שטיל דערנאָך אַרויסגערעדט:

— גוט נאַכט, מיין פריינט! ווען זעען מיר זיך ווידער?

ער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— ווען נאָר איר וועט וועלן.

— קומענדיקן שבת ווידער אין דער אייגענער צייט, צו דינער, — האָט זי געזאָגט.

* * *

און אַ ווײַלע שפּעטער, ווען מאַקס מיט אַלעקסן האָבן זיך געזעצט אין דעם אויטאָמאָביל, האָט דער לעצטער זיך אָנגערופן צו אים:

— נו, מאַקס, ווי געפעלט זי דיר?

— אַ וואונדערלעכע פרוי, — האָט מאַקס געענטפערט פאַרטראַכט.

— אָבער געדענק וואָס איך האָב צו דיר גערעדט, מאַקס.

— וואָס האָסטו צו מיר גערעדט?

— פאַרזיכטיק זיין מיט איר, היטן די ביינער, היטן דעם קאָפּ, היטן דאָס האַרץ...

און ער האָט אַ לאַך געטאָן.

— מאַך זיך ניט לעכערלעך. ווער האָט פאַר איר מורא? — האָט מאַקס געזאָגט.

— דו נאַר, איך וואָרן דיך קעגן איר ווי אַ פריינט דיינער, ווייל איך אַליין פיל אין מיין האַרצן דעם ביס פון אירע שיינע אויגן...

מאַקס האָט אויך אַ לאַך געטאָן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך וועל דיר עפּעס ווייזן.

— וואָס ווילסטו מיר ווייזן?

— איך גיי ניט מער צו איר. דאָס וועט דיר קלאָר ווייזן, ווי ווייניק זי אינטערעסירט מיך.

— אַזוי זאָגסטו?

— אַזוי זאָג איך, — האָט אים מאַקס געענטפערט אין טאָן.

און שפּעטער, ווען דער אויטאָמאָביל איז שטיין געבליבן פאַר אַלקעס' הויז און די פריינט האָבן זיך געזאָלט צעשיידן, האָט אַלעקס מיט אַמאָל אַ פרעג געטאָן מאַקסן:

— דו גייסט מער ניט צו איר?

— דו גלויבסט עס ניט, אַלעקס, האָ?

— יאָ, יאָ, איך גלויב עס, — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן אין אַ שטיפערישן טאָן. — אַוודאי וועסטו צו איר ניט גיין, נאָר לויפן! גוטע נאַכט!

און אין יענער נאַכט האָט זיך מאַקסן ניט געשלאָפן. ליליס געשטאַלט מיט דעם רויטן קאָפּ און די בלויע אויגן, וואָס האָבן אַזוי פיל צוגעזאָגט, האָט אים פאַרפאָלגט און ער האָט זי פון זיך געטריבן.

ערשט פאַרטאָג איז ער אַנשלאָפן געוואָרן.

3

אויף מאָרגן, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, איז זיין ערשטער געדאַנק געווען וועגן לילין. מיט פרייד און מיט שרעק האָט ער וועגן איר געטראַכט.

מינוטן־לאַנג האָט ער אין זיין פאַנטאַזיע ווידער דורכגעלעבט דעם נעכטיקן אָוונט און ער האָט זי געזען פאַר זיך נאָך שענער און כישופדיקער איידער נעכטן ביי איר אינדערהיים.

נאָכדעם איז לאָראַ צו אים אַריינגעקומען און זי האָט אים געפרעגט ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט נעכטן דעם אָוונט ביי יענער אינדערהיים. האָט ער איר געענטפערט:

— גאַנץ אינטערעסאַנט. איך מיין אָבער, אַז דאָס איז מיין ערשטער און לעצטער באַזוך ביי אָט דער דאַמע.

— פאַרוואָס? — האָט לאָראַ געפרעגט.

— אָט אַזוי. בעסער ניט. אַזעלכע פרויען געפעלן מיר ניט.

און בשעת דעם האָט ער געטראַכט:

„אַ בלאָף, אַ ליגן, דאָס איז ניט אמת...“

ביי לאָראַן האָבן די שוואַרצע אויגן זיך פריילעך צעלויכטן. זי האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב דאָס געוואוסט. ניט דיר קאָנען געפעלן ווערן נאַרישע קאָקעטקעס.

— זי איז שוין גאָר ניט נאַריש, לאַראַ. זי איז זייער קלוג, און וואָס פאַר אַ פיינעם געפיל זי האָט פאַר מוזיק! זי האָט מיין אַרבעט ריכטיק אָפּגעשאַצט...

— איז זי שיין אויך?

— זייער שיין, לאַראַ, — האָט ער געזאָגט.

איבער לאַראָס פּנים, וואָס האָט ערשט מיט אַ רגע צוריק געלויכטן פאַר פרייד, האָט זיך אַ וואָלקן פאַרצויגן. אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן. נאָכדעם האָט זי געפרעגט:

— היינט פאַרוואָס געפעלט זי דיר ניט?

— ווייל איך פיל, אַז איך דאַרף זיך היטן פון איר, — האָט ער גע־ענטפערט, און ער האָט דערביי געטראַכט:

„דאָס איז גראָד אמת..."

ער האָט זיך געזעצט אַרבעטן, אָבער דעם טאָן ניט געפונען. צופיל אויפ־געדרעגט איז ער געווען און אין זיין פאַנטאַזיע האָט זיך יענע אַלץ געפּלאָנטערט.

איז ער דערנאָך אַוועק פון דער היים מיט לאַראָן. ער איז אַריין מיט איר אין אַ רעסטאָראַן און פון דאָרט זיינען זיי אַוועק צו זייערע שטונדן. אַהיים האָט ער זיך צוריקגעקערט שפּעטער אײדער געוויינלעך.

קומענדיק אַהיים, האָט ער געפּרוּווט, און ווידער האָט ער דעם טאָן ניט געפונען.

איז ער דערנאָך אַוועק און האָט אָנגעקלאַפּט צו לאַראָן אין צימער. ער האָט ניט געוואַרט ביז ער וועט דערהערן איר „אַריין" און האָט די טיר געעפנט און איז כמעט אַריינגעפאַלן צו איר אין צימער.

— לאַראַ! — האָט ער זיך אָנגערופן אַ פאַרצווייפלטער. — וואָס טוט מען? איך קאָן ניט אַרבעטן. גאָרנישט קומט ביי מיר אַרויס! גאָרנישט!

זי איז געזעסן אויף אַ שאָקל־שטול און האָט געלייענט אַ בוך. האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מאַקסן מיט אַ האַלב־אומעטיקן שמייכל און געזאָגט:

— איך ווייס, פאַרוואָס. ווייל דיין קאָפּ איז איצט פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

— אמת. דער טייוול ווייסט, וואָס עס פּלאָנטערט זיך דאָרט!

האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעלייגט אויפן טיש דעם בוך, וואָס זי האָט געלייענט, און איז נאָכדעם צוגעגאַנגען צו אים.

— מאַקס, — האָט זי אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַן אַקסל. — דיין אַרבעט . . . דיין ווערק . . . דאָס פאַרגעס ניט! ענדיק אַפריער דיין ווערק און נאָכדעם טראַכט און טו, וואָס דו ווילסט. קום צוריק צו זיך . . . פּרוּוו זיך אַריינעמען אין די הענט . . . וועגן דיין אַרבעט טראַכט, וועגן דיין אַר־בעט! . . . קום, דו וועסט פּרוּוון. דו געדענקסט? וויפיל מאָל האָט זיך דיר

אויסגעוויזן, אַז דו קאָנסט מער ניט אַרבעטן? פונדעסטוועגן . . . קום איצט אויך צו דער פּיאַנאָ!...

און ווען ער איז אַריין מיט איר צוריק אין זיין צימער, האָט ער, איידער ער האָט זיך געזעצט צו דער פּיאַנאָ, מיט אַמאָל דערהערט אַ שטילן געזאַנג. ער האָט זיך אומגעקוקט און איז שטיין געבליבן. זי, לאַראַ, האָט דאָס געזונגען. זי האָט געקוקט אים אין די אויגן מיט אַ באַגייסטערטן שמייכל און געזונגען מיט טיפער בענקשאַפט און ליידנשאַפט זיין מאָטיוו.

ער האָט אינגאַנצן אויפגעלויכטן.

— מערקווירדיק! — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט פאַרוואונדערט. — דאָס איז דאָך מיין לעצטע . . . דאָס וואָס איך האָב ערשט נאָר־וואָס געשפּילט... ווי אַזוי קומט עס צו דיר?

— דער בעסטער סימן, ווי גוט דאָס איז און אַז דו דאַרפסט ניט זיין פאַרצווייפלט... ווען עס וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט איך דאָס ניט געדענקט.

— אָבער, לאַראַ, ווי אַזוי געדענקסטו דאָס? דו ביזט דאָך ביי מיר אין צימער ניט געווען, ווען איך האָב דאָס געשפּילט?

זי האָט זיך שטיל צעלאַכט און געענטפערט מיט איר טיפער ברוסט־שטים:

— און ווי ווייט איז מיין צימער פון דיינעם? אָפּגעטיילט בלויז דורך אַ דין ווענטל. און ווען איך זיץ דאָרטן און הער דיך שפּילן, איז דאָס דין ווענטל אויך ניטאָ פאַר מיר...

— דו וואונדערלעכע! — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן.

זי האָט אים צוגעפירט צו דער פּיאַנאָ און אים אַ גלעט געטאָן מיט אַ האַנט איבער דעם בלאָנדן קאָפּ.

— זעץ זיך און שפּיל פון דער שטעלע, וואָס איך האָב געזונגען, — האָט זי געזאָגט.

דערנאָך איז מאַקס געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און האָט געשפּילט. ער האָט פאַנטאַזירט און וואַריאירט און געזוכט אַלץ ביי־צוקומען עפּעס... לאַראַ איז געזעסן הינטער אים און האָט זיך מיט אַלע אירע חושים צוגעהערט.

און ווען איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער בלאָנדזשעט נאָך אַלץ, האָבן זיך אין אירע שוואַרצע אויגן ליידן אָפּגעמאָלט.

מיט אַמאָל האָט די פּיאַנאָ אין באַשטימטע און פעסטע אַקאָרדן גענומען שפּילן עטוואָס פייערלעכס, וואָס האָט געקלונגען מעכטיק און מיט נצחון.

מאַקס האָט אויסגעשריען:

— איך האָב דאָס! איך האָב דאָס!...

לאַראַ האָט געגומען פּאַטשן מיט די הענט און אירע צעלויכטענע אויגן האָבן געשריען, האָט זיך געדאַכט: „בראַוואָ, בראַוואָ!"

מאַקס האָט זיך אַזוי דערנאָך מיטגעריסן מיט זיין שפּילן, אַז ער האָט אינגאַנצן וועגן איר פאַרגעסן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. לאַראַ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס.

„אוי, מען וועט אים שטערן . . . קיינעם איצט ניט אַריינלאָזן!" — האָט זי געטראַכט.

און אויף די שפּיץ־פינגער האָט זי זיך צוגעגנבעט צו דער טיר און שטיל, שטיל זי געעפנט און דעם קאָפּ אַרויסגערוקט. זי האָט דערזען די אַלטע מיסעס שטיין, די לענדלעידי.

יענע, מיט אַ טשיפּיק אויפן קאָפּ און אין אַ נאַכט־קליד, איז דאָרט געשטאַנען אַן אומצופרידענע, מיט אַ פאַרשלאָפענעם פּנים, און האָט געהאַלטן אַ וועק־זייגער אין האַנט.

— זאָגט אים, אַז ער זאָל אויפהערן צו קלאַפּן! שוין צוויי אַזייגער. זעט, — האָט זי געוויזן אויף דעם וועק־זייגער, וואָס זי האָט אין דער האַנט געהאַלטן. — מיינע שכנים האָבן זיך שוין ניט איין מאָל געקלאָגט פאַר מיר, אַז ער לאָזט זיי ניט שלאָפן מיט זיין שפּילן. זיי וועלן זיך ביי מיר אַלע צעלויפן... זאָל ער זיך אויפזוכן אַן אַנדער וואוינונג, וואו אַנדערע מענטשן וואוינען ניט... זאָגט אים דאָס!

און זי איז אַנטלאָפן.

לאַראַ האָט צוריק פאַרמאַכט די טיר. מאַקס האָט נאָך געשפּילט, און ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן, נאָך שטאַרקער און הילכיקער איידער פריער. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. אויף דער אַלטער מיסעס שטיין האָט מען אויך קיין פאַראיבל ניט געקאָנט האָבן. אַוודאי ווילן דאָס אירע שכנים ניט ליידן. אָבער זאָגן אים איצט, ווען ער איז אַזוי פאַרכאַפּט פון זיין אַרבעט, אַז ער זאָל מער ניט שפּילן — דאָס וועט זי ניט טאָן. אַ, ניין!

ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פּיאַנאָ, האָט זי מאַקסן דערציילט וועגן דער לענדלעידי און וואָס יענע האָט געוואָלט.

— נו, ביזטו ניט מיין מוזע? — האָט ער זיך אָנגערופן. — דו ווייסט גאָר ניט, לאַראַ, וואָס דו ביזט פאַר מיר. דו ביזט דאָך מיין באַגייסטערונג. יאָ, יאָ, ערנסט! איך ווייס ניט, צי איך וואָלט שוין לאַנג ניט אַוועקגעוואָרפן אָט די אַרבעט מיינע, ווען ניט דו...

ער האָט זי אַרומגענומען. זי האָט געלויכטן...

* * *

ביז שבת זיינען נאך געווען עטלעכע טעג, און יעדן טאג האט מאקס זיך געזאגט:

„איך גיי ניט צו איר!"

ער האט דאס געזאגט, ווייל טיף אין הארצן האט אים געצויגן צו איר, צו לילי מארשאל, הייסט עס; ווייל טיף אין הארצן האט ער געבענקט נאך איר.

ער האט וועגן איר בלויז פארגעסן, ווען ער האט געארבעט. דעמאלט האט דער כישוף פון שאפן און לאראס באגייסטערונג פאר זיין ארבעט געמאכט אים פארגעסן וועגן אלצדינג אין דער וועלט.

שפעטער אבער, ווען ער איז געזעסן אויף זיינע שטונדן, און נאך מער ביינאכט, ווען ער איז געלעגן אויף זיין בעט, האט ער געטראכט וועגן לילין מיט בענקעניש . . . און אמאל האט ער זיך געזאגט:

„איך וועל גיין צו איר בלויז נאך איין מאל."

און מערסטנטייל האט ער זיך אליין געווארנט: ער מוז זיך היטן פון איר . . . ער פילט עס . . . קיין פרוי האט אים נאך ניט געמאכט אזוי אומ־רואיק ווי זי . . . זי קאן אים נאך ברענגען דערצו, אז ער זאל איר נאכלויפן, ווי א הונט, אט ווי די אנדערע דארט, לויט דעם וואס ער האט געהערט וועגן איר . . . ניין, אזוי נאריש ווי די אנדערע וויל ער ניט זיין און וועט ניט זיין . . . שבת וועט ער צו איר ניט גיין . . . ער וועט גיין מיט לאראן אין ראדיא סיטי אדער צו א פארשטעלונג אין א טעאטער, אדער גאר ערגעץ אין א ווייך־קעלער . . . געווים, ער נויטיקט זיך אין פראטעקציע, אין באקאנטשאפטן, מיט אזעלכע וואס קאנען אים ארויסברענגען פאר דער וועלט . . . נו, וועט ער דאס דערגרייכן דורך מאדאם לעווענבערג . . . צו יענער אויפן אוונט וועט ער גיין און ער וועט אפשר מיטנעמען מיט זיך אויך לאראן אהין...

און אן אנדערש מאל, איבערהויפט ווען ער איז געלעגן ביינאכט אויפן בעט, האט ער צו זיך געזאגט, אז ער איז א נאריש יינגל ווען ער שרעקט זיך אזוי פאר איר... וואס איז, ער האט שוין גאר קיין כאראקטער ניט? איז זי די ערשטע שיינע פרוי, וואס ער טרעפט אויף זיין לעבן? ער וועט דווקא גיין!...

4

שבת אינדערפרי, ווען לארא איז צו אים אריינגעקומען, האט ער אין א פעסטן טאן איר געזאגט:

— לארא, מיר גייען היינט אין א טעאטער!

— גוט, מאקס, — האט זי זיך דערפרייט. — ווּעסטו, הייסט עס, ניט גיין צו יענער?...

— איך האָב ניט קיין חשק.

— ווי דו פאַרשטייסט. ביז דו וועסט קומען צוריק וועל איך דערוויייל זען אין די צייטונגען, וואָס מען שפּילט היינט אין די טעאַטערס...

— דו בלייבסט היינט איינגעהיים דעם גאַנצן טאָג? — האָט ער דער־נאָך געפרעגט.

— ווייסט דאָך, אַז שבת האָב איך ניט קיין שטונדן.

און זי האָט צוגעלייגט מיט התפעלות:

— מאַקס, איך מוז פאַר דיר עפּעס לייענען.

— וואָס?

— אַ ליד אין העברייאיש, געדרוקט אין דעם זשורנאַל, וואָס איך האָב היינט באַקומען פון פּאַלעסטינע. איין מינוט נאָר! איך וועל אַריינטראָגן דעם זשורנאַל און וועל פאַר דיר איבערזעצן יענע ליד פון ביאַליקן.

— גוט, לאַראַ, מאַך דאָס גיכער. איך דאַרף באַלד זיין אויף אַ שטונדע.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געלייענט פאַר אים אַ ליד פון ביאַליקן, וואָס זי האָט געפּרוּאווט איבערזעצן פאַר אים אין ענגליש. אָבער אין מיטן לייענען האָט זי זיך אונטערבראָכן:

— אוי, גוואַלד, מערדערין! וואָס טו איך מיט דעם ליד? זאָל מיר שוין גאָט מוחל זיין פאַר אָט דעם מאָרד, וואָס איך בין באַגאַנגען, — האָט זי אויפ־געהויבן אירע ביידע הענט אין דער הויך מיט אַ קאָמישער מינע.

מאַקס איז אַוועק צו זיינע שטונדן. פאַר פינף האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים. לאַראַ איז צו אים אַריינגעלאָפן אין צימער. זי האָט געזאָגט:

— מיר וועלן דאַרפן אויסקלייבן פון דריי פּיעסעס, מאַקס.

ער האָט זי איבערגעשלאָגן:

— מיר וועלן גיין אין טעאַטער אַן אַנדערש מאָל. פאַרשטייסט? איך מוז דאָך גיין צו איר. עס וועט ניט זיין העפלעך פון מיין זייט. און, ווידער, אַ ביסעלע פּראַקטיש מוז מען דאָך זיין אויך... איך וועל דאָך אַמאָל ענדיקן מיין ווערק. און יענע ווערק מיינע, די פריערדיקע, וואַרטן אויך... זי קאָן מיר אַ סך העלפן... דו ווייסט דאָך, לאַראַ...

לאַראַ איז צעמישט געוואָרן. זי האָט זיך אָבער אָנגערופן:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט טאָן אַזוי ווי דו פאַרשטייסט...

איבער אַ שעה צייט איז אים אויסגעקומען צו פאָרן מיט דער סאָבוויי, ביז ער איז געקומען צו לילי מאַרשאַל אין ווילע. עס איז שוין געווען באַלד זיבן, ווען ער איז אַריין אין דעם אייזערנעם טויער. ער איז געווען מער אויסגעפּוצט איידער דעם לעצטן מאָל. אויפגענומען האָט אים לילי'ס פּריוואַט־סעקרעטאַרין, מיס גרין. זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ האַלב־באַלויכטענעם

צימער און האָט זיך מיט אים אַוועקגעזעצט דאָרט אויף אַ סאָפע אין אַ ווינקל און אים געזאָגט, אַז מיסעס מאַרשאַל וועט באַלד אַריינקומען. נאָכדעם האָט זי אים דערציילט וועגן דעם טיפן איינדרוק, וואָס זיין שפּילן לעצטן מאָל האָט געמאַכט אויף זיי אַלעמען און אַז וועגן אים רעדט מען איצט אין אַ סך קרייזן...

— און וואָס איז די אמתע מיינונג פון דעם מוזיק־קריטיקער? — האָט מאַקס אַ פרעג געטאָן.

— ער איז אויפריכטיק באַגייסטערט פאַר אייך. און מיר קאָנען זיין זיכער, אַז ער, מיסטער וויליאַם ראַלאַנד, וועט אייך אַ סך שטיצן.

לילי איז אַריינגעקומען. זי האָט ווי אַריינגעשוועבט אין צימער. זי איז אָנגעטאָן געווען דאָס מאָל איינפאַך, אין אַ טונקעלן קלייד, און עס איז קענטיק געווען, אַז זי האָט זיך געפליסט אויסצוזען איינפאַך און באַטירלעך. אָבער די איינפאַכקייט האָט זיך ניט געפּאַסט צו איר פאַרנעמער געשטאַלט מיט די רויטע האָר, וואָס זי האָט זיי, ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ געטראָגן, און מיט די אויגן, ווי פון בלויען עמאַל. די גאַנצע האַלטונג פון אָט דער הויכער, שלאַנקער פרוי, מיט די פעסטע גלידער און שטאַרקן ביוסט, איז געווען דער היפּוך פון דעם...

מאַקס איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. זי האָט געשמייכלט צו אים מיט עטוואָס אָנגעפאַרבטע ליפּן. איר פּנים איז ניט געווען אַזוי ווייס ווי לעצטן מאָל, נאָר ווי באַהויכט מיט אַ פיינעם ראָזעווען פאַרב.

— וואָס מאַכט אונדזער קינסטלער? — האָט זי אים געדריקט די האַנט און געקוקט אים וואַרעם אין די אויגן אַריין. — איך האָב די גאַנצע צייט געוואָלט צו אייך אָנקלינגען; איך בין אָבער ניט זיכער געווען, צי איר ווילט, אַז פרויען זאָלן צו אייך קלינגען.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— פאַר מיר, לילי, וואָלט געווען אַ פרייד צו הערן אייער קול.

זי האָט זיך צעלאַכט.

— אוי, מאַקס! — האָט זי אויסגעשריען. — נאָר ניט דאָס!

— וואָס ניט דאָס?

— איך וויל, אַז מיט מיר זאָלט איר שטענדיק זיין דער קינסטלער, באַטירלעך און אָפּנהאַרציק. די נאַרישע קאָמפּלימענטן לאָזט איבער פאַר אַנדערע. פון אייך וויל איך דאָס ניט הערן. און איצט, — האָט זי זיך איבערגעשלאָגן, — וועגן אַ ביסל תכלית. איך האָב פאַר אייך צוויי שטונדן, וואָס וועלן אייך גוט באַצאָלן, און איך האָב נאָך עפּעס אין זינען פאַר אייך.

מאַקס האָט זיך פאַרנייגט.

— איך דאַנק אייך, לילי.

מיס גרין איז אַרויסגעגאַנגען. לילי און מאַקס זיינען פאַרבליבן אַליין אין דעם צימער. זיי האָבן זיך געזעצט אויף דער זעלבער סאָפע, וואו מאַקס מיט מיס גרין זיינען פריער געזעסן.

— איר ווייסט, מאַקס, — האָט לילי דערנאָך געזאָגט, — אַז די גאַנצע וואָך האָב איך נאָר גערעדט וועגן אייך. דאָס הייסט, — האָט זי צוגעלייגט מיט אַ שמייכל, — ניט אַזוי וועגן אייך, ווי וועגן אייער צוקונפט. און איך זאָג אייך דעם אמת, אַז ניט נאָר איך אַליין טראַכט וועגן אייער צוקונפט. נאָר אויך וויליאַם ראָלאַנד, דער מוזיק־קריטיקער.

— יאָ? — האָט זיך מאַקס דערפרייט.

און הגם ער האָט שוין געהערט וועגן ראָלאַנדס מיינונג איבער אים פון מיס גרין, האָט ער דאָס געוואָלט הערן נאָך אַמאָל פון לילין. מחמת דעם האָט ער זיך אָנגערופן:

— וואָס האָט ער אייך געזאָגט? איך וויל הערן.

— ער מיינט, אַז איר זייט אַן אויסערגעוויינלעכער מוזיק־דיכטער. ער האָט אָבער מורא פאַר די נאַציאָנאַלע טעמעס . . .

— וואָס מיינט ער?

— ער מיינט, אַז דער קינסטלער טאָר ניט צוימען זיין גייסט מיט קיינע פּראָבלעמען. ער מוז זיין פריי פון דעם אַלעם. אַלוועלטלעך און אַלמענטשלעך מוז זיין גייסט זיין. און מחמת דעם, מיינט ער, וועט אייך שטערן דאָס, וואָס איר פאַרנעמט זיך מיט יידיש־נאַציאָנאַלע טעמעס.

מאַקס האָט איר אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. ביי אים האָט זיך אַרויס־געריסן:

— אָבער ער האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז עס איז אָריגינעל און ניי דווקא דערפאַר, ווייל עס איז יידיש־נאַציאָנאַל?

לילי האָט אַ ציי געטאָן מיט די אַקסלען און געענטפערט:

— איך ווייס ניט, וואָס ער האָט אייך געזאָגט; איך ווייס נאָר, וואָס ער האָט מיר געזאָגט. אָבער איין זאַך איז קלאָר: פון אייער טאַלאַנט האַלט ער און ער וועט וועגן אייך שרייבן...

מאַקס האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אָנגערופן פאַרטראַכט:

— ווייס איך, נאַרישקייטן . . . פראַזן, פראַזן שוין באַלד פאַרגעסענע . . . „אַלוועלטלעכקייט", „אַלמענטשלעכקייט" . . . דער קינסטלער גיט אין זיין ווערק זיך, און ווי ווייט ער אַליין געהערט צו דער אַלוועלטלעכקייט און אַל־מענטשלעכקייט, איז זיין ווערק אַלמענטשלעך און אַלוועלטלעך . . . דער עיקר, געבן אין זיין ווערק זיך אַליין. געבן דאָס, מיט וואָס זיין גייסט איז דורכ־געדרונגען. דעמאָלט וועט ער שאַפן אַן אויפריכטיק, קינסטלעריש ווערק.

און דאָס וועט שוין ממילא זײַן אַ ווערק, וואָס וועט געהערן סײַ צו דער אַל־וועלטלעכקייט און סײַ צו דער אַלמענטשלעכקייט, און סײַ אַפילו צו דער אַל־אייביקייט . . . אַזוי צו שאַצן דעם קינסטלער און זײַן ווערק האָבן מיך געלערנט מײַנע לערער.

מאַקס האָט ניט באַמערקט, אַז אַזוי רעדנדיק, האָט ער לילין איבער־געלאָזט זיצן אויף דער סאָפע און אַליין האָט ער געשפּרייזט איבערן צימער אַהין און צוריק. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף איר צעטראָגן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט לעבן איר.

— דענקט איר ניט, אַז מײַנע לערער זײַנען גערעכט ? — האָט ער דער־נאָך געפרעגט.

זי האָט אַ לאַך געטאָן און געענטפערט :

— איך דענק, אַז איר זײַט גערעכט.

מיס גרין איז אַרײַנגעקומען מיט די ווערטער :

— מיסטער מאַרשאַל האָט טעלעפאָנירט. ער וועט עסן אין קלוב.

לילי האָט זיך אויפגעהויבן.

— אויב אַזוי, — האָט זי געזאָגט, — װעלן מיר גיין עסן. קיין אַנדערע געסט זײַנען ניט געלאַדן.

יענעם אָוונט האָט ער פאַרבראַכט מיט איר גאַנץ אַליין אין דעם מוזיק־צימער, וואָס איז די גאַנצע צייט געבליבן האַלב־באַלויכטן. ער האָט אָבער ניט געשפּילט פאַר לילין. קיין איין מאָל אַפילו האָט זי אים ניט געבעטן, ער זאָל פאַר איר שפּילן. זי האָט אים נאָר אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף אַ סאָפע און גערעדט מיט אים. דערבײַ האָט זי אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן און געשמייכלט צו אים מיט אַלע חנען, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און די שטים אירע האָט אים ווי געלאַסטשעט.

און באמת האָט זי גאָר ניט גערעדט, נאָר אויסגעפרעגט אים. זי האָט אים אויסגעפרעגט אַלץ וועגן איין זאַך : וויפיל מאָל איז ער פאַרליבט געווען און צי איז ער אַמאָל פאַרליבט געווען ערנסט.

און ניט אָפן, נאָר פאַרשטעלט, ווי פון דער זײַט, ווי זי וואָלט כלומרשט גאָרנישט אויסן געווען, האָט זי דאָס בײַ אים אויסגעפרעגט. און ער אַליין האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי זי האָט פון אים אויסגעפּאָמפּעט אַלצדינג, וואָס זי האָט געוואָלט וויסן, וואָס איר האָט אינטערעסירט.

פון צייט צו צייט איז ער אומרואיק געוואָרן, ווען ער איז אַזוי געזעסן מיט איר דאָרט, אין דעם האַלב־באַלויכטענעם צימער, און געטראַכט האָט ער :

„וואָס וויל זי ? וואָס זוכט זי ?“

און געטראַכט האָט ער אויך, פאַרוואָס בעסער בעט זי אים ניט צו שפּילן

עפּעס? און ער האָט געקוקט דערביי מיט בענקשאַפט אויף דער פּיאַנאָ, וואָס איז געשטאַנען דאָרט פאַר זיינע אויגן און וואָס האָט אים געשלעפּט צו זיך... און פונדעסטוועגן האָט ער איר געענטפערט און קעגן זיין ווילן דערציילט איר וועגן זיינע ליבעס.

און איינמאָל יענעם אָוונט האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

„זי שפּילט זיך מיט מיר . . . שפּילט זיך מיט מיר, ווי מיט איר פּעכער...“

איר מאַשין האָט אים אָפּגעפירט אַהיים. אַרום האַלבע נאַכט האָט ער פאַרלאָזן איר הויז. זיצנדיק אין דער מאַשין, האָט ער זיך געפילט ווי אין אַ טשאַד. און ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך ווידער און ווידער אַ וואָרט געגעבן ניט צו גיין מער צו איר.

אין דעם אָוונט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זי איז נאָר אויסן געווען מיט אים זיך צו שפּילן, צו פאַרדרייען אים דעם קאָפּ, ווי די אַנדערע מענער... דער בעסטער סימן איז געווען, וואָס זי האָט קיין איין מאָל אַפילו אים ניט געבעטן שפּילן. נאָך דער גאַנצער באַגייסטערונג אירער וועגן זיין שפּילן דעם פאַריקן מאָל, און נאָך די אַלע לויב־געזאַנגען, וואָס זי האָט אים איבער־געגעבן אין נאָמען פון וויליאַם ראָלאַנד און פון די אַנדערע, איז זי ניט ביי־געריק געווען צו הערן אים שפּילן וואָס־ניט־איז אין פאַרלויף פון דעם גאַנצן אויפדערנאַכט. איז דאָס ניט דער בעסטער באַווייז, ווי ניט ערנסט זי איז געווען מיט אים?...

און ליגנדיק אויפן בעט, האָט ער צו זיך געזאָגט:

— „טו העל וויט האָר!...“

און ער האָט זיך אמתדיק געפרייט, ווען ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, אַז וועגן זיינע באַציאונגען מיט לאָראַן האָט ער יענער קיין איין וואָרט ניט דערציילט.

ער האָט געמורמלט:

— אַ דאַנק גאָט כאָטש דערפאַר . . .

דאָך האָט ער רוען ניט געקאָנט אין יענער נאַכט. שפּעטער האָט לילי פאַר אים אַרויסגעשוועבט. איר שמייכל האָט אים געכישופט. זי אינגאַנצן האָט אים געכישופט, און אַנדערע געדאַנקען זיינען אים געקראָכן אין קאָפּ.

און, פאַרקערט, פאַרוואָס ניט גיין צו איר? עס איז דאָך אַזוי אַנגענעם צו פאַרברענגען מיט איר, צו זיצן מיט איר, צו זען איר שמייכל, צו הערן איר קול. און געווינען דורך איר וועט ער דאָך אויך אַ סך... אָט האָט ער, למשל, די צוויי שטונדן ביי די רייכע פריינט אירע פון קומענדיקן חודש אָן... זי האָט דאָך דאָס באַקומען פאַר אים. און דער מוזיק־קריטיקער איז אויך איר פריינט. אפשר וועט זי אים אַרויסברענגען אויך, סוף־כל־סוף, פאַר דער וועלט...

און אַז זי שפּילט זיך, איז וואָס? קאָן גאָר אַמאָל זיין, אַז ער דווקא זאָל צו איר האָבן מער גליק, איידער די אַנדערע... נעמען זיך דאָס לעבן צוליב איר, ווי יענער — דאָס וועט ער זיכער ניט טאָן. קיין נאַריש ייִנגל איז ער ניט... ניט איין מאָל האָט ער געוויזן כאַראַקטער, ווען ער האָט געדאַרפט...

ער האָט געפּרוּווט איינשלאָפן און האָט אַלץ ניט געקאָנט. האָט ער אויפֿגעדרייט די עלעקטריק און געפּרוּווט לייענען. עס האָט זיך אים אָבער ניט געלייענט. האָט ער צוריק די עלעקטריק פֿאַרדרייט און געפּרוּווט ווידער איינשלאָפן אין דער אַרומיקער טונקלקייט.

דערנאָך איז ער מיטאַמאָל אַרונטער פֿונעם בעט און מיט באָרוועסע פֿיס שטיל צוגעגאַנגען צו זיין טיר און זי געעפֿנט. דורך דעם האַלב־באַלויכטענעם קאָרידאָר איז ער נאָכדעם צוגעגאַנגען צו לאָראַס צימער, האָט שטיל געעפֿנט איר טיר און איז אַהין אַריינגעגאַנגען.

דורכן שלאָף האָט זי געפֿילט זיין קומען. ווען ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו איר, האָט זי זיך אַ רוק געטאָן אויף איר געלעגער און אירע אָרעמס האָבן זיך אַ ציי געטאָן צו אים... און בעת איין האַנט אירע האָט זיך נאָכדעם געגליטשט איבער אַ באַק זיינער, האָט זי מיט איר אַנדער אָרעם אַרומגעכאַפּט זיין נאַקן.

און ער האָט זיך צונויפֿגעשמאָלצן מיט איר.

און פֿאַר זיינע אויגן האָבן זיך געמישט לילי און לאָראַ און ער האָט אַליין קלאָר ניט געוואוסט, צי דאָס איז געווען לילי, אָדער לאָראַ, וועמען ער האָט געקושט...

5

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט. מאַקס האָט זיך געטראָפֿן מיט לילין יעדע וואָך און אַלץ מער זיך מיטגעריסן מיט איר. ער האָט שוין אַזוי שווער ניט געאַרבעט ביי זיינע שטונדן, ווי פֿריער, און ער האָט אַ סך מער פֿאַרדינט. ער האָט געהאַט איצט וויניק נייע שטונדן, אָבער גוט־באַצאָלטע, וואָס לילי און מאַדאַם לעוווענבערג מיט איר טאָכטער גרעיס האָבן אים רעקאָמענדירט.

ביי מאַדאַם לעוווענבערג אויפֿן אָוונט האָט ער נאָך מער אויסגענומען, ווי ביי לילין. באַזונדערס באַגייסטערט פֿאַר אים איז געווען איר מאַן, ראַבי לעוווענבערג אַליין. ער האָט פֿאַרזיכערט מאַקסן, אַז זיין ווערק „דער אייביקער ייִד" וועט פֿאַרבלייבן אַן אייביקער מאָנומענט פֿאַר אים אין דער געשיכטע פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק.

— פֿאַרענדיקט נאָר אייער ווערק, — האָט ראַבי לעוווענבערג אים פֿאַר־

זיכערט — וועלן מיר זען, אַז טאָסקאַניני אַליין זאָל עס צום ערשטן מאָל אַרויסברענגען פֿאַר דער וועלט. און עס קאָן נאָך געשען, אַז דעם ערשטן מאָל זאָל ער דאָס אַרויסברענגען גאָר אין ירושלים, אין פּאַלעסטינע.

אויף דעם האָט אים מאַקס געענטפֿערט:

— דאָס ווערק וועל איך אַליין דאָס ערשטע מאָל וועלן דיריגירן.

לילי האָט זיך מיט אים יעדעס מאָל גאַנץ אַנדערש געהאַלטן. אַמאָל האָט זי צו אים גערעדט ווי איינע, וואָס האָט בלויז איניזינען געהאַט זיין קינסטלעריש צוקונפֿט און זיין מאַטעריעלע לאַגע. זי האָט אים געראַטן צו עפֿענען אַ סטודיאָ אין אַ רייך הויז פֿאַר רייכע שילערס, וואָס זי וועט קריגן פֿאַר אים; געוויינט ; האָט אים פֿאַרגעלייגט הילף פֿאַר דער דאַזיקער אונטערנעמונג, אויסלייגן געלט פֿאַר אים. און, מערקווירדיק, ווען זי האָט צו אים אַזוי גערעדט, איז אים שטענדיק שווער און אומעטיק געוואָרן אויפֿן האַרצן, מחמת דער דאַזיקער געשעפֿטס־טאָן האָט שטענדיק אויף אים אַזאַ איינדרוק געמאַכט, ווי זי וואָלט אים געזאָגט:

„אַט־דאָס דאַרף זיין ביי דיר דער עיקר און דאָס דורכצופֿירן בין איך גרייט דיר צו העלפֿן."

און אַן אַנדערש מאָל האָט זי מיט אויפֿריכטיקער באַגייסטערונג גערעדט וועגן דעם קינסטלערישן טאַלאַנט. איז זיין האַרץ דעמאָלט פֿול מיט וואַרעמקייט געוואָרן צו איר, און דעמאָלט האָט ער ערשט געפֿילט, ווי ער איז מיט זיין האַרצן צוגעוואַקסן געוואָרן צו איר.

ביז עס איז געקומען צו אַ פּונקט, אַז ווען ער האָט זי ניט געזען עטלעכע טעג, האָט ער ניט געוווּסט, וואו זיך אַהינצוטאָן פֿאַר בענקשאַפֿט.

אומזיסט האָט ער אין די געדאַנקען זיך געזידלט, פֿאַרוואָס ער טראַכט אַזוי פֿיל וועגן איר — ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפֿן. ער האָט געמוזט וועגן איר טראַכטן.

מיט אַלעקסן האָט ער אויסגעמידן צו רעדן וועגן איר. אויך האָט ער ניט גערעדט וועגן איר מיט לאַראַן. עפּעס האָט ער געפֿילט, אַז ער דאַרף ניט רעדן מיט איר וועגן לילין. און מיט אַלעקסן האָט ער ניט גערעדט וועגן איר, מחמת ער האָט זיך געשעמט צו זאָגן אים דעם אמת, און זאָגן אים אַ ליגן האָט ער ניט געוואָלט.

לאַראַ האָט באַמערקט, ווי צעטראָגן ער איז געווען, און זי האָט מיט אומרו חושד געווען לילי מאַרשאַל. זי אָבער האָט אויך זיך ניט דערוועגט צו רעדן וועגן דעם, ווי זי וואָלט זיך געהיט אָנצורירן אַ וואונד, וואָס וואָלט ווי געטאָן ביי דער מינדסטער באַרירונג . . .

בלויז איין מאָל, ווען מאַקס האָט זיך געזעצט אַרבעטן און ווען ער האָט

אינמיטן דערינען איבערגעריסן און איז אַוועק רעדן אין טעלעפאָן (צוויי־דריי מאָל אַ וואָך האָט ער צו לילין געקלונגען אין טעלעפאָן), און נאָכדעם, אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט, איז ער צו דער פּיאַנאָ ניט צוגעגאַנגען, נאָר איז אַוועק שפּרייזן איבערן צימער — האָט זיך ביי לאַראַן אַרויסגעריסן:

— מאַקס, פאַרוואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן די לעצטע צייט?

האָט ער געענטפערט:

— איך, צעטראָגן? דאָס ווייזט זיך דיר אויס.

האָט זי גערעדט ווייטער:

— דו ליידסט, מאַקס. איך פיל דאָס.

האָט ער געזאָגט:

— איך בין נאָר אַביסעלע מיד פון מיינע שטונדן.

האָט זי אים מער גאָרנישט געפרעגט, מחמת עס איז קלאָר געוואָרן, אַז ער איז שוין ניט געווען מער אָפנהאַרציק מיט איר, ווי פריער. און אַן אומעטיקע איז זי דערנאָך אַוועק צו זיך אין צימער.

אין די אָוונטן, ווען ער איז ניט געווען אינדערהיים, איז לאַרא געגאַנגען צו מיטינגען און צו פאַרזאַמלונגען, און אַמאָל צו אַ קאָנצערט, אָבער אומעטום איז איר איצט אומעטיק געווען, מחמת זי איז כמעט זיכער געווען, אַז מאַקס האָט דאָרט פאַרבראַכט ערגעץ מיט יענער פרוי... פונדעסטוועגן האָט זי ביי אים קיינמאָל נאָכדעם ניט געפרעגט, וואו און מיט וועמען ער האָט פאַרבראַכט.

אַמאָל אָבער האָט ער איר אַליין געזאָגט. ער האָט זיך געטראָפן מיט דעם, מיט יענעם (ס'רוב מיט אַלעקסן), אָבער לייליס נאָמען האָט ער קיינמאָל ניט דערמאָנט.

איינמאָל אַן אויפדערנאַכט, ווען זי איז פאַרבליבן אַליין אין איר צימער, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט צו איר אין טיר. זי האָט געעפנט און דערזען פאַר זיך אַלעקסן. ער האָט געהאַלטן אין אַ האַנט זיינע פענסנע און האָט געקוקט אויף לאַראַן מיט קורצזיכטיקע אויגן און געשמייכלט מיט זיין האַרציקן שמייכל. ער האָט זיך אָנגערופן:

— ווייסט איר ניט, וואו מאַקס איז? איך האָב געקלאַפּט צו אים אין דער טיר, אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט. האָב איך געמיינט, אפשר איז ער דאָ ביי אייך.

— ער איז ערגעץ אַוועק, — האָט זי געענטפערט. — קומט אַריין, אַלעקס. וואָס שטייט איר ביי דער טיר?

איר איז געווען אומעטיק, און זי האָט זיך דערפרייט, וואָס עמעצער איז געקומען. אַחוץ דעם, איז ער דאָך געווען מאַקסעס בעסטער פריינט, און זי האָט

געקאָנט ביי אים אויסגעפינען עפּעס וועגן יענער פרוי. אויספרעגן אים וועגן לילי מאַרשאַל האָט זי שוין לאַנג געטראַכט.

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— איך בין געקומען אים נעמען מיט זיך אין טעאַטער. איך פאַרשטיי ניט, ער האָט געדאַרפט וואַרטן אויף מיר — אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט.

האָט לאַראַ מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איר האָט אָן איבעריקן בילעט?

— יאָ.

— פאַר היינט אויפדערנאַכט?

— געוויס.

— נעמט מיך מיט!

ער האָט זיך דערפרייט.

— אויף אַזאַ פאַרגעניגן האָב איך זיך ניט גערעכט. דאָס גוטע קומט אַלעמאָל אומגעריכטערהייט, — האָט ער געזאָגט.

— איר מיינט עס טאַקע?

— מיט מיין גאַנצן האַרצן.

— ווען דאַרפן מיר גיין? — האָט זי געפרעגט.

— מיר האָבן נאָך מער ווי אַ האַלבע שעה.

— אויב אַזוי, קאָן איך זיך נאָך אַ פּוץ טאָן לכבוד אייך און לכבוד דעם טעאַטער, — האָט לאַראַ געזאָגט, און מיט איבערגעטריבענער פריילעכקייט האָט זי גענומען אַלעקסן אונטערן אָרעם און גערעדט ווייטער:

— קומט, איר וועט דאָרט וואַרטן ביי מאַקסן אין צימער און איך וועל זיך דערווייל דאָ אָנטאָן!...

און זי האָט אים אַריינגעפירט צו מאַקסן אין צימער מיט די ווערטער:

— אָט־דאָ וועט איר געפינען אויך אַ נייעם נומער פון דער „ניישאָן" און דער „ניו רעפּאָבליק"; און אָט איז אויך אַ נייער העפט פון „האַרפּערס". איך בין באַלד פאַרטיק! — און זי איז אַרויסגעלאָפן.

און שפּעטער, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט אָן איבערגעטאָנענע, האָט אַלעקס, ווען ער האָט זי דערזען, אַ טראַכט געטאָן: „גאָט מיינער, איז זי שיין! און זי איז ניט מער ווי זיין מומע?..."

ער האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרריכט די פּענסנע אויף די אויגן און געזאָגט:

— לאַראַ, איר זייט זייער שיין.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— מען דאַרף ניט, אַלעקס, מען דאַרף ניט אָט־די קאָמפּלימענטן... איך האָב דאָס ניט ליב.

— און איך האָב דאָס דווקא ליב. זאָגט מיר אויך עפּעס אַ קאָמפּלימענט, לאַראַ.

זי האָט אַ לאַך געטאָן און געענטפערט:

— איך ווייס ניט ווי. ווי זאָגט מען דאָס? אדרבא, לערנט מיך אויס, — האָט זי זיך ווידער צעלאַכט.

— זאָגט, אַז איך געפעל אייך.

— געוויס, — האָט זי אונטערגעכאַפּט — איר געפעלט מיר...

— אַז איך געפעל אייך זייער...

— איר געפעלט מיר זייער, — האָט זי אים נאָכגעזאָגט און שטיפעריש געשמייכלט צו אים.

— טאַקע זייער?

— זייער, זייער, — האָט זי זיך אַלץ מער צעשטיפט.

— ווי מאַקס?

האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— נו, דאָס ניט!...

— האָט איר געמאַכט אַ תל פון אייערע אַלע קאָמפּלימענטן!

— אָבער, אַלעקס, אַ ליגן איז דאָך ניט קיין קאָמפּלימענט?

האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן, און נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

— ווייס איך איצט, אַז די מוזע איז פאַרליבט אין דעם קינסטלער.

— קאָן דען אַנדערש זיין?

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אונטערבראָכן:

— אָבער דער טעאַטער, גזלן? וואָס האָבן מיר זיך דאָ צערעדט?

— מיר איז אינטערעסאַנטער צו רעדן מיט אייך דאָ, ווי צו הערן זייערע רייד דאָרט.

— אַ דאַנק. אָבער קומט, אַלעקס!

און זיי זיינען אַוועק.

דווקא איז די פאַרשטעלונג אין גילד טעאַטער געווען ניט קיין אינטערע־סאַנטע. זיינען זיי נאָכן צווייטן אַקט אַוועק פון טעאַטער. זיי זיינען אַריין אין אַ רעסטאָראַן אויף בראָדוועי. און דאָרט, זיצנדיק מיט אַלעקסן ביי אַ באַזונדער טישל, האָט זי פּלוצלונג גענומען אים אויספרעגן וועגן יענער רייכער פרוי, לילי מאַרשאַל, צי איז יענע געווען שיין? ווי יענע האָט אויסגעזען? און צי געפעלט טאַקע יענע אַזוי די מענער, ווי מען רעדט?...

און אַלעקס האָט איר אַזוי געענטפערט, אַז קיין באַשטימטע פאַרשטעלונג וועגן יענער האָט זי בשום אופן ניט געקאָנט האָבן פון זיינע ענטפערס...

אייך זאָך נאָר האָט אַלעקס ניט פאַרגעסן איר צו באַמערקן, אַז אַזוי שיין

און ליב, ווי זי, לאַראַ, איז יענע ניט. און דאָס איז איר איצט זייער אָנגענעם געוועזן צו הערן.

אויפמאַרגן, ווען לאַראַ האָט דערציילט מאַקסן וועגן דעם, אַז זי איז געווען מיט אַלעקסן אין טעאַטער אויף זיין בילעט, האָט ער זיך דערפרייט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— אַבי דו האָסט גוט פאַרבראַכט, בין איך צופרידן.

— ער איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש, דיין פריינט, — האָט זי באַמערקט.

— זייער אַן אינטערעסאַנטער און אַ וואוילער, אַ האַרציקער מענטש. ער קאָן זיין אַ פריינט.

און ער האָט צוגעגעבן:

— דו האָסט געדאַרפט מיט אים אַרויסגיין אָפטער... איכ׳ל אים בעטן...

לאַראַ האָט זיך אָנגעצונדן און כמעט אַ געשריי געטאָן:

— איך בעט דיך ניט, אַז דו זאָלסט אים בעטן...

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— וואָס ביסטו געוואָרן אַזוי אין כעס?

האָט זי געענטפערט, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— אַזוי גראָב און אַזוי נאַריש!...

און אַזוי ווי דאָס איז פאַרגעקומען ביי אים אין צימער, איז זי אַוועק צו זיך, און מאַקס האָט געהערט, ווי אויפגערעגט זי האָט דאָרט אַ קלאַפּ געטאָן מיט איר טיר.

ער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען:

— וואָס איז זי אַזוי אין כעס געוואָרן?

און ער איז אַוועק זי זען.

זי איז געלעגן דאָרט ביי איר אין צימער אויפן בעט מיטן פּנים איינגעגראָבן אין קישן.

— וואָס איז געשען, לאַראַ? — איז ער צוגעגאַנגען צו איר.

איז זי נאָך אַ ווײַלע אַזוי געלעגן און האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. נאָכדעם האָט זי אומגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און געזאָגט שוין אָן כעס:

— לאָז מיך אַזוי ליגן, איך בעט דיך.

— וואָס איז? דיר טוט עפּעס וויי?

— גאָרנישט... עפּעס אַזוי... אַ שטימונג... גיי צו דיר אין צימער. איכ׳ל באַלד אַריינקומען...

ער איז אַוועק. אין אַ ווײַלע שפּעטער איז לאַראַ אַריינגעקומען צו אים אין צימער. זי האָט געזאָגט:

— איך מוז באַלד גיין צו די שטונדן. דו בלייבסט נאָך לאַנג אינדערהיים?

— אַ פּאָר שעה. איך וועל אפשר דאָ אַרבעטן.

זי האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויף אים.

— ערנסט, מאַקס? ווּעסט זיך זעצן אַרבעטן?

— יאָ. אוודאי ערנסט. איך בין שוין באַלד אַרויס פון דער שטימונג. שוין אַזוי לאַנג ניט געאַרבעט...

לאַראַ האָט אומעטיק אַ שמייכל געטאָן. זי האָט באַמערקט שטיל:

— איך ווייס. ווער איז שולדיק אין דעם?

— קיינער ניט, — האָט ער געענטפערט, און צוגעלייגט — אפשר איך אַליין בין שולדיק...

זי האָט געשוויגן, האָט געקוקט נאָר אויף אים מיט איר טרויעריקן שמייכל.

און נאָכדעם, ווען זי איז אַוועק, איז ער אַ ווײַלע געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און האָט געאַרבעט. און פּלוצים איז ער אויפגעשטאַנען אַן אויפגערעגטער און איז אַוועק, ווי זיין שטייגער איז געווען, שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק. און פאַרענדיקט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעקלונגען צו אַלעקסן אַהיים און געמאַכט אַ באַשטעלונג מיט אים זיך צו טרעפן אין אַ רעסטאָראַן אויף בראָדוועי.

6

אַלעקס האָט אָנגעהויבן קומען צו מאַקסן אָפטער, און כמעט שטענדיק, ווען יענער איז אינדערהיים ניט געווען. און אַמאָל האָט ער געוואָרט אויף אים ביי לאַראַן אין צימער, און נאָך אָפטער האָט ער לאַראַן איינגעלאַדן צו גיין מיט אים ערגעץ. און זי, אויב זי איז נאָר געווען פריי, איז מיט אים אַלעמאָל געגאַנגען.

ער האָט זיך געהאַלטן מיט איר מעשה דזשענטעלמאַן, שטענדיק העפלעך און ליבנסווירדיק און פריילעך, ווי ער וואָלט נאָר אויסן געווען איר פאַרגעניגן. און ער איז איר אַלץ נענטער געוואָרן. זי האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו אים אַלץ מער, און אַלץ מער אויף אים געקוקט ווי אויף איר פריינט אויך.

אָבער קיין איין מאָל האָט ניט פּאַסירט, ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען, אַז זי זאָל פון דער זייט ניט אַ פרעג טאָן ביי אים וועגן לילי מאַרשאַל.

וואָרים, הגם מאַקס האָט נאָך אַלץ אויסגעמיטן צו דערמאָנען פאַר איר לילים נאָמען, האָט זי מיט יעדן טאָג אַלץ שאַרפער געשפּירט מיט איר האַרצן דעם שאָטן פון יענער, מיט וועמען איר מאַקס האָט זיך אַלץ אָפטער און אָפטער געטראָפן. און אַלעקס איז געווען דער איינציקער, וואָס מיט אים האָט זי

געקאָנט וועגן יענער רעדן, און וואָס פון אים האָט זי געקאָנט עפּעס דערגיין וועגן יענער.

דערפאַר אָבער זיינען אויך געווען מאָמענטן, ווען זי האָט וועגן יענער אינגאַנצן פאַרגעסן און ווען זי האָט מאַקסן מער ניט פאַרדעכטיקט, און איז געווען גליקלעך אָן אַ שיעור.

דאָס איז געווען, ווען מאַקסן האָט אָנגעכאַפּט אַ חשק צו אַרבעטן. דעמאָלט האָט ער דעם גאַנצן אָוונט זיין צימער ניט פאַרלאָזן. ער האָט געשאַפן זיינע מעלאָדיעס, און זי האָט זיי געמוזט אויסהערן און איר מיינונג זאָגן. און איר מיינונג איז שטענדיק געווען אויל אויף זיין שאַפונגס־פייער.

און ווי שטאָלץ און ווי גליקלעך איז זי איינמאָל געווען, ווען אין אַ געוויסן אָוונט, בעת זי האָט געזאָלט גיין מיט אַלעקסן אין טעאַטער, האָט מאַקס מיט אַ מין שרעק זיך פּלוצלינג אָנגערופן:

— דו גייסט אַוועק? ניין, לאַראַ, דו בלייב היינט אינדערהיים. איך וועל היינט אַרבעטן, און איך וויל, אַז דו זאָלסט דאָ זיין.

זי איז שוין געווען אָנגעטאָן אין מאַנטל, מיטן הוט אויפן קאָפּ, און איז אַריינגעקומען צו אים מיט אַלעקסן צו זאָגן „גוטע־נאַכט“.

אומזיסט האָט אַלעקס פּראָטעסטירט; אומזיסט האָט ער געטענהט, אַז אַזאַ עגאָאיזם קאָן זיך פאַרגינען נאָר אַזאַ ווילדער קינסטלער. וואָס הייסט, צוליב אַזאַ נאַרישן קאַפּריז זאָל לאַראַ זיך אָפּזאָגן פון פאַרגעניגן? אָבער מאַקס האָט דערקלערט, אַז ער שאַפט היינט דעם וויכטיקסטן טייל פון זיין אַרבעט, און מחמת דעם מוז זיין מוזע היינט בלייבן אינדערהיים...

און אַז לאַראַ האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך אינגאַנצן צעלויכטן, און זי האָט צוריק אויסגעטאָן דעם מאַנטל און דעם הוט.

— מיר וועלן שוין אַן אַנדערש מאָל גיין, — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אַלעקסן מיט צעפינקלטע אויגן — ער פילט, אַז ער דאַרף מיך דאָ, טאָר איך ניט אַוועקגיין.

און זי איז געבליבן.

איז דאָס ניט געווען דער בעסטער סימן, ווי נאָענט און טייער זי איז געווען מאַקסן? איז דאָס ניט געווען דער בעסטער באַווייז, וואָס פאַר אַן איינפלוס זי האָט אויף אים געהאַט? האָט זי געדאַרפט מורא האָבן פאַר אַן אַנדער פרוי?

און זי האָט זיך געפילט שטאָלץ און גליקלעך מער, איידער ווען־עס־איז פריער.

אָבער אויף מאָרגן האָט זי זיך ווידער געמוטשעט און אַן אומעט האָט זי געשטיקט, מחמת מאַקס איז שוין ווידער אינדערהיים ניט געווען און זי

האָט ווידער דעם שאָטן פון דער אַנדערער פרוי געשפּירט. און ווען אַלעקס איז נאָכדעם צו איר געקומען און האָט זי גערופן ערגעץ מיט אים צו פאַר־ברענגען, איז זי צופרידן געווען צו גיין מיט אים.

און איינמאָל אין אָט־דער צייט איז צו מאַקסן געקומען זיין מאַמע פון פילאַדעלפיע. שרה־העניע האָט שוין געהאַט אַ ווייסן קאָפּ, אָבער איר בלייך פּנים האָט אויסגעזען אַ סך רואיקער, ווי ווען־עס־איז פריער. זי איז אָנגעטאָן געווען אין טונקעלע מלבושים, ריין און ציכטיק, און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אָט־די אַלטע האָט קיינמאָל קיין שלעכטע מינוטן ניט געהאַט אין איר לעבן, מחמת פון אירע ליפּן איז ניט אַרונטער אויף איין רגע אַ וואַרעמער, האַרצי־קער שמייכל.

די לעצטע צייט איז זי גאָר־גאָר צופרידן געווען פון איר לעבן. איר מאַק־סעלע האָט איר אַריינגעשיקט יעדע וואָך גענוג געלט פאַר אַלצדינג, וואָס זי האָט געדאַרפט, אפילו פאַר צו שטיצן אַ ווייטע קרובה אירע, וועלכע האָט געוואוינט אין פילאַדעלפיע.

מאַקס האָט זיך מיט איר געפרייט און איר דערציילט, אַז גאָר־גאָר אינ־גיכן וועלן אַלע צייטונגען זיין פול מיט אים. און נאָך מער האָט זיך מיט איר געפרייט לאָראַ. זי האָט די אַלטע גענומען צו אַ פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער און איז געגאַנגען מיט איר צו זען אַ בילד אין ראַדיאָ־סיטי און האָט, בכלל, זי באַהאַנדלט ווי שרה־העניע וואָלט געווען איר לייבלעכע מאַמע.

די אַלטע האָט פאַרבראַכט מיט איר זון און מיט לאָראַן עטלעכע טעג, און אונטער דער צייט האָט זי איינמאָל פאַרפירט אַ שמועס מיט מאַקסן, וואָס האָט אים צוערשט אַביסל צעטומלט: זיצנדיק מיט אים אין אַ רעסטאָראַן, האָט זי אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן וועגן לאָראַן, און געלויבט שטאַרק יענע און אירע עלטערן, אירע אַמאָליקע שכנים, און מיטאַמאָל האָט זי געזאָגט:

— אַי, מאַקסעלע, מיין זון, ווען איך דערלעב דאָס צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן, כל זמן איך לעב נאָך!

— וואָס, מאַמע?

— אָט־אַ דאָס, מיין זון... זען אייךביידן אונטער דער חופּה!... קיין שענערע און קיין בעסערע וויב פאַר דיר, ווי זי, איז דאָך גאָר אויף דער וועלט נישטאָ... האַ, זון מיינער? אפשר טאָקע וואָלט כדאי געווען אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם?...

מאַקס איז צעמישט געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ צעמישטן שמייכל און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

און אַז ער האָט געשוויגן, האָט די מאַמע גערעדט ווייטער:

— איז זי ניט שיין? זאָג אַליין, מאַקס, קאָן זיין אַ מיידל מער געראָטן ווי

זי? און ווער זי איז ווייסטו אויך; פון קינדווייז אויף קענסטו זי. אוי, וואָלט דאָס געווען אַ שידוך פאַר דיר, מיין קינד!...

ערשט דעמאָלט האָט ער זיך אָנגערופן:

— אמת, מאַמע, לאַראַ איז אַ וואונדערלעך מיידל און זי געפעלט מיר זייער, אָבער איך טראַכט ניט וועגן חתונה האָבן. איך האָב דאָס אפילו ניט אין זינען, מאַמע. איך טאָר ניט. אַפריער מוז איך עפּעס אויפטאָן אין לעבן, מאַכן זיך אַ נאָמען, באַרימט ווערן און ערשט נאָכדעם...

פונדעסטוועגן האָט די אַלטע געפּרואווט נאָכאַמאָל אַ שמועס צו טאָן וועגן דעם, איידער זי איז צוריקגעפאָרן אין פילאַדעלפיע — דעם צווייטן מאָל ניט מיט מאַקסן, נאָר מיט לאַראַן.

זי איז געזעסן מיט איר אין לאַראַס צימער און האָט מיט איר גערעדט וועגן מאַקסעס צוקונפט. און מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן צו לאַראַן:

— אוודאי וועט מיט מאַקסן די וועלט קלינגען. אַלעמאָל האָבן מיר געוואוסט, אַז אַזוי מוז דאָס זיין. אַז מיט אים זאָל די וועלט ניט קלינגען, טאָ מיט וועמען דען? אָט דערפאַר, מיין איך, האָט מען געדאַרפט אויף אים גוט אַכטונג געבן, אָפּהיטן זיין געזונט, זיין רו: אַז ער זאָל עסן אין צייט, זאָל גיין שלאָפן אין צייט. אַ קאַטאַוועס, ווי מען דאַרף אַזאַ היטן! ווי דאָס אויג אין קאָפּ! פרעג איך דיך טאַקע אַליין: פאַרוואָס זעסטו ניט, אַז עס זאָל עפּעס ווערן?...

— וואָס ווערן? — האָט לאַראַ זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איך מיין.... דו ווייסט, אַז ער האָלט פון דיר שטאַרק? דו ביסט אים זייער געפעלן...

— איר מיינט אַזוי?

— וואָס הייסט איך מיין? ער האָט מיר אַליין דאָס געזאָגט.

— ווען? — האָט לאַראַ געפרעגט, און איר פּנים איז טונקל־רויט געוואָרן.

— וואָס הייסט, ווען? ווען איך האָב מיט אים גערעדט. היינטיקע צייטן אַזאַ שיינע, אַזאַ געראָטענע מיידל ווי דו, און אַז זי געפעלט נאָך דעם בחור אויך, — דאַרף דאָך דאָס ווערן איינס־צוויי־דריי! אויף וואָס־זשע וואַרטסטו? וואָס שוויגסטו?

לאַראַ האָט זיך צעלאַכט און האָט אַרומגענומען די אַלטע און זי גוט אָנגעקושט. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— איך וואָלט ניט געהאַט דאַגעגן. מיר איז ער זייער טייער, כמעט זינט איך געדענק זיך. אָבער טראַכטן דערפון איצט איז אפשר צו־פרי. זיין אַרבעט איז וויכטיקער ווי דאָס. דערווייל דאַרף מען טראַכטן נאָר וועגן זיין אַרבעט...

שרה־העניע איז אָוועקגעפאָרן און לאַראַ האָט נאָכדעם נישט איינמאָל גע־

טראַכט וועגן אַט־דעם שמועס, וואָס זי האָט געהאַט מיט מאַקסעס מאַמע, און יעדעס מאָל, ווען זי האָט געטראַכט וועגן דעם, האָט זי געזיפצט.

7

דערווייל איז מאַקס אַלץ מער און מער באַקאַנט געוואָרן אין די יידיש־אַריסטאָקראַטישע קרייזן, דערהויפּט צווישן די יידיש־אַריסטאָקראַטישע דאַמען. עס איז געוואָרן אַ מאָדע ביי אים שטונדן צו נעמען.

יעדן טאָג האָט ער באַקומען אַ בריוול, צי אַ טעלעפאָן, פון לילין וועגן דעם, אַז אין דער און דער צייט זאָל ער ביי איר זיין, ווייל זי וויל אים פאַרשטעלן יענע און יענע דאַמע. און אַלעמאָל איז ער צו איר צו דער מינוט געקומען.

און די דאָזיקע אַלע דאַמען האָבן ביי אים באַשטעלט שטונדן, און דעם פּרייז האָט לילי מאַרשאַל אַליין באַשטימט.

אומעטום האָט מען אים געוואָלט האָבן און פון אומעטום האָט מען אים איינגעלאַדן צו אָוונטן. מען האָט אים געשלעפּט פון „דינער" צו „דינער", פון הויז צו הויז...

אומעטום האָט ער געשפּילט און אומעטום האָט מען אים באַוואונדערט. און געריעדט האָט מען אומעטום וועגן אַ גרויסן אָוונט פון זיין מוזיק ערגעץ אין אַ ניו־יאָרקער זאַל, ווי קאַרנעגי האָל.

אמת, זיין סימפאָניע „דער אייביקער ייד" האָט ער נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט (אויף די אָוונטן אין די רייכע הייזער האָט ער געשפּילט בלויז קליינע טיילן פון זיין סימפאָניע און די אַנדערע קאָמפּאָזיציעס פון פריער), אָבער אַנדערע פון זיינע נייע פאַרערערינס האָבן ניט געוואָלט וואַרטן ביז ער וועט זיין ניי ווערק פאַרענדיקן, זיי האָבן געוואָלט געבן אַן אָוונט פון זיין מוזיק, וואָס ער האָט געהאַט פון פריער.

קעגן אַט־דעם אָוונט איז אָבער געווען לילי מאַרשאַל. זי איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז פריער פון אַלץ מוז ער עפענען אַ רייכע סטודיאָ ערגעץ אין אַן אַריסטאָקראַטישן געגנט פאַר רייכע שילער, און ערשט נאָכדעם וועט קומען זיין עפנטלעכער קאָנצערט.

ער האָט מיט איר מסכים געווען. דאָס איז אָבער אים שווער געווען צו טאָן צוליב לאַראַן, און טאָקע צוליב אים אַליין אויך. מחמת ער האָט געפילט, ווי שווער עס וואָלט פאַר אים געווען זיך צו שיידן מיט לאַראַן, און, אַחוץ דעם, איז ער אַזוי געוואוינט געווען צו איר, בעת ער האָט געאַרבעט... און סוף־כל־סוף, — האָט ער געטראַכט — איז אים די נייע אַרבעט, וואָס ער האָט נאָך

ניט געהאַט פאַרענדיקט, געווען נישט אין־אַן־ערך טייערער, ווי דער קאָנצערט אין קאַרנעגי האָל, צי ווי אַ רייכע סטודיאָ ערגעץ אין אַן אַריסטאָקראַטישן געגנט...

זיין סימפאָניע האָט ער געמוזט ענדיקן אונטער אַלע אומשטענדן. און אַן לאַראַן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, וועט עס אים זיין זייער שווער.

סיידן לאַראַ זאָל מיט אים אויך אַריינציען אַהין. אָבער וועגן דעם האָט ער גאָרניט געקאָנט טראַכטן, מחמת ביז אַהער האָט ער נאָך אַלץ אויסגעמידן צו רעדן מיט לאַראַן וועגן לילין און מיט לילין וועגן לאַראַן. לילי וואָלט צו אים אין דער רייכער סטודיאָ זיכער אַמאָל געקומען. וואָס וואָלט לאַראַ דעמאָלט געזאָגט? און לילי וואָס וואָלט דעמאָלט געזאָגט? הגם עס קאָן גאָר זיין, אַז איר וואָלט עס גאָרניט געאַרט. דאָס לעצטע האָט ער געטראַכט מיט ווייטיק...

און ער האָט זיך נאָך אַלץ געטראָפן מיט לילין. און וואָס מער ער האָט זיך מיט איר געטראָפן, אַלץ מער האָט ער זיך געוואָלט מיט איר טרעפן, אַלץ מער האָט ער געבענקט נאָך איר.

„איך בין לילי־קראַנק!" האָט ער זיך אַמאָל געזאָגט, ווען ער איז געקומען פון אַן אָוונט ביי איר אין דער ווילאַ.

ביי איר אין דער ווילאַ אויף די אָוונטן האָט ער זיך אויך אַמאָל געטראָפן מיט באַרימטע קינסטלער און שריפטשטעלער. און ער האָט געזען, ווי זי, לילי, האָט מיט זיי אַלעמען קאָקעטירט און געשטיפט; און ער האָט געזען, מיט וואָס פאַר אַ פאַרכישופטע אויגן זיי אַלע האָבן געקוקט אויף איר פולער און דאָך בויגיקער געשטאַלט, ווי זיי אַלע זיינען איר נאָכגעגאַנגען, נאָכגעטאַנצט, נאָכגעקוקט איר יעדע באַוועגונג, איר יעדן זשעסט און איר יעדן בליק, וואָס האָט כישוף אַרויסגעהויכט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, און ער האָט זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַזוי אומבאַהאָלפן קעגן איר אין אַזאַ צייט און אַזוי פאַרפלאָנטערט אין זיינע אייגענע געפילן.

און אַמאָל איז ער גרייט געווען אפילו צו פאַרלאָזן איר הויז אומבאַמערקטערהייט, אַוועקגיין אָן אַ „גוט־נאַכט". דאָס האָט ער געוואָלט טאָן, ווען זי האָט זיך צעשטיפט אויף אַ צו־חוצפּהדיקן אופן, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן. קיין איינעם פון די געסט האָט זי דעמאָלט ניט דורכגעלאָזט: אַ צופּ געטאָן איינעם ביי דער נאָז, אַן אַנדערן אָנגעדרייט אַן אויער, אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, איבער אַ באַק, אַ קלאַפּ געטאָן מיט איר פעכער, און אפילו אַ קוש געטאָן אויך מיט אַ הויכן געלעכטער.

האָט ער דעמאָלט מורא געהאַט, אַז זי זאָל צו אים אויך צוגיין און מיט אים אַ שטיף טאָן אויף אַזאַ שטייגער, ווי מיט די אַנדערע. און מחמת דעם האָט ער געוואָלט שטילערהייט אַוועקגיין.

ער איז אָבער ניט אַוועק, און זי איז צו אים אויך ניט צוגעגאַנגען. און ניט אַ שטיף געטאָן מיט אים, ווי מיט די אַנדערע. און פאַרדראָסן האָט אים, פאַרוואָס זי איז ניט צוגעגאַנגען און פאַרדראָסן האָט אים אויך, פאַרוואָס אים פאַרדריסט אַזאַ זאַך... און דעמאָלט איז אים אויך קלאָר געוואָרן, ווי פאַר־פלאָנטערט ער איז אין זיינע געפילן געווען, און אַז ער איז געווען איינער פון אירע פאַרפירטע — אַ פאַרפירטער אידיאָט אין די הענט פון אַן אַוואַנטור־ריסטקע! ווי ער האָט זי דעמאָלט אין זיינע געדאַנקען גערופן...

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט ביי אים, אַז ווען ער איז געקומען צו איר, האָט ער זיך פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל און ער איז דאָרט געזעסן און האָט די גאַנצע צייט געשוויגן.

און ווי פריינטלעך די אַנדערע זיינען צו אים ניט געווען, האָט ער געדאַרפט אָנטאָן אויף זיך אַ באַזונדערן כוח, אַ שמייכל צו טאָן צו זיי.

עס איז שווער געווען אים אַריינצוציען אין אַ שמועס. ער האָט געענט־פערט קורץ, געציילטע ווערטער, און בשום אופן האָט מען ניט געקאָנט ביי אים פועלן, אַז ער זאָל עפּעס שפּילן. ניט אפילו לילי אַליין האָט דאָס געקאָנט ביי אים פועלן, ווען די אַנדערע געסט זיינען דאָרט ביי איר געווען.

ניט איינמאָל האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דעם, ווי אַלעקס האָט אים גע־וואָרנט קעגן איר, און ער האָט געטראַכט, אַז זי איז טויזנט מאָל נאָך געפער־לעכער, ווי אַלעקס מיינט.

אויף אָט־די אַוונטן האָט ער איינמאָל צופעליקערהייט אונטערגעהערט, וואָס איינער פון די געסט האָט געזאָגט צו לילין. ער, מאַקס, איז געזעסן דעמאָלט פאַררוקט אין אַ ווינקל, וואָס איז כמעט אינגאַנצן טונקל געווען, און ער האָט נאָכגעקוקט, ווי אַזוי לילי פירט אָן איר שפּיל מיט אירע מאַנסבילשע געסט... און מיטאַמאָל, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען דאָרט מיט איינעם פון אירע געסט און האָט געלאַכט, האָט זי יענעם אַ פּאַק געטאָן אונטערן אָרעם און גענומען גיין מיט אים אין דער זייט, וואו ער, מאַקס, איז געזעסן אין דעם פינצטערן ווינקל.

מאַקס האָט דערהערט איר קויל. זי האָט גערעדט צו יענעם:

— קומט מיט מיר אין יענעם צימער. איר וועט מיר דאָרט דערציילן.

איז יענער איר נאָכגעגאַנגען, און מאַקס האָט געהערט ווי יענער האָט געזאָגט:

— איר האָט ביי מיר דאָס האַרץ אַרויסגענומען, לילי; איצט שפּילט איר זיך מיט דעם פאַר מיינע אויגן.

און לילי איז מיט יענעם נאָכדעם פאַרשוואונדן און ער, מאַקס, האָט אַ טראַכט געטאָן:

„אַט אַזוי־אַ... מיין האַרץ איז אויך דאָרט ביי דער אָואַנטוריסטקע!...“

ביז איינמאָל האָט ער ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן און אים איז איינ־געפאַלן צו האָבן מיט איר אַן אָפענעם שמועס.

און אַזייגער עלף אינדערפרי, — צוויי וואָכן פאַר ביי־יאַר איז דאָס געווען, אין אַ קאַלטן טאָג, איידער ער איז אַוועק צו זיינע שטונדן — האָט ער אָנגעק־קלונגען צו איר. ער מוז רעדן מיט איר וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, — האָט ער איר געזאָגט. האָט זי אים געענטפערט דעמאָלט, אַז אין זיין אויפגערעגטן טאָן פילט זי, אַז דער ענין, וועגן וועלכן ער וויל מיט איר רעדן, איז גאַר־גאָר וויכטיק, און זי האָט באַשטעלט אים צו קומען אין אַ געוויסן רעסטאָראַן אויף בראָדוועי, אַרום דריי נאָכמיטאָג.

פונקט דריי איז ער געווען אין יענעם רעסטאָראַן. לילי האָט שוין אויף אים דאָרט געוואַרט ביי אַ באַזונדערן טישל. זיי האָבן באַשטעלט עפּעס צו טרינקען. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— וואָס ווילט איר מיר זאָגן מיט אַזאַ אויפגערעגטן אויסזען?

האָט אים אָבער איצט דער לשון אָפּגענומען. פריער האָט ער איר געוואָלט זאָגן, אַז ער וויל עס זאָל נעמען אַ סוף; אַז ער וויל ניט זיין קיין אידיאָט, ווי די אַנדערע, און אַזוי ווייטער; אָבער די דאָזיקע אַלע ווערטער זיינען אים מיטאַמאָל אָפּגעווישט געוואָרן אינעם מוח, אַזוי ווי שטויב מיט אַ האַנט, און די צונג אין מויל איז ביי אים אויך ווי פּאַראַליזירט געוואָרן.

— פאַרוואָס שווייגט איר? — האָט זי געלאָסן געטרונקען איר געטראַנק און געשמייכלט צו אים.

און מיטאַמאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— וואָס וועט דערפון ווערן?

— וואָס ווילט איר זאָל ווערן?

— איר האָט מיך משוגע געמאַכט!

האָט זי אַ לאַך געטאָן אין איר גלאָז אַריין און געזאָגט:

— נו, איז דאָך עפּעס געוואָרן!

— איר לאַכט פון מיר? — האָט ער אַרויסגעמורמלט, און געוואָלט זיך אויפהייבן.

זי האָט אים אָבער מיט אַ באַוועגונג אָפּגעהאַלטן.

— אַנטלויפט ניט. זאָגט בעסער, וואָס מאַכט אייער מוזע? — האָט זי פּלוצים געפרעגט.

איז מאַקס דעמאָלט צעמישט געוואָרן. מחמת קיינמאָל האָט ער מיט איר ניט גערעדט וועגן לאָראַן, און וועגן דעם, אַז יענע איז געווען זיין מוזע — אוודאי און אוודאי ניט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס מיינט איר ?

— איך מיין, וואָס איך מיין, — האָט זי ווידער אַ לאַך געטאָן, און ווייטער געזופּט איר געטראַנק. — אייער פריינט אַלעקס האָט מיר גאַר אַ סך דערציילט וועגן אייער מוזע . . . ווי קומט עס, וואָס איר האָט מיר קיינמאָל ניט דערציילט וועגן איר ?

ער האָט ניט געענטפערט. זי האָט גערעדט ווייטער :

— אַלעקס לויבט זי שטאַרק. איז זי אויף אַן אמת אַזוי שיין ?

און אַ מין צו־להכעיס געפיל האָט מאַקסן מיט אַמאָל אָנגעכאַפּט. ער האָט געענטפערט :

— די שענסטע אויף דער וועלט !

און ער האָט צוגעגעבן מיט דעמזעלבן צו־להכעיסדיקן טאָן :

— און נישט נאָר פיזיש ; גייסטיק איז זי אויך דער שענסטער מענטש.

יאָ, יאָ, זי איז מיין מוזע ! איך האָב אייך ניט דערציילט וועגן איר, ווייל איך האָב ניט געגלויבט, אַז אַזאַ, ווי זי, קאָן אייך אינטערעסירן...

לילי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— פאַר וואָס ? ווייל זי איז צו ריין פאַר מיר ? ווייל איך בין צו פאַרדאָרבן צו קאָנען אָפּשאַצן אַזוי פיל ריינקייט און שיינקייט ? זעט איר, מאַקס, אין דעם האָט איר אַ ביסעלע אַ טעות. דווקא ווייל זי איז אַזוי ריין, ווי איר זאָגט, און אַזוי שיין, ווי איר זאָגט, און ווייל זי איז אייער מוזע, ווי אייער פריינט אַלעקס האָט מיר דערציילט, בין איך פאַראינטערעסירט אין איר. מענטש, — האָט זי צוגעלייגט שטיל, און דערביי האָט זי אַריינגעקוקט אים אין פּנים מיט אירע בלויע אויגן, — אַלצדינג, וואָס איז נוגע אייך, אינטערעסירט מיך...

מאַקס האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. זיינע אויגן האָבן געפרעגט, וואָס זי האָט געמיינט. ער האָט אָבער געשוויגן. האָט זי גערעדט ווייטער. זי האָט געפרעגט :

— און זי וואוינט מיט אייך אין איין הויז ?

— אויף איין שטאָק, אַ טיר לעבן אַ טיר, — האָט ער געענטפערט נאָך אַלץ אין דעם פריערדיקן צו־להכעיס טאָן. — ווילט איר נאָך עפּעס וויסן וועגן איר ?

— וואָס זייט איר אין כעס ? און איבערהויפּט, מאַקס, איז מיר שווער אייך צו פאַרשטיין. האָט איר מיר נאָר געוואָלט זאָגן, אַז איר זייט משוגע ? צוליב דעם האָט איר מיר געקלונגען אין טעלעפאָן ? איר זייט דאָך ווי אַ קינד ! — האָט זי גוטמוטיק געשמייכלט.

— אַ יינגל, אַ אידיאָט.

— אַ ליבער ייִנגל, — האָט זי באַזונדערס ליב אַ שמייכל געטאָן צו אים און אַ גלעט געטאָן מיט אַ האַנט זיינע איבערן טיש.

— אָט־אָט, אַפילו איצט מוזט איר זיך שפּילן. דאָס איז שוין אייער צווייטע נאַטור, אָדער די ערשטע נאַטור! — האָט ער געזאָגט.

— מאַקס, ניט משוגע זיין! איך מיט אייך שפּיל זיך ניט! — איז זי מיט אַמאָל געוואָרן ערנסט. — איך פאַרזיכער אייך, אַז מיט אייך ניט. איר הערט? ניט מיט אייך! — האָט זי שטאַרק באַטאָנט די ווערטער.

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

— וואָס מיינט איר? — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט.

— דערווייל נאָך גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט.

מיט אַמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן און אים דערלאַנגט די האַנט.

— מיר וועלן זיך זען די טעג, — האָט זי אים געדריקט די האַנט, — אפשר נאָך מאָרגן. איך וועל אייך לאָזן וויסן...

און זי האָט פאַרלאָזט דעם רעסטאָראַן.

8

נאָך אָט דער טרעפעניש מיט לילי מאַרשאַל איז ער געווען פריילעך אויפגעלעבט. „מיט אייך שפּיל איך זיך ניט, מאַקס. איר הערט? ניט מיט אייך..." — האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין זיינע אויערן איר ברוסטיקער קול.

און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט זיך לאַראַ דערפרייט, ווען זי האָט אים דערזען. ער איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט און האָט ניט געלאַכט אַזוי האַרציק און פריילעך, ווי איצט. און זי האָט זיך נאָך מער דערפרייט, ווען ער האָט זיך געזעצט אַרבעטן. מחמת שוין באַלד צוויי וואָכן ווי ער איז ניט צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ. אויף אירע פראַגעס, פאַרוואָס ער אַרבעט ניט, האָט זי געהערט פון אים איין ענטפער: ער קאָן ניט, ער איז ניט אויפגעלייגט.

אַ פריילעכער האָט ער איר איצט געזאָגט, אַז ער גייט איבערמאַכן אַ גע־וויסן טייל פון זיין סימפאָניע, וואָס איז אים ניט געפעלן. ער פילט, אַז ערשט איצט וועט עס ביי אים אַרויסקומען גאָר־גאָר וואונדערלעך, ער וועט עס נאָכדעם פאַר איר שפּילן.

נאָכדעם איז ער געזעסן אַליין אין זיין צימער און האָט געאַרבעט; שפּעטער איז זי אַריינגעקומען מיט די ווערטער:

— אפשר ווילסטו עפּעס, מאַקס? אפשר טיי? אפשר פרוכט?

— שטער ניט, איך בעט דיך, — האָט ער אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ פון דער אַרבעט.

באַלד אָבער האָט ער זיך פאַרכאַפּט און גערעדט ווייטער צעטראָגן:

— אָט־אָט, גלייך ווער איך פאַרטיק. וועל איך עס שפּילן פאַר דיר. וואונדערלעך! איך זאָג דיר, וואונדערלעך! דו וועסט זיין שטאַרק צופרידן, לאַראַ.

— ביי מיר איז גאָר קיין ספק ניט, — האָט זי געזאָגט. — דו אַרבעט נאָר. און זי איז אַרויס פון זיין צימער.

ער האָט געשריבן ווייטער. אין אַ ווייל אַרום האָט מען אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. ער האָט אַ געשריי געטאָן אומגעדולדיק:

— הער אויף, לאַראַ! וואָס ביזטו דאָרט היינט משוגע געוואָרן!

די טיר האָט זיך געעפנט. ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און ער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט.

— לילי! — האָט ער כמעט אַ געשריי געטאָן, און איז אויפגעשפּרונגען.

לילי, אין אַ טייערן פעלץ, מיט אַ קליין פעלצן היטעלע אויפן רויטן קאָפּ און מיט אַ צערויטלטן פנים, האָט אים פריילעך באַגריסט.

— ווי קומט איר אַהער? — איז ער צוגעלאָפן צו איר און געהאָלפן איר אויסטאָן דעם פעלץ.

— איך האָב געוואָלט זען, ווי דער מייסטער וואוינט, — האָט זי זיך אָנגערופן און געשמייכלט מיט איר גאַנצן חן.

ער האָט צוגענומען דעם פעלץ און אים אַוועקגעלייגט אויף אַ דערבייאיקן שטול.

— וואָלט איר מיר כאָטש געלאָזט וויסן, אַז איר קומט! — האָט ער גערעדט, און זיין פנים האָט געפלאַמט, צי פאַר אויפרעגונג, צי פאַר פרייד.

— איך האָב אייך געוואָלט איבעררא‍ַשן.

זי האָט זיך געזעצט אויף דער סאָפע. דאָס פעלצן היטעלע האָט זי ניט אויסגעטאָן. זי איז געזעסן און האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

— הייסט עס, דאָ וואוינט איר?

מאַקס איז געקומען צו זיך און האָט באַמערקט מיט אַ שמייכל:

— ניט אין אַזאַ וואוינונג ווי איר; אָבער גליקלעך קאָן מען דאָ אויך זיין.

— איך גלויב אַזוי.

לאַראַ איז אַריינגעקומען. זי האָט געטראָגן אַ טעלער מיט פרוכט. זי האָט דערזען די אומבאַקאַנטע און האָט געמיינט, אַז דאָס איז איינע פון זיינע נייע שילערינס, האָט זי זי באַגריסט מיט אַ שמייכל און אַוועקגעשטעלט דעם טעלער מיט פרוכט אויפן טיש.

— קום אַהער, לאַראַ, — האָט מאַקס געזאָגט, — איך וויל דיך באַקענען מיט מאַדאַם לילי מאַרשאַל.

איז לאַראַ דעמאָלט געבליבן שטיין צעטומלט, מיט צעפלאַמטע באַקן און אויסגעגלאָצטע אויגן אויפן לילין.

זי האָט זיך פאַרלאָרן, אָבער ניט לילי. יענע האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו לאַראַן און האָט איר די האַנט געדריקט.

— איך האָב אַזוי פיל גוטס געהערט וועגן אייך, — האָט זי געזאָגט מיטן פריינטלעכסטן שמייכל, וואָס זי האָט נאָר פאַרמאָגט, — סיי פון אַלעקס רייג־שטיין און סיי פון אונדזער פריינט מאַקס. איר זייט אָבער נאָך שענער ווי כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט...

— לאַראַ און איך זיינען פריינט פון קינדהייט אויף, — האָט זיך מאַקס אריינגעמישט. — אין איין סקול געגאַנגען, און דאָ זיינען מיר אויך שכנים...

— איר האָט אַ זייער ליבע שכנה, מאַקס, — האָט לילי באַמערקט.

דערווייל איז לאַראַ געקומען צו זיך. זי האָט זיך אָנגערופן:

— אַ דאַנק אייך, מאַדאַם.

און זי האָט צוגעלייגט מיט אַ שמייכל:

— און וועגן אייך האָב איך אויך אַ סך געהערט, מאַדאַם.

— און געוויס ניט קיין גוטס, שטעל איך זיך פאָר, — האָט לילי אונטער־געכאַפּט, און אַ לאַך געטאָן.

— פאַרוואָס ניט קיין גוטס? איר שטיצט קינסטלער . . .

און זי האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעשלאָגן:

— וועט איר אפשר עסן פרוכט?

— אַ דאַנק. ניין. אָן אַנדערש מאָל, לאַראַ. מעג איך אייך אַזוי רופן?

— אַ, יאַ, מאַדאַם מאַרשאַל.

לילי האָט זיך דערנאָך אַ קער געטאָן צו מאַקסן:

— איך בין געקומען צו אייך אייגנטלעך וועגן אַ באַשטימטער זאַך. איך וויל, איר זאָלט מיט מיר פאָרן אָנקוקן די סטודיאָ, וואָס אייער פריינט אַלעקס און איך האָבן פאַר אייך געפונען...

לאַראַ איז געוואָרן בלייך און מאַקס אַליין איז אויך צעמישט געוואָרן. ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— שוין ווידער? אָבער פאַרוואָס רעדט איר מיך צו צו דעם?

— איר דאַרפט איינאָרדענען אַ שיינע סטודיאָ און די שילערינס זאָלן צו אייך קומען. העכסטנס דאַרפט איר זיין פאַרנומען דריי טעג אין דער וואָך. דער עיקר איז דאָך זיין אייגענער שאַפן, ניט אמת, לאַראַ? — האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ קער געטאָן צו איר.

לאַראַ האָט פאַרביסן די ליפּן. דערנאָך האָט זי געענטפערט:
— איך ווייס ניט. וועגן דעם זאָל ער אַליין אייך ענטפערן.
— איך וואָלט וועלן, אַז איר זאָלט אויך אָנקוקן יענע וואוינונג. איר זייט דאָך זיין מוזע, — האָט לילי געזאָגט.
לאַראַ האָט אַ שמייכל געטאָן און ניט געענטפערט.
און דאָ האָט מאַקס אויך גענומען בעטן לאַראַן, אַז זי זאָל גיין מיט אים אָנקוקן די נייע סטודיאָ:
— באמת, לאַראַ, גערעכט זיינען זיי דאָך. אַ נייע סטודיאָ, אַ נייע וואוינונג אין אַ בעסערער געגנט, מוז איך דאָך האָבן פאַר מיינע שילער.
— זאָג איך דען, אַז ניט? — האָט לאַראַ זיך אָנגערופן מיט געמאַכטער רואיקייט.
— קום אויך מיט אונדז, וועסטו מיט אונדז אָנקוקן.
— איך קאָן ניט. גיי אָן מיר. אַחוץ דעם, האָב איך באַלד אַ שטונדע.
און אין אַ ווײַלע אַרום איז מיט לילי מאַרשאַל אין איר אויטאָמאָביל געפאָרן מאַקס. זי האָט אים געפירט אָנקוקן די נייע סטודיאָ, וואָס זי האָט אינזינען געהאַט איינצואָרדענען פאַר אים.

9

ניט ווייט פון טאַימז סקווער איז געשטאַנען יענע הויז, פאַר וועלכער לילי'ס אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס הויז, אַ ברוינע, זעקס־שטאָקיקע געביידע, מיט אַ געשעפט פאַר דאַמען־היט אונטן, האָט זיך געפונען צווישן אַ גרויסן האָטעל און אַ טעאַטער.
זיי זיינען אַרויף אויפן ערשטן שטאָק. די וואוינונג איז געווען שיין, העל, געראַם, מיט גרויסע פענצטער צו דער גאַס.
לילי איז געלאָפן איבער די צימערן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, ווי זי אַליין וואָלט זיך געקליבן אַהין אַריינצוציען.
— דאָ וועט זיין דאָס מוזיק־צימער, — האָט זי געליאַרעמט, — דאָ, דאָס גאַסט־צימער; דאָרט, דאָס עס־צימער, און דאָרט, לעבן דעם מוזיק־צימער, דאָס שלאָף־צימער.
מאַקס איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער. ער האָט זיך נאָר געוואונדערט איבער דעם, וואָס זי איז אַזוי באַגייסטערט געווען.
נאָך דעם, ווי ער וואָלט פּלוצים זיך אָן עפּעס דערמאָנט, האָט ער זיך אָנגערופן:
— אָבער אַזאַ וואוינונג דאַרף דאָך מסתמא קאָסטן אַ סך געלט?

— אַזאַ וואוינונג וועט אַריינברענגען אַ סך געלט. מאַקס, איר זייט ניט קיין געשעפטסמאַן, לאָזט מיך פירן פאַר אייך אייערע געשעפטן...

— מיינע געשעפטן? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר.

אָבער לילי האָט גערעדט ווייטער:

— איך האָב אייך געזאָגט, און איך האַלט מיין וואָרט: איך לייג אויס פאַר אייך דאָס געלט. שפּעטער וועט איר מיר באַצאָלן. די וואוינונג איז אַ וואונדערלעכע, — האָט זי געליאַרעמט, און געפּאַטשט מיט די הענט, ווי אַ קליין מיידעלע. — דאָ שטעלן מיר אַוועק אַ פּיאַנאָ, נאָטירלעך; דאָ אַ שרייב־טיש; דאָ אַ באַקוועמע סאָפע, אויף וועלכער דער קינסטלער זאָל קאָנען אויסרוען זיין קאָפּ, ווען ער וועט פון שאַפן מיד ווערן; דאָ אַ שראַנק פאַר נאָטן, מיט קווין אַנאַ שויבן; דאָ און דאָ און דאָ וועלן מיר אַוועקשטעלן ביוסטן פון בעטהאָווען, וואַגנער, מאָצאַרט און שובערט. איך וואָלט אויך וועלן, אַז מען זאָל די ווענט פון אָט דעם צימער באַשלאָגן מיט סאַמעט.

— ניין, ניין! — האָט מאַקס זיך אָנגערופן. — דאָס וועט פאַרדאַרבן די אַקוסטיק, דערשטיקן דעם טאָן.

— אויך אמת, — האָט לילי זיך אַ כאַפּ געטאָן. — ווענן דעם איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן. וועלן מיר אָנשטאָט דעם פאַרדעקן די ווענט מיט טונקל־רויטע טאַפּעטן. צופרידן, מאַקס?

ער האָט געשוויגן, אָבער זיינע בליקן האָבן אויסגעדריקט אַזאַ טיפע באַוואונדערונג פאַר איר, אַז ביי לילין, וועלכע האָט אים געזען דורך און דורך, האָט דאָס האַרץ געשפּרונגען פאַר פרייד.

נאָך דעם, ווי זיי האָבן פאַרלאָזט די וואוינונג, האָט לילי פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן מאַקסן אונטערן אָרעם און זי האָט געזאָגט:

— איר ווייסט גאָר ניט, ווי צופרידן איך בין פון דעם, וואָס איך האָב דאָס ביי אייך געפּועלט. איר וועט זיך דאָ פילן, ווי אין אַ נייער וועלט.

און דערביי האָט זי זיך אַ דריק געטאָן צו אים, און דאָס איז ביי איר אַרויסגעקומען, ווי זי וואָלט עס ניט געמיינט צו טאָן. ער אָבער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון אָט דער באַרירונג אירער.

אַהיים האָט ער זיך צוריקגעקערט שפּעטער ווי געוויינלעך — אַרום צען אין אָוונט.

גייענדיק אַרויף די טרעפּ, האָט ער געפילט אַ שווערן אומעט. מחמת ער האָט איצט געטראַכט וועגן לאַראַן און וועגן דעם, וואָס ער וועט זי מוזן פאַרלאָזן. קיין אַנדער ברירה האָט ער שוין ניט געהאַט. אין אַ וואָך אַרום וועט ער מוזן אַרויסציען זיך אין דער נייער וואוינונג. אַזוי האָט ער היינט אָפּגערעדט מיט לילין.

וואָס זאָל ער זאָגן לאַראַן? אפשר מיינט זי פּאַרט, אַז זי וועט מיט אים זיך אויך אַריינציִען. אויב זי שלאָפט נאָך ניט, וועט ער מיט איר אַ שמועס טאָן וועגן דעם. ניט אָפּלייגן, צו־וואָס? הלמאי זאָל זי זיך שפּעטער פּילן אָפּגענאַרט? אָבער ווי אַזוי? ווי הויבט מען דאָס אָן? עס וועט איר זיכער וויי טאָן. פאַרוואָס זאָל ער איר וויי טאָן? ווי קאָן ער איר וויי טאָן? ניין, ער קאָן ניט. ער וועט עס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל!

ער איז פאַרבייגעגאַנגען איר טיר און געבליבן שטיין און האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט. ביי איר אין צימער איז געווען שטיל. אפשר איז זי ערגעץ אַוועק? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — קאָן דען זיי, אַז זי זאָל שוין שלאָפן?

ער האָט אַ קוק געטאָן דורכן שליסל־לאָך און באַמערקט, אַז דאָרט איז ליכטיק. ער האָט אָנגעקלאַפּט, פריער שטיל, נאָכדעם שטאַרקער.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער דערהערט לאַראַס קול.

— איך בין דאָס, לאַראַ! קאָן איך אַריינגיין?

— געוויס!

און עס האָט ניט געדויערט קיין מינוט און זי האָט אים געעפנט די טיר.

ער איז אַריין צו איר אין צימער. און ער האָט באַלד באַמערקט, אַז זי זעט אויס בלייך און אַז די אויגן זיינען ביי איר רויט.

„האָט זי געוויינט, אָדער עס ווייזט זיך אים נאָר אויס?"

ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געזאָגט:

— איך האָב ניט געקאָנט פריער קומען.

— דאַרפסט זיך פאַר מיר ניט פאַרענטפערן, — האָט זי אים ניט געלאָזט ווייטער רעדן, און זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר אויפרעגונג.

— די וואוינונג האָב איך טאַקע גענומען, — האָט ער מיט אַמאָל געזאָגט.

— איך מוז דאָך האָבן אַ בעסערע וואוינונג, כדי מיינע רייכע שילער זאָלן קאָנען קומען צו מיר. פאַרשטייסט דאָך, אַז דאָ איז ניט קיין פּלאַץ פאַר דעם!

— שוין גענומען? — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים ווי מיט שרעק.

מאַקס האָט באַמערקט, אַז זי איז נאָך בלייכער געוואָרן, האָט ער צערטלעך גענומען גלעטן איר איבערן קאָפּ און גערעדט ווייטער:

— אָבער מיר וועלן זיך זען אָפט, זייער אָפט. דו וועסט קומען צו מיר און איך צו דיר, און אויף שטענדיק וועלן מיר בלייבן די בעסטע פריינט, ווי ביז אַהער, ניט אמת?

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָבער לאַראַ, קינד, דו וויינסט!

פון אירע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן. אין דער אייגענער צייט אָבער האָט זי געשמייכלט.

מאַקס האָט זי צוגעצויגן צו זיך, צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיין ברוסט, געגלעט איר יינגליש־געשוירענעם שוואַרצן קאָפּ, איר נאַקן און גערעדט צו איר ווייך:

— מען דאַרף ניט וויינען, מען דאַרף ניט, לאַראַ... איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דיר טוט וויי. אָבער דו האָסט דאָך אַלע מאָל געוואָלט, אַז איך זאָל האָבן דערפאָלג. איצט, ווייזט אויס, וועט דיין וואונטש דערפילט ווערן. מאָך מיר ניט שווער, קינד. אויב דאָס מאַכט דיך אַזוי אומגליקלעך, וועל איך דאָס ניט טאָן. ניין, איך פאַרזיכער דיר, לאַראַ, אַז איך וועל עס ניט טאָן, אויב דו וועסט עס פאַרלאַנגען...

האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין ברוסט, אָפּגעווישט די אויגן און מיט אַ שמייכל אים געזאָגט:

— איך בין נאַריש, מאַקס, דערפאַר וויין איך. יאָ, דו ביזט גערעכט. דו דאַרפסט זיך אַרויסציען פון דאַנען, דו מוזט. ניט דו דאַרפסט דאָ וואוינען. און איך ווינטש דיר גליק פונעם טיפן האַרצן. דו ווייסט עס, מאַקס, דיין גליק איז אַלעמאָל געווען מיין גליק.

— אָט איצט רעדסטו ווי לאַראַ! — האָט ער באַמערקט.

— איין זאַך נאָר וויל איך וויסן, — האָט לאַראַ זיך אָנגערופן. — האָסטו שוין איבערגעאַרבעט יענע טיילן, וואָס דו האָסט באַדאַרפט, אָדער זי האָט דיר געשטערט?

— זי? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט פרעגנדיקע אויגן, און תיכף זיך איבערגעשלאָגן. — אַה, דו מיינסט לילי? ניין, זי האָט מיר ניט געשטערט. ווילסטו אפשר הערן?

שפּעטער האָט ער פאַר איר געשפּילט אין זיין צימער די איבערגעאַרבעטע טיילן פון זיין ווערק און לאַראַ איז געווען באַגייסטערט.

אויף מאָרגן האָט ער זיך געטראָפן מיט אַלעקסן און יענער האָט אויך גערעדט מיט אים וועגן זיין נייער וואוינונג.

— לילי מאַרשאַל קלייבט זיך אויסצופּוצן דיין סטודיאָ אויף אַ העכסט־קינסטלערישן אופן, און אויף איר געשמאַק קאָן מען זיך פאַרלאָזן. ווי עס ווייזט אויס, איז זי אין דיר אויף אַן אמת פאַראינטערעסירט.

דאָס איז געווען ביי מאַקסן אין צימער שפּעט נאָכמיטאָג, ווען לאַראַ איז געווען פאַרנומען אויף אירע שטונדן.

מאַקס איז געלעגן אויף דער סאָפע מיט די הענט הינטערן נאַקן.

— וואָס מיינסטו, זי איז פאַראינטערעסירט אין מיר אויף אַן אמת?

— איך מיין, אַז זי האָט פאַר קיינעם ניט געטאָן דאָס, וואָס זי איז גרייט צו טאָן פאַר דיר. אפשר וועסטו ביי איר אויך האָבן מער גליק ווי די אַנדערע...

— דו גלויבסט אויך, אַז אַלע זיינען ביי איר ביז אַהער דורכגעפאַלן ? — האָט מאַקס פאַרטראַכט געפרעגט.

— איך בין אין דעם זיכער, אויך איך בין ביי איר דורכגעפאַלן...

— היינט פאַרוואָס פאַלט דיר איין, אַז איך וועל ביי איר ניט האָבן דעמ־זעלביקן פסק ?

— זיכער בין איך אין דעם ניט. דאָך, עפּעס פיל איך אין אירע רייד, ווען זי רעדט וועגן דיר, און אין איר גאַנצן עסקן זיך מיט דיר, אַ באַזונדערן אינטערעס אין דיר. און אפשר האָב איך אויך אַ טעות. — האָט אַלעקס גערעדט ווייטער. — מילא, מיר וועלן שפּעטער זען ! סיי־ווי, געווינען וועסטו דערפון... וואָס זאָגט עפּעס דיין „מוזע" וועגן דעם ?

— וואָס זאָל זי זאָגן ? זי ווינטשט מיר גליק.

— זי בלייבט דאָ וואוינען ?

— איך ווייס ניט. איך האָב נאָך מיט איר ניט גערעדט דערפון.

— אָבער, אַז דו קלייבסט זיך אַרויס פון דאַנען, ווייסט זי ?

— זיכער.

— זי וועט געוויס בענקען נאָך דיר.

— איך נאָך איר אויך. אָבער מיר וועלן זיך זען. זי וועט קומען צו מיר אַהין אויך. אָן איר וועט מיר זיין שווער צו אַרבעטן.

— אַפילו ווען לילי מאַרשאַל זאָל זיך פאַראינטערעסירן אין דיין אַרבעט ? — האָט אַלעקס געפרעגט.

— איך גלויב ניט, אויב עמעצער אין דער גאַנצער וועלט קאָן פאַרבייטן לאַראַן, ווען עס קומט צו מיין שאַפן.

ער איז אויפגעשטאַנען פון דער סאָפע, זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, ווי זיין טבע איז געווען, בעת ער האָט וועגן עפּעס געטראַכט, און נאָכדעם זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַלעקסן מיט צעטראָגענע אויגן.

— דו מיינסט ערנסט, — האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלעקסן, — אַז זי איז אין מיר אויף אַן אמת פאַראינטערעסירט ?

— ווער זי ? לילי מאַרשאַל, אָדער דיין מוזע, לאַראַ ? — האָט אַלעקס געפרעגט און געקוקט אויף אים מיט לאַכנדיקע אויגן.

— איך מיין לילין. דעם אמת געזאָגט, קען איך זי ניט. אפשר האָט זי מיט די אַנדערע זיך אויך אַזוי אינטערעסירט ? אָט איז דאָך געווען איינער, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן פאַר ליבע צו איר. ווי אַזוי בין איך זיכער,

אַז צו יענעם האָט זי ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אינטערעס, און דערפאַר האָט ער זיך אַזוי פאַרליבט אין איר?...

— קיין גאַראַנטיע פאַר דעם קאָן איך דיר ניט געבן, מאַקס; אָבער אַז מיט קיינעם האָט זי זיך אַזוי פיל ניט גע'עסקט, ווי מיט דיר, דאָס איז אַ פאַקט. פאַר דיר אונטערהאַנדלט זי מיט איינעם פון אונדזערע בעסטע סימפאָניע־אָרקעסטערס...

מאַקס האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— דו שפּאַסט? — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן.

— ווער שפּאַסט? איך האָב געמיינט, אַז דו ווייסט וועגן דעם. און איך האָב געהערט, אַז זי האָט שוין אַלץ איינגעאָרדנט פאַר דיין קאָנצערט...

מאַקס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויסגערעדט ווי צו זיך אַליין:

— איך ווייס גאָרניט. איך הער פון דיר וועגן דעם דאָס ערשטע מאָל. מאָדנע, ווי איך אַליין וואָלט דערמיט גאָרניט געהאַט צו טאָן!

— דו קאָנסט זיך פאַרלאָזן אויף איר. מיט איר וועסטו ניט דורכפאַלן. און אפשר ביי איר אויך ניט...

אַלעקס האָט זיך געזעגנט מיט אים מיט די ווערטער:

— גריס לאָראַן. דערמאָן איר, אַז זי זאָל ניט פאַרגעסן, אַז מיר גייען מאָרגן אין טעאַטער. איך וועל דאָ זיין פאַר אַכט.

און ער איז אַוועק.

איז מאַקס דערנאָך געבליבן אין זיין צימער און האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט פון אַלעקסן וועגן זיין קאָנצערט און וועגן לילין. ער האָט צו זיך געזאָגט: „אויב דאָס איז אמת, וועט ער דאָס געלט, וואָס דער קאָנצערט וועט אים אַריינברענגען, אינגאַנצן אָפּגעבן איר אויף דעם חוב, וואָס וועט איר קומען פון אים...“

און מיט אַמאָל האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש, אַ שטאַרקע בענקשאַפט, צו רעדן מיט איר, צו הערן איר קול, און ער איז אַרויס פון זיין צימער און אַרונטער אונטן, וואו עס האָט זיך געפונען אַ טעלעפאָן, און האָט אָנגעקלונגען צו איר. זי איז אָבער ניט געווען אינדערהיים. אַ דינסט האָט אים געענטפערט, אַז פריער ווי פאַרנאַכט וועט זי אינדערהיים ניט זיין.

איז ער דערנאָך אַוועק צוריק צו זיך אין צימער. קיין רו אָבער האָט ער שוין מער ניט געהאַט. אפשר איז זי דאָרט ביי אים אויף דער נייער קוואַרטיר? ער וועט צופאָרן אַהין. עס קאָן זיין, אַז זי איז דאָרט...

און עפּעס האָט אים געריסן און געצויגן אַהין, וואָס איז געווען שטאַרקער פון אים.

אין דרויסן האָט ער גענומען אַ טעקסי, און זיצנדיק דערנאָך אין דער

טעקסי האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך ניט געטראָגן געגוג שנעל.

צום סוף איז די טעקסי געבליבן שטיין לעבן זיין נייער וואוינונג. ער האָט אין איילעניש באַצאָלט דעם שאָפער און איז אַריינגעלאָפן אין דער אָפענער טיר פונעם הויז־אַריינגאַנג.

אויבן האָט ער געטראָפן אין אַלע צימערן אַרבעטער. מען איז געשטאַנען אויף לייטערס און מען האָט באַצויגן די ווענט מיט שיינע שטאָפן. אויפן דיל זיינען געלעגן צונויפגעוויקלטע טעפּיכער; נייע שטיקער מעבל האָט מען געררוקט פון איין צימער אין דעם אַנדערן, און די דאָזיקע גאַנצע אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן פון לילי מאַרשאַל.

זי איז געלאָפן פון איין צימער אין דעם אַנדערן, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט, וואָס איז ביי איר פאַרשפּיליעט געווען הויך ביז אונטערן קין. אָן דער אויפרעגונג און אָן דעם פאַרגעניגן, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון איר פּנים, איז קענטיק געווען, אַז זי איז מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן געווען אין אָט דער אַרבעט.

איר סעקרעטאַרין, מיס גרין, איז אויך מיט איר דאָרט געווען און האָט אויך געהאָלפן אויסשטעלן דאָס מעבל.

מאַקס האָט זיך אַרומגעקוקט.

„און דאָס אַלצדינג איז פאַר מיר" — האָט ער געטראַכט, און קוים גע־גלויבט זיינע אויגן.

און דאָ האָט זי אים באַמערקט און איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַן אויס־געשטרעקטער האַנט:

— וואָס טוט איר דאָ? וואָס דאַרפט איר דאָ? — האָט זי געזאָגט האַלב־שטיפעריש און האַלב־ערנסט. — איר האָט ניט געדאַרפט קומען ביז אַלצדינג וועט דאָ זיין פאַרטיק. ערשט דעמאָלט וועט איר זען, אַז ניט נאָר איר אַליין קאָנט שאַפן קונסטווערק, אַנדערע קאָנען דאָס אויך!

און דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו מיס גרין און זיך געווענדט צו איר:

— מיס גרין, הייסט אים זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. און ביז אַלצדינג וועט דאָ ניט זיין ריכטיק איינגעשטעלט זאָל ער זיך ניט דערוועגן צו ווייזן דאָ זיין נאָז!

מיס גרין האָט זיך צעלאַכט.

— אַז ער איז שוין דאָ, טאָ זאָלן מיר פרעגן ביי אים וואו ער וויל מען זאָל שטעלן דעם קלאַוויר.

— יאָ, יאָ, גערעכט, — האָט לילי זיך אַ כאַפּ געטאָן. — הער קינסטלער, וואו זאָלן מיר שטעלן די פּיאַנאָ?

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אים אָוועקגעשלעפּט נאָך זיך אין אַ צווייטן צימער.

— ווילט איר דאָ? — האָט זי אים אָנגעוויזן אַ פּלאַץ קעגן די פענצטער.

און ער האָט איר געענטפערט אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט געווען שיכור:

— איר ווייסט בעסער ווי איך וואו צו שטעלן.

— וועט די פּיאַנאָ שטיין דאָ, — האָט זי געזאָגט.

ער איז געשטאַנען לעבן איר און האָט די אויגן ניט געקאָנט פון איר אָוועקרייסן. אין דעם דאָזיקן איינפאַכן, ווייסן כאַלאַט, מיטן רויטן קאָפּ און מיט די בלויע, צעפינקלטע אויגן, און מיט די צעשמייכלטע חן־גריבעלעך אויף אירע באַקן איז זי אין זיינע אויגן געווען אומגעוויינלעך שיין.

און מיט אַמאָל האָט זי ווידער אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט:

— נו, ניט געשטערט! געזאָגנגען! ניט געוויזן זיך דאָ אַ וואָך צייט. איך וועל אייך שוין לאָזן וויסן ווען צו קומען. גוד־באַי!

ער האָט גענומען איר האַנט און אַרויסגעמורמלט:

— און צו אייך אַהיים?

— אויך ניט. די וואָך האָב איך קיין צייט ניט פאַר אייך. איך וועל זיין פאַרנומען דאָ.

— און אין די אָוונטן?

— וויל איך רוען, — האָט זי געענטפערט.

— יעדן אָוונט?

האָט זי אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— איך האָב קיין צייט ניט, גייט!

און זי האָט אים געוואָלט אַרויסשטופּן פון דער טיר. ער אָבער האָט מיט אַמאָל זי אָנגעהויבן צו בעטן:

— לאָזט מיך דאָ פאַרבלייבן מיט אייך נאָך עטלעכע מינוט. איך האָב זיך עפּעס דערוואוסט און איך מוז וועגן דעם מיט אייך רעדן.

— אוי, ווי ערנסט! נו, קומט שוין אַהין — איז זי מיט אים אַריינגעגאַנגען אין אַ דריטן צימער, וואו קליינער, אַחוץ זיי, איז ניט געווען.

— אַלעקס האָט מיר היינט דערציילט, אַז איר אונטערהאַנדלט וועגן אַן אָוונט פאַר מיר. איז דאָס אמת? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, אמת. ווען אַלצדינג וועט זיין פאַרטיק, וועט איר וויסן.

— דענקט איר ניט, אַז איך האָב געדאַרפט וויסן איידער איר האָט עפּעס געטאָן וועגן דעם?

— עס איז גענוג דערוויילע, ווען די פירערין פון אייערע געשעפטן ווייסט דערפון. איר געדענקט דאָך מסתמא, וואָס איך האָב מיט אייך אָפּגעמאַכט?

— איר האָט מיט מיר עפּעס אָפּגעמאַכט? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר פאַרוואונדערט.

— נו, האָב איך מיט זיך אַליין אָפּגעמאַכט, — האָט זי אַ לאַך געטאָן. — אָבער אַלץ פון אייער טובה־וועגן. געדענקט־זשע, אייערע געשעפטן פיר איך. אייער זאַך איז דאָס ניט. און איר זאָלט זיך ניט דערוועגן אַריינצומישן אין דעם! — האָט זי אַ סטראָשע געטאָן אים מיט אַ פינגער.

ערשט איצט האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— פון מיינעטוועגן. איך וועל זיך ניט מישן. אָבער דאָס גאַנצע געלט, וואָס דער קאָנצערט וועט אַריינברענגען, וועט גיין אויף צו דעקן מיין חוב, וואָס אייך קומט.

— דערפון וועלן מיר רעדן נאָך דעם קאָנצערט, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן.

האָט מאַקס דערנאָך אַ ווײַלע געשוויגן און געקוקט אויף איר.

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? — האָט זי אַ לאַך געטאָן.

און ער האָט געענטפערט ווי פאַרשיכורט:

— איך קוק אויף אייך, און וואָס מער איך קוק אויף אייך, אַלץ מער זע איך, אַז איר זייט די שענסטע אויף דער גאַנצער וועלט. ווער פאַרמאָגט נאָך אַזאַ הימל, ווי איר, אין די אויגן? אַזאַ זוניקן שמייכל?

דער פּנים האָט זיך בײַ איר אָנגעצונדן פון זיינע ווערטער. זי האָט אים אָבער ניט געלאָזט ווייטער רעדן. זי האָט אויסגעשריִען:

— דאָס וועט איר מיר אויך דערציילן נאָכן קאָנצערט! אפשר נאָך מער!...

און זי האָט אים אַרויסגעשטופּט פון דער טיר.

10

יענעם אָוונט, ווען מאַקס האָט געדאַרפט אַריבערציִען זיך אין זיין בײַער וואוינונג, איז אים געווען שווער אויפן האַרצן. לאַראַ, וועלכע האָט אים געהאָלפן זיך איינפּאַקן, האָט אויסגעזען צעטראָגן, אָבער יעדע ווײַלע, פּאַקנדיק זיינע זאַכן אין אַ וואַליז, האָט זי זיך ווי אָן עפּעס דערמאָנט, און אַ שמייכל געטאָן.

וועןביידע וואַליזעס זיינען געווען איינגעפּאַקט און זיינען שוין געלעגן צוגעמאַכטע אויפן דיל בײַ מאַקסן אין צימער, האָט ער, מאַקס, זיך מיט אַמאָל אָנגערופן צו לאַראַן:

— איך טראַכט: אַ סך עלנט און נויט האָב איך אין אָט דעם צימער איבערגעלעבט, אָבער אויך אַ סך שטונדן פון גליקלעכן, פריידיקן שאַפן, און

אויך גענוג שיינע מינוטן מיט דיר, לאַראַ. איך וועל אָט די אָרעמע וואוינונג מיינע קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און איצט, לאַראַ, הער. איך וויל, אַז דו זאָלסט קומען אָנקוקן מיין נייע וואוינונג. וואָס האָבן מיר היינט? פרייטיק! שבת — זונטיק — יאָ, קום צו מיר זונטיק! דעם אַדרעס האָסטו דאָך. אָפּגעמאַכט?

— יאָ, — האָט זי שטיל געענטפערט, און איבער געוואַלד געשמייכלט.

— און זיי ניט אַזוי טרויעריק, לאַראַ. גלויב מיר, אַז מיר אַליין איז אויך ניט גרינג איבערצולאָזן דיך אַליין. אָבער איך קאָן זיך ניט העלפן. נעמען דיך מיט זיך? איך וואָלט דאָס גערן געטאָן, אָבער איך קאָן דאָס ניט. אפשר שפּעטער, לאַראַ... אַלזאָ, — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן, — זונטיק, יאָ?

ער האָט זי אַרומגענומען און געוואָלט קושן אירע ליפּן. זי האָט אים אָבער נאָר אַ באַק אויסגעשטעלט.

— זיי גליקלעך, מאַקס! — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערנדיק קול, און געשמייכלט. — איך וועל אַרויפשיקן דעם שאָפער פון דער טעקסי.

און זי איז אַרויסגעגאַנגען.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרויפגעקומען דער שאָפער אָן איר. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די ביידע וואַליזעס פון דיל און איז אַרויס מיט מאַקסן.

גייענדיק נאָכן שאָפער, האָט מאַקס זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר פון לאַראַס צימער. ער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אַהין נאָך אַמאָל, איידער ער פאַרלאָזט די אַלטע וואוינונג, אַ קוק טאָן אפשר צום לעצטן מאָל. האָט ער געעפנט די טיר און אַרייַנגעקוקט אין צימער. דאָרט איז געווען לאַראַ. זי איז געלעגן אויף איר בעט מיטן פּנים אייַנגעגראָבן אין קישן, און האָט אויפגעציטערט מיט די אַקסלען.

מאַקס איז צוגעלאָפן צו איר.

— לאַראַ!

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פונעם קישן מיט פייכטע באַקן און פאַרוויינטע אויגן, און זי האָט אים גענומען בעטן:

— גיי, מאַקס, גיי! עס האָט ניט צו טאָן מיט דיר. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין פּאַפּאַ, דערפאַר טרעפסטו מיך אַזוי.

אַ צעטומלטער האָט ער דערנאָך פאַרלאָזן איר צימער. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז די מעשה מיט איר טאַטנס בריוו האָט זי אויסגעטראַכט. זיצנדיק אין דער טעקסי האָט ער געטראַכט, אַז אפשר האָט ער ניט געדאַרפט טאָן, וואָס ער טוט. אפשר האָט ער געדאַרפט בלייבן אויף זיין אַלטער וואוינונג. צי אפשר וואָלט ער גאָר געדאַרפט פאָלגן זיין מאַמע און חתונה האָבן מיט לאַראַן. זי האָט דאָך אים ליב? מיט איר איז ער דאָך געווען אַזוי גליקלעך...

און פאַר זיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן אויף אַ רגע דאָס יונגע מיידל,

ווי ער האָט זי געזען אין מאָמענטן פון זיין העכסטן גליק. אָבער באַלד האָט זי אָנגענומען די געשטאַלט פון לילין. ניט אַ שוואַרצער קאָפּ האָר האָט זיך צו זיין ברוסט געדריקט, נאָר אַ רויטער, מיט בלויע פינקלענדיקע אויגן...

פון דעם טיפן גרונט פון זיין נשמה האָט לילי אויפגעטויכט און, ווי ער האָט זיך ניט געראַנגלט מיט איר, ווי ער האָט ניט געוואָלט פאַרטרייבן זי פון זיין פאַנטאַזיע, האָט זי אים איצט אַלץ מער און מער פאַרכאַפּט, האָט אים באַהערשט מיט איר שמייכל און מיט איר גאַנצער כישופדיקער געשטאַלט. זי האָט ניט צוגעלאָזן צו אים לאַראַן, ווי ער האָט יענע איצט מיט זיינע געדאַנקען און מיט זיין האַרצן ניט געזוכט...

* * *

אַריינקומענדיק אין זיין נייער וואוינונג, האָט ער געפונען אין זיין מוזיק־צימער דריי גרויסע בוקעטן פרישע בלומען. אויף איינעם פון די בוקעטן, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פּיאַנאָ, איז געווען צוגעשפּיליעט אַ צעטעלע. ער האָט איבערגעלייענט: „איך ווינטש גליק. לילי...“

אַ צווייטער בוקעט איז געווען פון אַלעקסן מיט די ווערטער אויף ענגליש: „מזל טוב!“ און דער דריטער איז געווען פון לאַראַן. אויך מיט אַ צעטעלע, מיט די ווערטער: „זאָל דיין וועג זיין אויסגעלייגט מיט נאָך שענערע בלומען. דאָס ווינטשט דיר איינע, וואָס דו האָסט אַמאָל גערופן דיין מוזע — לאַראַ.“

ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„ווי שיין, מיין ליבע לאַראַ!“

אין דער אייגענער צייט האָבן זיך זיינע אויגן געריסן צו ליליס בוקעט און צו איר צעטעלע און אַ בענקעניש האָט זיך געוועקט ביי אים אין האַרצן, און עפּעס האָט זיך דאָרט געפּרייט: „דאָס איז פון איר, פון איר!“

אין אַ ווילע אַרום איז ער אינגאַנצן געווען צעמישט און צעטומלט און האָט ניט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

וועמען פון זיי ביידן ליבט ער פאַרט? לאַראַן האָט ער דאָך ליב געהאַט. וועגן דעם האָט דאָך ביי אים גאָר קיין ספק ניט געקאָנט זיין. און וואָס איז שייך לילי מאַרשאַל, — מאַכט דאָך איין געדאַנק וועגן איר אים משוגע... איז וואָס־זשע איז דאָס פאַרט מיט אים אַזוינס? — האָט ער געטראַכט צעטומלט.

אין אַן אַנדער צייט וואָלט זיך אים די נייע וואוינונג אויסגעוויזן ווי דער שענסטער חלום. אַלץ איז דאָרט געווען אַזוי ניי און עלעגאַנט, און אַזוי געשמאַקפול; יעדעס צימער און יעדעס שטיקל מעבל; די ווענט דאָרט האָבן אַרויסגעהויכט געמיטלעכקייט, האָט זיך געדאַכט; אָבער ער האָט זיך דאָרט קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען... ער האָט אַרומגעבלאָנקעט פון איין צימער

אין דעם אַנדערן, געפּרואווט זיך איינרעדן, אַז ער איז באַגייסטערט פון זיין נייער וואוינונג, און צום סוף האָט ער זיך געפרעגט:

„וואָס טוט מען דאָ אַליין? מען קאָן דאָך משוגע ווערן פאַר לאַנגווייליקייט און אומעט...“

עס איז נאָך געווען פרי—אַרום ניין. ער האָט אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן אין זיינע צימערן און ער איז ווידער געגאַנגען פון איין צימער אין דעם אַנדערן און האָט געטראַכט: „ווי העל, ווי ליכטיק!“ — און מיט אַמאָל האָט ער אַרויסגעמורמלט:

„גאָט, מען קאָן שטאַרבן פאַר אומעט!...“

אויף איינעם פון די טישלעך איז געשטאַנען אַ טעלעפאָן, איז ער צוגע־גאַנגען צום טעלעפאָן און האָט אָנגעקלונגען צו לילי מאַרשאַל. און געענט־פערט האָט אים איינע פון די דינסטן, אַז מאַדאַם מאַרשאַל איז אַוועקגעפאָרן אינדערפרי מיט מיס גרין קיין פלאָרידע צו איר מאַן. און ווי לאַנג זי וועט דאָרט פאַרברענגען, ווייסט זי ניט.

איז מאַקסן נאָך דעם נאָך אומעטיקער געוואָרן, און באַלד האָט ער זיך געזאָגט:

„איך בין פאַרסמט. זי האָט מיך פאַרסמט. איך מוז זיך אַריינגעמען אין די הענט, צום טייוול!...“

און נאָך אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעקלונגען צו לאַראַן. ער האָט זי געוואָלט בעטן, אַז אַנשטאָט זונטיק, ווי זיי האָבן אָפּגערעדט, זאָל זי קומען היינט; אָבער מיס שטיין, די באַלעבאָסטע פונעם הויז, האָט אים געענטפערט, אַז לאַראַ איז ביי איר אין צימער נישטאָ. זי איז ערגעץ אַוועק...

האָט ער נאָכדעם אָנגעטאָן זיין מאַנטל און הוט, פאַרדרייט די עלעקטריע אין אַלע צימערן און איז אַרויס אין דעם טומלדיקן דרויסן.

וואוהין? — האָט ער זיך געפרעגט, און איז אַוועק צו בראָדוועי צו.

און אַרום אים און קעגן אים האָט געטומלט און גערוישט. כוואַליעס מענטשן, קלינגענדיקע טראַמווייען, אויטאָמאָבילן־פייפעריי, שטראָמען ליכט פון טויזנטער און טויזנטער לאָמפּן, — דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט, האָט מען געקאָנט מיינען, אין איין הור־האַ־טומל. מאַקס איז אָבער צו דעם אַזוי געוואוינט געווען, אַז ער האָט עס אַפילו ניט באַמערקט. ער האָט זיך געפרעגט ווידער און ווידער:

„וואוהין? וואוהין גייט מען?“

צום סוף האָט ער גענומען אַ טעקסי און איז אַוועקגעפאָרן צו גריניטש ווילעדזש.

אויף מאָרגן, איידער ער איז אַוועק פון דער היים, האָט ער ווידער אָנ־

געקלונגען לאַראַן. דאָס מאָל האָט זי אים געענטפערט און אין איר קול האָט ער דערפילט פרייד. ער האָט איר דערציילט וועגן דעם, אַז ער האָט נעכטן צו איר טעלעפאָנירט, מחמת עס איז אים געוואָרן אומעטיק אָן איר, און ער האָט ווידער זי געבעטן, אַז זי זאָל ניט וואַרטן ביז זונטיק, נאָר זאָל קומען היינט. זי אָבער האָט אים געענטפערט, אַז ביז זונטיק קאָן זי ניט קומען, מחמת זי וועט זיין פאַרנומען מיט מיטינגען, און, אחוץ דעם, קומט קיין ניו־יאָרק איר פאָטער אויף באַזוך. נאָר זונטיק וועט זי זיכער זיין ביי אים און זיי וועלן צוזאַמען עסן מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן.

ביז זונטיק האָט מאַקס ניט איין מאָל געטראַכט פון איר. ער האָט גע־טראַכט פון איר און פון לילין, און ער האָט שטאַרק געבענקט, און אים איז געווען אומעטיק, ביז ער האָט צו זיך מיט אַמאָל געזאָגט, אַז דער איינציקער אויסוועג פאַר אים אין אַט דער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע זיינער וואָלט געווען, ווען ער זאָל פאָלגן זיין מאַמע און חתונה האָבן מיט לאַראַן...

און זונטיק, בעת ער איז געקומען מיט איר פון אַ רעסטאָראַן, וואו זיי האָבן ביידע געגעסן מיטאָג, האָט ער זי אַריינגעפירט צו זיך אין מוזיק־צימער און זיך צו איר אָנגערופן:

— איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן, לאַראַ. זעץ זיך אַט־אָ־דאָ! — האָט ער איר אָנגעוויזן אויף דער סאָפע, און זיך אַליין געזעצט לעבן איר. — דו ווייסט? וואָס מער איך טראַכט וועגן מיין לאַגע, אַלץ קלאָרער ווערט מיר, אַז מיר מוזן וואָס גיכער חתונה האָבן. וואָס דענקסטו וועגן דעם?

זי איז געוואָרן רויט און האָט אים אָנגעקוקט צעמישט. דערנאָך זיך אַ וואָרף געטאָן אים אויפן האַלדז.

— פאַרשטייסטו? — האָט ער נאָכדעם גערעדט ווייטער, ווי צו זיך אַליין. — איך ווער משוגע פאַר בענקשאַפט. מיר איז אַזוי אומעטיק אין דעם הויז, הגם דאָ איז שיין און באַקוועם. ווען דו וועסט דאָ זיין מיט מיר, וועל איך וויסן . . . דעמאָלט וועל איך דאָס מוזן וויסן . . . אַרויסגעריסן פונעם קאָפּ, פונעם האַרצן . . . יאָ, אַזוי וועט דאָס זיין . . . אַזוי מוז דאָס זיין . . . נאָכן קאָנצערט איז אונדזער חתונה . . . באַשלאָסן!...

לאַראַ האָט געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן.

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו רעדסט, — האָט זי געמורמלט. — וועמען אַרויסרייסן? וואָס אַרויסרייסן? מאַקס, דו רעדסט און איך פאַרשטיי ניט . . . איך פיל אָבער, אַז דו . . . אַזוי דו באַהאַלטסט עפּעס פון מיר . . . מאַקס, פון דיר פאַרלאַנג איך, אַז דו זאָלסט זיין אָפנהאַרציק מיט מיר. דו האָסט ניט קיין נאָענטערן מענטשן פון מיר . . .

מאַקס האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון איר. און מיט אַמאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן ליידנשאַפטלעך:

— לאַראַ, איך בין גאָר קיין מענטש ניט. אַ שמאַטע בין איך. אָן שום ווילן. און איך בין אַזוי אומגליקלעך...

זי איז אויפגערעגט געוואָרן, דאָך האָט זי דערשטיקט איר אויפרעגונג און זיך אָנגערופן אין אַ טאָן, ווי אַ מאַמע וואָלט גערעדט צו איר פאַרצוויפלט קינד:

— דערצייל, וואָס איז געשען, מאַקס?

איז ער אויפגעשטאַנען פונעם אָרט און האָט אַוועקגעשפּרייזט איבערן צימער אַהין און צוריק, ווי זיין טבע איז געווען, בעת ער איז געווען אויפגערעגט. און ער האָט איר דערציילט אַלצדינג וועגן זיין ליבע צו לילין, און ער האָט געענדיקט:

— מיר מוזן חתונה האָבן, וואָס שנעלער, מיר מוזן!...

לאַראַ האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. נאָכדעם איז זי אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו אַ פענצטער און איז אַ ווײַלע דאָרט געשטאַנען מיטן רוקן צו מאַקסן.

— דאָס איז פאַר מיר קיין נייעס ניט, — האָט זי געזאָגט, שטייענדיק אין דער זעלביקער פּאָזע מיטן פּנים צום פענצטער, — כאָטש דו האָסט מיר וועגן דעם ניט דערציילט, האָט דאָס האַרץ מיר שטענדיק געזאָגט...

און אַז ער האָט געשוויגן, האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אים און גערעדט ווייטער:

— אַז דו ביזט פאַרליבט אין יענער, וואָס טויג דיר חתונה האָבן מיט מיר?

ער האָט געענטפערט:

— ווען איך וועל חתונה האָבן מיט דיר, וועל איך מוזן יענע פאַרגעסן.

— הייסט עס, דו ווילסט איך זאָל זיין אַ סאָרט קעגן־גיפט פאַר דיר?...

— איך האָב דיך אויך ליב, לאַראַ. לאַראַ, איך בין אַזוי אָפּגעהאַרציק מיט דיר ווי מיט זיך אַליין. ווען דו ביזט לעבן מיר, ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך ליב דיך ניט ווייניקער איידער יענע און אַמאָל נאָך מער!

— אַמאָל?...

— אמת, ניט שטענדיק. איך וויל דיך ניט אָפּנאַרן, לאַראַ. איך דערצייל דיר דעם גאַנצן אמת. איך בין אָבער זיכער, אַז נאָך אונדזער חתונה וועל איך יענע פאַרגעסן.

לאַראַ האָט ווידער גענומען קוקן אין פענצטער, האָט אַרויסגעקוקט אין דעם גרויען, ווינטערדיקן דרויסן. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— נו, און יענע? ווי אַזוי איז יענע צו דיר?

— יענע צעמישט מיך. יענע צעטומלט מיך. איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי דאָס צו זאָגן... דו האָסט דאָך זי געזען? זי איז שיין. זי איז זייער שיין. אַחוץ דעם איז זי אַזוי פֿריינטלעך צו מיר און אַזוי גוט. אָט דאָס הויז איז דאָך אינגאַנצן איר אַרבעט . . . און פֿאַר דעם קאָנצערט מיינעם האָב איך דאָך איר אויך צו פֿאַרדאַנקען.

לאַראַ האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און פּלוצים אַרויסגערעדט מיט ביטערן שפּאָט:

— ניט אומזיסט איז זי אַזוי באַרימט. זי ווייס ווי אַזוי צו פֿאַרליבן אין זיך אַזעלכע באַאיווע מענטשן ווי דו. גענוג דערפֿאַרונג געהאַט מיט אַזעלכע...

— אָבער מיט מיר האָט זי ניט געטראָפֿן דעם אָרט, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן. — וועגן דעם קאָנסטו זיין רואיק.

און ער איז מיט אַמאָל צוגעגאַנגען צו לאַראַן און האָט זי אַרומגענומען.

— מיין ווייב! — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט ליידנשאַפֿטלעך און געפֿילט איר ווייכן, וואַרעמען גוף אין זיינע אָרעמס. — דיך האָב איך ליב. דיך ניט וויניקער, ניט וויניקער, ניט וויניקער, — האָט ער געפּליסטערט פֿאַרשיכורט פֿון דעם געפֿיל, וואָס האָט זיך פּלוצים אין אים צעפֿלאַקערט און אים אינגאַנצן איבערגעוועלטיקט...

זי האָט זיך ניט געווערט קעגן אים. איר געפֿיל איז איצט נאָך פֿאַר־שטאַרקט געוואָרן פֿון דער אייפֿערזוכט צו יענער פֿרוי, וואָס זי האָט אין איר האַרצן געהאַלטן פֿאַר איר קאָנקורענטקע...

און דאָ האָט מיט אַמאָל גענומען קלינגען דער טעלעפֿאָן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זי אַרויסגעלאָזט פֿון זיינע אָרעמס. זי אָבער האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אים אויפֿן האַלדז און כמעט אַרויסגעקרעכצט:

— ענטפֿער ניט. ניט איצט. דו ביזט ניטאָ איצט. ניטאָ . . .

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון איר און איז אַוועקגעלאָפֿן אין צווייטן צימער, פֿון וועלכן דאָס טעלעפֿאָן־קלינגען האָט זיך געהערט.

מיט צעפֿלאַמטע באַקן האָט זי דערנאָך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער סאָפֿע און איז געבליבן זיצן ווי אַ דערשלאָגענע, מיטן שוואַרצן, יינגליש־געשאָרענעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט.

באַלד איז מאַקס צוריק אַריינגעקומען.

— אַלעקס האָט עס טעלעפֿאָנירט, — האָט ער געזאָגט. — ער וויל, אַז מיר זאָלן מאָרגן גיין מיט אים אין דער אָפּערע. ער האָט שוין געקויפֿט די בילעטן. איך האָב געזאָגט, אַז מיר וועלן גיין מיט אים.

לאַראַ האָט געשוויגן און ניט דערוועגט זיך אַ קוק צו טאָן אויף אים.

דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן פון אָרט נאָך אַלץ מיט צעפּלאָמטע באַקן און אַ שעמעוודיקער מינע.

— וואָס איז? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר.

— איך מוז גיין, — האָט זי שטיל געזאָגט און ניט געקוקט אויף אים.

— וואָס אַנטלויפסטו?

זי האָט געשוויגן און אַלץ ניט אַ קוק געטאָן אויף אים.

— בלייב דאָ כאָטש נאָך אַ ווײַלע.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.

— איך קאָן ניט. איך מוז גיין, — האָט זי געזאָגט שטיל.

— גייען מיר מאָרגן אין דער אָפּערע?

זי האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען און שטיל געענטפערט:

— אפשר.

ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט און איר אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן, וועלכע האָבן אים ניט געענטפערט אויף זיין קוש.

— אוי! — האָט ער אַ לאַך געטאָן. — דאַכט זיך, עפּעס ברוגז... פאַרוואָס? לאָראַ, איך ווייס דאָך ניט פאַרוואָס!

דעמאָלט ערשט האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע שוואַרצע אויגן — אַ קוק געטאָן אויף אים און אַ שמייכל געטאָן צו אים און געזאָגט:

— עך, דו גרויס קינד!...

און זי איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

11

אויף מאָרגן, ווען מאַקס האָט זיך געטראָפן מיט לאָראַן און אַלעקסן אין דער אָפּערע, האָט ער שטילערהייט געבעטן איר, לאָראַן, אַז זי זאָל קומען צו אים מאָרגן אַהיים. האָט זי אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און אים געענטפערט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל אין די שוואַרצע אויגן:

— נאָך דיין קאָנצערט...

האָט ער דאָס לכתחילה אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, נאָר אויף מאָרגן, ווען ער האָט זי ווידער גערופן דורכן טעלעפאָן, האָט ער פון איר געהערט דאָס אייגענע:

— נאָכן קאָנצערט... מיר וועלן וואַרטן ביז נאָך דיין קאָנצערט!...

און עס איז אַוועק אַ וואָך און נאָך אַ וואָך און געזען האָט ער זי פאַר דער צייט בלויז עטלעכע מאָל אין אַ רעסטאָראַן, און איין מאָל איז זי מיט אים געגאַנגען אין אַ טעאַטער.

ער האָט זיך געבעטן ביי איר. דערציילט איר, אַז ער ווערט דערשטיקט פאַר אומעט, פאַר בענקשאַפט, אַז ער קאָן ניט אַרבעטן. האָט זי, לאַראַ, אויף דעם אַלעם געענטפערט, אַז זיין צימער ביי מרס. שטיין איז נאָך ניט פאַר־דונגען, ער קאָן קומען צוריק, אויב ער דענקט, אַז דאָרט וועט ער קאָנען אַרבעטן...

אין דער אייגענער צייט האָט ער אויך געהערט פון לילין. זי איז נאָך אַלץ געווען אין פלאָרידע. און יעדן טאָג האָט ער באַקומען פון איר אַ ניי קאַרטל מיט בילדער פון די פלעצער, וואו זי איז געווען. בלויז איין־איינציקן בריוו האָט זי אים פאַר דער גאַנצער צייט פון דאָרט געשריבן, אַחוץ די קאַרטלעך. און דער דאָזיקער בריוו איז אויך געווען אַ זאַכלעכער — אַלץ וועגן זיינע נייע שילער און וועגן זיין קומענדיקן קאָנצערט, וואָס וועגן אים אַרבעטן מענטשן, וועלכע זי האָט אָנגעשטעלט, אײדער זי האָט פאַרלאָזן ניו־יאָרק. אין דער ריכטיקער צייט, ווען ער וועט דאַרפן אָנהייבן צו אַרבעטן מיטן אָרקעסטער, וועט מען אים לאָזן וויסן וועגן דעם, — האָט זי געשריבן אין יענעם בריוו.

אָבער ווען זי וועט זיין צוריק, האָט זי אים ניט געשריבן...

און איין מאָל — דאָס איז געווען אין אַ דריי וואָכן שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין זייער נייער וואוינונג — האָט ער אָנגעקלונגען צו לאַראַן און איר געזאָגט, אַז די לעצטע טעג האָט ער אַ סך געאַרבעט איבער זיין „אייביקן ייד״ און זי מוז אומבאַדינגט צו אים קומען און הערן, וואָס ער האָט געשאַפן...

געווען איז דאָס אַזייגער אַכט אויפדערנאַכט. זי האָט אים געענטפערט, אַז זי וועט מיט פרייד הערן, וואָס ער האָט דאָרט געשאַפן, אָבער נאָר אין דעם אַלטן צימער, וואו זי איז געוואוינט אים צו הערן...

איז דער פאַרלאַנג ביי אים געווען אַזוי גרויס צו שפּילן פאַר איר, אַז ער האָט גענומען דעם נייעם טייל, וואָס ער האָט געשאַפן, און איז אַוועקגעפאָרן דערמיט צו איר, צו לאַראַן, הייסט עס.

לאַראַ האָט איצט געוואוינט אין זיין פריערדיקן צימער, ווייל עס איז גע־ווען גרעסער, און אויך דערפאַר, ווייל דאָרט איז געשטאַנען די פּיאַנאָ.

גייענדיק איבערן קאָרידאָר צו דער באַקאַנטער טיר, האָבן זיך אים אַנט־קעגנגעטראָגן פּיאַנאָ־אַקאָרדן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט. ער האָט זיי דערקענט. דאָס זיינען געווען שטעלן פון זיין ווערק, וואָס לאַראַ האָט דאָרט געשפּילט.

ער האָט זיך צעלויכטן.

„טייערע לאַראַ!״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט אָנגעקלאַפּט צו איר אין דער טיר. לאַראַ האָט אים געעפּענט. ער האָט זי אַ קוש געטאָן און געזאָגט פריילעך:

— דו ווייסט, דו שפּילסט דאָך דאָס בעסער פון מיר!

זי האָט זיך צערויטלט און זיך אָנגערופן:

— דו האָסט געהערט ווי איך האָב געשפּילט?

— אוודאי געהערט. און דו שפּילסט עס וואונדערלעך!

לאַראַ האָט אַ לאַך געטאָן און באַמערקט:

— וואונדערלעך, ניט וואונדערלעך, אָבער מסתמא ניט שלעכט, אַניט וואָלסטו געוועזן אויף מיר איצט אין כּעס...

ווי אַלעמאָל, האָט זיין שפּילן יענעם אויפדערנאַכט זי אויך באַגייסטערט. די נייע טיילן פון זיין ווערק, וואָס ער האָט פאַר איר געשפּילט צום ערשטן מאָל, זיינען איר געפעלן געוואָרן נאָך מער איידער די פריערדיקע. עס זיינען אין זיי געווען טענער, וואָס האָבן ממש געברענט מיט ליידנשאַפט. פונדעסט־וועגן האָט זי דעם קאָפּ, ווי אין מאָמענטן אַזעלכע פריער, איצט ניט פאַרלאָרן. ער האָט זי געקושט, אָבער אירע ליפּן האָבן אים ניט געענטפערט. און, ווען ער האָט געוואָלט זי צוציען צו זיך, האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט.

— וואָס איז דער מער, לאַראַ? — האָט ער זיך געוואונדערט.

— נאָכן קאָנצערט! — האָט זי אים איצט ווידער געענטפערט. דו אַליין האָסט עס מיר פאַרגעשלאָגן, און איך האָב פאַר דיר אַזוי פיל רעספּעקט, אַז איך נעם ערנסט דיינע ווערטער!...

— נו, אוודאי. איצט דענק איך אויך ניט אַנדערש. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם איצטיקן מאָמענט? פאַרוואָס פריער יאָ און איצט ניט?...

— פריער זיינען געווען מאַקס און לאַראַ, און לאַראַ און מאַקס... און היינט...

— דו מיינסט לילי מאַרשאַל?

— איך מיין יענע, וועלכע, ווי דו אַליין האָסט מיר געזאָגט, לעבט אין דיין האַרץ און אין דיין מוח...

— לאַראַ, דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

האָט זי נאָכדעם גערעדט שטאַרקער:

— איך מיין יענע, וואָס דו ווילסט, אַז איך זאָל זיין איר קעגנגיפט...

האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— וואָס יענע? ווען יענע? עס קאָן זיין, אַז זי האָט מיך גאָרניט אין זינען! אָט איז זי אָוועקגעפאָרן שוין באַלד דריי וואָכן... נו, האָט זי אויסגעליען מיר געלט פאַר מיין נייער סטודיאָ! נו, האָט זי אָנגעשטעלט מענטשן, וואָס זאָלן אַרבעטן פאַר מיין קאָנצערט — וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס ביי איר?

איר מאַן איז דאָך אַ מיליאָנער! לאַראַ, איך שווער דיר, אַז נאָכן קאָנצערט פּייערן מיר אונדזער חתונה!...

און אַזוי טראַגי־קאָמיש איז דאָס ביי אים אויסגעקומען, אַז לאַראַ האָט זיך קעגן איר ווילן צעלאַכט.

יענעם אויפדערנאַכט, איידער ער איז אַוועק, האָט זי אים פּאַרט אַ קוש געטאָן. זי האָט אָבער דערביי געזאָגט:

— דער קוש איז פאַר די נייע טיילן פון דיין ווערק, וואָס דו האָסט פאַר מיר געשפּילט...

— ניט פאַר מיר אַליין? — האָט מאַקס געפּרוּווט אַ שפּאַס טאָן.

האָט זי אים געענטפערט אין טאָן:

— פאַר דיר אַליין — נאָכן קאָנצערט!...

דאָס האָט פּאַסירט אין דער אייגענער וואָך. נאָך צוויי בייטאָג איז דאָס געווען. מאַקס איז געזעסן מיט אַ נייער שילערין אין זיין מוזיק־צימער און האָט זיך צוגעהערט, ווי אַזוי זי שפּילט. פּלוצים האָט מען אָנגעקלונגען אין טיר. ער איז אַרויסגעלאָפן און האָט געעפנט.

לילי איז אַריינגעקומען.

זי איז אַריינגעקומען אין אַ טייערן מאַנטל און מיט אַ קליין היטעלע אויף איר שפּיץ קאָפּ. איילינק און מיט אַ צופרידענער מינע. איר פּנים, וועלכער איז געווען פאַרברוינט פון דער פלאָרידער זון, האָט ממש געאָטעמט מיט פרישקייט און געזונטקייט.

— וואָס מאַכט איר דאָ? — האָט זי געזאָגט, און זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

ער האָט געקוקט אויף איר אַ צעמישטער און אַ ווילע קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען. דערנאָך האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— איר?... ווען זייט איר געקומען?

— היינט אינדערפרי, און מיין ערשטער וויזיט איז ביי אייך, און מיט גוטע נייעס...

— מיט גוטע נייעס?

— דאָס הייסט, אַז אייער אַרבעט מיטן אָרקעסטער הייבט זיך אָן פון קומענדיקן מאָנטיק...

— יאָ? איך דאַנק אייך.

זי האָט גערעדט ווייטער:

— איך בין אַזוי גליקלעך, מאַקס, וואָס דאָס איז מיר געלונגען דורכצופירן. אָבער נאָך מער בין איך צופרידן פון דער מיינונג, וואָס מיין פריינט דער די־

רעקטאָר פון אָפּערע־הויז, מיסטער קאַסטעליאַני, האָט וועגן אייערע שאַפונגען, וועלכע איר האָט מיר פאַר אים געגעבן...

— זיי געפעלן אים?

— מער ווי דאָס. ער רעדט וועגן זיי מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג.

ביי מאַקסן זיינען די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן פאַר שמחה, און ער האָט ווידער געמורמלט:

— איך דאַנק אייך. איך דאַנק אייך פאַר אַלצדינג. בלייבט דאָ נאָך אַ ווײַלע, איך האָב דאָרט אַ נייע שילערין. איך בין מיט איר גלייך פאַרטיק. איך וועל מיט איר נאָר באַשטימען די צייט, ווען זי זאָל קומען. איין מינוט, איך בעט אייך, זי גייט גלייך אַוועק...

זי האָט אים געענטפערט:

— גוט, מיין פריינט, איך בלייב מיט אייך אויף אַ ווײַלע.

און מיט אַ גראַציעזער באַוועגונג האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז אים זאָל זיין באַקוועמער אַרונטערצונעמען פון איר דעם מאַנטל, און ער איז דערנאָך דערמיט פאַרשוואונדן אין אַ צווייטן צימער.

זי איז געבליבן שטיין אין אַ בלוי קלייד, וואָס איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אויף איר קערפּער און וואָס האָט שטאַרק אָפּגעצייכנט די קאָנטורן פון אירע שטייפע און שלאַנקע גלידער. דאָס קלייד האָט זי געהאַט אומיסטנע אָנגעטאָן — היינט, ווען זי האָט באַשלאָסן, אַז דאָס זאָל געשען...

דערפון האָט זי געטראַכט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין פלאָרידע. עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען זי האָט צו אים געוואָלט טעלע־פאָנירן, אַז ער זאָל אַרויסקומען קיין מיאַמי־ביטש צו איר, און שווער איז דאָס איר אָנגעקומען צו באַקעמפן, מחמת זי האָט אים געליבט — געליבט דעם ערשטן מאָן אין איר לעבן...

און היינט, ווען זי איז געקומען צוריק קיין ניו־יאָרק און האָט זיך דער־וואוסט, אַז עס איז שוין באַשטימט דער טאָג, ווען עס זאָל זיך אָנהייבן זיין אַרבעט מיטן אָרקעסטער, און אויך, וואָס דער באַרימטער אָפּערע־דירעקטאָר האָט געדענקט וועגן זיינע שאַפונגען, האָט זי זיך געזאָגט:

„די מוזיקע בשורה, וואָס איך וועל אים ברענגען, וועט אפשר זיין די גליקלעכסטע אין זיין לעבן, זאָל היינט זיין אויך מיין גליקלעכער טאָג..."

זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אין דעם צימער, איז געבליבן שטיין פאַר אים און האָט זיך מיט אַ שמייכל פאַרנייגט.

זי האָט באַטראַכט אירע בלויע אויגן, געעפנט די ליפּן, וואָס זיינען געווען אַ קליין ביסעלע אָנגעפאַרבט, און געזען אירע קליינע ווייסע ציין, פאַרריסן

די אָרעמס, אָנגענומען זיך ביי די היפטן און זיך געדרייט אַהער און אַהין און זיך באַטראַכט פון אַלע זייטן.

אַזוי האָט זי זיך באַטראַכט, פאַרליבט אין זיך, איינגאַנצן פאַרזונקען אין דעם אָנבליק פון איר קערפּער, און זי איז געווען גליקלעך, וואָס זי איז אַזוי שיין...

פּלוצים האָט זי אין שפּיגל באַמערקט, ווי מאַקס איז אַריינגעקומען און ווי ער איז געבליבן שטיין אין דער טיר און האָט געקוקט אויף איר, ווי אַ פאַרכישופטער. זי האָט אַ שמייכל געטאָן צום שפּיגל און אויסגעשטרעקט צו אים אירע ביידע הענט. נאָכדעם האָט זי זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט צו דער טיר, וואו מאַקס איז געשטאַנען, און האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס שטייט איר דאָרט אַזוי ? קומט אַהער, איך וויל אייך עפּעס זאָגן, — האָט זי אויסגעשריען.

און אַז ער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי געפּילט ווי אַ וואָרף טאָן זיך אים אויפן האַלדז און אויסשרייען: „איך בין געקומען דיך נעמען, ווייל דו ביסט דער, וואָס מיין האַרץ האָט געזוכט די גאַנצע צייט!"

אָנשטאָט דעם אָבער האָט זי נאָר אַ בליק געטאָן אויף אים מיט אַ פאַרשוואומען אויג און זיך אָנגערופן:

— איר האָט געבעטן, אַז איך זאָל מיט אייך פאַרבלייבן... נו? איך בין פאַרבליבן מיט אייך... וואָס ווייטער? איר ווילט מיר עפּעס זאָגן? עפּעס פרעגן? עפּעס דערציילן?...

ער האָט געקוקט אויף איר און געשמייכלט פאַרלאָרן.

— נו, רעדט עפּעס, — האָט זי ווייטער אַ לאַך געטאָן.

האָט ער זיך אָנגערופן הייזעריקלעך:

— איז דעם דירעקטאָר מיין אַרבעט, זאָגט איר, געפעלן?

— זייער. ער איז באַגייסטערט. איך האָב גערעדט מיט אים היינט דורכן טעלעפאָן.

— אַליין זייט איר ביי אים ניט געווען?

— ניין. ווען איך האָב אים איבערגעגעבן אייער ווערק, האָט ער פאַרשפּראָכן צו לאָזן מיר וויסן זיין איינדרוק דורך אַ בריוו אָדער דורכן טעלעפאָן. אָבער גענוג וועגן דעם. מיר האָבן זיך דאָך אויף דעם געריכט, ניין? איצט וועלן מיר שמועסן וועגן עפּעס אַנדערש.

זי האָט זיך געזעצט אויף דער זאָפע און מיט אַ באַוועגונג אים אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ לעבן זיך. און ווען ער האָט זיך געזעצט לעבן איר, האָט זי אים געפרעגט:

— צופרידן פון די נייע שילער?

— יאָ.

— האָט איר געטראַכט פון מיר?

האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַ ביסל, צי אַ סך?

אויף דעם האָט ער איר ניט געענטפערט. ער האָט נאָר געזאָגט:

— עס איז אַזוי גוט צו זיצן לעבן אייך. מיין גאַנץ לעבן וואָלט איך גע־קאָנט אַזוי זיצן לעבן אייך.

— זיצן און שווייגן?

— זיצן און קוקן.

— און ניט אַ ריר טאָן זיך?

— אפילו ניט אַ ריר טאָן זיך.

— גאָרניט? ניט אפילו מיט קיין פינגער?

און דערביי האָט זי געקוקט אים אין די אויגן אַריין און געשמייכלט צו אים און געלאָסטשעט אים מיט אירע בליקן. און ער האָט געפילט ווי אין אַ חלום...

מיטאָמאָל האָט זי געמורמלט:

— מיר איז עפּעס קאַלט. וואו איז מיין מאַנטל? זייט אַזוי גוט.

ער איז אויפגעשפרונגען פונעם אָרט און איז אַוועק ברענגען איר מאַנטל. זי איז אויך אויפגעשטאַנען, מאָדנע אויפגערעגט מיטאָמאָל. זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, וואָס האָט געפירט אין זיינע וויטערדיקע צימערן, האָט אַ קוק געטאָן אַהין און זיך באַלד צוריקגעקערט מיט צעטומלטע אויגן.

מאַקס איז אַריינגעקומען מיטן מאַנטל און האָט איר געהאָלפן אים אָנטאָן. פּלוצים האָט זי זיך געווענדט צו אים מיט אַן אויפגערעגט קול:

— היינט צען אויפדערנאַכט וויל איך אייך זען ביי מיר. קלינגט אָן. איך אַליין וועל אייך עפענען...

און זי האָט פאַרלאָזן זיין הויז אַפילו אָן אַ „זייט־געזונט"...

ער איז געבליבן שטיין צעטומלט: פאַרוואָס איז זי מיטאָמאָל אַנטלאָפן? און וואָס אַזוינס האָט זי אים געזאָגט? און פאַרוואָס עפּעס צען? אַזוי שפּעט?...

פּונקט צען יענעם אָוונט איז ער געקומען צו איר אין ווילאַ. זי אַליין האָט געעפנט די טיר.

זי איז געווען אָנגעטאָן גאַנץ איינפאַך אין אַ גרוי קלייד אָן באַפּוצונג, מיט אַן ענגן קראַגן אַרום האַלדז. דאָס קלייד האָט ענג אַרומגעכאַפּט איר שלאַנקן קערפּער.

ווען ער איז אַריינגעקומען האָט זי אים אויסגעשטרעקט אירע ביידע הענט

און האָט אים אַריינגעפירט אין איר מוזיק־צימער, וואָס איז געווען האַלב באַ־לויכטן, און האָט אים אָנגעזעצט לעבן זיך אויף אַ סאָפע. זי האָט אומיסטנע אַ ווײַלע געשוויגן, כדי צו זען צי ער האָט זיך אַנגעשטויסן, צוליב וואָס זי האָט אים אַזוי שפּעט בײַנאַכט איינגעלאַדן.

ער האָט זיך אָבער גאָרניט אָנגעשטויסן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַליין געפרעגט:

— איר האָט מיך געוואָלט זען. פאַרוואָס עפּעס דווקא צען?...

זי האָט אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן אַריין מיט סודות־פולער מינע און געענטפערט:

— איך וויל אייך שטענדיק זען — פרי אָדער שפּעט — שטענדיק, אין יעדער צייט, — האָט זי אים געענטפערט אין אַ טאָן, וואָס איז געווען צאַרט און אַנטשלאָסן.

פלוצים האָט זי אים אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף די קני און געפרעגט:

— מאַקס, איר האָט מיך עפּעס ליב?

ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— לילי, פאַרוואָס זייט איר אַזאַ שלעכטע פרוי? פאַרוואָס האָט איר אַזוי ליב צו פּייניקן?

— ניט מאַקסן. ניט מיין ליבן יינגל, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט הייזעריק און האָט מיטאַמאָל פאַרוואָרפן אירע ביידע אָרעמס אַרום זיין נאַקן און זיך אַ צי געטאָן צו אים מיט אַ קאָכעדיקן אָטעם.

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, און איז צעטומלט געוואָרן און אין זיין צע־טומלטקייט האָט ער ניט געהערט זיין אייגענעם געשריי „לילי!" ער האָט געזען פאַר זיך צוויי אויגן ברענענדיקע, ווי ביי אַ קאַץ, וואָס זיי האָבן פייער גע־שפּריצט אין זיין מוח און אין זיין בלוט. נאָכדעם איז זי פּלוצים פון אונטער זיינע הענט ניט געוואָרן. זי איז פאַרשוואונדן, ווי אַ וואונדערלעכער חלום.

ער איז אויפגעשטאַנען, ווי אין אַ טשאַד, האָט זי געזוכט מיט זיינע אויגן, געקוקט אויף יענער טיר, אין וועלכער זי איז פאַרשוואונדן, און עס האָט אים געצויגן צו לויפן אַהין, אָבער ער האָט זיך ניט דערוועגט...

אַזוי איז אַוועק אַ היפּשע ווײַלע. פּלוצים האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט שטילע, גנבהדיקע טריט. ער האָט זי דערזען. מיט אַ ווייסן שלייער איבער די לאַנגע, רויטע, צעלאָזטע האָר און אין אַ פּעניואַר, וואָס איז אינגאַנצן געווען ווי געשטיקט פון ווייסן שניי, האָט זי אין ווייכע, ווייסע טופליעס, מיט ווייכע טריט זיך געגנבעט צו אים, ווי אַ ווילדע חיה צו איר רויב.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט געקוקט אויף איר, ווי איינער, וואָס האָט זיך באמת פון זינען גערירט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר און זי צו אים...

אויף מאָרגן איז זי געקומען צו אים. און אַזוי איז זי צו אים געקומען יעדע עטלעכע טעג.

וואָכן זיינען פאַריבער גליקלעך און שנעל. די גאַנצע וועלט האָט זיי מער ניט אינטערעסירט. ער האָט געלעבט פאַר איר און זי פאַר אים. און אויסגעוויזן האָט זיך זיי, אַז שטענדיק וועט אַזוי זיין, שטענדיק וועלן זיי זיך דאָ טרעפן אין דעם דאָזיקן הויז און וועלן אַזוי גליקלעך זיין...

עס האָט אויסגעזען, אַז זי איז נאָך מער פאַרשיכורט געווען פון דער ליבע איידער ער. און אַמאָל האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן:

— מאַקס, דו ווייסט גאָרניט, וואָס דו ביסט פאַר מיר! אמת, איך האָב די גאַנצע צייט געפילט, אַז ווען יענער מאַן וועט קומען, אין וועלכן איך וועל זיך פאַרליבן, וועל איך אים ליב האָבן מיט מיין יעדן געדאַנק, מיט מיין יעדן געפיל. דאָך אַזוי ווי איך האָב דיך ליב, וואָלט איך קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איך בין אימשטאַנד צו ליבן...

און ער האָט איר אויך דערציילט, ווי אומגליקלעך ער האָט זיך געפילט, מחמת ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט אים וועט זי זיך אויך באַגיין, ווי מיט די אַנדערע...

זי האָט גליקלעך געלאַכט.

— אָבער דו ביסט ניט ווי די אַנדערע, מאַקס!

איינמאָל אין אַזאַ מאָמענט האָט זי אים געזאָגט:

— איבערהויפּט איז דאָס ניט אמת, אַז איך בין שטענדיק נאָר אויסן געווען צו פאַרפירן און פייניקן מענער. איך לייקן ניט, אַז אַמאָל האָט מיך אַזאַ שפיל אַמוזירט, אָבער נאָך אַפּטער, פאַרזיכער איך דיר, האָב איך מיט ווייטיק באַדויערט, פאַרוואָס איך קאָן זיך ניט פאַרליבן אַזוי ווי אַנדערע. מיס גרין ווייסט, וויפל איך האָב געבענקט און געחלומט וועגן אַ מאַן, וואָס זאָל מיך קאָנען באַזיגן כאָטש אויף אַ קורצער צייט, וואָס ער זאָל אויפטרייסלען מיין גאַנצע נשמה און זאָל באַרוישן מיין האַרץ און מיין מוח. דערפאַר בין איך איצט אַזוי גליקלעך, וואָס איך האָב אים געטראָפן.

יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, איז זי געווען אַנדערש אָנגעטאָן, און יעדעס מאָל איז זי געווען ביי פאַר אים. אַ נייער, פרישער קוואַל פאַר דעם דורשטיקן...

ער איז איצט געווען פאַרנומען מיט זיינע רעפּעטיציעס מיטן סימפאָניע־אָרקעסטער, האָט זי נאָכאַנאַנד גערעדט וועגן דעם מיט אים. און גערעדט מיט

גרויס פֿאַרשטענדעניש, און ער איז געווען באַגייסטערט פֿון איר פֿיינעם געשמאַק.

און וואָס מער זיי האָבן זיך געטראָפֿן, אַלץ אינטימער זיינען זיי געוואָרן, אַלץ מער האָט זי אים אַנטפּלעקט פֿון אירע געדאַנקען, פֿון איר גייסט, פֿון דעם, וואָס איז געלעגן ביי איר אויפֿן גרונט פֿון איר נשמה, און אַלץ מער האָט ער זי פֿאַרגעטערט.

זי איז געווען די מאָדערנע פֿרוי מיט אַלע אירע שוואַכקייטן, אָבער אויך מיט איר באַזונדער שטאַרקייט און אַנטשלאָסנקייט.

מיט לאַראַן האָט ער זיך איצט אויך געטראָפֿן, ניט אַזוי אָפֿט, ווי פֿריער, אָבער ניט ווייניקער ווי איין מאָל יעדע וואָך. זיי האָבן זיך געטראָפֿן אין אַ רעסטאָראַן, און אַמאָל אין אַ טעאַטער, אָבער שטענדיק האָט זי אים געזען אַ מונטערן און אַ פֿריילעכן. ער האָט איר בלויז דערציילט וועגן זיינע רעפּעטיציעס מיטן אָרקעסטער און ווי די רעפּעטיציעס ווייזן, קאָן ער האָפֿן אויף אַ גרויסן דערפֿאָלג.

האָט זי געמיינט, אַז מחמת דעם איז ער אויך פֿריילעך און אויפֿגעלייגט, איז זי אַליין אויך געווען צופֿרידן דערפֿון.

ער האָט איר אויך דערציילט, אַז ער לייגט אָפּ די וויטערדיקע אַרבעט פֿון זיין „אייביקער ייד" דערווייל ביז נאָך דעם קאָנצערט. האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז ער מיינט דאָס, ביז נאָך זייער חתונה. נאָכדעם, אַז זי וועט זיין מיט אים, וועט אים זיין לייכטער צו אַרבעטן.

אַזוי האָט ער איר ניט איין מאָל פֿריער געזאָגט, און איר איז געווען אָנגענעם צו גלויבן, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זיין...

וועגן דעם האָט זי אויך שוין אַ פּאָר מאָל גערעדט מיט אַלעקסן, וואָס האָט זי איצט באַזוכט נאָך אָפֿטער איידער פֿריער, און האָט איר אַרויסגעוויזן אַלץ מער און מער אויפֿמערקזאַמקייט...

12

די לעצטע צייט איז מאַקס געווען אַלץ מער און מער פֿאַרנומען ביי זיינע פּראָבן און נאָכדעם ביי זיין אַרבעט איבער די זאַכן, וואָס ער האָט צוגעגרייט פֿאַר וויטערדיקע פּראָבן. לילי האָט געוואוסט וועגן דעם און מחמת דעם האָט זי אים ניט געוואָלט שטערן. יעדן טאָג האָט זי צו אים גערעדט נאָר דורכן טעלעפֿאָן און זיך נאָכגעפֿרעגט ביי אים, ווי די פּראָבן גייען, און ווען ער האָט זי געבעטן, זי זאָל צו אים קומען, איז איר ענטפֿער געווען:

— מאַקס, איך בענק נאָך דיר ניט ווייניקער, ווי דו נאָך מיר. אָבער

איצט, ווען דו ביסט אַזוי פאַרנומען, וויל איך קיין איין מינוט דיינע ניט שטערן.

און אין יענעם נאָכמיטאָג איז זי מיטאָמאָל געקומען. מאַקס איז דעמאָלט געזעסן אין זיין לוקסוריעז־אויסגעפּוצטן אַרבעטס־צימער ביים שרייב־טיש און האָט געאַרבעט.

זיין אַרבעטס־צימער איז געווען איינגעאָרדנט לויט ליליס געשמאַק, ווי זיין גאַנצע וואוינונג.

מאַקס איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, אַז ער האָט ניט געהערט ליליס טריט איבער דעם ווייכן טעפּיך הינטער זיך און אויך ניט דאָס שאָרסקען פון איר זיידן קלייד. ער האָט אָבער דערשמעקט דעם פיינעם גוט־באַקאַנטן ריח פון איר פאַרפיום, און ער האָט זיך אומגעקוקט, זי דערזען און איז אויפגעשפּרונגען.

— לילי! וואָס פאַר אַן אַנגענעמע איבערראַשונג!...

זי האָט פאַרן שפּיגל אַראָפּגענומען דעם הוט מיטן שלייער, דעם מאַנטל האָט ער פון איר אַראָפּגענומען און האָט אירע זאַכן אַריינגעטראָגן אין שלאָף־צימער. און נאָכדעם, ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט זי זיך אָנגערופן:

— לענגער האָב איך שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן. און דו?

אָנשטאָט איר צו ענטפערן, האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך און זי געקושט, ווי אַ שיכור,ליידנשאַפטלעך אויפן מויל, אויפן שטערן און באַקן, נאָכדעם האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט לעבן איר אויפן טעפּיך און צו איר אַרויפגעקוקט מיט פאַרליבטע אויגן.

— נו, דערצייל מיר, וואָס הערט זיך ביי דיר אויף די פּראָבן, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט איר געענטפערט:

— רעד ניט וועגן דעם, ווען דו ביסט דאָ. לאָז מיך איצט פאַרגעסן.

— ניין, דו טאָרסט ניט פאַרגעסן וועגן דעם. בלויז נאָך פיר וואָכן זיינען פאַרבליבן אויף אויסצובעסערן און איינצושטודירן דיינע ווערק. אָט־די צייט און אַלע דיינע געדאַנקען מוזסטו אָפּגעבן צו דעם; נאָר קורצע מינוטן פון ליבע מעגן מיר איצט גנבענען. די איבעריקע צייט געהערט צו דיין קונסט...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט צו אים געשמייכלט מיט אירע בלויע אויגן.

— ווי שיין דו ביסט! — האָט ער געזאָגט, און זיך אויפגעהויבן.

זי האָט זיך אויך אויפגעהויבן און זיך איבערגעזעצט אויף אַ צווייטן דיוואַן, אויף וועלכן עס זיינען געווען אָנגעוואָרפן קישעלעך.

— דו ווייסט, — האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופֿן — מיין סעקרעטאַר, מיס גרין, ווייסט אַלצדינג, איך האָב איר דערציילט.

מאַקס האָט זי אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט:

— פֿאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?

— עס איז בעסער אַזוי. זי איז מיין אינטימסטער פריינט און זי איז מיר איבערגעבן מיט לייב און לעבן.

— דאָך...

ער איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט זיך געזעצט לעבן איר אויפֿן דיוואַן.

— פֿאַרלאָז זיך אויף מיר. און ווען איך וועל זי צושיקן אַמאָל צו דיר, קאָנסטו איר זאָגן אַלצדינג, ווי מיר אַליין. איך באַהאַלט פֿון איר ניט קיין סודות.

— קיין סודות? — האָט ער איר נאָכגערעדט שטאַרק ליידנשאַפֿטלעך און זי פֿעסט צוגעדריקט צו זיך.

— דו דערשטיקסט מיך, ווילדער! — האָט זי אויסגעשריען און זיך ניט אַרויסגעריסן פֿון זיינע אָרעמס, נאָר האָט זיך איינגעגעסן אין אים מיט די הענט, ליפּן און יעדן גליד אירן...

אַ קלינגען האָט זיך דערהערט. לילי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אים.

— ווער איז דאָרט? — האָט זי געפֿרעגט.

— אפֿשר אַ שילער. דזשאָן וועט דאָרט עפֿענען די טיר. וואַרט, איין מינוט, איך וועל נאָר אַ קוק טאָן.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און אַ ווילע זיך איינגעהערט אין דער אַרומיקער שטילקייט. נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, וואָס האָט געפֿירט צום קאָרידאָר, מיט די ווערטער: „דזשאָן, ווער איז דאָרט?"

אין קאָרידאָר איז געשטאַנען דזשאָן מיט עפּעס אַ מיידל. מאַקס איז צע־מישט געוואָרן: דאָס איז געווען לאָראַ. זי האָט געקוקט אויף אים אַ פֿריילעכע און אין די הענט האָט זי געהאַלטן עפּעס אַ פּעקל.

— האַלאָ, מאַקס! — האָט זי אים באַגריסט פֿריילעך.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען און אַרויסגעשטאַמלט:

— דו... ווי...

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן.

זי האָט זיך צעלאַכט הויך, אויף אַ קול.

— וואָס איז דער מער, איך האָב דיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף? און וואָס שטייען מיר דאָ? קום אַריין אינעווייניק.

— יאָ, יאָ, געוויס... — האָט ער געשטאַמלט און זי אַריינגעפֿירט אין דעם ערשטן צימער, וואו ער האָט געוויינלעך אויפֿגענומען זיינע נייע שילער.

לאָראַ האָט זיך ווידער צעלאַכט:

— וואַך אויף! — האָט זי געוועקט. — דו זעסט אויס אַזוי מאָדנע... דאָ האָב איך עפּעס געבראַכט פאַר דיר. אַ העמדל, וואָס איך האָב פאַר דיר אויס־געבייט. איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אינדערהיים. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט ביי די פּראָבן, האָב איך גערעכנט דאָס איבערצולאָזן מיט אַ צעטעלע...

און זי האָט אוועקגעלייגט דאָס פּעקל אויף אַ שטול.

מיטאַמאָל איז לילי אַריינגעקומען. לאַראַ האָט זי אָנגעקוקט צעמישט, מיט גרויסע אויגן. מאַקס האָט אויך צעטומלט אַ קוק געטאָן אויף לילין. „פאַרוואָס איז זי ניט געבליבן דאָרט אין אַרבעטס־צימער?...“

און לילי איז געשטאַנען אַ רויקע און מיט אַ שמייכל געקוקט אויף לאַראַן.

— האַלאָ, לאַראַ, וואָס מאַכט איר? — האָט זי איבערגעריסן דאָס שווייגן.

און לאַראַ האָט גאַנץ אומגעריכט פאַר מאַקסן איר געענטפערט אויך מיט אַ שמייכל און אויך גאַנץ רויִק:

— אַ דאַנק, און וואָס מאַכט איר?

— אָ, ווי געוויינלעך. איר זעט היינט אויס זייער ליב, לאַראַ!

— און איר זעט אויס שאַרמאַנט.

— אַ דאַנק, לאַראַ. איר מיינט עס ערנסט?

— איך מיין שטענדיק ערנסט, וואָס איך זאָג. און איר?

האָט לילי דערפילט, אַז לאַראַ מיט איר כלומרשטיקער רויִקייט קלייבט זיך זי צו באַליידיקן, האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופן צו מאַקסן:

— אַלזאָ, געדענקט, איר זייט, ווי ווייט מעגלעך, העפלעך מיט דער נייער שילערין. און מיט דער אַנדערער וועל איך זיך אויך היינט זען. איך מוז לויפן. גאַנצע צען מינוט האָב איך ביי אייך געפּטרט פון מיין פאַרנומענער צייט. זייט אַזוי גוט, גיט מיר מיין מאַנטל.

מאַקס איז אַרויסגעלאָפן נאָך איר מאַנטל און זי האָט דערווייל זיך ווידער אַ קער געטאָן צו לאַראַן מיט אַ פריינטלעכער מינע און געזאָגט:

— ווען איך טו עפּעס, מוז דאָס זיין מיט „עפישענסי“. ניט אומזיסט שטאַמען מיינע עלטערן פון דייטשלאַנד. איך האָב אים איינגעאָרדנט די סטודיאָ, שאַף איך אים אויך די ריכטיקע שילער...

מאַקס איז אַריינגעקומען מיט איר מאַנטל און הוט.

בישט־געאיילט און רויִק האָט זי אָנגעטאָן אויף זיך דעם הוט מיטן שלייער און אויסגעשטעלט אירע עלנבויגנס פאַר דעם מאַנטל, וואָס מאַקס האָט איר געהאָלפן אָנצוטאָן, און אַרויפגעצויגן אירע האַנטשו, און זיי אויס־געגלעטן אויף אירע פינגער, און דערלאַנגט דערנאָך מאַקסן אַ האַנט מיט די ווערטער:

— אַלזאָ, איך װעל אײַך אָנקלינגען, אויב עס װעט זײַן נײַעס...

זי האָט לײַכט אַ נויג געטאָן דעם רויטן קאָפּ צו לאַראַן און זיך געלאָזט גײן מיט אַן עלעגאַנטער האַלטונג צום אַרויסגאַנג. מאַקס האָט זי באַגלײט.

אין קאָרידאָר, װען ער האָט פאַר איר געעפנט די טיר צו דער גאַס, האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופן צו אים מיט אַ פאַרשטיקטער אויפרעגונג:

— זי קומט דאָך צו דיר אָפט, ניין?

— ניין, ניין! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט שרעק.

— זאָל איך דיר גלויבן?

— איך שװער דיר.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— איך װיל דיר גלויבן, מאַקס. — און זיך איבערגעשלאָגן מיט אַ שמייכל: — יאָ, יאָ, איך גלויב דיר. אװדאי גלויב איך דיר! גוד באַי, דיער!...

און זי איז אַװעקגעגאַנגען.

אינעם צימער האָט געװאַרט אויף אים לאַראַ. װען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט זי געזאָגט:

— דערפאַר ביסטו אַזױ צעמישט געװאָרן, װען איך בין אַרײַנגעקומען, װײַל זי איז דאָרט געװען? פאַרװאָס האָסטו זיך אַזױ דערשראָקן?

מאַקס האָט געשװיגן. ער האָט נאָך אַלץ ניט געװאוסט, װאָס איר צו זאָגן. זי האָט גערעדט װײַטער.

— דײַן שװײַגן, מאַקס, װײַזט, אַז דו פילסט זיך עפּעס װי שולדיק...

פּלוצים האָט ער זיך אָנגערופן:

— הער אויס, לאַראַ, איך קאָן דיר ניט זאָגן קיין ליגן. ניין, דיר ניט! אָבער איך שװער דיר בײַ אַלצדינג, װאָס מיר איז הײליק, שװער איך דיר, אַז איך האָב ניט געמײנט דיך אָפּצונאַרן... עס איז אָבער שטאַרקער פון מיר. פאַרשטײסט, לאַראַ, פאַר דיר װאָלט איך געװאָלט שטאַרבן אָבער אָן איר קאָן איך ניט לעבן.

— אָן איר קאָנסטו ניט לעבן, נאָר מיט מיר קלײַבסטו זיך חתונה האָבן נאָך דעם קאָנצערט, װאָס זי מאַכט פאַר דיר?! — האָט זי אויפגערעגט אַ לאַך געטאָן. — קלאָר. נו, װאָס איז דאָ װאָס צו רעדן! — האָט זי אַ פּיר געטאָן מיט די הענט.

— נו, זאָג לאַראַ, װאָס װילסטו זאָל איך טאָן?

האָט זי אים געענטפערט האַרט:

— נאָר מיך לאָזן צורו. דאָס איז אַלץ, װאָס איך פאַרלאַנג פון דיר!

און זי איז מיט האַסטיקע טריט אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, האָט געעפנט די גאַס־טיר און איז פאַרשװוּנדן.

מאַקס איז געבליבן שטיין אין דעם צימער, פון וועלכן זי איז אַרויסגע־לאָפן, און ער האָט געטראַכט:

— „אַזאַ אומגליק! וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן, אַז זי זאָל ניט ליידן, אַז זי זאָל זיך באַרואיקן?...

13

ווען לאַראַ איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, האָט זי די גאַס פאַר זיך ניט געזען. זי איז געלאָפן אַ צעטומלטע און האָט ניט באַמערקט די פאַרבייגייער אַרום איר. זי האָט ניט גענומען, ניט קיין טראַמוואַי און ניט די סאַבוועי אַהיים צו פאָרן. זי איז געלאָפן צופוס, און באמת האָט זי אַליין ניט געוואוסט, וואוהין זי איז געלאָפן. ערשט ביי דער דרייסיקסטער גאַס און בראָדוועי איז זי גע־קומען אַביסל צו זיך און האָט גענומען אַ טעקסי.

און נאָכדעם, ווען זי איז אַהיימגעקומען, האָט זי זיך פאַרשפאַרט אין איר צימער, געוואָרפן זיך אויפן בעט און איז דאָרט אַזוי געלעגן ביז אויפדער־נאַכט. אונטער דער צייט האָט זי געהאַט צוויי שטונדען, איז זי אפילו אויף אָט־די שטונדן ניט אַרויס. און שפּעטער, ווען אַלע אין הויז האָבן שוין לאַנג געשלאָפן, איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן אין איר צימער אויפן בעט און האָט געקוקט אין דער טונקלקייט אַריין און האָט געזען בילדער, וואָס האָבן זי געמאַטערט און געפּייניקט.

זי האָט געזען יענע שיינע פרוי ביי מאַקסן אין די אָרעמס. זי איז זיכער געווען אין דעם, אַז ער לעבט מיט יענער, און איר יונגער קערפּער, וואָס מאַקס האָט דער ערשטער אים אָנגעצונדן, האָט זיך איצט געמאַטערט פון דעם דאָזיקן פייער, וואָס האָט באַזונדערס איצט שטאַרק געפלאַקערט...

אויף מאָרגן איז זי אויפגעשטאַנען שפּעטער ווי געוויינלעך, און דעם גאַנצן טאָג האָט זי ניט געגעסן. זי איז געגאַנגען אויף אירע שטונדן און האָט געטראַכט; געהערט ווי אירע שילער שפּילן, און געטראַכט; געקומען אַהיים — און געטראַכט, און געוואָרט...

זי האָט געוואָרט, אַז מאַקס זאָל צו איר קומען. מחמת נאָך די אַלע טראַכ־טעניש, ווען זי איז אין אירע געדאַנקען דורכגעגאַנגען די גאַנצע צייט, זינט זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן, נאָך זיין קומען פון דייטשלאַנד, האָט זיך איר ניט געגלויבט, אַז צווישן זיי האָט זיך אויף־אַן־אמת איצט אַלצדינג געענדיקט...

ווי אַזוי גאָר האָט זי דאָס געקאָנט גלויבן?!... ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער איר דאָך אַרויסגעוויזן אַזויפיל ליבע?... אפשר איז זיין געפיל צו יענער ניט קיין ערנסטער? עס וועט אפשר באַלד פאַרבייגיין?... אפשר,

ווען זיי וועלן חתונה האָבן, וועט ער יענע פאַרגעסן ?... יאָ, ער האָט דאָך דאָס איר אַליין געזאָגט ! ער האָט זי ניט גענאַרט... ער איז געווען מיט איר אָפנ־האַרציק... קאָן מען דען זיין מער אָפנהאַרציק ווי ער איז מיט איר ?... ער איז ניט שולדיק, וואָס זי איז אַ נאַר און האָט אים ניט פאַרשטאַנען...

פאַרוואָס האָט זי אים געזאָגט, אַז ער זאָל זי לאָזן צורו ? — האָט זי גע־טראַכט, און איז געלאָפן איבערן צימער אַהין און צוריק און האָט געבראָכן די הענט. — פאַרוואָס האָט זי גערעדט מיט אים אַזוי ?...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און געטראַכט ווייטער :

— פאַרוואָס, ווען ער האָט זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל אים זאָגן, וואָס ער זאָל טאָן, האָט זי זיך ניט דורכגעשמועסט מיט אים, אַזוי ווי זי האָט באַדאַרפט ?...

און זי איז ווידער אַרונטער פון בעט און איז ווידער אַוועק שפּרייזן איבערן צימער.

— אוי, וואָס פאַר אַ נאַר, וואָס פאַר אַ נאַר ! — האָט זי זיך ניט געקאָנט מוחל זיין. — טאַקע אויסגעפינען ביי אים ווי ווייט ער ליבט יענע, און צי ער ליבט נאָך זי אויך ווי פריער. און אויב ער ליבט זי ווי פריער, דאַן אויפווייזן אים, אַז ער ליבט ניט יענע... און אויב ער ליבט יענע, טאָ פאַרוואָס פרעגט ער זי, וואָס ער זאָל טאָן ?... און נאָכאַמאָל, וואָס מיינט די געשיכטע מיט דער חתונה, וואָס ער האָט איר פאַרגעלייגט ?... אָט־דאָס האָט זי געדאַרפט טאָן !... אָנשטאָט דעם האָט זי אים ניט געלאָזט רעדן און אים איבערגעלאָזט מיט דעם איינדרוק, אַז זי וויל אים מער נישט זען. אוי, וואָס פאַר אַ נאַר, וואָס פאַר אַ נאַר !...

שפּעטער אָבער האָט זי זיך געגומען טרייסטן, אַז ער וועט קומען צו איר. ער וועט מוזן קומען. ער וועט ניט דערלאָזן, אַז צווישן זיי זאָל זיך אויף אַזאַ פּלוצימדיקן אופן אַלצדינג ענדיקן. זי האָט גוט געקענט מאַקסן.

און זי האָט געוואַרט, אַז יעדע מינוט זאָל מען זי רופן צום טעלעפאָן, אָדער אַז ער זאָל אָנקלאַפּן אין איר טיר...

אויפן דריטן טאָג איז זי אַליין צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, און האָט גע־וואָלט רעדן צו מאַקסן. זי האָט זיך אָבער באַהערשט. נאָכדעם ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי גענומען טראַכטן, אַז זי וועט גיין צו אַ הדסה־מיטינג.

פּלוצים האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ אין איר טיר. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן : „ער !" — איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט און איז צוגעלאָפן צום שפּיגל. פאַר צעטומלטקייט האָט זי פאַרגעסן אפילו צו זאָגן „אַריין !" זי איז אַזוי פול געווען מיט אים, אַז זי איז זיכער געווען, אַז דאָס האָט ער געקלאַפּט

און זי האָט געוואָלט צופוצן אַביסל איר פּנים, נאָר ווען זי האָט ווידער דער־הערט דאָס קלאַפּן, האָט זי הייזעריקלעך אַ געשריי געטאָן:

— קאָם אין!

אַלעקס איז אַריין מיט אַ שאַכטל בלומען.

צוערשט, ווען זי האָט דערזען, אַז דאָס איז ניט געווען מאַקס, איז זי געווען אַנטוישט. דערנאָך אָבער האָט זי זיך דאָך דערפרייט מיט אַלעקסן, מחמת נאָך מאַקסן איז אַלעקס געווען איר נאָענטסטער מענטש. זי איז צוגע־וואוינט געווען צו אים און איצט איז ער געווען דער איינציקער פריינט אירער, פאַר וועמען זי האָט זיך געקאָנט אויסרעדן.

— גוט וואָס איר זייט געקומען, אַלעקס! — האָט זי זיך אָנגערופן. — מיר איז דאָ געווען זייער אומעטיק.

אַלעקס האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און אָוועקגעלייגט אים אויף דער סאָפע, און די שאַכטל מיט די בלומען, וואָס האָט דעם גאַנצן צימער אָנגעפילט מיט געשמאַקע ריחות, האָט ער אָוועקגעלייגט אויף אַ שטול.

דאָס דאָזיקע אָרעמע צימער האָט זיך אים אויסגעוויזן זייער געמיטלעך און געוועקט אין זיין האַרצן פרייד און בענקשאַפט. דאָ האָט ער זיך מיט לאָראַן באַקענט. דאָ האָט ער זי געזען און אַזוי אָפט ווידער געזען. דאָ האָט ער דערפילט, אַז ער איז ניט גלייכגילטיק צו איר און דאָס באַדערפעניש זי צו זען און איר קול צו הערן — אַ באַדערפעניש, וואָס איז געוואַקסן ביי אים פון טאָג צו טאָג...

ער האָט געוואוסט, אַז זי איז מאַקסעס כלה און אַז יענער קלייבט זיך מיט איר חתונה צו האָבן באַלד נאָכן קאָנצערט. מחמת דעם האָט ער זיך געראַנגלט קעגן זיין געפיל צו איר, האָט זיך געשראָקן פאַר דעם, און אַמאָל האָט ער זיך געפרעגט: וואָס קאָן פון דעם אַרויסקומען? און אַלעמאָל האָט ער זיך אויף דעם געענטפערט:

„מיר איז אָנגענעם מיט איר צו פאַרברענגען, און דאָס איז גענוג!"

ער איז געגאַנגען צו איר, ווייל עס האָט אים געצויגן צו איר, ווייל מיט איר איז אים פריילעך געווען. ווייל ווען ער האָט פערבראַכט מיט איר — צי אין איר צימער, צי אין אַ רעסטאָראַן, צי אין אַן אַמוזיר־פּלאַץ, האָט ער זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט איר ניט־געקינצלטער שיינקייט און מיט איר קול, וואָס האָט אין זיין נשמה געוועקט פרייד און בענקשאַפט.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן צו איר ווי אַ גוטער פריינט, אַ דזשענטלמאַן און אַ ספּאָרט, און נישט מער. ער איז געווען העפלעך צו איר, ליבנסווירדיק און אויפמערקזאַם, און האָט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט מיט איר עפּעס אַזוינס,

וואָס די היינטיקע יונגעלייט דערלויבן זיך מיט די היינטיקע מיידלעך, און וואָס גייט אונטערן נאָמען „לייכטער פלירט".

און לאַראַ אַליין האָט זיך אַלץ פריִער מיט אים געפּילט און אַלץ מער האָט זי זיך צו אים צוגעבונדן. וועגן דעם, אַז זי איז מאַקסעס כלה, האָט ער זיך דערוואוסט צוערשט פון איר אַליין.

בלויז צוויי מאָל האָט ער איר אַרויסגעוויזן, ווי טייער זי איז אים געווען. איינמאָל אין אַ רעסטאָראַן, נאָך אַ פּאָר גלעזער שאַמפּאַניער, האָט ער זיך מיט־אַמאָל אָנגערופן צו איר:

— ווי איך בין מקנא מאַקסן, וואָס איר ליבט אים אַזוי!

האָט זי אים דעמאָלט געענטפערט:

— אייך ליב איך אויך אַביסעלע. און ווען איך וואָלט ניט געווען פאַרליבט אין מאַקסן, ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך וואָלט זיך אין אייך שטאַרק פאַרליבט. מחמת נאָך אים, זייט איר מיר דער נאָענטסטער מענטש אויף דער וועלט.

איז אים דעמאָלט סיי אומעטיק, סיי פריילעך געוואָרן אויפן האַרצן.

און אַ צווייטן מאָל, ווען זי איז געזעסן מיט אים אין איר צימער און האָט געזונגען פאַר אים פון מאַקסעס שאַפונגען, דעמאָלט איז ער אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון איר שטים און פון דעם אופן ווי זי האָט געזונגען, אַז ער האָט זיך גענומען בעטן ביי איר, אַז זי זאָל קולטיווירן ווייטער איר שטים אויף זיין רעכענונג. ער האָט זיך געבעטן ביי איר:

— לאָזט מיך אַרויסברענגען אייער טאַלאַנט. איר פאַרמאָגט די שטים, דעם פיינעם מוזיקאַלישן חוש און דעם קינסטלער־טעמפּעראַמענט. דעם בעסטן לערער וועל איך פאַר אייך באַשטעלן. גלויבט מיר, אַז דאָס וועט זיין פאַר מיר דאָס העכסטע גליק, ווען איך וועל אייך קאָנען אַרויסברענגען...

און אַ גליקלעכע האָט זי אים דעמאָלט געענטפערט:

— איך דאַנק אייך, מיין פריינט. אָבער קיין בעסערער לערער ווי מאַקס, דענק איך, איז נישטאָ. ווען איך וואָלט באמת געהאַט טאַלאַנט, וואָלט ער שוין מיר דאָס געזאָגט.

— אָבער מאַקס איז צופיל פאַרטאָן אין זיין וועלט, ער באַמערקט עס ניט. — האָט אַלעקס זיך געהיצט — ער זעט זיך און נאָר זיך...

האָט לאַראַ זיך צעלאַכט:

— מיך זעט ער אויך אַביסעלע, שטעלט זיך פאָר. און ווידער, וואָס דאַרף איך דאָס? מיר איז גענוג, אַז ער וועט זיין אַ באַרימטער מוזיקער!

פון דעמאָלט האָט אַלעקס דעם דאָזיקן ענין מער ניט אָנגערירט, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט איר.

אַזוי זיינען געווען זייערע באַציאונגען ביז יענעם אָוונט, ווען זי האָט אַ

פּאַרצווייפלטע געוואָרט ביי זיך אין צימער אויף מאַקסן, און אַריינגעקומען איז גאָר אַלעקס מיט בלומען.

14

לאַראַ האָט אַרויסגענומען די בלומען פון שאַכטל און זיי אַריינגעשטעלט אין אַ וואַזע מיט וואַסער. און אומיסטנע האָט זי נאָכדעם געזוכט אַ פּלאַץ, וואו די וואַזע מיט די בלומען אַוועקצושטעלן, מחמת זי האָט געוואָלט געווינען די צייט, כדי זיך מיישב צו זיין, צי זי זאָל אויסרעדן איצט דאָס האַרץ פאַר אַלעקסן, אָדער זי זאָל נאָך אָפּוואַרטן, טאָמער וועט זיך מאַקס מיט איר איבער־בעטן. צום סוף איז ביי איר געבליבן צו אָפּוואַרטן, מחמת טיף אין האַרצן האָט זי נאָך געהאָפּט, אַז זי האָט מאַקסן ניט פאַרלאָרן.

זי האָט אַוועקגעשטעלט די וואַזע מיט די בלומען אויף דער פּיאַנאָ. נאָכ־דעם איז זי צוריקגעגאַנגען צו אַלעקסן, מיט ביידע הענט אויסגעשטרעקט צו אים. ער האָט זיך פלינק אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אָנגענומען אירע ביידע הענט און זיי צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן.

— ווי פילט זיך היינט לאַראַ?

— אָ, זייער גוט, אַלעקס, זייער גוט. און נאָכאַמאָל אַ דאַנק פאַר די שיינע בלומען!

און ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל פאַרט ניט באַמערקן, וואָס עס טוט זיך ביי איר אין האַרצן, האָט זי איבערטריבן געשמייכלט און איז איבער־טריבן פריילעך געווען. מחמת דעם האָט זיך געפילט אַ נערוועזע אומרואיקייט אין איר בליק און אין איר קול און אין יעדער באַוועגונג אירער. אַלעקס האָט עס גלייך באַמערקט.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— עפּעס איז מיר היינט לאַראַ גאָר אַן אַנדערע...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך? וואָס מיינט איר? וואָס זעט איר אויף מיר?

און זי איז געוואָרן נאָך נערוועזער און האָט זיך צעלאַכט.

— עפּעס זייט איר ניט ווי געוויינלעך, — האָט ער ווידער געזאָגט.

— מיאוסער, מיינט איר?

— ביין, לאַראַ, מיאוס קאָנט איר קיינמאָל ניט זיין. אומעטיקער, מיין איך.

האָט זי אַרונטערגעלאָזן די אויגן און אַ שאָקל געטאָן דעם שוואַרצן יינגליש־געשוירענעם קאָפּ.

— עס ווייזט זיך אייך אויס.

מיטאַמאָל, אינגאַנצן קעגן איר ווילן, האָט עפּעס אין איר אַ כליפּע געטאָן און זי האָט דערפֿילט, ווי אירע אויגן זיינען פֿאַרשלייערט געוואָרן פון טרערן. און ניט ווויסנדיק אַליין, וואָס זי טוט, האָט זי זיך אַ וואַרף געטאָן אויף אַ שטול לעבן טיש און האָט זיך צעוויינט.

אַלעקס האָט געקוקט אויף איר מיט אויפגעריסענע אויגן. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו איר.

— וואָס איז געשען, לאַראַ ?

זי האָט זיך אויפגעהויבן און געשוויגן. גענומען גיין איבערן צימער אַהין און צוריק און האָט זיך געווישט די אויגן. פּלוצים האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און זיך אָנגערופן צו אַלעקסן מיט אַ הייזעריקלעכן קול :

— האָט איר ניט געזען מאַקסן ?

— ניין, שוין אַ פּאָר טעג אים ניט געזען. פֿאַרוואָס פרעגט איר דאָס ?

— אַזוי, — האָט זי געענטפֿערט, און אָוועקגעדרייט פון אים איר פּנים.

האָט ער זי אָנגענומען פֿאַר אָן אָרעם און אַ קער געטאָן איר פּנים צו אים און אַריינגעקוקט איר גלייך אין די אויגן.

— וואָס האָט פּאַסירט, לאַראַ ? דערציילט, איר ווייסט, וואָס פֿאַר אַ פריינט איך בין אייך...

מיטאַמאָל איז זי צוגעפאַלן מיטן פּנים צו זיין ברוסט און האָט אויסגעבראָכן אין אַ פֿאַרשטיקטן, ליידנשאַפטלעכן געוויין.

— מיר איז אַזוי שווער, אַלעקס... איר זייט מיין איינציקער פריינט און זיין פריינט... איר ווייסט, ווי איך האָב אים געליבט...

און אין קלאָרע, פּשוטע ווערטער האָט זי אים דערציילט אַלץ, וואָס האָט זי געדריקט.

און וואָס מער זי האָט אים דערציילט, אַלץ זיכערער איז ער געוואָרן, קענענדיק סיי לילין און סיי מאַקסן, אַז זיין פריערדיקער פֿאַרדאַכט, אַז מאַקס האָט ביי לילין מער מזל, איידער די אַנדערע מענער פריער — איז געווען ריכטיק. און די אויגן האָבן ביי אים אויפגעלויכטן און אַ פרייד האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט, ווי עס כאַפּט אָן איינעם, בשעת מען זאָגט אים, אַז זיין וואונטש, וואָס ער האָט לאַנג געטראָגן אין זיין האַרצן, איז דערפֿילט געוואָרן...

מחמת דער געפֿיל צו לאַראַן, וואָס איז געווען געשטערט פון דעם געדאַנק, אַז זי איז זיין פריינטס כלה, איז איצט באַפרייט געוואָרן פון אָט־דער שטערונג... ער האָט דערזען איצט פֿאַר זיך אַ פרייען צוטריט צו איר. קיינער און גאָרנישט איז אים געשטאַנען מער אין וועג...

און ווען דאָס פֿאַרצווייפֿלטע מיידל האָט ווייטער אַרויסגעקלאָגט פֿאַר אים איר בענקשאַפט און אירע ליידן, האָט ער זי מיטאַמאָל אָנגענומען ביי דער

טאַליע און זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף דער סאָפע, און טרייסטנדיק זי, האָט ער איר קאָפּ צו זיך אויפן אַקסל אַוועקגעלייגט, געגלעט אירע באַקן, אויפגע־הויבן ווידער איר קאָפּ פון זיין אַקסל און אַריינגענומען אים צווישן זיינע ביידע הענט און גערעדט.

— וויינט ניט, לאַראַ. אויב ער ליבט יענע, איז ער אייך ניט ווערט. ער איז ניט ווערט, אַז איר זאָלט אפילו איין טרער איבער אים פאַרלירן. און אפשר איז אַזוי בעסער. אפשר איז דאָס גאַר אַ גליק פאַר אייך. איר וועט זיך איצט נעמען אויסבילדן אייער שטים. איך נעם זיך אָן צו מאַכן אייך באַרימט. איך האָב די מיטלען פאַר דעם. איך וויל נאָר זען לאַראַן אַ גליק־לעכע...

האָט זי געענטפערט און געוויינט דערביי ווי אַ קינד:

— איך האָב אים אַזוי ליב, אַלעקס. מיר ווייזט זיך אויס, אַז די גאַנצע וועלט איז אונטערגעגאַנגען פאַר מיר. איך בין אַזוי עלנט, אַלעקס, אַזוי עלנט...

— איר וועט ניט זיין עלנט, לאַראַ. איר רעדט ווי אַ קינד. איר זייט נאָך יונג. יעדע מיידל לעבט דורך עפּעס אַזוינס און פאַרגעסט עס דערנאָך... איך וועל אייך העלפן אים צו פאַרגעסן... איך פאַרזיכער אייך...

און מיטאַמאָל האָט ער זי אַ קוש געטאָן. און, מאָדנע, אירע ליפּן האָבן זיין קוש אונטערגעכאַפּט. צי דאָס איז געווען דערפאַר מחמת אין דעם צו־שטאַנד, אין וועלכן זי האָט זיך איצט געפונען, האָט זי אַליין ניט געוואוסט, וואָס זי טוט, צי דערפאַר, ווייל דורכדעם האָט זי אינסטינקטיוו אויסגעדריקט איר צוטרויען צו אים, דעם איינציקן מענטשן, וואָס איז איר פאַרבליבן אין איר איצטיקער עלנטער לאַגע? צי עס האָט זיך גאָר אין דעם אומבאַוואוסט אויסגעדריקט דער ליידנשאַפטלעכער צושטאַנד פון איר יונגן, אָנגעצונדענעם בלוט?...

און ווידער האָט ער זי אַ קוש געטאָן, נאָך דרייסטער, און ווידער האָבן אירע ליפּן זיך אָפּגערופן. נאָר שפּעטער, ווען ער האָט זי פעסט צוגעדריקט צו זיך, האָט זי מיטאַמאָל אים אָנגעקוקט מיט צעטומלטע אויגן, אַרויסגעפּליס־טערט: „אַלעקס!" און אַ ריס געטאָן זיך פון זיינע אָרעמס.

— גייט אַוועק, איך האָב אייך איצט פיינט, — האָט זי שטיל אַרויסגע־רעדט, איז אָפּגעטראָטן פון אים און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער מיטן רוקן צו אים.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר איר. ער האָט גאָרנישט געמיינט. ער האָט זיך צופיל מיטגעריסן. האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. אמת, ער לייקנט ניט, אַז גלייכגילטיק צו איר איז ער ניט, איז קיינמאָל גלייכגילטיק ניט געווען צו איר. דאָס האָט זי שוין לאַנג געדאַרפט אַליין באַמערקן. אָבער ער האָט פריער דאָס

אין זיך דערשטיקט, און ער וועט ווייטער דערשטיקן זיינע געפילן צו איר, אויב זי וועט דאָס פֿאַרלאַנגען...

זי האָט אים אָנגעקוקט אַביסל פֿאַרוואונדערט. דעם ערשטן מאָל האָט זי פֿון אים געהערט די דאָזיקע אָפֿענע דערקלערונג פֿון ליבע. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— אויב איר ווילט בלייבן מיין פֿריינט, מוזט איר זיין אַזוי ווי פֿריער.

— אַזוי וועל איך זיין, לאַראַ.

— מחמת, — האָט זי גערעדט ווייטער אויפֿגערעגט — אַז איך זאָל אייך אויך פֿאַרלירן, וואָלט איך שוין גאָרניט געוואוסט, וואו זיך אַהינצוטאָן...

— איר וועט מיך ניט פֿאַרלירן, לאַראַ. און מיט מאַקסן וועל איך זיך אויך מאָרגן זען.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איר וועט מאָרגן גיין צו אים?

— גאַנץ זיכער. און איך וועל זיך מיט אים דורכשמועסן.

— געדענקט אָבער, איך שיק אייך ניט צו אים! און דערציילט אים ניט, אַז איך בין אומגליקלעך. איך וויל ניט, אַז ער זאָל מיך ליבן פֿאַר רחמנות...

האָט אַלעקס געמאַכט כלומרשט אַ נאַאיווע מינע און זיך אָנגערופֿן:

— זאָל איך צו אים ניט גיין? ווי איר וועט מיך הייסן, לאַראַ...

— יאָ, יאָ, איר גייט צו אים, — האָט זי מיט שרעק זיך אַ כאַפּ געטאָן — אָבער ווי מיט אים צו רעדן, דאַרף איך דאָך אייך ניט לערנען. איך וואָלט ניט וועלן, אַז איר זאָלט מיך דערמאָנען...

אַלעקס האָט אין זיך אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופֿן:

— אייער נאָמען וועל איך אפֿילו ניט דערמאָנען.

האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן און פֿאַרטראַכט געקוקט פֿאַר זיך. דערנאָך האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ניין, בעסער דערמאָנט אים מיין נאָמען און איר וועט זען, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף אים.

— אויך רעכט.

שפּעטער, ווען אַלעקס האָט זי פֿאַרלאָזן, האָט דאָס האַרץ ביי אים פֿריילעך זיך געצאַפּלט פֿון אַן אומדערקלערלעכן פֿאַרגעפֿיל...

דריטער טייל

1

אַלעקס איז געווען ביי מאַקסן און האָט פאַרזיכטיק זיך דורכגעשמועסט מיט אים וועגן לאַראַן. און מאַקס האָט אים דערקלערט, אַז ער ליבט זי איצט אויך, אָבער גאַנץ אַנדערש, ווי ער האָט פריער געמיינט. ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זי נאָר ליב ווי אַ שוועסטער...

— און וואָס איז מיט אייער חתונה? — האָט אַלעקס געפרעגט.

האָט אים מאַקס געענטפערט:

— פאַרשטייט זיך, אַז דערפון קאָן איצט גאָר קיין רייד ניט זיין. איך באַדויער נאָר, וואָס איך האָב געמאַכט אַזאַ טעות...

דעם נאָמען לילי האָט קיינער פון זיי ניט דערמאָנט. אַלעקס האָט זיך געהיט צו דערמאָנען איר נאָמען, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער עפּעס דערמיט קאַליע מאַכן...

נאָכדעם, ווען אַלעקס האָט איבערגעגעבן לאַראַן זיין שמועס מיט מאַקסן, איז זי געווען נאָך מער פאַרצווייפלט. איר לעצטע האָפענונג האָט דאָס דער־הרגעט. זי האָט געזאָגט צו אַלעקסן, אַז זי וויל בלייבן אַליין אין צימער, און אַז ער איז אַוועק, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, ניט אויסגעטאָנער־הייט און זיך צעקלאָגט אַזוי, ווי זי וואָלט באַוויינט אַ נאָענטן טויטן.

אָבער אויף מאָרגן האָט זי צונויפגענומען אַלע אירע כוחות און האָט געלאַכט און זיך געוויצלט אויף אירע שטונדן מיט אירע שילער און מיט די עלטערן פון די שילער, און מיט די באַקאַנטע, וואָס זי האָט געטראָפן אין רעסטאָראַן, וואו זי האָט געגעסן. אין אָוונט איז זי געגאַנגען צו אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג און האָט זיך דאָרט אויך געטראָפן מיט באַקאַנטע און קיינעם פון זיי איז ניט איינגעפאַלן, אַז אין האַרצן לעבט זי איבער אַ גרויסע טראַגעדיע...

צוויי טעג שפּעטער איז אַלעקס ווידער געקומען צו איר. אין אָוונט איז דאָס געווען, צווישן אַכט און ניין. און פון אים האָט זי אירעליידן שוין ניט געקאָנט באַהאַלטן. האָט ער זי ווידער געטרייסט, און ווידער איר געראַטן, אַז זי זאָל אויסבילדן איר שטים. ער איז גרייט צו לאָזן זיך קאָסטן טויזנטער, כדי זי צו מאַכן באַרימט...

און כאָטש זיינע ווערטער האָבן געוועקט אין איר דעם פאַרלאַנג עפּעס צו ווערן, מיט וואָס זי זאָל קאָנען ווייזן מאַקסן, אַז זי האָט איר אייגענעם אינטערעס

אין לעבן, איז אָבער אַט־דער פאַרלאַנג געווען אַזוי שוואַך לגבי די אַנדערע געפילן, וואָס האָבן איצט באַוועלטיקט איר פלייש און בלוט...

כסדר האָט זיך פאַר אירע אויגן געטראָגן יענע שיינע פרוי. די אייפער־זוכט און די ליידנשאַפט האָבן זי געפייניקט. אַחוץ דעם, האָט אַלעקס, ווי אומיסטנע, נאָכאַנאַנד איר דערמאָנט יענע פרוי, ווי ער וואָלט געגאָסן אויל אויף איר פייער...

און ביסלעכווייז איז ביי איר געוואָרן אַ באַדערפעניש צו רעדן מיט אַלעקסן וועגן יענער פרוי און וועגן מאַקסן. און ווען זי האָט גערעדט וועגן זיי, האָט זי וועגן זיי געטראַכט.

אין די נעכט, ווען זי האָט זיך אַרומגעוואָרפן אויף איר געלעגער, האָט זי זיך געפייניקט און איר בלוט האָט זיך געצונדן...

זי האָט מער קיין געדולד ניט געהאַט צו טעאַטער און צו אַנדערע פאַר־ווײַלונגען. געקומען מיט אַלעקסן אין אַ טעאַטער, איז זי אַ ווײַלע דאָרט גע־זעסן און האָט דערנאָך מיטאַמאָל נערוועז געזאָגט:

— איך האָב קיין געדולד ניט, קומט, אַלעקס!

און ער האָט זי געמוזט פירן אַהיים.

איינמאָל האָט זי זיך דערוואוסט אויף זיכער, אָן דעם מינדסטן ספק, אַז לילי מיט מאַקסן האָבן געלעבט ווי מאַן און ווייב, און אַז מאַקסעס נייע וואוינונג איז געווען זייערביידנס וואוינונג.

האָט זי דערנאָך אויף אַ שטיק צייט אינגאַנצן פאַרלאָרן די רו. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. זי האָט געוואָלט וואַרפן די שטונדן און אַוועקפאָרן קיין שיקאַגע צו אירע עלטערן; געטראַכט וועגן פאָרן קיין אייראָ־פּע; וועגן באַזעצן זיך אין פּאַלעסטינע; וועגן שטאַרבן. און זי איז געבליבן לעבן און, ווי פריער, איז זי אַנגעגאַנגען ווייטער מיט אירע שטונדן און האָט זיך געטראָפן ווייטער מיט אַלעקסן, איז געגאַנגען מיט אים ערגעץ, אָדער גע־זעסן מיט אים ביי איר אין צימער.

אָבער דער נאָמען מאַקס איז מער ניט דערמאָנט געוואָרן ניט פון אים און ניט פון איר, כאָטש זי האָט פון מאַקסן איצט ניט ווייניקער געטראַכט איידער פריער. נאָר איצט האָט זי וועגן אים געטראַכט מיט אַ געפיל, וואָס איז איר ביז איצט געווען פרעמד — מיט אַ מין קרענקלעכן האָס...

2

דאָס איז געווען אין דער אייגענער וואָך, ווען עס האָט געזאָלט פאָרקומען מאַקסעס קאָנצערט אין קאַרנעגי האָל. לאָראַ איז געזעסן מיט אַלעקסן ביי

אַ פאָרשטעלונג אין אַ טעאַטער אויף בראָדוועי. און גראָד האָט זי זיך יענעם אוונט פאַראינטערעסירט מיט דער פּיעסע, וואָס מ'האָט געשפּילט.

אַ פרוי, אַ פאַרפירערין, איז געווען אויף דער בינע, אַ קורטיזאַנקע, וואָס האָט הערצער געצונדן. מענער האָבן געוואָרפן זייערע ווייבער צוליב איר.

די אַקטריסע, וואָס האָט די דאָזיקע פרוי געשפּילט, איז געווען וואונדער־לעך שיין און מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט. איר שטים איז ווי אין פייער געווען געטונקט. איר פלייש און איר בלוט איז געווען פול מיט איין גליענ־דיקער ליידנשאַפט, וואָס האָט געצונדן ניט נאָר אירע געליבטע אויף דער בינע אַליין, נאָר אויך דעם עולם אין טעאַטער. אירע געליבטע האָבן ביי איר די ליבע געטרונקען, ווי פון נאַטורס קוואַל אַליין...

די קורטיזאַנקע האָט זיך דאָרט געטראָפן מיט דעם איינציקן מאַן, וואָס זי האָט אַמאָל אמתדיק ליב געהאַט, און וועלכער איז איצט געווען אַ פּריסטער. און פון זייערע רייד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דאָס געווען יענער, וואָס האָט איר דעם ערשטן שטויס געגעבן צו איר איצטיקן אַנימאַלישן לעבן. ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידל, האָט זי אים געטראָפן ביי זיינעם אַן אָנקל אין הויז, וואו זי איז געווען אַ גוואוערנאַנטקע, און זי האָט זיך פאַרליבט אין אים. ער איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט־מעדיק, און ער האָט נאָך ניט געטראַכט וועגן ווערן אַמאָל אַ פּריסטער. האָט זי זיך דעמאָלט געלאָזט פאַרפירן פון אָט־דעם סטודענט און שפּעטער האָט ער זי פאַרלאָזן.

די ערשטע צייט, בעת ער האָט זי פאַרלאָזן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די וועלט האָט זיך געענדיקט; אַז זי האָט שוין ניט מער פאַר וועמען און פאַרוואָס צו לעבן. זי האָט גענומען טראַכטן וועגן נעמען זיך דאָס לעבן. נאָכדעם האָט זי מיטאַמאָל זיך געזאָגט: „צו־להכעיס אים וועל איך דווקא לעבן און ליבן און געניסן...” און זי האָט אויפגעפלאַקערט, ווי אַ שטיק פייער, און זיך אַריינ־געוואָרפן אין דעם האַרץ פונעם לעבן און געברענט און געהוליעט...

— געניס פון דעם לעבן כל־זמן דו קאָנסט! — האָט זי געזונגען אַ ליד.

לאַראַ האָט געהערט דאָס ליד און געטראַכט:

„הלוואי וואָלט איך דאָס געקאָנט!”

זי האָט מיטגעפילט מיט דער דאָזיקער פרוי. מחמת די געשיכטע פון איר אייגענער ליבע איז געווען ענלעך צו יענער. זי, לאַראַ, וואָלט עס אויך געטאָן, ווען זי וואָלט געהאַט מער מוט. דווקא לעבן מיט אַנדערע, דווקא גע־ניסן פונעם לעבן! זאָל מאַקס זען, אַז זי האָט אים אפילו מער ניט אינזינען; אַז זי לאַכט זיך אויס פון אים; אַז איר איז גוט, פריילעך; אַז זי האָט פאַר־געניגן פונעם לעבן. ווען זי וואָלט דאָס געקאָנט! איבערפירן איר יונג לעבן — צוליב וואָס? צוליב וועמען? ניט דערהאַרן זאָל ער דאָס...

„זי איז גערעכט. טויזנט מאָל גערעכט" — האָט לאַראַ געטראַכט זיצנדיק לעבן אַלעקסן אַ פאַרשיכורטע פון איר אָנגעצונדענעם יונגן בלוט, און זי האָט אינסטינקטיוו איינגעזויגט מיט איר קערפּער די וואַרעמקייט פון זיינעם, וועלכן זי האָט געפילט לעבן זיך.

אין די ווייטערדיקע אַקטן האָט די קורטיזאַנקע פאַרפירט דעם פריסטער, איר אַמאָליקן געליבטן. און לאַראַ האָט מיט איר גאַנצן האַרצן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער פאַרפירונג. זי האָט אין אירע געדאַנקען קאָקעטירט און געלאַסטשעט זיך צום פריסטער. און, ווען יענער איז געפאַלן, האָט זי, צוזאַמען מיט דער קורטיזאַנקע אויף דער בינע, געפילט דעם נצחון איבער דעם הייליקן פריסטער און זי האָט באַגייסטערט אַפּלאָדירט, ווען די קורטיזאַנקע האָט דער־נאָך דעם פריסטער דערקלערט:

— הייליקער פאָטער, מיין זיג איבער דיר, איז מיין נקמה. זאָל דאָס פייער, וואָס איך האָב אין דיר אָנגעצונדן, דיך אַזוי מאַטערן, ווי איך האָב זיך געמאַטערט אַמאָל, אין דעם פייער, וואָס דו האָסט אין מיר אָנגעצונדן!...

און די קורטיזאַנקע האָט זיך צעלאַכט מיט אַ טייוולשן געלעכטער. און מיט אַ געלעכטער האָט זיך אויך לאַראַ צעלאַכט, זיצנדיק לעבן אַלעקסן אינעם טעאַטער.

מיט דעם דאָזיקן טריאומפירנדיקן האַס פון דער בינע־העלדין, וואָס זי, לאַראַ, האָט אין איר געמיט איצט דורכגעלעבט, האָט זי איר האַרץ געקילט...

שפּעטער, ווען אַלעקס האָט זי געפירט אַהיים אין זיין אויטאָמאָביל, איז זי אינגאַנצן געווען אונטער דעם איינדרוק פון יענער פיעסע. און זי האָט געפילט די פייערדיקע ליידנשאַפט פון דער קורטיזאַנקע אין איר בלוט. זי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, נאָר אירע אויגן און איר שמייכל, וואָס זיינען געווען געווענדט צו אַלעקסן, האָבן גערעדט...

און אַזוי ווי אַלעקס האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון אירע אויגן און פון איר שמייכל, האָט ער זי מיטאַמאָל אַרומגענומען. און זי האָט זיך אַ צי געטאָן צו אים נעענטער אויף איר זיץ און זיך צוגעדריקט צו אים.

— איר ליבט מיך אויף אַן אמת? — האָט זי פּלוצים אַרויסגעפּליסטערט מיט אַ הייסן אָטעם.

— איר ווייסט עס! — האָט ער שטיל געענטפערט, און געדריקט אירע ביידע הענט.

— זיצט איין! — האָט זי דערנאָך געזאָגט, און האָט אַ שוידער געטאָן. — לאָזט איין מיינע הענט!

און ווען ער האָט אירע הענט אַרויסגעלאָזט, האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים און אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס זיפצט איר, לאַראַ?

זי האָט ניט געענטפערט און אָפּגעקערט פון אים דעם קאָפּ.

ערשט ווען דער שאָופער האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל פאַר איר הויז, האָט לאַראַ זיך ווידער אָנגערופן מיט אַ ציטערדיקן קול, און געקוקט דערביי דורכן פענצטערל פון דעם אויטאָמאָביל:

— אַלעקס, קומט אַרויף איצט צו מיר...

אָבער תיכף האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און איבערגעשלאָגן:

— ניין, צו שפּעט. אפשר מאָרגן. וואָס איז מאָרגן?

— מאָרגן איז דינסטיק, — האָט ער געענטפערט.

— אָ, יאָ, דינסטיק.

און זי האָט צוגעלייגט, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— און פרייטיק איז יענעמס קאָנצערט... וואָס טוט איר מאָרגן, אַלעקס?

— מאָרגן נאָכמיטאָג וועל איך בענקען נאָך אייך, לאַראַ, ווי אַלע טאָג.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים:

— איר וועט טאַקע בענקען? ערנסט? אַלעקס, איך פאַר מאָרגן אַרויס מיט אייך, — האָט זי פּלוצים געזאָגט מיט אַ באַזונדער פעסטקייט אין קול — מאָרגן אויפן גאַנצן טאָג און ביז שפּעט... איר זעט נאָר, אַז מיר זאָל זיין פריילעך.

זי איז אַרויס פון אויטאָמאָביל.

— גוט נאַכט, ביז מאָרגן! — האָט זי געזאָגט.

און זי איז אַריינגעלאָפן אין דער טיר פונעם הויז, וואו זי האָט געוואוינט.

„וואָס איז דאָס? וואָס מיינט זי דערמיט?" — האָט אַלעקס דערנאָך גע־טראַכט, ווען ער איז געפאָרן אַהיים. — „זאָל דאָס מעגלעך זיין? אפשר?..."

און אַ פרייד, ווי אַ שיכורער הוליאַקע, האָט זיך צעהוליעט אין זיין נשמה...

* * *

אָבער אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען צו איר, האָט זי אים אַנטוישט און אינגאַנצן צעטומלט.

ערשטנס, האָט זי אים דערקלערט, אַז זי בלייבט אין דער היים; צווייטנס, האָט זי זיך געהאַלטן מיט אים אַזוי קאַלט, ווי נאָך קיינמאָל פריער. זי האָט זיך ווי פאַרשלאָסן אין זיך. מחמת נאָך דעם נעכטיקן אויפשטורם פון אירע געפילן, האָט זי זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס עס האָט איר געצויגן צו טאָן. און זי האָט צו זיך געזאָגט: „ניין!"

און וויפל אַלעקס האָט ניט גערעדט צו איר און איר ניט איינגערעדט, זי זאָל מיט אים אַרויספאָרן, האָט זי אים געענטפערט גלייכגילטיק:

— ניט היינט!...

און אַז ער האָט זי געפּרואווט אַרומנעמען, האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פֿון זיינע הענט און אים געזאָגט:

— טוט דאָס ניט. מיר איז דאָס אומאנגענעם!

און צום סוף האָט ער זי פֿאַרלאָזן אַן אַנטוישטער און אַ צעטומלטער...

3

עס איז אָנגעקומען דער אָוונט פֿון מאַקסעס קאָנצערט אין קאַרנעגי האָל. לאָרא איז געווען נערוועז. זי איז אָנגעטאָן געווען אין איר שענסטן קלייד און זי האָט געוואַרט אויף אַלעקסן. צוערשט האָט זי גאָרניט געוואָלט הערן דערפֿון, אַז זי זאָל גיין צו אָט־דעם קאָנצערט, וויפֿל אַלעקס האָט זי ניט איינגערעדט. נאָכדעם אָבער האָט ער דאָס ביי איר געפּועלט. ער האָט אַ גאַנצע לאָזשע פֿאַר זיך באַשטעלט ניט ווייט פֿון דער בינע.

האָט לאָרא געוואַרט איצט אויף אַלעקסן. ער האָט געדאַרפֿט קומען נאָך איר. דער זייגער איז געווען שוין באַלד אַכט. און געטראַכט האָט לאָרא איצט: ווי אַנדערש וואָלט זי געפֿילט היינט, ווען ניט יענע פּרוי... איר יום־טוב וואָלט דאָס געווען ניט ווייניקער ווי זיינער. און זי האָט זיך דערמאָנט און געבענקט, און געליטן, און אין איין מינוט האָט זי זיך געזאָגט, אַז זי וועט צום קאָנצערט ניט גיין; אַז ווען אַלעקס וועט קומען, וועט זי אים בעטן, אַז ער זאָל מיט איר פֿאָרן ערגעץ־וואו אַנדערש, וואוהין ניט־איז... זי וועט טרינקען מיט אים ווין; זי וועט טאָן אַלצדינג, אַלצדינג, כּדי ניט צו טראַכטן, כּדי זיך צו פֿאַרגעסן אין אָט־דעם אָוונט... און אין אַן אַנדער מינוט האָט אין האַרצן ביי איר זיך געצאַפּלט עפּעס אַ מין פֿרייד, וואָס זי וועט היינט זען אים, מאַקסן, וואָס זי וועט זען, ווי ער וועט דיריגירן דעם אָרקעסטער צום ערשטן מאָל...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אויך ניט געפֿילט ווי זי האָט געזונגען איינס פֿון מאַקסעס באַליבטסטע אַריעס, וואָס זי איז זיכער געווען, אַז מען וועט אויף דעם קאָנצערט שפּילן...

נאָכדעם איז אַלעקס געקומען און זיי זיינען אַוועקגעפֿאָרן צום קאָנצערט.

הינטער דעם אַרונטערגעלאָזטן פֿאָרהאַנג אויף דער בינע אין קאַרנעגי האָל האָט זיך געטומלט. די מוזיקאַנטן זיינען דאָרט געזעסן און יעדער איינציקער פֿון זיי האָט געסטראָיעט זיין אינסטרומענט.

מאַקס איז געשטאַנען אין אַ צימער הינטער דער בינע און האָט געדריקט מיט אַ האַנט זיין האַרץ. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פֿאַר אויפֿרעגונג וועט דאָס האַרץ ביי אים אַרויסשפּרינגען.

איצט, ווען דער פֿאָרהאַנג האָט זיך געדאַרפֿט באַלד אויפֿהייבן, האָט ער

אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דעם דערפאָלג פון דעם היינטיקן אָוונט. ער האָט מיטאָמאָל דערזען אַ סך פעלערן אין זיינע שאַפּונגען, וואָס ער וועט היינט זיי שפּילן, און וואָס קלאָרער ער האָט זיי געזען, אַלץ מוראדיקער איז אים געוואָרן, אַלץ מער האָט ער פאַרלוירן די האָפענונג אויף דערפאָלג, אַלץ ווייניקער האָט ער אין דעם געגלויבט, און, צום סוף, איז ער אַזוי זיכער געוואָרן, אַז ער וועט היינט דורכפאַלן, אַז ער וואָלט אַ העלפט פון זיינע יאָרן אָפּגעגעבן, אַבי ניט צו זיין דערביי...

ער האָט זיך געפילט, ווי איינער, וואָס וואַרט, אַז מען זאָל אים אומברענגען, און נאָר געוואונטשן, אַז דאָס זאָל וואָס גיכער געשען. מחמת דער שרעק וועגן דעם איז אַ סך פיינלעכער, ווי דער טויט אַליין...

ער איז אין זיינע געדאַנקען דורכגעגאַנגען יעדע נאָטע פון די זאַכן, וואָס מען האָט געדאַרפט שפּילן. יאָ, יאָ, עס איז געווען שלעכט, זייער שלעכט. ערשט איצט האָט ער דאָס דערפילט קלאָר. ווען ער וואָלט געקאָנט צוריקציען, ענדערן, איבעראַרבעטן, דעמאָלט וואָלט עס עפּעס געווען. אָבער אַזוי ווי עס איז איצט? אַך, גאָט!...

אַ שווייס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן. איצט איז געווען צוּ־שפּעט. באַלד, באַלד, נאָך עטלעכע מינוט. דער פאָרהאַנג וועט זיך אויפהייבן. ווען עס וואָלט שוין געווען נאָכדעם...

פיר אַזייגער, ווען ער האָט געגעסן מיטאָג ביי לילין, איז ער געווען אַזוי פריילעך און האָט אַזוי געגלויבט אין זיין דערפאָלג. און איצט, מיטאָמאָל...

— ווי פילסטו זיך, מיין פריינט? — האָט ער דערהערט הינטער זיך אַ באַקאַנטן קול.

ער האָט זיך אומגעדרייט. לילי איז פאַר אים געשטאַנען אין איר גאַנצער בלענדנדיקער שיינקייט, און מיט איר איז געווען מיס גרין.

ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַ פריילעכע מינע, געפּרוּאווט לאַכן, אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען. זיין קול האָט געקלונגען הייזעריק און פאַרשטיקט.

— לאָמיר האָפן, אַז עס וועט זיין גוט, — האָט ער געזאָגט.

— דו האָסט לאָמפּן־פיבער, מיין פריינט, — האָט לילי געזאָגט מיט דער גאַנצער צאַרטקייט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין איר קול. — באַרואיק זיך. און איך פאַרזיכער דיר, אַז דו וועסט האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג.

האָט ער ווידער געפּרוּאווט אַ שמייכל טאָן, און ווידער איז דאָס ביי אים אַרויסגעקומען ניט גאָר נאַטירלעך. ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— יאָ, אַביסל לאָמפּן־פיבער האָב איך. מען קאָן ניט לייקענען.

— דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, — האָט זי זיך אַ דריק געטאָן צו אים. — אַ נאַטירלעך געפיל ביי יעדן קינסטלער.

און זי האָט אים אַ קוש געטאָן און צוגעלייגט:

— דו וועסט שפּילן פֿאַר מיר... נאָר פֿאַר מיר... האָב נאָר דאָס אין זינען און דו וועסט זיכער האָבן דערפֿאָלג...

און, מערקווירדיק, די דאָזיקע ווערטער אירע האָבן אים אויפֿגעמונטערט. פֿון זיין פֿריערדיקער נערוועזיטעט איז קיין סימן ניט פֿאַרבליבן אין זיין האַרצן. אַ מאָדנע זיכערקייט האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן:

— נאַרישקייטן, איך וועל געוויס האָבן דערפֿאָלג!

און ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן פֿאַר דעם דאָרטיקן שפּיגל און אַ צי געטאָן אויף זיך דעם פֿראַק איבער דער וויַיט־אויסגעשניטענער וועסט און דעם בלענדנדיק־וויַיסן העמד, און ער האָט געזאָגט:

— מיר הייבן באַלד אָן!

דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן. קאַרנעגי האָל איז געפּאַקט געווען. אַלע פּלעצער ביז אונטערן סאַמע דאַך זיינען פֿאַרנומען געווען.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג פֿון הינטער דער בינע. אין דעם זאַל, וואו עס איז פֿריער ניט רואיק געווען, איז שטיל געוואָרן מיטאַמאָל. מאַקס האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע און האָט פֿאַרנומען זיין פּלאַץ. עטלעכע מענטשן אין זאַל האָבן אים אַפּלאָדירט.

ער האָט אָנגעקלאַפּט מיט זיין טאַקט־שטעקעלע. די מוזיקאַנטן האָבן גענומען זייערע אינסטרומענטן, ווי סאָלדאַטן, אויף קאָמאַנדע, דאָס געווער. ער האָט אָנגעקלאַפּט צום צווייטן מאָל און אויפֿגעהויבן אין דער הייך זיין טאַקט־שטעקעלע.

דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן. האָט געשפּילט איין זאַך, אַ צווייטע און ביידע זאַכן זיינען אויפֿגענומען געוואָרן פֿונעם עולם ניט מיט קיין צו־גרויסער באַגייסטערונג.

נאָכדעם האָט דער אָרקעסטער גענומען שפּילן אַ דריטע זאַך. ווי דאָס האָט געשטורמט און געברויזט! העכער און כסדר העכער האָבן זיך געשלאָגן די טענער־כוואַליעס, הויך האָט אויפֿגעשטורעמט דער גוואַלדיקער טאָן־געבוי, און דערנאָך פּלוצים פּיאַנאָ, פּיאַנאָ... מיט אַ שטילער און האַרציקער און בענ־קענדיקער מעלאָדיע האָט זיך פֿאַרענדיקט דער דאָזיקער שטורעם. דער לעצ־טער אַקאָרד האָט אָפּגעקלונגען, ווי אַ זיפֿץ...

און איצט איז דער גאַנצער זאַל פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן. און, ווי אין אַ חלום, איז מאַקס אַרויסגעטראָטן דערנאָך פֿאַר דעם פֿאָרהאַנג; און, ווי אין אַ חלום, האָט ער געזען די גרויסע מאַסע מענטשן,

וואָס האָט אים באַגייסטערט אַפּלאָדירט און געשריען: „בראַוואָ!“ און, ווי אין אַ חלום, האָט ער זיך געבייגט...

עטלעכע מאָל איז ער דערשינען אַזוי פאַר דעם פּובליקום נאָך דעם ערשטן טייל פון זיין קאָנצערט.

פון אַ לאָזשע, נישט ווייט פון דער בינע, האָט לילי צו אים געשטראַלט און באַגייסטערט אַפּלאָדירט...

אין אַן אַנדער לאָזשע, נאָך נעענטער צו דער בינע, אויף דער זעלביקער זייט, זיינען געזעסן לאַראַ און אַלעקס. לאַראַ האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו יעדן טאָן. לכתחילה האָט זי געוואונטשן, אַז דער קאָנצערט זאָל דורכפאַלן. זי האָט דאָס געוואונטשן מיט אַ קרענקלעכער ליידנשאַפט.

אָבער ביי די ערשטע טענער פונעם אָרקעסטער איז זי אַזוי אויפגערעגט און פאַרכאַפּט געוואָרן, אַז זי האָט שוין קיין זאַך אינזיבען ניט געהאַט, ווי נאָר די מוזיק... די מערסטע פון די זאַכן זיינען איר באַקאַנט געווען. האָט זי מיט איר נשמה מיטגעזונגען, מיט איר האַרצן מיטגעשפּילט, און פון אירע אויגן האָט אַרויסגעלויכטן איר באַגייסטערונג, און גלייך מיט אַלעמען, און באַגייסטערטער איידער די אַנדערע, האָט זי אַפּלאָדירט און געשריען „בראַוואָ“...

נאָר צווישן די אַנטראַקטן האָט זי מוראדיק געליטן. דעמאָלט האָט זי געפילט, ווי זי ליבט אים נאָך. אין אירע געדאַנקען האָט זי ווידער דורכגעלעבט יענע לאַנגע ווינטער־אָוונטן, ווען זי איז געזעסן ביי זיין זייט און ער האָט זיינע ווערק געשאַפן. ווי אָפט איז ער מיט זיין הייסן קאָפּ צו איר אַקסל צוגעפאַלן, צו איר האַרצן און האָט געקרעכצט:

— לאַראַ, עס גייט ניט, עס גייט ניט! עס וועט גאָרנישט ניט אַרויסקומען. איך פיל דאָס!...

און זי האָט אים באַרואיקט און געטרייסט, אַז מאָרגן וועט זיך אים בעסער אַרבעטן...

און אויך וועגן יענע אָוונטן האָט זי זיך איצט דערמאָנט, ווען ער איז, ווי אַ שיכורער, משוגע פאַר פרייד, אַרומגעשפּרונגען איבערן צימער און זי, זיין „מוזע“, מיטגעשלעפּט מיט זיך אין זיין ווילדן טאַנץ, ווייל אים איז עפּעס געלונגען, שטאַרק געלונגען...

און איצט? וואו איז זי, זיין „מוזע“, געווען איצט, ווען ער האָט געפייערט זיין טריאומף, ווען דער חלום, וואָס זי האָט אים געהאָלפן חלומען, ווערט מקוים?!...

זי האָט אַריינגענומען דאָס טיכל צווישן די ציין און האָט געקעמפט מיט דעם יאָמער, וואָס האָט אין איר נשמה זיך געריסן.

אַלעקס, וועלכער איז געזעסן לעבן איר, האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי האָט דורכגעלעבט, און זי צורו געלאָזט.

הינטער איר, אין אַן אַנדער לאָזשע, איז אָנגעגאַנגען אַ לעבעדיקער שמועס צווישן צוויי דעקאָלטירטע דאַמען.

— מען זאָגט, אַז לילי מאַרשאַל האָט אַנטדעקט זיין טאַלאַנט, — האָט איין דאַמע גערעדט.

— אַפּריער האָט זי אים אַנטדעקט און נאָכדעם ערשט זיין טאַלאַנט, — האָט די אַנדערע גערעדט. — מען זאָגט, אַז ער איז זייער אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן. און ווי שיין ער איז! הויך, שלאַנק. זי האָט געשמאַק, לילי מאַרשאַל...

לאַראַ, ווי זי איז ניט פֿאַרכאַפּט געווען פֿון איר פֿאַרצווייפֿלונג, האָט זי זיך גענומען צוהערן צו דעם דאָזיקן שמועס הינטער איר.

זי האָט זיך צוגעהערט.

— זי זיצט דאָרט אין איר לאָזשע. זעט, ווי שיין זי איז. אינגאַנצן באַשאָטן מיט בריליאַנטן...

— דער וועט זיכער האָבן ביי איר דעם זעלביקן סוף, וואָס יענער, דער מאָלער...

לאַראַ האָט אַ טראַכט געטאָן מיט האַס: „הלוואי!" און אין דער אייגענער צייט האָט זי דערהערט הינטער זיך דעם געלעכטער פֿון דיביידע דאַמען.

— און דער דיקער מאַן אירער זיצט דאָרט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געווען דער גליקלעכסטער מאַן אויף דער וועלט...

— דאָס איז זיין געוויינלעכע מינע, ווען ער זיצט מיט זיין יונגער ווייב אין אַן עפֿנטלעך פּלאַץ...

— עס וואָלט געווען אַ שאָד, — האָט איינע פֿון די דאַמען ווידער אָנגעהויבן נאָך אַ קורצן שווייגן — ווען אַ יונגערמאַן מיט אַזאַ טאַלאַנט זאָל פֿאַרלאָרן גיין צוליב אַזאַ פֿרוי...

— יאָ, אַ שאָד, מחמת ער איז אומבאַדינגט אַ זשעני.

לאַראַ האָט ווידער אַריינגעכאַפּט דאָס טיכל אין מויל און זי האָט דאָס געביסן.. טרערן האָבן זי ווידער געשטיקט.

זי האָט שוין געוואָלט בעטן אַלעקסן, ער זאָל זי נעמען אַהיים. דאָ אָבער האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פֿאַר דעם צווייטן טייל פֿונעם קאָנצערט. און איבער געוואָלד האָט זי זיך באַהערשט, אַרויסגענומען דאָס טיכל פֿון מויל און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אָרקעסטער.

ווידער האָט איר אַ האַק געטאָן אין האַרצן, מחמת מאַקס האָט זיך אויף דער בינע באַוויזן. און באַלד האָט זי ווידער דערהערט באַקאַנטע טענער, וואָס

זייגען וואונדערלעך אַרויסגעבראַכט געוואָרן פונעם אָרקעסטער. זי איז ווידער מיטגעריסן געוואָרן און אירע שוואַרצע אויגן האָבן ווידער מיט באַגייסטערונג אויפגעלויכטן. און ווידער האָט זי באַגייסטערט אַפּלאָדירט און געשריען „בראַוואָ!"

אָבער נאָכן צווייטן טייל, ווען מאַקס איז ווידער אַרויסגעטראָטן פאַר דעם פאָרהאַנג און האָט זיך געבייגט פאַר דעם עולם, וואָס האָט אים באַגייסטערט אַפּלאָדירט, איז אינמיטן פון איר בראַוואָ־געשריי איר קול פאַרשטיקט געוואָרן, ווי עמעצער וואָלט זי מיטאַמאָל ביים האַלדז אָנגעכאַפּט מיט אַן אייזערנער האַנט. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מאַקס קוקט צו איר און בייגט זיך צו איר פון דער בינע. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן אויף איר זיץ. זאָל דאָס מעגלעך זיין? מיינט ער דאָס זי? אין דער אייגענער רגע אָבער האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָט ער זיך אַזוי געבייגט צו לילי מאַרשאַל, וועלכע איז געזעסן אין איינער פון די לאָזשעס הינטער איר לאָזשע. קאָנוואולסיוו האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן אַן אַלקסעס אָרעם און פאַרשטיקט אַרויסגערעדט:

— קומט, קומט פונדאַנען... איך פיל ניט גוט...

און מיט וואַקלדיקע טריט האָט זי נאָכדעם פאַרלאָזן מיט אַלעקסן קאָרנעגי האָל.

ערשט אינדרויסן איז זי געקומען צו זיך. אַלעקס האָט געהאַט פריער אָוועקגעשיקט זיין אויטאָמאָביל אַהיים, האָט ער איצט גענומען אַ טעקסי.

— איר ווילט פאָרן אַהיים? — האָט ער געפרעגט לאָראַן, ווען זיי האָבן זיך געזעצט אין דער טעקסי.

זי האָט געענטפערט אַפּאַטיש:

— מיר איז אַלץ איינס. וואָס איז דער אונטערשייד?

— אויב איר פילט זיך ניט גוט, איז בעסער אַהיים.

האָט זי מיטאַמאָל אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— ניין, נישט אַהיים... נעמט מיך ערגעץ... נעמט מיך, וואו איר ווילט, וואו עס איז פריילעך... היינט וועל איך מיט אייך פאָרן... איך וויל זיך אָנשיכורן. איך וויל זיך פאַרשיכורן...

האָט אַלעקס דעמאָלט געהייסן דעם שאָופער, אַז ער זאָל פאָרן דורך צענטראַל־פּאַרק. נאָכדעם האָט ער אַריינגענומען לאָראַס האַנט אין זיינער, געגלעט זי און געשוויגן. אַזוי אַ היפּשע צייט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— ניין, לאָראַ, ניט ווען איר זייט אין אַזאַ צושטאַנד וועל איך מיט אייך ערגעץ פאָרן... ווען איר וועט זיך באַרואיקן און איר וועט פילן, אַז איר ווילט מיט מיר ערגעץ אַרויספאָרן, אַז דאָס וועט אייך פאַרשאַפן פרייד, פאַרגעניגן, דעמאָלט, זעט איר, וועל איך דאָס האַלטן פאַר איינעם פון די שענסטע און

גליקלעכסטע מאָמענטן אין מיין לעבן. אָבער איצט ניט. ניין, ניין!...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אַ נערוועזע:

— ערשט די וואָך האָט איר דאָך געוואָלט מיט מיר אָרויספאָרן?... גע־בעטן מיך...

— ווייל יענעם אויפדערנאַכט, ווען איך בין מיט אייך אין טעאַטער גע־זעסן, האָב איך געפילט, אַז איר אַליין האָט דאָס געוואָלט... לאַראַ, אַנטשולדיקט, וואָס איך רעד מיט אייך אַזוי אָפן... איז דאָס ניט געווען אַזוי?...

זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— יאָ, אמת.

און זי האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט אַלעקסן.

— און פונוואַנען ווייסט איר, אַז איצט פיל איך ניט אַזוי? נו, איך וועל מיט אייך אויך זיין אָפנהאַרציק. איר ווייסט וואָס איך וואָלט איצט געוואָלט? משוגע מאַכן. יאָ, יאָ. אַראָפּפירן מענער פונעם זינען — אָט אַזוי ווי יענע, וואָס מיר האָבן געזען אין טעאַטער... מיר ווייזט זיך אויס, אַלעקס, אַז אין אָט־דעם מאָמענט, אַזוי ווי איך רעד מיט אייך, וואָלט איך אויך געקאָנט שפּילן אַ ראָלע, ווי יענע... געברענט וואָלט איך הערצער און געבראָכן. און איך וואָלט אַזאַ פאַרגעניגן דערפון געהאַט!...

אַלעקס האָט אַ לאַך געטאָן:

— איר מיינט עס ניט, לאַראַ.

— איך מיין עס דווקא. ערנסט, אַלעקס, איך פיל, אַז איך וואָלט איצט געטאָן עפּעס אַזוינס, איך ווייס ניט, איך קאָן עס אייך ניט דערקלערן, — נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איך וואָלט פריער קיינמאָל, קיינמאָל ניט געטאָן... איר קלייבט זיך, דאַכט זיך, צו פאָרן קיין לאָנדאָן?... ווען?...

— קומענדיקע וואָך. איך פאָר אַהין אויף אַ קורצער צייט וועגן געשעפט.

— נעמט מיך מיט אַהין. איך פאָר מיט אייך.

— איר?

— יאָ, איך. איך וועל נעמען אורלויב ביי מיינע שילער אויף אָט־דער צייט. סיי־ווי — האָט זי צוגעלייגט פיבעריש — מוז איך אַוועק, אַוועק, אַוועק... איר וועט דאָך מיך מיטנעמען, יאָ, אַלעקס?...

— זיכער. מיט דער גרעסטער פרייד.

— און היינט פאָר איך אויך מיט אייך... פאָרט ערגעץ מיט מיר. פירט מיך ערגעץ. וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר מיט אַזעלכע נאַרישע אויגן? איך בין ניט קיין קינד. מאַכט זיך ניט נאַריש, אַלעקס!

ער איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו אירע הענט. נאָכדעם האָט ער מיט אַן אויפגערעגט קול געזאָגט דעם שאָפער וואוהין ער זאָל פאָרן...

4

צום סאָפּער, וואָס מען האָט געגעבן נאָכן קאָנצערט ביי לילי מאַרשאַל אין דער ווילאַ, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַ סך באַרימטקייטן און אויך מוזיק־קריטיקער פון דער פּרעסע.

מאַקס, וועלכער איז געזעסן אויבנאָן ביים טיש, האָט זיך געפילט ווי אין אַ טשאַד. פון אַלע זייטן האָט ער געהערט זיין נאָמען לויבן און זיין מוזיק. ביי אַלעמען אויף די צינגער איז געלעגן דאָס וואָרט „זשעני".

אפילו דער באַלעבאָס פונעם הויז, דער דיקער מיסטער מאַרשאַל, האָט אויך זיין באַגייסטערונג אַרויסגעוויזן פאַר דעם נייעם זשעני.

הגם עס האָט אים געצויגן צו זיין קלוב, און ער האָט געבענקט נאָכן פּאָוקער־טיש, האָט ער דאָך, צוליבן נייעם זשעני, באַהערשט זיין שוואַכקייט און איז געפאָרן אַהיים צום „סאָפּער" גלייך מיט די אַנדערע פּרעמדע געסט, און האָט באַגראָבן אין זיך זיין לאַנגווייליקייט.

ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער — ביז צוויי וועט ער זיכער זיין אין קלוב און נאָכדעם וועט ער דאָרט שפּילן ביז פינף־זעקס אינדערפרי...

די געסט האָבן געהאַלטן רעדעס. די וואַרעמסטע רעדע האָט געהאַלטן דער באַקאַנטער מוזיק־קריטיקער וויליאַם ראַלאַנד. ער האָט זיין רעדע געענדיקט מיט די ווערטער:

— אונדזער קינסטלער האָט געזיגט. לעבן זאָל אונדזער יונגער קינסטלער און זיין קונסט!

די אַנדערע געסט האָבן אַפּלאָדירט. מאַקס אַליין, וואָס ער האָט זיך אַ סך גערעכנט מיט דער מיינונג פון אָט־דעם מוזיק־קריטיקער, איז שטאַרק באַוועגט געווען.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף לילין שיער ניט מיט טרערן אין די אויגן. און זי אַליין האָט אויפגעכאַפּט זיין בליק און איז אַזוי פון אים גערירט געוואָרן, אַז זי האָט מיט אַ ברעג פון איר טיכל אַ וויש געטאָן אירע אויגן. דערנאָך האָט זי זיך צעשמייכלט מיט אַ ליכטיקן שמייכל.

צווישן די געסט זיינען אויך געווען ראַבי לעווענבערג און זיין וויב

גערטרוד. זי אויך האָבן אַרויסגעוויזן זייער באַוואונדערונג פאַר דעם יונגן מוזיק־דיכטער. און אין זיין קורצער רעדע, וואָס ער, ראַבי לעווענבערג האָט געהאַלטן, האָט ער אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז גאָר אינגיכן זאָל די וועלט הערן דאָס נייסטע ווערק פון דעמזעלביקן מוזיק־דיכטער, דאָס ווערק, וואָס ער אַליין וואַרט אויף אים מיט דער גרעסטער אומגעדולד. ער מיינט — דאָס ווערק „דער אייביקער ייד".

צולעצט האָט מאַקס אַליין גערעדט. מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג, האָט ער צוערשט באַדאַנקט יענער וואונדערלעכער דאַמע, וואָס האָט דעם דאָזיקן קאָנצערט איינגעאָרדנט. דערנאָכדעם האָט ער באַדאַנקט די אַנדערע פאַר זייער דערמונטערונג. און דערביי האָט ער אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען וועלן ווייזן, אַז זיי האָבן זיך ניט אָפּגענאַרט אין אים. און ער האָט אויך פאַרזיכערט ראַבי לעווענבערג, אַז ערשט איצט וועט ער זיין אין דער ריכטיקער שטימונג צו פאַרענדיקן זיין „אייביקן ייד", וואָס ער אַליין האַלט פאַר זיין וויכטיקסטן ווערק...

שפּעטער האָבן זיך די געסט גענומען קלייבן אַהיים. לילים מאַן איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן נאָך פריער אין זיין קלוב, אָבער קיינער פון די געסט האָט אפילו ניט באַמערקט, אַז ער פעלט, נאָר לילי אַליין. און זי דווקא האָט זיך געפרייט דערמיט, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט זיך ניט צוריקקערן ביז פאַרטאָג.

די געסט זיינען אַוועק איינער נאָכן אַנדערן, אָבער ניט גענוג שנעל ווי לילי האָט געוואָלט, מחמת אין האַרצן האָט זי געוואָלט וואָס־גיכער בלייבן מיט מאַקסן אַליין. זי איז אָבער געווען צו־טאַקטיש און צו־פאַרזיכטיק דאָס אַרויס־צואווייזן. פאַר אַלעמען אין די אויגן איז זי געווען מיט מאַקסן נישט מער ווי ליבנסווירדיק.

שפּעטער, ווען די לעצטע געסט האָבן געהאַלטן אין אַוועקגיין, האָט זי אַ פליסטער געטאָן צו מאַקסן:

— גיי מיט זיי. איך וועל דאָ אויף דיר וואַרטן.

און ער האָט זיך מיט איר געזעגנט גלייך מיט די אַנדערע, און אין דרויסן האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי און געזאָגט דעם שאָפער, אַז ער זאָל אים פירן צו טיימס־סקווער. און אין דער אייגענער טעקסי איז ער שפּעטער צוריקגעקומען צו לילים ווילאַ.

שטיל, שטיל איז ער אַריין דורך דעם אייזערנעם טויער אין גאָרטן און זיך גענומען גנבענען צום הויז. דער אונטערשטער שטאָק איז איינגעהילט געווען איינגאַנצן אין אַ שטומער טונקלקייט. נאָר דורך אַ פענצטערל פון דעם

אויבערשטן שטאָק האָט אַ ליכט־שטראַל זיך געצויגן, ווי ער וואָלט צו אים געוואונקען...

מאַקס איז ניט געגאַנגען גלייך צו דער הויז־טיר, נאָר איז אַרומגעגאַנגען דאָס הויז מיט שטילע טריט און דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט נעבן אַ גלעזערנער טיר, וואָס האָט געפירט אין דעם גרויסן זון־סאַלאָן פון הויז, און האָט שטיל אָנגעקלאַפּט.

און גלייך האָט זיך די גלעזערנע טיר שטיל, ווי פאַרשלאָפן, געעפנט און ער איז הינטער איר פאַרשוואונדן.

ער האָט דערהערט מיס גרינס קול:

— זי איז דאָרט וואו אַלעמאָל. זי וואַרט אויף אייך.

איז ער אַוועק ווייטער, דורכגעגאַנגען צוויי צימערן, נאָכדעם אַ קאָרידאָר און האָט גענומען גיין אַרויף די טרעפּ. דערנאָך האָט ער געעפנט אַ טיר און אַ ווייכער שימער פון ליכט האָט אים פאַר די אויגן אַ לייכט געטאָן. ער איז אַריין אין אַ צימער. לילי האָט דאָרט געוואַרט אויף אים.

זי האָט זיך געוואָרפן צו אים מיט ווייט־אויפגעעפנטע אָרעמס.

— איך האָב שיער ניט פאַרלאָרן די געדולד. נאָך דיין היינטיקן דער־פאַלג האָבן מיר געמוזט בלייבן אַליין אויג אויף אויג.

האַסטיק האָט ער פון זיך אַרונטערגעוואָרפן דעם מאַנטל, אויסגעטאָן דעם הוט. נאָכדעם האָט ער זי אָנגעקוקט מיט פאַרליבטע אויגן און זיך אָנגערופן:

— ווי שיין דו ביסט, לילי!

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַזוי שיין ווי זי איז געווען אין דעם דאָזיקן מאָמענט איז זי נאָך קיינמאָל ניט געווען. זי האָט געטראָגן אַ מאָרגן־קלייד אַ לאַנגן, אַ שניי־ווייסן, מיט שפּיצן באַזעצט, און די רויטע האָר זיינען ביי איר געווען צעלאָזן איבער די אַקסלען, און איר פּנים, מיט די גרויסע, בלויע אויגן, האָט געשמייכלט מיט טויזנט חנען אין זיינע אויגן.

און אַז זי האָט אים אין אירע אָרעמס אַריינגעכאַפּט און צו זיך צוגעצויגן, האָט ער געפילט, אַז זיין גרעסטער גליק איז זי געווען; אַז צוליב איר וואָלט ער זיך אפילו אָפּגעזאָגט פון זיין היינטיקן גרויסן דערפאָלג.

ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן אָן דיר?

— וואָס פון דיר וואָלט געוואָרן? דאָס אייגענע ווי איצט: אַ גרויסער קינסטלער. נאָר איין זאַך וואָלט דיר געפעלט: מיין ליבע. וואָרים אַזוי ווי איך האָב דיך ליב, וואָלט אַן אַנדער פרוי קיינמאָל דיך ניט געקאָנט ליבן. ווי

שטאַלץ איך בין מיט דיר, דו, מיין העלד! — האָט זי ליידנשאַפטלעך גע־פּליסטערט.

— דיין שקלאַף! — האָט ער אונטערגעכאַפּט.

5

אַהיים איז מאַקס געקומען נאָך דריי פאַרטאָג. ביי אים אינדערהיים איז געווען זיין מאַמע שרה־העניע.

זי איז אויך געווען ביים קאָנצערט. זי איז ספּעציעל געקומען פון פילאַ־דעלפיע צו איר זונס ערשטן קאָנצערט, און זיין גרויסער דערפאָלג האָט איר אַזוי צעשרויפט, אַז זי האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן ביז ער, מאַקס, איז ניט געקומען אַהיים.

זי האָט זיך קוים דערוואַרט אויף אים. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, ווען ער איז אַריינגעקומען צו איר אין צימער אויף די שפּיץ־פינגער, כדי צו זען, צי זי שלאָפט.

זי איז אַרונטער פונעם בעט אָט אַזוי ווי זי איז געלעגן ניט קיין אויסגע־טאָנענע, אין איר שוואַרצן, זיידענעם קלייד, מיט די ווייסע שפּיצן אַרום האַלדז, און זי איז אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און האָט געזאָגט מיט אַ קול, אין וועלכן עס האָבן געציטערט טרערן:

— מיין זון, דערלעבט אַ דאַנק גאָט, דערלעבט! ווען דיין טאַטע וואָלט דאָס אויך דערלעבט! ניט באַשערט געווען אים אַזאַ נחת, ניט באַשערט געווען!...

— וואו ביסטו געווען, מאַמע? איך האָב דיך אַלץ געזוכט דאָרט. פאַר־וואָס ביסטו צו מיר ניט אַרויסגעקומען? — האָט מאַקס גערעדט אַ גליקלעכער.

— עט, קריכן צו דיר אַהין!... און איך וואָלט דאָך געדאַרפט נעמען מיט זיך חנה־ביילען אויך. איך וואָלט דאָך זי ניט איבערגעלאָזט זיצן אַליין, ווען איך האָב זי גענומען מיט זיך צום קאָנצערט. נו, האָב איך זיך באַרעכנט, בעסער ניט... אַחוץ דעם האָב איך דיר גלאָט ניט געוואָלט שטערן. אפילו אַ מאַמע דאַרף אויך האָבן שכל און וויסן ווען צו קריכן און ווען ניט צו קריכן. אַבי עס איז גוט. אַבי איך האָב דאָס דערלעבט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן!...

און ניט זי און ניט מאַקס זיינען נאָכדעם אַוועק שלאָפן. זי איז געזעסן ביי אים אין מוזיק־צימער און ער האָט איר דערציילט וועגן די אַלע רעדעס,

וואָס מען האָט געהאַלטן היינט לכבוד אים נאָך דעם קאָנצערט. און זי האָט פאַר נחת זיך געווישט די אויגן מיט אַ טיכל.

און מיטאַמאָל האָט די אַלטע געזאָגט:

— איין מענטש האָט היינט ביינאַכט געפעלט אויף דיין קאָנצערט, וואָס האָט דאָרט געדאַרפט זיין...

— וועמען מיינסטו, מאַמע?

— איך מיין לאָראַן... עס קאָסט מיך געזונט, מיין זון. נו, אַז מען צעד־ווערטלט זיך איז מען אייביק ברוגז? האָסט איר געדאַרפט איינלאַדן, מיין זון.

— זי איז געווען, מאַמע. מיט מיין פריינט אַלעקסן איז זי געווען. איך האָב זיי ביידן באַמערקט. אין אַ לאָזשע זיינען זיי ביידע געזעסן.

— און זי איז צו דיר גאָר ניט צוגעגאַנגען?...

— ניין. שפּעטער האָב איך זי אינגאַנצן ניט געזען. דאַכט זיך, אַז זי מיט אַלעקסן זיינען אַוועק אינמיטן...

— וואָס הייסט? ווי קאָן עס זיין? אַלעקס איז דאָך אויך דיין פריינט, זאָגסטו?

— איך ווייס ניט. און איבערהויפּט, מאַמע, איז דאָס אַ קליינינקייט קעגן דעם היינטיקן גרויסן אָוונט! איך וויל גאָר ניט טראַכטן דערפון...

און מאַקס האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— איך וואָלט שוין וועלן זען די מאָרגן־צייטונגען. וואָס שרייבן זיי דאָרט?

ער האָט נאָך אַ ווײַלע געוואַרט און איז נאָכדעם אַוועק זען, צי ער קאָן קריגן צייטונגען אינדרויסן. און אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט אַ גאַנצן פּאַק.

ער האָט געליינט די קריטיקן וועגן זיין קאָנצערט איינע נאָך דער אַנ־דערער און האָט אויסגעזען, ווי פאַרשיכורט. זיי אַלע האָבן אים געלויבט, און דער אַרטיקל פון דעם מוזיק־קריטיקער וויליאַם ראָלאַנד איז גאָר געווען אַ געזאַנג צו דעם נייעם יונגן זשעני.

און יעדע פון אָט די קריטיקן האָט ער געליינט פאַר זיין מאַמען און איר דערקלערט די שטעלן, וואָס זי האָט ניט פאַרשטאַנען. און אויף אָט די אַלע לויב־געזאַנגען האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— איך און דיין טאַטע, אונדז צו לאַנגע יאָר, האָבן שוין לאַנג געוואוסט, וואָס דו ביזט!...

שפּעטער האָט מאַקס דערקלערט:

— איצט קאָן איך גיין שלאָפן מיט אַ רואיקן קאָפּ. און דו גיי אויך, מאַמע!

אויף מאָרגן דעם גאַנצן טאָג האָט מאַקס נאָכאַנאַנד באַקומען טעלעפאָנען

פון פריינט און באַקאַנטע. מען האָט אים גראַטולירט מיט זיין גרויסן דערפאָלג. און נאָך מיטאָג איז אַלעקס צו אים געקומען.

ער האָט אים אויך וואַרעם גראַטולירט און געוואונטשן ווייטערן דערפאָלג.

— און איך האָב געמיינט, אַז דיר איז ניט געפעלן, — האָט זיך מאַקס מיט אַמאָל אָנגערופן.

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי געמיינט?

— ווייל איך האָב באַמערקט, אַז דו ביזט ניט אויסגעזעסן דעם גאַנצן קאָנצערט.

— איך האָב געמוזט אַוועקגיין. איך בין געווען מיט לאָראַן.

— איך ווייס. איך האָב אייך ביידן געזען אין דער לאָזשע.

— האָט לאָראַ מיט אַמאָל געכומען פילן ניט גוט. דערפאַר בין איך מיט איר אַוועק.

איז מאַקס געוואָרן דעמאָלט אומרואיק און געפרעגט:

— וואָס איז איר געווען?

— דו דאַרפסט אַליין פאַרשטיין.

האָט מאַקס נאָכדעם אַ ווילע געשוויגן, געקוקט אַ ווילע פאַרטראַכט פאַר זיך און דערנאָך אַ זיפץ געטאָן:

— עך, טייוול! וואָס וואָלט איך ניט געגעבן, אַז זי זאָל אַזוי ניט פילן. אַלעקס, דאָס איז דער איינציקער שוואַרצער וואָלקן אין אָט דעם ליכטיקן מאָמענט מיינעם...

— זי פאָרט אַוועק, — האָט אַלעקס נאָכדעם געזאָגט.

— וואוהין?

— קיין לאָנדאָן.

— אויף ווי לאַנג?

— דאָס ווייס איך ניט. עס וועט זיך ווענדן אַ סך פון איר שטימונג.

מאַקס איז דורכגעגאַנגען פאַרטראַכט איבערן צימער אַהין און צוריק, נאָכדעם איז ער שטיין געבליבן פאַר אַלעקסן, און מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן:

— הער־אויס, אַלעקס, איך וויל דיך עפּעס בעטן און דו מוזט עס טאָן פאַר מיר...

— וואָס ווילסטו?

— איך וועל דיר געבן געלט פאַר איר. איך האָב איצט גענוג. דערציייל איר אָבער ניט, אַז דאָס איז מיין געלט...

— צו וואָס דאַרף זי דיין געלט? איר פעלט ניט קיין געלט.

— אָבער דאָס פאָרן? און וואוינען אין לאָנדאָן קאָסט דאָך אויך געלט? און איך ווייס, אַז קיין געלט האָט זי ניט אָפּגעשפּאָרט פון אירע שטונדן.

— אויף צו פאָרן האָט זי גענוג געלט. און אין לאָנדאָן וועט זי קריגן שטונדן אויך. איך האָב דאָרט גענוג פריינט און באַקאַנטע. אָבער ניט צוליב דעם פאָרט זי אַהין.

— ניט צוליב דעם?

— ניט צוליב דעם אַליין. זי וויל דאָרט אויך בילדן איר שטים ווייטער. און דאָרט איז פאַראַן איינער, אויך אַ פריינט מיינער, וואָס מען האַלט אים פאַר גאָר אַ גרויסן מומחה אין די ענינים.

האָט מאַקס דערנאָך געזאָגט:

— זי האָט עס שוין לאַנג געדאַרפט טאָן. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז זי דאַרף עס טאָן. איצט אַוודאי. מחמת דאָס וועט איר געבן אַ לעבעדיקן אינטערעס... עך, אַלעקס, ווען איך ווייס, אַז זי וועט זיין גליקלעך! עס הערט מיך ניט אויף צו פאַרפאָלגן דער געדאַנק, אַז אויף מיר האָט זי געהאָפט, האָט זי געבויט...

— ווי איך זע, האָסטו זי נאָך אַלץ ליב? — האָט אַלעקס אים מיט אַמאָל איבערגעשלאָגן.

— מען מוז זי ליב האָבן. זי איז אַ וואונדערלעכער מענטש. מען דאַרף זי קענען אַזוי, ווי איך קען זי.

— נו, אויב דו ביזט אַזוי באַגייסטערט פאַר איר, טאָ פאַרוואָס האָסטו מיט איר ניט חתונה?

— אויף דעם האָב איך דיר שוין איינמאָל געענטפערט, אַלעקס: איך האָב זי מער ליב ווי אַ שוועסטער, ווי אַ פריינט, איידער ווי אַ ווייב...

אַלעקס האָט גוטמוטיק זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— עך, דו גרויסער מאַקס, וואָס פאַר אַ קליין קינד דו ביזט! דו פילסט ניט, ווי דו פאַרבלאָפסט זיך אַליין. מילא, מיר וועלן דערפון מער ניט רעדן.

— וועסטו ביי מיר בעמען געלט פאַר איר?

— ביין.

ביידע פריינט האָבן זיך נאָכדעם צעשיידט.

שפּעטער האָט לילי געררופן דורכן טעלעפאָן מאַקסן, אַז ער זאָל קומען צו איר אויף מיטאָג.

און איידער מאַקס איז געפאָרן צו איר, האָט ער באַגלייט זיין מאַמען צו דעם פּענסילוועניע־וואָקזאַל, וואו זי האָט גענומען די באַן צו פאָרן צוריק אַהיים, קיין פילאַדעלפיע.

6

זינט יענער נאַכט, זינט זיין גרויסן דערפאָלג אין קאַרנעגיע האָל, האָבן די מוזיק־קריטיקער פון די ענגלישע צייטונגען אים אָפט דערמאָנט, און אויך האָט ראַביי לעווענבערג כסדר צו אים געקלונגען און ביי אים נאָכגעפרעגט זיך, ווי עס האַלט דאָרט ביי אים מיט זיין מוזיקאַלישן ווערק „דער אייביקער ייד". מחמת ער, ראַביי לעווענבערג, און אַ סך אַנדערע פון זיין קרייז האַלטן, אַז אַזאַ ווערק איז זייער וויכטיק אין דער היינטיקער צייט פאַר יידן. און שטענדיק האָט מאַקס געענטפערט ראַביי לעווענבערגן, אַז גאָר־גאָר אינגיכן וועט ער דאָס ווערק האָבן פאַרענדיקט.

און ער אַליין האָט טאַקע אַזוי אויך געגלויבט. צוליב די צוגרייטונגען צו זיין קאָנצערט האָט ער זיין אַרבעט געמוזט אונטערברעכן. ער וועט אָבער ווידער אָנהויבן צו אַרבעטן . . . נאָך מאָרגן . . . אומבאַדינגט מאָרגן . . . ער דאַרף זיך נאָר אַ ביסעלע, אַ ביסעלע אַריינגעמען אין די הענט און אַוועקזעצן זיך ביי דער פּיאַנאָ, צי ביים שרייבטיש, וועט ער באַלד אין דער אַרבעט אַריין...

אַזוי האָט ער געטראַכט יעדעס מאָל, ווען ראַביי לעווענבערג האָט זיך ביי אים נאָכגעפרעגט אויף זיין ווערק, אָבער ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, און מאָרגן ווידער אויף מאָרגן, און די צייט איז דערווייל געלאָפן...

און שולדיק איז אין דעם, באמת, געווען זיין גליק מיט לילין. זיי האָבן זיך געזען יעדן טאָג. זיי האָבן זיך געמוזט אַזוי אָפט זען. אַזוי האָט זי געוואָלט. און אַזוי האָט ער געוואָלט.

אמת, יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָבן זיי וועגן זיין אַרבעט גערעדט. אָפט האָט ער געשפּילט פאַר איר שטעלן פון יענער נאָך ניט פאַרענדיקטער סימפאָניע זיינער, „דער אייביקער ייד", איבער וועלכער ער האָט זיך געקליבן צו אַרבעטן ווייטער. אָבער נאָך אָפטער האָבן זיי גערעדט וועגן זייער ליבע. זי האָט אים דערציילט, ווי זי האָט אים ליב, און ער איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד.

— איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איך זאָל אַמאָל עמעצן אַזוי ליב האָבן ווי איך האָב דיך ליב, — האָט ער אָפט פון איר געהערט.

און אַמאָל האָבן אירע ווערטער געווירקט אויף אים, אַז ער האָט זיך געוואָרפן פאַר איר אויף די קני און געקושט דעם זוים פון איר קלייד און אירע פיס.

און איינמאָל אין אַזאַ מאָמענט האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— ווען איך וואָלט געווען אַ מאָלער, וואָלט איך דיך געמאָלן אין אַזעלכע פאַרבן . . . פאַרוואָס בין איך ניט קיין מאָלער, לילי?

האָט זי אים אונטערגעבראָכן ווי מיט שרעק:

— רעד ניט וועגן קיין אַנדער קינסטלער. איך בין צופרידן דערמיט וואָס דו ביזט. רעד נאָר וועגן דיר אַליין!...

זי איז נערוועז געוואָרן פון דעם וואָס ער האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „מאָלער". דאָס האָט איר דערמאָנט אויף איינעם, וועלכן זי האָט געוואָלט פאַרגעסן. אויף דעם יונגן מאָלער האָט עס איר דערמאָנט, וועלכער איז אויך ביי אירע פּיס געלעגן און האָט זי אויך משוגע ליב געהאַט, ביז איינמאָל, ווען ער האָט גענומען צושטיין צו איר און פאָדערן ליבע פון איר, האָט זי אים דערקלערט: „ניין, איך בין אַ פאַרהייראַטע פרוי, און איר זייט ניט דער מענטש צוליב וועמען איך וועל ווערן אומגעטריי צו מיין מאַן." איז ער דעמאָלט אַוועק פון איר, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי געלייענט אין די צייטונגען, אַז ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

מחמת דעם האָט זי זינט דעמאָלט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן מאָלערס און מאָלעריי, ווייל דאָס האָט איר שטענדיק דערמאָנט אָן דעם טראַגישן סוף פון יענעם יונגן מאָלער.

און מיט אַמאָל האָבן זיי אָנגעהויבן אויסצופאָרן יעדע סוף־וואָך ערגעץ־וואו אַנדערש. ער האָט אַזוי איינגעאָרדנט די אַרבעט מיט זיינע שילער, אַז פון פרייטיק ביז מאָנטיק זאָל ער זיין פריי. און אָט די דריי טעג האָט ער מיט לילין פאַרבראַכט אין די פאַרשיידענע פלעצער: אויף די בערג, אַרום די טייכן, אויף די שיפן איבערן ים — אומעטום, וואו זיי זיינען זיכער געווען, אַז זיי וועלן ניט טרעפן קיין באַקאַנטע.

צום סוף אָבער האָט לילי אַליין אים געזאָגט, אַז ער מוז נעמען טראַכטן וועגן זיין אַרבעט אויך.

— איך וועל ערגעץ אַוועקפאָרן, — האָט זי אים געזאָגט, — וועל איך דיר ניט שטערן. ווערסטו קאָנען דעמאָלט אָנהויבן צו אַרבעטן. דו מוזט עס טאָן. איך פיל זיך שולדיק קעגן דיר, און מיס גרין האָט מיר שוין אויך דערמאָנט וועגן דעם. יאָ, מאַקס, איך וויל הערן די ווייטערדיקע טיילן פון דיין „אייביקן ייד".

האָט ער איר געענטפערט:

— דו דאַרפסט ניט אַוועקפאָרן. בלייב דאָ. איך זאָג דיר צו, אַז יעדן טאָג וועל איך פון איצט־אָן אַרבעטן איבער מיין ווערק.

און מיט אַלע זיינע קרעפטן האָט מאַקס זיך דערנאָך אַ נעם געטאָן צו זיין ווייטערדיקער אַרבעט. ער האָט געוואָלט אַרבעטן, ערנסט אַרבעטן. ער

איז צוגעגאַנגען צום טיש מיט פרייד אין האַרצן, האָט צוזאַמענגענומען זיינע געדאַנקען און מיט האַסט גענומען שרייבן אויף אַ נאָטן־בלאַט. די אַרבעט האָט זיך אים איינגעגעבן. ער האָט געשריבן שנעל, מיט אַן אימפּעט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט דאָס הילכן פון די טענער איבער זיין קאָפּ. פול מיט פרייד און פאַרגעניגן פון זיין אַרבעט האָט ער שטיל געפייפט פאַר זיך.

שפּעטער איז לילי געקומען. און ער האָט געשפּילט פאַר איר די נייע טיילן פון זיין ווערק, וואָס ער האָט פאַר דער צייט געשאַפן. און זי איז צופרידן געווען און האָט דערמוטיקט אים צו אַרבעטן ווייטער.

יאָ, זי, לילי, איז צופרידן געווען פון אָט די נייע געשאַפענע טיילן זיינע, אָבער די באַגייסטערונג פון לאַראַן פאַר זיין אַרבעט; יענע באַגייסטערונג, וואָס האָט אים אַליין מיט באַגייסטערונג אָנגעצונדן — איז דאָס ווייט ניט געווען.

און קעגן זיין ווילן האָט ער זיך געמוזט דערמאָנען דעמאָלט אויף לאַראַן און זי האָט אַ שווער געטאָן פאַר אים, און אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט אַזוי פיל ליבע, מיט אַזוי פיל גלויבן און דערוואַרטונג, אַז ווילנדיק ניט־ווילנדיק האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָרט איז געווען די אמתע באַגייסטערונג און דער כח צו באַפליגלען זיין שעפערישע ענערגיע...

נאָר אָט האָט לילי אים אַ לאַסטשע געטאָן מיט אירע בלויע אויגן און אַ וואַרעם געטאָן אים מיט איר כישופדיקן שמייכל, און ער האָט שוין ניט געקאָנט מער טראַכטן פון קיינעם און פון גאָרנישט...

גאַנץ אָפט, ווען ער האָט געשפּילט פאַר לילין, איז די קליינע מיס גרין אויך דערביי געווען, און זי, מיס גרין, האָט שטענדיק זיך צוגעהערט מיט צעברענטע אויגן און אַ צעפלאַמטן פּנים, און אַמאָל האָט זי אַרויסגעוויזן אפילו אַ גרעסערע באַגייסטערונג, איידער לאַראַ, פאַר זיין אַרבעט. כמעט שטענדיק האָט ער פון איר געהערט דאָס אייגענע:

— אַ דאַנק. אַ גרויסער גענוס. קיין גרעסערן גענוס קאָן איך זיך גאָר ניט פאָרשטעלן.

האָט לילי דעמאָלט געלאַכט:

— מיס גרין האָט געפונען אַ גאָט, און דאָס ביזטו, מאַקס! דו ווייסט גאָר ניט, ווי זי פאַרגעטערט דיך!...

אַזוי זיינען אַוועק נאָך עטלעכע וואָכן. מאַקס איז מער ניט אַרויסגעפאָרן מיט לילין אַזוי אָפט ווי פריער. ער האָט ניט געוואָלט איבעררייסן די אַרבעט.

און איינמאָל איז אים אָנגעקומען איינער פון יענע מאָמענטן, ווען ער האָט ניט געקאָנט ווייטער אַרבעטן. עפּעס האָט ער ניט געקאָנט געפינען דעם

טאָן, וואָס ער האָט געזוכט. און, ווי שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן, האָט עס אים אַריינגעוואָרפן אין צווייפל און פאַרצווייפלונג.

„ניט דאָס, ניט דאָס!" — האָט ער געטראַכט מיט פאַרצווייפלונג, זוכנדיק יענעם טאָן ביי דער פּיאַנאָ, ביים טיש, אויף זיין געלעגער און אין דרויסן, בעת ער האָט געשפּאַצירט.

„ניט דאָס! עס טויג אינגאַנצן ניט!..."

די אַלטע געשיכטע, וואָס ער, דער קינסטלער, האָט ניט איין מאָל דורכגעמאַכט אין די פריערדיקע צייטן, בעת ער איז געווען מיט לאָראַן. לאָראַ איז שטענדיק דעמאָלט אים געקומען צו הילף. איצט איז זי אָבער ניט געווען. אפשר ווען זי וואָלט געווען...

און איינמאָל אין אַזאַ פאַרצווייפלטן מאָמענט האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט פאַר לילין. ער האָט געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג אין קול:

— ערשט איצט ווערט מיר קלאָר ווי נויטיק זי איז פאַר מיר געווען...

— ווער? — האָט לילי אים אָנגעקוקט אַ ביסעלע פאַרוואונדערט.

— לאָראַ.

— לאָראַ? דו מיינסט יענע, דיין פריערדיקע פריינדין?

— איך מיין לאָראַ, — האָט ער געענטפערט פאַרטראַכט, מיט בענקשאַפט אין קול, און ער האָט געקוקט ערגעץ איבער ליליס רויטן קאָפּ.

דאָס איז געווען ביי אים אין דער סטודיאָ עטלעכע טעג נאָך ניי־יאָר, שפּעט ביינאַכט. לילי איז געזעסן אויף אַ סאָפע און ער קעגן איר אויף אַ שטול.

איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ שפּאָטישן שמייכל און האָט זיך אָנגערופן:

— שוין לאַנג ניט געהערט וועגן יענער. זי איז נאָך אַלץ אין לאָנדאָן?

— אַזוי הער איך.

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— דאַרפסט דאָך ניט זיין אַזוי פאַרצווייפלט, ליבער. שיק נאָך איר. אפשר וועט זי וועלן קומען. אויב זי איז דיר אַזוי נויטיק...

מאַקס האָט אַ קוק געטאָן אויף איר:

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, לילי?

— ווייל איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט זיין פאַרצווייפלט.

— איך האָף, לילי, אַז דו מיינסט ניט, אַז איך בענק נאָך איר אַליין.

— מיר גייט דאָס גאָרנישט אָן, — האָט זי קאַלט געענטפערט.

איז מאַקס אויך אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און האָט זיך אָנגערופן:

— איך פיל, אַז דו ביזט מיך חושד, לילי.

— חושד? אין וואָס? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים אויפגערעגט.
ער האָט געשוויגן. זי האָט ווייטער גערעדט מיט שפּאָט:

— אפשר מיינסטו גאָר, אַז איך בין אייפערזיכטיק צו יענער, ווי הייסט זי דאָרט?...

— וואָס פעלט דיר איין, לילי? איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז יענע האָט מיין אַרבעט גוט פאַרשטאַנען.

— וואָס קאָן איך העלפן, אַז איך בין ניט אַזוי אינטעליגענט ווי יענע? נו, וויסטו איצט, אַז איך בין ניט אינטעליגענט גענוג און אַז איך בין ניט אימשטאַנד אָפּצושאַצן ניט דיין ווערק און ניט דיין טאַלאַנט, און דו דאַרפסט ניט דערפאַר מיט מיר רעדן מער דערפון, אָדער פאַר מיר שפּילן עפּעס פון דיינע ווערק. דאָס איז דאָך קלאָר, ניין?...

ביי מאַקסן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, לילי? דו פייניקסט מיך! איך וועל דיר דערקלערן וואָס איך האָב געמיינט. איך וויל קיינעם ניט פאַרגלייכן מיט דיר. ניטאָ קיינער אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיך קאָנען מיט דיר פאַרגלייכן. דאָס וויים איך. דאָס פיל איך. נאָר, אַנטשולדיק וואָס איך זאָג עס דיר, מיר ווייזט זיך אויס, אַז דו אינטערעסירסט זיך ניט גענוג מיט מיין אַרבעט, און דאָס פעלט מיר.

— וואָס פעלט דיר?

— אָט דאָס־אָ. איך קאָן דאָס דיר ניט דערקלערן, אָבער יעדעס מאָל, ווען איך האָב גערעדט מיט לאַראַן וועגן עפּעס אין מיין אַרבעט, בעת פאַר מיר אַליין איז עס נאָך געווען טונקל, איז דאָס מיר נאָכדעם קלאָר געוואָרן פון דעם, וואָס זי האָט גערעדט וועגן דעם. זי איז געווען אַ בריה אויף דעם — האָט ער צוגעלייגט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין.

— אויף וואָס איז דיין לאַראַ געווען אַ בריה? — האָט לילי אַ פרעג געטאָן ווידער מיט שפּאָט.

— אויף קלאָר צו מאַכן פאַר מיר דאָס, וואָס פאַר מיר אַליין איז געווען טונקל אין מיין אַרבעט.

— נו, דאָס וויים איך שוין ניט, צי איך וועל קאָנען. אַזוי קלוג ווי יענע בין איך ניט!

— צו וואָס טויג דיר דאָס שפּאָסן, לילי?

— מאַקס, איך שפּאַס ניט. איך רעד ערנסט. אפשר איז טאַקע איר שכל מער צוגעפּאַסט צו דיינעם?

— שפּאָסטו דאָך ווידער! — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן רחמנותדיק.

— נו, אויב דו מיינסט, אַז איך שפּאַס, ווען מיר וועגן דעם מער ניט רעדן.

מאַקס האָט איר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל און געזאָגט מיט וואַרעמקייט:

— איך בין זיכער, לילי, אַז די איצטיקע שטימונג מיינע וועט פאַריבער־גיין און איך וועל קאָנען אַרבעטן נאָך בעסער, איידער פריער, ווען דו וועסט זיין לעבן מיר.

זי האָט צוגעשאָקלט מיט איר רויטן קאָפּ און געזאָגט:

— איך האָף אַזוי.

און זי האָט צוגעלייגט:

— מאַקס, איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז איך דערוואַרט פון דיר גרע־סערע זאַכן איידער יענע. און אויב דיין אַרבעט ווענדט זיך פון דיין רעדן מיט מיר, געהערט מיין גאַנצע צייט צו דיר...

מאַקס האָט איר באַדאַנקט.

7

אָבער נאָך יענעם אָוונט האָט זי געוואָרפן אַן אומחן אויף זיין סימפאָניע „דער אייביקער ייד", איבער וועלכער ער האָט ווייטער געאַרבעט. דער גע־דאַנק, אַז אַן אַנדערע פרוי האָט אים דערמונטערט און געהאָלפן צו שאַפן אָט דאָס ווערק, און אַז ער, מאַקס, קאָן דאָס ניט פאַרגעסן, האָט זי דוען ניט געלאָזט, און זי האָט גלייכגילטיק ניט געקאָנט נאָכדעם הערן אַפילו טיילן פון אָט דעם ווערק, וואָס זיי זיינען פריער איר שטאַרק געפעלן.

און ניט איינמאָל האָט זי זיך דערנאָך געזאָגט, ווען זי איז געווען מיט זיך אַליין, אַז זי מוז אים אָוועקרייסן פון אָט דער אַרבעט זיינער. ער טאָר דאָס ניט פאַרענדיקן, האָט זי געטראַכט. האָבנדיק דאָס אין זינען, האָט זי אָנגעהויבן אַ נייע טאַקטיק קעגן אים:

ווען נאָר ער האָט פאַרפירט מיט איר אַ שמועס וועגן אָט דער אַרבעט זיינער, האָט זי אים אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און אַליין גערעדט וועגן דעם מיט וואַרעמקייט, מיט פאַרשטענדעניש און מיט דעם גרעסטן אינטערעס, האָט זיך געדאַכט, פאַר זיין אַרבעט. נאָר וואָס דען? אין מיטן דערינען האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אים אויפן האַלדז און געזאָגט:

— אַך, ווער קאָן דאָס טראַכטן וועגן דיין אַרבעט, ווען דו ביזט מיט מיר?!...

און אַנטקעגן דעם האָט ער ניט געקאָנט קעמפן. ער האָט זי צופיל ליב

געהאַט. ער האָט געפילט אויף זיך די מאַכט פון איר שיינקייט, פון איר כישוף און ער האָט איר נאָכגעגעבן אַלע אירע קאַפּריזן.

אַזוי אויך, ווען ער האָט געשפּילט פאַר איר נייע טיילן פון זיין ווערק, וואָס זי האָט נאָך פריער ניט געהערט. זי האָט זיך צוגעהערט מיט אַלע אירע חושים, האָט זיך געדאַכט. נאָר ווען ער, אַ באַגייסטערטער נאָך פון זיין שפּילן, האָט ביי איר נאָכדעם געפרעגט, ווי דאָס איז איר געווען געפעלן, האָט זי שטענדיק געענטפערט:

— זייער פיין, נאָר . . .

און אָט דער „נאָר" איז אַלעמאָל געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים, מאַקסן, ווי מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן. נאָכדעם האָט מאַקס ניט געקאָנט ווייטער אַרבעטן. עס האָט שטענדיק גענומען עטלעכע טעג, ביז ער האָט זיך באַרואיקט און געקאָנט ווייטער אַרבעטן.

געוויינלעך האָט דער דאָזיקער „נאָר" אירער אַלעמאָל אַרויסגערופן ביי מאַקסן אַ פּראָטעסט. ער האָט געקעמפט מיט פאַרצווייפלונג קעגן איר מיינונג, אָבער אָן דערפאָלג. מחמת יעדעס מאָל, ווען ער איז פאַרבליבן דערנאָך אַליין, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז לילי איז גערעכט געווען, און ער האָט געטראַכט אַ פאַרצווייפלטער וועגן זיין אַרבעט:

„ניט דאָס . . . ניט דאָס . . . ניט דאָס . . . עס טויג אויף אַלע פייערן!"

און עס איז געווען פאַרפאַלן: לילי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז ער מוז אָט די אַרבעט אינגאַנצן אָוועקוואַרפן און זי האָט דאָס געוואָלט דורכפירן.

ער אָבער האָט דאָס געמוזט טאָן אַליין, מיט זיין אייגענעם ווילן, אַפילו קעגן איר ווילן.

און דאָס איז געווען איר פּלאַן.

* * *

און איינמאָל אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג האָט ער געאַרבעט מיט גאָר גרויסן חשק. זיין אַרבעט-צימער איז געווען פאַרגאָסן מיט ליכט און זונשיין, הגם דאָס איז געווען אין מיטן פעברואַר, און ער האָט געאַרבעט מיט פרייד ביי זיין שרייבטיש.

פּלוצים האָט דער טעלעפאָן גענומען קלינגען. לילי האָט דאָס צו אים גערעדט. זי האָט אים גערופן אין אַ געוויסן רעסטאָראַן אויף בראָדוועי, וואו זי האָט זיך דעמאָלט געפונען.

ער האָט איר געענטפערט:

— ניט איצט, טייערע. פאַרגיב מיר. איך אַרבעט איצט. קום איצט צו מיר. איך וויל פאַר דיר שפּילן. דו וועסט עפּעס הערן, וואָס וועט אַפילו דיר

געפעלן ווערן. יאָ, יאָ. דאָס בעסטע, וואָס איך האָב ביז אַהער געשאַפן. האַ? ווער? דאָקטער ראָבינסאָן גריסט מיך? ער איז דאָרט מיט דיר אין רעסטאָ־ראַן? וואָס? יאָ, יאָ, איך הער! גיב אים איבער אַ דאַנק פאַר זיין גרוס! גוט, גוט, אָבער מיר וועלן זיך דאָך היינט זען, ניין? אַ דאַנק, לילי.

נאָכדעם האָט ער געוואָלט ווייטער אַרבעטן, אָבער זיין פריערדיקע רו איז שוין געווען צעשטערט. אמת, זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז זייער צופרידן, וואָס די אַרבעט גייט ביי אים גוט, און אַוודאי זאָל ער איצט ניט אונטערברעכן די אַרבעט צוליב איר, זי וועט איצט זיך באַגיין אָן אים, מחמת דאָקטער ראָבינסאָן איז מיט איר דאָרט אין רעסטאָראַן און זי וועט מיט אים ערגעץ אַרויספאָרן. און דווקא איז אָט דער דאָקטער ראָבינסאָן געווען איינער פון אירע פאַרערער, וואָס אים האָט ער, מאַקס, גוואַלדיק פיינט געהאַט. ווייל צו אים איז ער מער אייפערזיכטיק געווען איידער צו די אַנדערע.

מחמת דעם האָט ער איצט ניט געקאָנט מער רואיק אַרבעטן. די פרייד פון דער אַרבעט איז פאַרשוואונדן. די זון, האָט זיך אים געדאַכט, שיינט מער ניט אַזוי העל. דערצו האָט אים איצטער געשטערט דער טומל און דער הו־האַ פון דרויסן, וואָס ער האָט פריער, בעת ער איז געווען פאַרכאַפט פון דער אַרבעט, ניט געהערט. דער צויבער איז געווען צעשטערט.

ער האָט נערוועז גענומען לויפן איבערן צימער. פאַרוואָס איז ער ניט געגאַנגען, ווען זי האָט אים גערופן? ווען ער ווייסט, אַז זי איז נאָך מיט יענעם ניט אַוועק, וואָלט ער אַהין איצט געלאָפן.

ער האָט דערהערט אַ קלונג אין דער טיר. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. מסתמא עמעצער פון זיינע שילערינס. דזשאָו, זיין נעגער, וועט דאָרט עפענען. ער האָט געוואַרט אַ ווילע, נאָכדעם האָט ער אַריינגעשריען אין קאָרידאָר אַריין:

— דזשאָו, ווער איז דאָרט?

— איך, — האָט אים אָפּגעענטפערט לילי׳ס קול, און זי איז אַריינגעקומען אַ פרישע, אַ יונגע, אַ שלאַנקע און אַ בויגיקע.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איר אַנטקעגן:

— לילי!

זי האָט האַסטיק אַרויסגערעדט:

— נאָר אויף אַ פּאָר מינוט, ווייל איך וויל דיר ניט שטערן. נו, גיכער אַ קוש און איך גיי אַוועק!

זי האָט אים אַ קוש געטאָן און געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין.

ער האָט זי אָפּגעשטעלט.

— וואוהין? וואָס אַנטלויפסטו?

— אַז איך בין געווען אַזוי נאָענט פון דיין פּלאַץ, האָב איך געמוזט אַרויפקומען צו דיר. איך ווייס, אַז איך האָב דאָס ניט געדאַרפט טאָן, אָבער איך האָב מיר ניט געקאָנט העלפן. זינדיק בין איך, זינדיק!

— גיי ניט אַוועק, לילי, בלייב דאָ מיט מיר.

— איך דאַרף ניט, איך טאָר ניט און איך קאָן ניט. דאָקטער ראָבינסאָן וואַרט אויף מיר אין דעם רעסטאָראַן, און, אַחוץ דעם, האָסטו גענוג גע־פוילענצט, מיין טייערער. דו מוזט אָניאָגן דיין פאַרלאָרענע צייט. דאָקטער לעווענבערג האָט מיר שוין אַ סך מאָל דערמאָנט וועגן דיין סימפאָניע „דער אייביקער ייד". זיי וואַרטן אַלע אויף אָט דעם ווערק דיינעם.

און זי האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— גאָט, ווי איך וואָלט וועלן, אַז דאָס זאָל ביי דיר אַרויסקומען אַ גרויס, גרויס מייסטערווערק! דו הערסט? אויב דאָס זאָל ניט זיין גאַנצע הונדערט פּראָצענט גוט, ניין, נאָך מער ווי גוט, זאָל דאָס בעסער אינגאַנצן ניט זיין! איך וועל דערפון קראַנק ווערן. איך בין אָבער זיכער, אַז דאָס וועט ביי דיר אַרויסקומען אַן אמתע מייסטערווערק.

— איך בין אין דעם אויך זיכער.

און ער האָט צוגעלייגט מיט געבעט אין קול:

— ווען דו טוסט עס פאַר מיר.

— וואָס?

— אָט זעץ זיך אַוועק און איך וועל פאַר דיר שפּילן, וואָס איך האָב היינט געשאַפן.

— אָבער דאָקטער ראָבינסאָן וואַרט דאָך דאָרט. ווי קאָן איך דאָס?

— זאָל ער וואַרטן. קאָנסט טעלעפאָנירן אין רעסטאָראַן פון דאַנען.

— ניין, זיי קענען אים ניט.

און מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— גוט! — האָט זי געזאָגט. — איך וועל דיר נאָכגעבן. איך וועל אַליין צוגיין צום רעסטאָראַן. איך קום באַלד צוריק.

מאַקס איז אַזש אויפגעשפּרונגען פאַר שמחה. און ווען זי איז אַוועק, איז ער דורכגעלאָפן מיט די אויגן די אַרבעט זיינע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און נאָכדעם האָט ער זיך דערמיט געזעצט ביי דער פּיאַנאָ און גענומען שפּילן. ער האָט זיך אַזוי מיטגעריסן, אַז ער האָט ניט געהערט ווי לילי איז צוריק אַריינגעקומען אין צימער.

זי איז אַריינגעקומען אָן אַ הוט און אָן אַ מאַנטל און אָן האַנדשו. דאָס אַלצדינג האָט זי איבערגעגעבן דעם נעגער אין קאָרידאָר.

זי האָט געטראָגן אַן איינפאַך קלייד פון טונקל־בלויען פלאַנעל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין לויזע פאַלדן, און געטראָגן האָט זי אויף די שפּיץ פינגער איבער דעם ווייכן טעפּיך.

שטיל־שטיל האָט זי זיך געזעצט אויף אַ שטול אין אַ ווינקל און זיך צוגעהערט.

מאַקס האָט וואָס ווייטער געשפּילט אַלץ מער מיטגעריסן און האָט ניט באַמערקט, אַז זי איז הינטער אים געזעסן.

ערשט שפּעטער, ווען זי האָט אים געגומען אַפּלאָדירן, האָט ער זיך אומגעקוקט און האָט זי דערזען. האָט דאָס פּנים ביי אים זיך צעלויכטן מיט אַ גליקלעכן שמייכל און ער האָט גענומען שפּילן מיט נאָך מער פייער.

און אַז ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך האַסטיק אויפגעהויבן און איז צו איר צוגעלאָפן.

— נו? — האָט ער גערעדט אַ פריידיק־אויפגערעגטער. — וואָס וועסטו איצט זאָגן, מיין שטרענגע קריטיקערין? איך האָב דיר געזאָגט, אַז אַפּילו דיר וועט עס געפעלן וואָס איך האָב היינט געשאַפן!

אַנשטאָט אים צו ענטפערן איז זי אויפגעשטאַנען אַ שלאַנקע, אַ הויכע, אַזוי ווי ער, און האָט אַוועקגעלייגט איר רויטן קאָפּ ביי אים אויפן אַקסל און אַרויפגעקוקט צו אים וואַרעם מיט אירע בלויע אויגן און זיך אָנגערופן שטיל און צאַרט, ווי נאָר זי אַליין האָט געקאָנט:

— וואונדערלעכע שטעלן, ממש געניאַלע שטעלן!

— שטעלן? וואָס מיינסטו?

— איך מיין . . . ווען דאָס גאַנצע וואָלט געווען אַזוי גוט, ווי יענע שטעלן...

ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און ניט געלאָזט איר ווייטער רעדן.

— אַהאַ, זי הויבט שוין אָן! שוין לאַנג ניט געהערט פון איר! נאָר „שטעלן". אינגאַנצן אָבער טויג דאָס אויף פייער! דאָס מיינסטו, האַ?

און ער האָט אַוועקגעדרייט זיין אַקסל פון אונטער איר רויטן קאָפּ.

לילי האָט אַ לאַך געטאָן:

— האָב איך דאָס געזאָגט? וואָס האָסטו זיך אַזוי צעקאָכט, דו צעבאַלעוועטער יינגל?...

מאַקס האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און גענומען לויפן איבערן צימער און כמעט געקרעכצט:

— אָבער אַלעמאָל אַזוי . . . אָבער אַלעמאָל אַזוי . . . זי דערהרגעט מיך!... איך טאָר איר ניט ווייזן מיין אַרבעט!... איך טאָר פאַר איר ניט שפּילן!... אידיאָט, אידיאָט! וואָס פאַר אַ אידיאָט איך בין! איך האָב דאָך עס שוין געדאַרפט וויסן און זיך היטן דערפון!...

און מיט אַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר איר און איר אַרייַנגעשריען אין פּנים:

— דו פֿאַרשטייסט ניט קיין מוזיק! דו הויבסט ניט אָן צו פֿאַרשטיין מוזיק! נאָר אידיאָטן רעכענען זיך מיט דייַן מיינונג. איך ניט! נייַן, מער ניט!... הייַנט האָב איך געשפּילט פֿאַר דיר דאָס לעצטע מאָל!

— זיכער? — האָט לילי אַ לאַך געטאָן און געקוקט שטיפֿעריש אים אין פּנים.

— יאָ, יאָ, זיכער! הונדערט מאָל זיכער! טויזנט מאָל זיכער! — האָט ער זיך נאָך מער צעשריען.

האָט זי זיך ווידער צעלאַכט און זיך אָנגערופֿן אין אַ שפּילעוודיקן טאָן:

— קאָנסטו ניט רעדן אַ ביסעלע ניט אַזוי פֿאָרטיסימאָ? אַ ביסעלע מער פּיאַניסימאָ, טייַערער?

האָט ער פֿאַרצווייפֿלט אַ מאַך געטאָן צו איר מיט אַ האַנט און איז אַרויס־געלאָפֿן אין אַ צווייטן צימער.

דאָרט איז ער ווייטער געלאָפֿן אַהין און צוריק איבערן צימער און האָט געטראַכט: אַ סוף! זי מאַכט אים אומגליקלעך. ער גייט אונטער. ער מוז זיך פֿון איר באַפֿרייַען. ערשט דעמאָלט וועט ער קאָנען אַרבעטן.

און ער האָט זיך ווידער אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ.

גאָט, זי האָט אים משוגע געמאַכט! ווען ער וואָלט זי אַזוי ניט ליב געהאַט . . . נייַן, אַ ליגן! ער האָט זי ניט ליב . . . ער קאָן זי ניט ליב האָבן... זי מאַכט אים אומגליקלעך . . . ער האָסט זי . . . יאָ, ער האָסט זי . . . און ער וועט זיך אַרויסרייַסן פֿון אָט דער משוגעת . . . ער מוז!...

נאָכדעם איז זי אַרייַנגעקומען. זי איז אַרייַנגעקומען אַ פֿריילעכע, מיט אַ שמייכל פֿון חן. זי האָט שטיפֿעריש אים אַ פּאַק געטאָן פֿאַר אַן אָרעם און אים אָפּגעשטעלט.

— נו, נו, ניט געלאָפֿן און ניט זייַן אַזוי פֿאַרצווייפֿלט! — האָט זי געזאָגט.

8

ער האָט אַרויסגעריסן זייַן אָרעם פֿון איר האַנט און איז אַוועק שפּרייזן ווייטער איבערן צימער.

זי האָט ווידער געפּרוּווט אים אָפּשטעלן.

— גוט, מאַקס, איך וועל זיך שוין היטן ווייטער פֿון צו זאָגן דיר דעם אמת וועגן דייַן אַרבעט.

— דעם אמת, האָ? — האָט ער אַ געשריי געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט.
— מיין אמת, מאַקס. אפשר האָב איך אַ טעות, אָבער איך זאָג דיר דאָס וואָס איך פיל און וואָס איך דענק...
האָט מאַקס אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אַרויסגעמורמלט פאַר־צווייפלט:
— גאָט מיינער, אָבער זאָג מיר פאַרוואָס געפעלט עס דיר ניט? זאָג מיר, באַווייז מיר, דערקלער מיר...
— מיר געפעלט עס. ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַז מיר געפעלט עס ניט? נאָר עס זיינען דאָרט פאַראַן שוואַכערע שטעלן און שטאַרקע, וואונדערלעכע, געניאַלע שטעלן. אַט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן און דו האָסט זיך אָנגעכאַפּט, ווי אַ משוגענער...
און זי האָט זיך ווידער גוטמוטיק צעלאַכט און צוגעלייגט:
— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז דו קאָנסט ווערן אַזוי משוגע. נו, — האָט זי זיך צוגעשאַרט צו אים גאַנץ נאָענט, — פאַרגעסן! און טו מיר אַ קוש!
ער האָט אַ קוש געטאָן איר קאָפּ און געזאָגט, אָבער שוין ווייכער, רואיקער:
— לילי, ווען דו וואָלסט געוואוסט, ווי אַזוי איך רעכן זיך מיט דיין מיינונג, וואָלסטו געווען פאַרזיכטיקער...
— אָבער, מאַקס, מיט דיר צו זיין ניט אויפריכטיק קאָן איך ניט, און טאָר עס ניט צוליב דיין אַרבעט אַליין. איך האַלט פון דיין טאַלאַנט מער, ווי די גאַנצע וועלט, און איך דערוואַרט פון דיר עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער האָט ביז אַהער נאָך ניט געשאַפן. מחמת דעם בין איך אַזוי שטרענג צו דיר. אָבער גענוג וועגן דעם. זיי ניט ביייז אויף מיר, מאַקס. איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט אויף מיר ביייז זיין.
און זי האָט קאָקעטיש צו אים אויסגעשטעלט די ליפּן.
האָט ער נאָכדעם געקוקט און געקוקט אויף איר, און מיט אַמאָל איז ער צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע. און דערנאָך האָט זיך ביי אים אַרויס־געריסן:
— איך האָב דאָס ניט געדאַרפט טאָן. איך קאָן אָבער ניט העלפן!
— אַזוי שטאַרק איז דיין געפיל?
— אַזוי שטאַרק איז מיין משוגעת.
האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם און אים צוגעפירט צו אַ סאָפע און זיך מיט אים דאָרט אַוועקגעזעצט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן און דערביי שעלמיש געשמייכלט:
— פאַרוואָס עפּעס משוגעת? דער שטאַרקסטער כח איז דאָס; יענער

כח איז עס, וואָס פאַרוואַנדלט צוויי אין איינס, אין איין פאַרלאַנג, אין איין פאַרגעסן זיך, וואָס טראָגט דיך אַריבער דעם גרענעץ פון לעבן און טויט אין דער אייביקייט אַריין...

ער האָט געקוקט אויף איר פאַרוואונדערט. זי האָט ווייטער גערעדט, שטילער און ליידנשאַפטלעכער:

— האָסטו גאָר קיינמאָל ניט געפילט, ווען דו ביזט באַרוישט געווען פון דיין געפיל, אַז דו וואָלסט וועלן אינאיינעם מיט מיר שטאַרבן? איך האָב עס געפילט ניט איין מאָל, זינט איך קען דיך.

ער האָט זיך אָנגערופן שטיל און פאַרטראַכט:

— יאָ, אמת. ערשט דאָ ניט לאַנג האָב איך דאָס געפילט. מחמת דעם רוף איך דאָס „משוגעת".

— און איך רוף עס מחמת דעם דאָס העכסטע גליק! — האָט לילי אַרויס־געפּליטערט.

מאַקס האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַמאָל פון אָרט און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן:

— איז ניט גוט, לילי. זייער ניט גוט!

— ניט גוט? וואָס מיינסטו „ניט גוט"?

— אויב דאָס איז דער שטאַרקסטער כוח...

— יאָ, דאָס איז דער שטאַרקסטער כוח, וואָס באַוועגט אונדזער לעבן, און מיטן לעבן אונדז אַלעמען, אונדזערע מעשים, אונדזערע געדאַנקען, אונדזערע געפילן. יאָ, מאַקס...

— געפעלט עס מיר ניט, לילי. איך גלויב אָבער, אַז דאָס איז ניט דער איינציקער כוח און ניט דער שטאַרקסטער. מיר גלויבט זיך איבערהויפּט ניט, אַז דאָס, וואָס דריקט זיך אויס אין אַזאַ פּרימיטיווער פאָרם... און אפשר? — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן — אָט, צום ביישפּיל, איך אַליין... איך האָב דאָך געדאַרפט פון דיר אַנטלויפן, און צום סוף... וואָס איז דאָס, האַ? מיט אַלע אַנדערע האָב איך דאָך יאָ אַ כאַראַקטער!...

— נו, נו, גענוג דערפון, — האָט לילי זיך אַ כאַפּ געטאָן. — פאַרקראַכן גאָר אין פילאָסאָפיע. קום בעסער אַהער, מאַקס. זעץ זיך אָט־אָ־דאָ.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט לעבן איר. זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און גענומען פליסטערן:

— ניט פילאָסאָפירן, נאָר לעבן. לעבן יעדע מינוט, ווען נאָר מיר קאָנען... דו הערסט, מיין ייִנגל?... לעבן און ליבן... אַמאָל האָב איך דיך אַזוי ליב, אַז איך וואָלט וועלן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן פון אונדזער ליבע. און מיט מיין מאַן זיך גטן צוליב דיר... און — האָט זי צוגעלייגט

ליידנשאַפטלעך — פון דיר אַ קינד האָבן... יאָ, יאָ!... נו, איז דאָס ניט דער שטאַרקסטער כוח?...

מאַקס האָט געקוקט אויף איר אַ צעטומלטער און, ווי אין חלום, האָט ער געמורמלט:

— לילי, וואָס רעדסטו? וואָס רעדסטו, לילי?...

אירע קושן האָבן זיין קול דערשטיקט.

9

שפּעטער זיינען זיי אַרויסגעפאָרן און האָבן געגעסן מיטאָג אויפן וועג אין אַ האָטעל, אַ פופציק מייל פון ניו־יאָרק. דערנאָך זיינען זיי געפאָרן צוריק צו אים אַהיים. עס שוין געווען פאַרנאַכט. בראָדוועי האָט געררוישט פון די מענטשן, פון די טראַמווייען און פון די פאַרשיידענע מאַשינען, און פון אַלע זייטן האָבן געשטראַמט עלעקטרישע כוואַליעס.

ווען לילי'ס מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיין וואוינונג, האָט מאַקס זיך אָנגערופן:

— פונדעסטוועגן וועל איך נאָך פּרואוון איצט אָן אַרבעט טאָן. געוויסע שטעלן אפשר אויסבעסערן, ביז אַלצדינג וועט דיר געפעלן, עס וועט דיר מוזן געפעלן!...

און אויף דעם האָט זי אים געענטפערט:

— איך האָב היינט פאַרבראַכט מיט דיר עטלעכע שיינע שעה און דאָס איז פאַר מיר די שענסטע, די העכסטע, די וואונדערלעכסטע מוזיק!

און אַזוי ווי ער אַליין איז איצט אויך געווען באַזונדערס גוט אויפגעלייגט, האָט ער נאָר געזאָגט, און די אויגן האָבן ביי אים דערביי געלויכטן:

— וואָס פאַר אַ פּרעסערין דו ביסט, לילי!

האָט זי אַרויסגעפּליסטערט מיט אַ פאַרסודעטער מינע:

— בלויז, ווען איך בין מיט דיר. קיינמאָל ניט, ווען איך בין מיט אַנדערע. דו הערסט? קיינמאָל ניט ביז אַהער! סיידן, ווען איך וועל דיך אַמאָל וועלן באַשטראָפן...

— איז דאָס אמת? — האָט ער אַ פרעג געטאָן נישט גאָר דרייסט.

— שוויין! — האָט זי געענטפערט האַלב־שטיפעריש און האַלב־בייז.

— און דאָקטער ראַבינסאָן?

האָט לילי שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— אָ, ער? יאָ, אמת, דאָקטער ראַבינסאָן געפעלט מיר, אַמאָל אַ סך מער איידער דו. און אויב דו וועסט מיר אַמאָל צופיל דערעסן... — און זי האָט

זיך איבערגעשלאָגן. — אָבער גענוג וועגן דעם. גיי אַרויס פון מיין מאַשין און גוט־נאַכט! און זיי ניט קיין יינגל און זיי ניט קיין שווין!...

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געזעסן ביי זיך אינעם אַרבעטס־צימער, און ווידער מיט אַ שווער האַרץ. דאָס, וואָס זי האָט אים געזאָגט וועגן דאָקטער ראַבינסאָן, האָט אינגאַנצן ביי אים אַוועקגענומען די פריערדיקע גוטע שטימונג. ווער ווייסט? — האָט ער געטראַכט — זי זאָגט דאָך אַליין, אַז אַמאָל געפעלט איר יענער מער, איידער ער... אפשר איז דאָס טאַקע אַזוי? איבערהויפּט, ווער קאָן עפּעס וויסן פון איר!...

נאָכדעם האָט ער געפּרואווט אַרבעטן און ניט געקאָנט. געוויסע שטעלן, פון וועלכע ער איז היינט אינדערפרי, איידער לילי איז צו אים געקומען, באַגייסטערט געווען, זיינען אים איצט גאָרניט געווען געפעלן. און איצט האָט ער ווידער געמורמלט, ווי אַלעמאָל, בעת אים איז עפּעס ניט געפעלן געווען אין זיין אַרבעט:

„ניט דאָס, ניט דאָס, טויג אויף פייער! טויג אויף פייער!"

ער מוז נאָך היינט ביינאַכט אָן אַרבעט טאָן אויף אָט־די שטעלן און דאָס מוז ביי אים אַרויסקומען אַזוי, אַז ווען ער וועט דאָס שפּילן פאַר איר, זאָל זי אַזוי באַגייסטערט ווערן, ווי לאַראַ אין די אַמאָליקע צייטן...

און ער האָט צו זיך געזאָגט:

לאַראַ?... וואו איז זי איצט? — האָט ער ניט־ווילנדיק איצט אַ טראַכט געטאָן. מערקווירדיק — האָט ער זיך געוואונדערט — ווי ווייניק ער טראַכט וועגן איר. ער האָט דאָך כמעט באַלד פאַרגעסן, אַז זי איז אַזאַ נאָענטער מענטש זיינער געווען. און אינגאַנצן איז דאָס נאָך ניט קיין יאָר אפילו!

און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט ער גע־טראָפן זיין פריינט אַלעקסן און פון אים האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זי איז נאָך אין לאָנדאָן, האָט דאָרט פּיאַנאָ־שטונדן, בילדעט איר שטימע און נעמט אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

און אין האַרצן ביי אים האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל צעוואָרעמט און ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע מיידל!... ווען צווישן אים און לאַראַן וואָלט ניט איבערגעריסן געוואָרן, וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט פאַרענדיקט זיין ווערק „דער אייביקער ייד" און עס וואָלט ביי אים אינגאַנצן אַנדערש אַרויסגעקומען...

דער טעלעפאָן האָט גענומען קלינגען. איינער פון זיינע באַקאַנטע מוזיקער האָט דאָס צו אים געקלונגען. יענער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אויף דעם קאָנצערט פון אַ געוויסן באַרימטן פּיאַניסט, וואָס וועט געגעבן ווערן אין

אַ וואָך שפּעטער, אין טאָון האָל, וועלן געשפּילט ווערן עטלעכע פון זיינע קאָמפּאָזיציעס.

מאַקס האָט זיך דערפרייט. ביי אים איז קיין נאָווינע ניט געווען, אַז איינצלנע מוזיקער און גאַנצע אָרקעסטערס זאָלן שפּילן אַ פּאָר קאָמפּאָזיציעס זיינע, וואָס די מוזיקאַלישע וועלט האָט אָנגענומען. אָבער דער דאָזיקער קאָנצערטיסט, וואָס האָט געזאָלט שפּילן אין טאָון־האָל קומענדיקע וואָך, איז געווען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט אַלס איינער פון די גרעסטע פּיאַניסטן.

מאַקס האָט געשמייכלט. אומבאַדינגט וועט ער גיין יענעם הערן, זיכער וועלן אַט־די זאַכן זיינע אַ סך געווינען, ווען יענער וועט זיי שפּילן. אַט־דיביידע זאַכן זיינען פון די גאָר ערשטע קאָמפּאָזיציעס זיינע. היינט וואָלטן זיי אַרויסגעקומען ביי אים הונדערט מאָל בעסער. אַט־די צוויי קאָמפּאָזיציעס און נאָך אַ פּאָר אַנדערע, וואָס ער אַליין האָט דעמאָלט געשפּילט אויף זיין קאָנצערט אין קאַרנעגי־האָל, האָט די מוזיקאַלישע וועלט דערנאָך אָנגענומען. און דווקא זיינען זיי שוואַכע זאַכן זיינע. ער האָט נישט אין אַן ערך בעסערע זאַכן, איידער אַט־די. אין דעם איז ער זיכער געווען...

און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און האָט געשפּילט די אייגענע פּאָר זאַכן. ער איז נייגעריק געוואָרן צו הערן, ווי ביי אים אַליין וועט דאָס איצט אַרויסקומען...

און ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון דעם. באמת וואונדערלעך. ניט אומזיסט איז דאָס אַזוי געפעלן געוואָרן. און ווי לאָראַ האָט ליב געהאַט דאָס צו הערן! עך, איז ער אַ טאַלאַנט! און וואָס? גייט אין ביוועץ אַוועק, גייט פאַרלאָרן!... אַט מאַטערט ער זיך אַזאַ שטיק צייט איבער דעם „אייביקן ייד״ און קיין סוף איז אַלץ נישטאָ... עס קומט ביי אים ניט אַרויס. דאַכט זיך גוט, גוט, גוט, און, צום סוף, נישט דאָס, נישט דאָס!...

און ווידער האָט ער זיך געמוזט דערמאָנען אָן לאָראַן:

— אפשר, ווען זי וואָלט מיט אים געווען...

10

אויף מאָרגן האָט ער ווידער געפּרואווט אַרבעטן און ווידער האָט ער זיך געמוזט זאָגן: ניט דאָס, ניט דאָס, עס טויג אויפן פייער!...

און אַזוי אין צוויי טעג שפּעטער און אין דריי טעג שפּעטער. ער האָט עפּעס דעם טאָן ניט געקאָנט געפינען. מיט פאַרצווייפלונג האָט ער געטראַכט:

— פאַרלאָרן דעם טאָן, פאַרלאָרן דעם ניגון אינגאַנצן...

און אַז לילי איז צו אים געקומען אויפן דריטן טאָג, האָט זי אים געטראָפן אַ פאַרצווייפלטן. ער האָט זיך געקלאָגט פאַר איר: אַ סוף, ער וועט משוגע ווערן, ער קאָן מער ניט אַרבעטן. ער האָט גערעדט:

— אַלצדינג, לילי, קומט ביי מיר אַרויס האַלץ, האַלץ, האַלץ, — וואָס טוט מען?...

האָט זי אים געענטפערט אויף איר שטייגער שטיפעריש:

— מען טוט און מען באַרואיקט זיך. דאָס איז ערשטנס. און, צווייטנס, איז דען דאָס ביי דיר דאָס ערשטע מאָל? עס וועט אַוועק אַ שטיקל צייט און דו וועסט קאָנען ווידער אַרבעטן. און דריטנס... אפשר וואָלסטו גענומען אַן אַנדער טעמע. פּרואוו... מעג איך רעדן? וועסטו ניט ווערן בייז?

— אדרבא, רעד.

— דו וועסט דאָך אָבער בייז ווערן?...

— וואָס בייז ווערן, ווען בייז ווערן, רעד! אפשר וועסטו מיר ווייזן אַ וועג. באמת, לילי, איך הייב אָן אינגאַנצן צו צווייפלען, אויב איך קאָן נאָך אַרבעטן!...

און דאָ האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַן ערנסטער מינע:

— איצט וועל איך מיט דיר רעדן גאַנץ אָפן. איך האָב די גאַנצע צייט געפילט, אַז דיר שטערט דער סוזשעט פון אָט־דעם לעצטן ווערק דיינעם. דו ביסט אַן אמתער קינסטלער, נאָך מיין מיינונג, גאָר־גאָר אַ גרויסער קינסטלער, און דיין גייסט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס דו פּעטעסט אים!...

— וואָס מיינסטו? ענטפער.

— איך מיין, — האָט לילי געענטפערט — דו האָסט זיך ניט געדאַרפט פאַרנעמען מיט אַ יידיש־נאַציאָנאַלער טעמע. דעם קינסטלערס גייסט טאָר ניט זיין געפּענטעט, בפרט דער גייסט פון דעם יידישן קינסטלער. מחמת לויט זיין מהות איז דער יידישער קינסטלער אוניווערסאַל, אַלמענטשלעך.

— אַ, דאָס מיינסטו? איך האָב שוין אַמאָל פון דיר דאָס געהערט, דאַכט זיך, און איך האָב דיר אויף דעם געענטפערט אויך, ווי ווייט איך געדענק.

— וואָס האָסטו געענטפערט?

— אַז אין די ווערק פון יעדן אמתן קינסטלער, אויף אַלע געביטן פון קונסט, אויך פון מוזיק, וועט מען שטענדיק געפינען דעם באַזונדערן, אייגנ־טימלעכן אויסדרוק פון יעדער נאַציע, צו וועלכער דער קינסטלער געהערט. וואַגנערס ווערק זיינען טיף־דייטשיש. אַזוי זיינען איטאַליעניש די ווערק פון די גרויסע איטאַליענישע און פראַנצויזיש די ווערק פון די גרויסע פראַנ־צויזישע קאָמפּאָזיטאָרס. היינט, פאַרוואָס זאָלן ניט זיין יידיש די ווערק פון אַ יידישן קאָמפּאָזיטאָר?

— אָבער ביסטו אַ ייד, ווי וואַגנער איז אַ דייטש? אָדער, ווי דער און יענער קאָמפּאָזיטאָר איז אַן איטאַליענער, אָדער אַ פראַנצויז?...

— פאַרוואָס ניט, לילי? איך גלויב, אַז אין מיין נייעם ווערק „דער אייביקער ייד" דריקט זיך אויס די טראַגעדיע פון מיין יידישן פאָלק. עס איז דורכאויס יידיש, יידיש! — האָט ער אויסגעשריען ליידנשאַפטלעך. — דער יידישער קרעכץ, דאָס יידישע געוויין, די יידישע תפילה, די יידישע האָפענונג, זיין גלויבן, זיין מאַרטירערײַ.

— איך זע דאָס ניט. איך פיל דאָס ניט. אַנטשולדיק פאַר מיין אָפנ־האַרציקייט. איך מיין נאָר דיין טובה און די טובה פון דיין טאַלאַנט, וועלכער איז מיר זייער און זייער טייער. אוודאי זיינען אין דעם פאַראַן זייער וואונדער־לעכע שטעלן, געניאַלע שטעלן. איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געלייקנט. אָבער גראָד אָט־די שטעלן געהערן צו די, וואָס מיר רופן „אוניווערסאַל", „אַל־מענטשלעך". און די אַנדערע, וואָס קאָנען קלינגען יידיש, זיינען אַזעלכע אויך פאַראַן ביי אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן, ניט־יידן, וואָס האָבן באַרירט אָריענטאַלישע מאָטיוון אין זייערע שאַפונגען.

ער האָט איר איבערגעשלאָגן מיט אַ קרעכץ:

— ווי דו קאָנסט דערהרגענען, לילי! וואָס פאַר אַ גרויסע בריה דו ביסט אויף דעם!

זי האָט זיך אָנגערופן צאַרט, ווי זי האָט נאָר געקאָנט:

— דו ביסט גענוג קינסטלער צו קאָנען פאַרטראָגן דעם אמת.

— הער־אויף, איך בעט דיך, לילי. דו טוסט מיר וויי! — האָט ער געזאָגט שטיל, מיט ווייטיק, ווי צו זיך אַליין.

און אַזוי ווי ער איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש און זי קעגן אים, האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּרייזן איבערן צימער, ווי זיין טבע איז געוועזן, בעת ער איז אויפגערעגט געוועזן, און ער האָט ניט אַ קוק געטאָן אויף איר.

זי האָט פון אים די אויגן ניט אַרונטערגענומען און דערביי האָט זי גע־טראַכט:

„דו וועסט שוין ביי מיר ניט אַרבעטן מער אויף אָט־דעם ווערק! און וועגן יענער וועסטו אויך ביי מיר קיינמאָל מער ניט טראַכטן. ווערק, וואָס וועלן ניט האָבן צו טאָן מיט יענער, וועסטו שאַפן. אַנדערע, נייע, אַזעלכע, וואָס וועלן האָבן אַ שייכות מיט מיר, וועסטו ביי מיר שאַפן..."

און דאָ האָט מאַקס זיך אָפּגעשטעלט פאַר איר און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן:

— הייסט עס, אַז איך האָב אַזוי פיל צייט געאַרבעט אומזיסט? עס איז דאָך עפּעס... עפּעס...

ער האָט ניט דערדערדט און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און איז אַוועק שפּרייזן ווייטער.

פלוצים איז לילי אויפגעשטאַנען און האָט אים אָפּגעשטעלט:

— מאַקס! — האָט זי געזאָגט. — איך ווייס ניט, אפשר האָב איך אַ טעות. זיי ניט אַזוי פאַרצווייפלט. דו ווייסט, וואָס דו דאַרפסט איצט טאָן? וועסטו מיך פאָלגן? טראַכט ניט איצט מער וועגן דיין אַרבעט. דו מוזט זיך אָפּרוען. דו ביסט צופיל נערוועז איצט. עטלעכע וואָכן זאָלסטו אינגאַנצן ניט אַרבעטן, און נאָכדעם, ווען דו וועסט זיין אויסגערוט, וועסטו זען...

— אפשר וועל איך עס טאַקע טאָן, — האָט ער זיך אָנגערופן פאַרטראַכט.

— מחמת אַרבעטן וועל איך דאָך סיי־ווי ניט קאָנען.

זי האָט אים אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף די אַקסלען און אים אַריינ־געקוקט אין פּנים מיט אַ וואַרעמען שמייכל.

— מאַקס! — האָט זי געזאָגט. — דו וועסט זען, אַז דו וועסט נאָכדעם זיך גאָר אַנדערש פילן און גאָר אַנדערש קאָנען אַרבעטן. זעגן זיך מיט דיינע שילער אויף אַ חודש און פאָר מיט מיר קיין פלאָרידע.

און אַזוי איז ביי זיי געבליבן.

11

אין מיאַמי־ביטש זיינען זיי ביידע איינגעשטאַנען אין דעם זעלבן האָטעל אַנטקעגן ים. זיין צימער איז געווען דער צווייטער פון אירן. לילי האָט מיט־גענומען אַהין אויך מיס גרין.

אין אַ שיינעם אָוונט איז ער געזעסן אַליין אויף דעם באַלקאָן פון האָטעל און האָט אַרויסגעקוקט צום טיף־בלויען ים, וואָס איז באַגאָסן געווען מיט אַ וואונדערלעכן לבנה־שיין. פון אונטן האָט זיך געטראָגן דאָס מורמלען פון די בלויע ים־כוואַליעס, און וייט־אַוועק אויפן ים האָבן זיך געטראָגן שיפן מיט ווייסע זעגלען.

ער איז געזעסן אין אַ באַקוועמען וויג־שטול, האָט געקוקט און הנאה געהאַט פון דעם שיינעם, וואַרעמען אָוונט (בפרט נאָך, ווען ער האָט נאָר־וואָס געלייענט אין דער צייטונג, אַז ניו־יאָרק פרירט און אַז דאָרט איז געווען אַ גרוי־סער שניי־שטורעם), און הנאה געהאַט פון דעם שיינעם ים, און ער איז געווען רואיק און גליקלעך, ווי אַ מענטש, וואָס ער איז צופרידן מיט דער וועלט און מיט זיך אַליין. נאָכדעם האָט זיך די קליינע מיס גרין באַוויזן אויפן באַלקאָן און איז צוגעגאַנגען צו אים.

— ווי געפעלט איך אַזאַ אָוונט, מיס גרין?

— וואונדערלעך!

— זעט, וואָס פאַר אַ ים! און וואָס פאַר אַ לבנה! איך קאָן זיך גאָר ניט אָפּוואונדערן. דער גרעסטער מאָלער וואָלט אַזאַ בילד ניט געקאָנט אויפמאָלן. מען קוקט־איבער פּאַלמען־ביימער און מען זעט אַזאַ בלויען ים און אינמיטן באָדט זיך אַזאַ פייערדיקער לבנה־קאָפּ. עך, וואָס פאַר אַ בילד!...

— יאָ! — האָט זי מיט אים מסכים געווען און געקוקט אויף אים פאַרטראַכט.

— אין ניו־יאָרק איז אַ גרויסער שניי־שטורעם, — האָט ער ווייטער גע־רעדט — און מען פרירט דאָרט.

— יאָ, איך ווייס. איך האָב גערעדט היינט קיין ניו־יאָרק מיט מיסטער מאַרשאַלן. לילי האָט מיך געבעטן דאָס צו טאָן.

— לילי האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן?

— יאָ. זי פילט זיך מיד פון נעכטן.

אַ ווײַלע האָבן זיי דערנאָך ביידע געשוויגן. ער איז געזעסן אויף זיין וויג־שטול און זי, מיס גרין, האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אָן דעם פאַרנעטש פון דעם באַלקאָן און אַרונטערגערוקט אויף דער שטילער גאַס.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן, קוקנדיק אויף איר רוקן, פאַר זיך:

— וואָס האָט איר מיט מיר פריער געוואָלט רעדן, מיס גרין?

זי האָט זיך האַסטיק אויסגעגלייכט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים.

— וועט איר ניט זיין בייז אויף מיר, ווען איך וועל אייך עפּעס זאָגן? — האָט זי זיך אָנגערופן.

— ניין, זיכער ניט, מיס גרין, — האָט ער געענטפערט אַ פאַרוואונ־דערטער.

— אויב אַזוי זאָלן מיר אַרונטערגיין אין פּאַרק. דאָרט וועט זיין באַ־קוועמער צו רעדן.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי געזעסן אויף אַ באַנק הינטער אַ גרופּע פּאַלמען אין דעם פּאַרק, וואָס האָט זיך געצויגן קעגן זייער האָטעל ביים ים. אַרום זיי איז געווען שטיל. פון דאָ און דאָרט האָט צו זיי זיך דערטראָגן צייטנווייז אַ פאַרסודעט פליסטערן פון אַ פּאָרל, וואָס איז דאָרט ערגעץ געזעסן, און דאָס מורמלען פון די ים־כוואַליעס.

— אַלזאָ, וואָס ווילט איר מיר זאָגן? — האָט מאַקס זיך דערנאָך אָנגערופן.

— מאַקס, פאַרוואָס אַרבעט איר ניט? — האָט מיס גרין געפרעגט מיט־אַמאָל ערנסט.

— פאַרוואָס איך אַרבעט ניט? איך אַליין וואָלט דאָס אויך געוואָלט וויסן.

מיס גרין האָט אים דערציילט, אַז שוין לאַנג קלייבט זי זיך צו רעדן מיט אים דערפון, און זי האָט גערעדט צו אים וואַרעם און האַרציק וועגן דעם, פאַרוואָס אַזאַ קינסטלער, ווי ער, דערהרגעט אַזוי די צייט און אַרבעט ניט, און ענדיקט ניט זיין „אייביקן ייד״ — אַזאַ ווערק! . . .

— איך קאָן מיר ניט העלפן. איר פאַרשטייט, מיס גרין? איך ווייס אויך, אַז איך האָב דאָס ניט געטאָרט דערלאָזן, אָבער זי איז שטאַרקער פון מיר. איך שעם זיך פאַר אייך דאָס צו זאָגן, אָבער, לײַדער, איז דאָס אמת. זי האָט ביי מיר צוגענומען מיין זעלבסטשטענדיקייט, מיין מוט און מיין גלויבן אין זיך.

עס איז געלעגן אַזאַ טיפער וויטיק, אַזאַ טרויער אין זיינע ווערטער, אַז מיס גרין האָט דערפילט אַ רחמנות צו אים. אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן און נאָכגעטראַכט, נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— וואָס איז געוואָרן פון אייער ווערק, איבער וועלכן איר האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט, מאַקס?

ער האָט אַ זיפץ געטאָן:

— גאָרניט.

— וואָס הייסט „גאָרנישט״? איז דאָס ניט אַ פאַרברעכן, וואָס די בעסטע צייט גייט ביי אייך אָוועק אין גאָרנישט? טאָג־איין און טאָג־אויס קוק איך זיך צו צו אייך אין די לעצטע עטלעכע וואָכן און וואַרט אויף דעם טאָג, ווען איר וועט זיך אָוועקזעצן אַרבעטן. איר זייט דאָך איצט אויסגערוט. פאַרוואָס זעצט איר זיך ניט אַרבעטן ווייטער אויף אייער ווערק?

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט געמאַכט עטלעכע טריט צו אַ דערבייאיקן פאַלם־בוים און איז געבליבן שטיין אָנגעשפאַרט אָן אים מיטן רוקן און האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— איר זייט בייז אויף מיר. איך ווייס, מאַקס, אַז איך האָב קיין רעכט ניט מיט אייך אַזוי צו רעדן.

— ניין, ניין, אדרבה, עס איז גוט וואָס איר רעדט צו מיר דערפון, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

ער האָט זיך גענומען רייבן דעם שטערן מיט אַ האַנט, ווי ער וואָלט אים וויי געטאָן, און שטיל צוגעלייגט:

— איך טראַכט שוין ניט וועגן יענעם ווערק. איך האָב דעם הויפּט־מאָטיוו פאַרלאָרן, דעם הויפּט־ניגון פאַרלאָרן. און אויסער דעם, מיס גרין, עמעצער שטערט מיר.

— וואָס הייסט?

— יאָ, מען שטערט מיר. זי שטערט מיר, לילי, — האָט ער גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט איר דערציילט אַ סוד.

— פאַרוואָס לאָזט איר זיך שטערן?

— זי וויל ניט איך זאָל אַרבעטן. ווי זי איז פריער געווען פלאַם־פייער פאַר מיין דערפאָלג, אַזוי וויל זי איצט דערפון ניט הערן. דאָס נעמט ביי מיר צו מיין גאַנצן מוט.

מיס גרין האָט זיך אויך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו אים. זי האָט געזאָגט:

— און איר שעמט זיך ניט אַזוי צו רעדן? איך האָב דאָס שוין לאַנג באַמערקט און לאַנג האָב איך שוין געוואָלט מיט אייך רעדן וועגן דעם. צוליב די קאַפּריזן פון אַזאַ צעבאַלעוועטער, פאַרצערטלטער פרוי האָט איר דעם מוט פאַרלאָרן, די אַרבעט אָוועקגעוואָרפן. און דאָס רעדט אַ קינסטלער, אַ מענטש מיט אַזאַ גרויסן טאַלאַנט, אַ יונגערמאַן מיט אַזאַ גלענצנדער צוקונפט פאַר זיך!

אַ ווײַלע איז דערנאָך שטיל געווען. מאַקס האָט פאַרטראַכט גענומען עפּעס פייפן. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— עך, כאַפּט עס דער טייוול! ווייס איך וואָס! איר דענקט אויך, אַז איך דאַרף נאָכאַנאַנד זיצן און אַרבעטן, כדי די וועלט זאָל, חלילה, ניט פאַרלירן די אוצרות, וואָס איך קאָן שאַפן? נאַרישקייטן! עס זיינען פאַראַן גענוג מענטשן, וואָס שמירן נאָטן אַחוץ מיר!...

— אָבער, מאַקס, וואָס טוט זיך עס מיט אייך? איר רעדט דאָס אַזוי?

— איך קאָן ניט אַרבעטן, איך קאָן ניט, — האָט ער צערייצט געזאָגט.

— אַזוי לאַנג ווי איך ווייס, אַז לילי איז דאָ אַרום, מוז איך זיין לעבן איר. נו, איך מוז. וואָס קאָן איך זיך העלפן? — האָט ער צוגעלייגט שטיל, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, און אומבאַהאָלפן אַ פיר געטאָן מיט זיינעביידע הענט.

— איך שעם זיך פאַר אייך, איר גרויסער קינסטלער! — האָט מיס גרין אויסגעשריען.

מאַקס האָט מיט אומגעדולד איבערגעשלאָגן:

— מיך וואונדערט וואָס איר זאָלט אַזוי רעדן. איך האָב געמיינט, אַז איר זייט לילים פריינדין.

— יאָ, איך בין איר פריינדין, אָבער אייער פריינדין בין איך אויך. און אַ פאַרערערין פון אייער טאַלאַנט בין איך, און עס טוט מיר ווי, מאַקס, עס טוט מיר אויפריכטיק ווי פאַר אייך. איך וואָרן אייך, הייבט־אָן צו אַרבעטן. אַניט וועט קומען אַ טאָג ווען איר וועט ווערן אומצופרידן, ווען די וועלט וועט אייך אויפהערן צו לויבן. גלויבט מיר, איך קען זי. אין האַרצן וואַרט זי אויך אויף אַ גרויס ווערק פון אייך.

— און דאָך לאָזט זי מיך ניט אַרבעטן. זי וויל ניט איך זאָל אַרבעטן.

און ער האָט אָנגעכאַפּט מיס גרין פאַר אַן אָרעם און איז מיט איר צוריק צוגעגאַנגען צו דער באַנק, און זיי ביידע האָבן זיך דאָרט אַוועקגעזעצט.

— הערט־אויס, מיס גרין, — האָט ער זיך נאָכדעם אָנגערופן שטיל און צעטראָגן. — איך בין יאָ צופרידן, וואָס איר רעדט מיט מיר וועגן דעם. אָי, מיר אַליין ווילט זיך דאָס אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר עמעצן. איר זייט דער ריכטיקער מענטש פאַר דעם, ווייל איר זייט אונדזער ביידנס פריינט. מעגט איר דערפאַר אַלצדינג וויסן. איר הערט? גאַנץ אָפט בין איך זייער אומ־גליקלעך. איך פיל, אַז איך בין אַ פאַרלאָרענער. איך פרעג זיך אַליין: וואו איז דאָס אַלצדינג? וואָס איז פון מיר געוואָרן? נאָך יענעם דערפאָלג מיינעם האָב איך געגלויבט, אַז איך וועל איבערקערן וועלטן מיט נייע, גרויסע ווערק. און צום סוף האָב איך אַפילו מיין לעצט ווערק, איבער וועלכן איך האָב גע־אַרבעט מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, מיט אַזאַ ליבע, ניט פאַרענדיקט. געמוזט דאָס אַוועקוואַרפן אינמיטן דער אַרבעט!

ער האָט ווידער אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און צוגעלייגט שטיל, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— שלעכט, מיס גרין, שלעכט. אָט ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך וועל שוין קיינמאָל מער ניט קאָנען עפּעס שאַפן.

— מאַקס, דאָס ווייזט זיך אייך אויס. איר וועט נאָך אַ סך שאַפן, — האָט מיס גרין אויסגעשריען מיט היץ. — איר דאַרפט זיך נאָר אַריינגעמען אין די הענט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט מיט שטאַרע אויגן אַרויף, איבער די שפּיצן פון די פאַלמען־ביימער, וואָס האָבן זיך געטונקלט אין לבנה־שיין. נאָכדעם האָט ער גערעדט ווייטער פאַרטראַכט און צעטראָגן און געקוקט אַלץ אַרויף, איבער די באַזילבערטע קעפּ פון די פאַלמען־ביימער.

— איך האָב טויזנט פלענער און קאָן קיין איינעם ניט אויספירן. איך האָב טויזנט אידייען און קאָן קיין איינע ניט כאַפּן. זיי פאַרשווינדן אַזוי גיך ווי איך צי־אויס די האַנט נאָך זיי. און טאָמער ווייזט זיך מיר אויס אַמאָל, אַז איך האָב יאָ עפּעס געכאַפּט, זע איך זיך באַלד אַרום, אַז עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז... אָדער אפשר ווייס איך יאָ, נאָר קיין ענערגיע איז ניטאָ, די באַגייסטערונג איז ניטאָ. איר ווייסט? מיר פעלט עמעצער . . .

— ווער פעלט אייך?

— ווער? — האָט ער איבערגעפרעגט פאַרטראַכט. — איך האָב אַמאָל געהאַט אַ נאָענטן מענטשן, וואָס האָט שטענדיק מיך באַגייסטערט צו שאַפן.

— איך ווייס. איר מיינט דאָך לאָראַן? יענע, וועלכע איז איצטער אין לאָנדאָן?

— יאָ. פונוואַנען ווייסט איר וועגן איר?

— לילי האָט מיט מיר אַ סך מאָל גערעדט וועגן איר.

— יאָ, אָט־די מיין איך. איך האָב זי אַלעמאָל גערופן „מיין מוזע". זי האָט מיך באַגייסטערט. יעדער בליק פון אירע אויגן איז געוואָרן אַ טאָן; יעדעס וואָרט — אַ ניגון... ווען זי איז מיט מיר געווען, האָט אין מיר אָן אויפהער געזונגען און געקלונגען... דעמאָלט האָב איך געפילט, אַז איך וועל אויפטאָן די גרעסטע זאַכן.

מיס גרין האָט זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס קאָן לילי אייך אַזוי ניט באַגייסטערן? עס איז מיר אַ גרויסער וואונדער. איך ווייס, ווי זי האָט אייך ליב, ווי זי שאַצט אייער טאַלאַנט און אייער אַרבעט, און זיכער איז זי ניט ווייניקער אינטעליגענט איידער לאָראַ. מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם?...

— איך ווייס ניט, — האָט מאַקס געענטפערט כמעט פאַרצווייפלט. איך פיל, אַז מיין אַרבעט אינטערעסירט איר ניט. אַן אַנדערש מאָל באַמערק איך אין אירע אויגן אומגעדולד און גלייכגילטיקייט בעת איך רעד מיט איר וועגן מיין אַרבעט. ווי זי וואָלט מיר מיט אַ מעסער אין האַרצן געשטאָכן, פיל איך אַמאָל אין אַזאַ צייט.

— אויב אַזוי, בלייבט פאַר אייך בלויז איין זאַך צו טאָן: איר מוזט זיך מיט לילין צעשיידן, כאָטש אויף אַ קורצער צייט.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ.

— שוין געפּרואווט דאָס אויך, און ניט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל. נו, העלפט עס דען עפּעס? אַרבעטן דעמאָלט קאָן איך דאָך נאָך ווייניקער. מיין גאַנצער מוח איז דאָך דאָן פאַרנומען מיט איר. וואו איז זי איצט? מיט וועמען פאַרברענגט זי דאָרט? און צי טראַכט זי וועגן מיר דאָרט? אַך, זאָל מיך דער טייוול נעמען!...

מיס גרין האָט אַ שמייכל געטאָן און באַמערקט האַלב־שפּאַטיש און האַלב מיט פאַרדרוס:

— יאָ, איר זייט גוט פאַרפאַקט, זע איך! אָבער, — האָט זי זיך פאַרכאַפּט, — לילי איז ניט ווייניקער פאַרפאַקט פון אייך. איך ווייס, וואָס איך רעד. דערפאַר פּרואווט זיין אַ מענטש, פּרואווט זיין אַ מאַן מיט כאַראַקטער. פּרואווט מיט איר אַ שמועס טאָן ווי געהעריק איז, פעסט און פריי. עס וועט העלפן. איך פאַרזיכער אייך. זאָגט איר, אַז איר זייט פעסט אַנטשלאָסן צו אַרבעטן

אומגעשטערט און זי וועט אייך פאַרשטיין. און זי וועט פאַר אייך דערנאָך מער רעספּעקט האָבן. טוט עס. איך וועל אייך אויך העלפן...

— איך וויל נאָר, אַז זי זאָל מיר ניט שטערן — האָט ער דערנאָך געזאָגט.

— ווענדט זיך עס אינגאַנצן פון אייך. קומט! איר גייט, מאַקס?

— ניין, איך וועל נאָך דאָ אַ ווײַלע בלײַבן.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט מיס גרין נאָכדעם געזאָגט און איז אַוועק צום האָטעל.

מאַקס איז פאַרבליבן אינעם פּאַרק. ער האָט דאָרט אַרומגעשפּאַצירט צווישן די פּאַלמען אַ לאַנגע צײַט, איז צוגעגאַנגען צום ים און האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד און געקוקט, ווי דער פײַערדיקער לבנה־קאָפּ האָט זיך דאָרט געטובלט אין דעם וואַסער...

12

אויף מאָרגן, ווען לילי מיט מיס גרין זײַנען געזעסן אויפן זאַמד ביים ברעג ים אין זייערע באָד־קאָסטיומען אונטער אַ גרויסן שירעם און זיי האָבן געוואַרט אויף מאַקסן, האָט מיס גרין זיך מיטאַמאָל אָנגערופן:

— איך קלײַב זיך מיט דיר וועגן עפּעס צו רעדן, לילי.

— וועגן וואָס?

— וועגן מאַקסן. דו ווייסט, איך האָב מיט אים נעכטן געהאַט אַ האַרץ־צו־האַרץ־שמועס, און וועגן דעם וויל איך מיט דיר רעדן.

לילי האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— וועגן דעם? אדרבא!

— וועגן דעם, וואָס עס גייט ביי אים אַוועק די צײַט אויף גאָרנישט.

— אויף גאָרנישט? — האָט לילי אַ לאַך געטאָן. — און איך גראָד ווייס, אַז די צײַט גייט ניט אַוועק ביי אים אויף גאָרנישט.

— ער אַרבעט ניט, לילי!

— ער וועט נאָך אַרבעטן.

— לילי, אַ קינסטלער מוז אַרבעטן, אַניט גייט ער פאַרלאָרן. דו האָסט געדאַרפט זען, אַז ער זאָל אַרבעטן. אַ גרויסער קינסטלער גייט פאַרלאָרן, לילי, אַ גרויסער טאַלאַנט. דו קאָנסט אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל ווידער אָנהייבן צו שאַפן.

— איך זוך אויף אים צו ווירקן, אַז ער זאָל מיך ליבן. דאָס איז דער עיקר פאַר מיר. אַז ער זאָל זײַן פול מיט מיר. נאָר מיט מיר... יאָ, יאָ, אויב

דו האָסט שוין געגומען וועגן דעם רעדן, זאָלסטו דאָס וויסן. אַרבעטן וועט ער קאָנען שפּעטער אויך. ער איז נאָך יונג. איצט אָבער זאָל ער מיך ליבן און וועגן מיר טראַכטן. אָט־דאָס, וואָס אינטערעסירט מיך הייַנט!...

מיס גרין האָט מיט אַ פאַרוואונדערטער מינע זיך אָפּגערוקט פון איר און זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— איך וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געגלויבט אויף דיר!

— קענסטו מיך ניט! אויב איך דערלויב זיך מיט אים, וואָס איך האָב זיך קיינמאָל ניט דערלויבט מיט קיין אַנדערן, באַווייזט עס עפּעס... און גאָר אינגיכן וועל איך דיך איבערראַשן מיט נאָך עפּעס אויך...

— מיט נאָך עפּעס? מיט וואָס נאָך וועסטו מיך איבערראַשן?

האָט לילי איר דערנאָך געענטפערט אין אַ פעסטן טאָן:

— איך האָב באַשלאָסן צו גטן זיך מיט מיין מאַן און דאַן ווערן אַ מאַמע...

— האַ? — האָט מיס גרין אַנגעשטעלט אויף לילין אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— יאָ, ווי דו הערסט, אַזוי וועט דאָס זיין. נאָכדעם וועט מאַקס קאָנען שאַפן זיינע ווערק, וואָס זאָלן דיך און די גאַנצע וועלט באַגייסטערן...

זי האָט געוואָלט וויַיטער רעדן, נאָר דאָ איז אַנגעקומען מאַקס אין זיין באַד־קאָסטיום, און זיי אַלע זאָלבעדריט זיינען אַוועק זיך באָדן.

פונדעסטוועגן האָט מאַקס יענעם נאָכמיטאָג גערעדט מיט לילין וועגן זיין אַרבעט. די רייד פון מיס גרין האָבן געווירקט אויף אים. נאָכמיטאָג, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט לילין פון אַ שפּאַציר און איז געזעסן ביי איר אין צימער מיט איר אַליין, האָט ער זיך דעמאָלט מיטאַמאָל אַנגערופן:

— לילי, איך וויל פאָרן קיין ניו־יאָרק.

— וואָס עפּעס מיטאַמאָל?

— איך מוז אַרבעטן, איך מוז, לילי.

— אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן, — האָט זי אויסגעשריען שטיפעריש. — פעלט דיר עפּעס אָן דעם? ביסטו ניט גליקלעך אַזוי?

— לילי, שוין־זשע אַרט דיך גאַרניט, וואָס פון מיר וועט ווערן? איך גיי דאָך פאַרלאָרן!

— די צייט, וואָס דו פאַרברענגסט מיט מיר, הייסט ביי דיר „פאַרלאָרן"! זייער שיין.

— אוי, ניין, — האָט ער געענטפערט. — דו ווייסט, אַז ניט דאָס האָב איך געמיינט. יעדע מינוט, וואָס איך בין מיט דיר, בין איך גליקלעך. אָבער דאָס האָט דאָך ניט צו טאָן מיט דער אַרבעט. ניט אַזוי? און אַ קינסטלער מוז דאָך אַרבעטן, ווען ער וויל פאַרבלייבן אַ קינסטלער. ניט אַזוי, לילי?

ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן, ווי ער וואָלט וועלן אָוועקטרײַבן עפּעס אַ געדאַנק, וואָס האָט אים געמאַטערט.

לילי האָט ניט געענטפערט. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ פענצ־טער, וואו אויף אַ קאַרניז אונטער אים האָבן עטלעכע פייגעלעך געסוויטשערט, רייסנדיק זיך צווישן זיך פאַר ברויט־ברעקלעך, און זי האָט, דאַכט זיך, מיט גרויס אינטערעס זיי נאָכגעקוקט.

נאָך אַ קורצן שווייגן האָט מאַקס ווייטער גערעדט:

— איך פיל, לילי, אַז איך גיי אונטער, און איך פיל אויך, אַז דיך אַרט דאָס ניט. פאַרקערט, אַז דו ביסט צופרידן פון דעם...

ער איז געשטאַנען פאַר איר אַ נערוועזער מיט צעפלאַמטע אויגן.

זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון די פייגעלעך און אָנגעקוקט אים און זיך וואָרעם צעשמייכלט. דערנאָך איז זי צו אים צוגעגאַנגען און האָט אַרויפ־געוואָרפן אירע אָרעמס אויף זיין האַלדז, פעסט זיך צוגעדריקט צו אים און גענומען פליסטערן:

— דו ליבער, ליבער, נאַרישער ייִנגל. געוויס דאַרפסטו אַרבעטן. און דו וועסט נאָך אַרבעטן, און דו וועסט נאָך שאַפן גרויסע, גרויסע ווערק, אויף וועלכע מיר ביידע וועלן שטאָלץ זיין. אָבער באַרעכן אויך, אַז מיר זיינען ניט געקומען אַהער, אַז דו זאָלסט דאָ אַרבעטן; געקומען אַהער זיינען מיר בלויז אויף פיר קורצע, שנעל־לויפנדיקע וואָכן, און מיר זאָלן דאָס ניט אויסנוצן פאַר אונדזער גליק, ווי ווייט מיר קענען? ביסטו ניט גליקלעך געווען? בין איך ניט גליקלעך געווען?

זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים און איר הייסער אָטעם האָט אים פאַר־שיכורט, און ער האָט געטרונקען אירע קושן אין ווילדער צעטומלטקייט.

און זי האָט גערעדט ווייטער מיט אַ טאָן, וואָס איז ווי אין פייער געטונקט געוועזן:

— דער איינציקער מאַן ביסטו, וואָס איך האָב ליב, וואָס איך האָב ווען־עס־איז ליב געהאַט. און איצט קום, זע ווי די זון שטראַלט! זע, וואָס פאַר אַ ים, וואָס פאַר אַ הימל, וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט און וואָס פאַר אַ ליכטיקייט! און אַזוי ווי דאָרט, איז ביי מיר אויפן האַרצן. דערפאַר טראַכט ניט וועגן דיין אַרבעט. איצט וויל איך דיך אָוועקרייסן פון דעם; איצט בין איך איפערזיכטיק צו דיין אַרבעט; איצט בין איך איר קאָנקורענטקע און איך וויל זיין שטאַרקער פאַר איר! נו, אַזאַ קאַפּריז האָב איך! נו, בין איך אַ קאַפּריזנע, דערפאַר געפעל איך דיר ניט, וואָס? דערפאַר וועסטו מיך נישט ליבן, וואָס?

און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך איבערגעשלאָגן:

— דו ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? איך וויל זיך דורכפאָרן איבערן

בעי. קום, דאָרט אויף דער שיף וועסטו מיט מיר קאָנען רעדן אפילו פון דיין אַרבעט, אויב דו וועסט וועלן. קום!

איר קול איז געוואָרן אַזוי ווייך און וואַרעם, איר שמייכל אַזוי כישופדיק.

ער איז אַוועק מיט איר.

13

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ער זיך צוריקגעקערט אין זיין צימער.

זיי זיינען געפאָרן אויף אַ שיף איבערן בעי און דערנאָך אַוועקגעפאָרן אין אַ מאַשין פון מיאַמי קיין האַליוואָוד, און זיי האָבן געגעסן מיטאָג אין דעם דאָרטיקן גרויסן האָטעל, און פון דאָרט זיינען זיי שפּאַצירן געגאַנגען און האָבן געפּלוידערט און געלאַכט. און אויפדערנאַכט זיינען זיי ווידער אַרויסגעפאָרן אויף אַ שיף איבערן ים פאַר לבנה־שיין.

אַ פּאָר מאָל האָט מאַקס זי ווידער דערמאָנט וועגן זיין אַרבעט, געוואָלט מיט איר רעדן וועגן דעם, אָבער אומזיסט. זי האָט אים שטענדיק אונטער־בראָכן מיט באַמערקונגען וועגן דער שיינער, בלויער נאַכט, צי וועגן דעם פאַרחלומטן לבנה־שיין. צי זי איז גאָר צוגעפאַלן מיט איר רויטן קאָפּ צו זיין אַקסל און האָט געדריקט זיך צו אים און ניט געלאָזט אים אַ וואָרט אויסרעדן.

ערשט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין צימער, האָט ער פריי געקאָנט ווידער טראַכטן וועגן זיין אַרבעט, און ער האָט געטראַכט:

„ווידער אַ טאָג פאַרלאָרן. וואָס וועט זיין דער סוף? . . .“

און אַ שווערער אומעט האָט אים גענומען דריקן. ער האָט געפילט, ווי ווייניק ער איז געווען דער בעל־הבית איבער זיך אַליין. זיין „איך“ איז געלעגן אין אירע הענט, ווי אַ שטיק ווייכע טייג. זי האָט געקנאָטן פון אים, וואָס נאָר זי אַליין האָט געוואָלט.

אַזוי איז דאָס היינט געווען און אַזוי נעכטן, און אַזוי וועט דאָס זיין מאָרגן און איבערמאָרגן, און יעדן טאָג . . .

דעם אָוונט, איידער זיי זיינען צוריקגעפאָרן אַהיים קיין ניו־יאָרק, האָבן זיי פאַרבראַכט אין אַ נאַכט־קלוב אין מיאַמי־ביטש. איינער פון די רייכסטע פּלעצער איז דאָס געווען, וואו נאָר מיליאָנערן האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען דאָרט צו פאַרברענגען. דאָרט האָבן זיי פאַרבראַכט ביז דריי נאָך האַלבער נאַכט. זיי האָבן געטרונקען און זיך צוגעהערט צו גוטע מוזיקער און זינגער, און האָבן זיך צוגעקוקט צו גוטע טענצער, און האָבן אַליין געטאַנצט צוזאַמען מיט די אַנדערע געסט. און ווען זיי האָבן דערנאָך פאַרלאָזן דעם קלוב, זיינען זיי ביידע געווען פריילעך אויפגעלייגט.

ווען זיי זיינען געקומען אין האָטעל און זיינען מיטן עלעווייטאָר אַרויף אויפֿן שטאָק, וואו זייערע צימערן האָבן זיך געפֿונען, האָט לילי גענומען מאַקסן אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— מאַקס, איך דאַרף דיר עפּעס דערציילן. קום אַריין צו מיר אין צימער.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און זיך אָנגערופֿן:

אפֿשר אַפֿריער זיך איבערטאָן?

— ווי דו ווילסט.

און זי האָט צוגעלייגט מיט אַ סוד אין אירע בלויע אויגן:

— אָבער קום גיכער, אַניט קאָן איך חרטה האָבן און דיר ניט דערציילן דאָס, וואָס איך קלייב זיך דיר צו דערציילן שוין לאַנג.

האָט ער געמאַכט אַ פֿאַרוואונדערטע מינע, האָט אָבער קיין וואָרט ניט געזאָגט און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

לילי איז דערנאָך אויך אַוועק צו איר אין צימער און זי האָט זיך אויך דאָרט האַסטיק איבערגעטאָן. נאָכדעם האָט זי גענומען וואַרטן אויפֿן מאַקסן.

ער איז אַריינגעקומען מיט ווייכע, גנבהדיקע טריט, אין אַ זיידענעם שלאָפֿראָק. זי איז געזעסן אין אַ פֿאָטעל, די רויטע האָר צעלאָזט און צעוואָרפֿן איבער אירע אַקסלען, און אָנגעטאָן איז זי געווען אינגאַנצן אין ווייסן, ווי אין ווייסע שלייערס איינגעהילט.

— זעץ זיך, מאַקס! — האָט זי אים געוויזן אויף אַ פֿאָטעל דערביי.

און אַז ער האָט זיך געזעצט, האָט זי גערעדט ווייטער:

— מיר פֿאָרן מאָרגן אַהיים. איך פֿאָר צו מיין מאַן און איך קלייב זיך אים עפּעס צו זאָגן, וואָס דו דאַרפֿסט אויך וויסן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פֿאַרוואונדערט און געפֿרעגט:

— וואָס מיינסטו?

— אָט וועגן דעם וויל איך מיט דיר רעדן, מאַקס. אייגנטלעך האָב איך שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר וועגן דעם רעדן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך איינגעגעסן אין זיין פּנים מיט אירע אויגן און דערנאָך האָט זי מיטאַמאָל געפֿרעגט:

— מאַקס, וואָלסטו וועלן זיין מיין מאַן?

האָט ער זי אָנגעקוקט נאָך מער פֿאַרוואונדערט.

— איך פֿאַרשטיי דיך ניט. וואָס רעדסטו?

— איך מיין: מיין מאַן . . . מיין מאַן פֿאַר דער גאַנצער וועלט . . . איך האָב באַשלאָסן זיך צו גטן מיט מיסטער מאַרשאַל.

פֿאַר איבערראַשונג איז מאַקס געבליבן זיצן ווי אַ געליימטער. ער האָט נאָר ברייט געעפֿנט זיין מויל און אויסגעגלאָצט די אויגן אויף איר.

— וואָס דענקסטו דערפון, מאַקס? — האָט זי געֿרעדט ווייטער.

ער האָט געשוויגן.

— ענטפער. וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

ערשט דעמאָלט האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— דאָס איז אַזאַ וויץ...

— איך מיין ערנסט. איך האָב שוין גערעדט דערפון מיט מיס גרין אויך. פרעג ביי איר.

און זי איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו אים און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אים אויף די קני, האָט פאַרוואָרפן איין אָרעם אַרום זיין נאַקן און צוגעדריקט אַ באַק צו זיינער.

— וואָס איז? דיר געפעלט ניט דער שידוך מיט מיר? — האָט זי דערנאָך, אַזוי ווי זי איז געזעסן ביי אים אויף די קני, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— איז דאָס ניט אַ חלום? — איז מאַקס נאָך ניט געקומען צו זיך פון זיין איבעררֿאַשונג. — ביסטו דאָס טאַקע לילי אויפן וואָר? און דו רעדסט עס?

— דו האָסט מיר ניט געענטפערט אויף מיין פראַגע, מאַקס. ענטפער: שטייט דיר אָן דער שידוך מיט מיר? ווילסטו, אַז איך זאָל זיין דיין ווייב פאַר דער גאַנצער וועלט?

— אויב דו לאַכסט ניט פון מיר, לילי, וויל איך. איך אַליין וואָלט ניט געוואָגט דערפון צו טראַכטן אפילו אין חלום...

— וועט עס געשעען אויפן וואָר.

און זי איז צוגעפאַלן צו אים מיט די ווערטער:

— מיין מאַן!

ניט ער און ניט זי האָבן נאָכדעם געקאָנט שלאָפן. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו זיך פאַר פרייד. ער האָט איר אָבער אויך געוואָרנט, אַז איידער זי טוט עס, זאָל זי זיך גוט באַטראַכטן. זי זאָל ניט פאַרגעסן, אַז איר מאַן איז אַ מיליאָנער און אַז זי וועט זיך מוזן אָפּזאָגן פון גאָר, גאָר אַ סך באַקוועמלעכקייטן, צו וועלכע זי איז צוגעוואוינט, אויב זי זאָל ווערן זיין ווייב.

— איך ווייס דאָס אַלצדינג, קינד. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די אַלע באַקוועמלעכקייטן, ווען מען מוז דולדן איינע אַזאַ שווערע אומבאַקוועמלעכקייט, ווי מיסטער מאַרשאַל. איך אַליין וועל זיך נאָכדעם מער רעספּעקטירן. איך האָב דאָס שוין לאַנג געדאַרפט טאָן. איצט פיל איך, אַז איך קאָן דאָס טאָן; אַז עס איז מיר לייכט דאָס צו טאָן; אַז איך קאָן דאָס טאָן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, און איך טו עס!

— און דו וועסט זיין צופרידן, ווען איך וועל ניט זיין רייך, לילי?

— איך וועל ניט טראַכטן דערפון. אַחוץ דעם, האָב איך אַליין אַ שטיקל איינקונפט פון אַ פּאָר הייזער, וואָס איך פאַרמאָג. וועט זיין גענוג פאַר אונדזביידן. און דו פאַרדינסט אויך, און שפּעטער וועסטו נאָך מער פאַרדינען, סיי פון דיינע שילער און סיי פון דיינע ווערק. און אפילו ווען דאָס וואָלט ניט געווען, זיינען מיר אויך ביידע גענוג רייך מיט אונדזער ליבע...

14

אויף מאָרגן האָבן זיי פאַרלאָזן מיאַמי ביטש צוזאַמען מיט מיס גרין. אין דעם וואַגאָן זיינען לילי און מאַקס געזעסן איינער לעבן אַנדערן און אויף אַ זיץ הינטער זיי — מיס גרין.

דער צוג איז געלאָפן. זיי האָבן ארויסגעקוקט דורך אַ פענצטער. פאַר זייערע אויגן האָבן זיך געטראָגן העלע, ליכטיקע בנינים, בלומען — גאַנצע גאָרטנס, פּאַלמען הויכע, מיט קעפּ ווי צעלאָזטע פעכערס און מיט שווערע קאָקאָנאָטס אונטער די צווייגן. דערנאָך איז דאָס אַלצדינג פאַרשוואונדן און עס האָט זיך אַ טראָג געטאָן פאַר זייערע אויגן שטיקער וויסטעניש, ערד ווי אויסגעמישט מיט אַש, אָן אַ גרעזעלע אַפילו. באַלד איז דאָס פאַרשוואונדן און דער צוג איז ווידער אַריינגעפאָרן אין אַ גריבער, ליכטיקער וועלט, וואו בנינים האָבן מיט ליכטיקייט געשלאָגן און גאַנצע גאָרטנס בלומען מיט די זעלטנסטע פאַרבן און קאָלירן.

לילי האָט זיך אָנגערופן צו מאַקסן:

— וואָס פאַר אַ וואונדער דער מענטש האָט דאָ באַוויזן. ער האָט פאַרוואַנדלט אַ מדבר אין אַ גן־עדן ממש. וואָס איז אָט־די געגנט פריער געווען? זומפּן און שטיקער וויסטע לאַנד, וואו בלויז דערנער זיינען געוואַקסן. איז געקומען דער מענטש און האָט פון דעם אַ גן־עדן געשאַפן.

מאַקס האָט איר מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן:

— אַנטשולדיק! זע נאָר ווער עס זיצט דאָרט. ראַבי לעווענבערג!

— ראַבי לעווענבערג? וואו?

מאַקס האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ מאַן, וואָס איז דאָרט געזעסן אַביסל ווייטער פון זיי, אויף דער אַנדערער זייט.

— אפשר, — האָט ער צוגעלייגט — זאָל מיס גרין זיך זעצן אויף מיין פּלאַץ און איך אויף אירן?

לילי האָט זיך צעלאַכט:

— ביסט משוגע? — האָט זי זיך אָנגערופן. — ווי שעמסטו זיך ניט? ווי אַ נאַריש יינגל!

האָט מאַקס טאַקע פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך געפּרואווט פאַרענטפערן:

— איך האָב געמיינט, אפשר פאַר דיר איז ניט באַקוועם. כדי מען זאָל דערנאָך ניט רעדן...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— דו רעד ניט. דו רעדסט נאַרישקייטן. אין אַלע צייטן וואָלט איך זיך געפילט באַקוועם. איך וואָלט היינט קיין מורא ניט געהאַט. בפרט איצט. און מיר פאַלט עפּעס איין... אַ סימן מזל זע איך אין דעם, וואָס מיר האָבן אים דאָ געטראָפן, — האָט זי פריילעך זיך איבערגעשלאָגן. — איך וועל טאַקע מיט אים רעדן... באַשטעלן אים... ביי אים אין טעמפּל וועלן מיר פייערן אונדזער חתונה...

מאַקס האָט באַמערקט:

— אײַל זיך ניט, לילי. פריער קום־דורך מיט דיין מאַן.

— וואָס הייסט „דורכקומען"? איך דערקלער אים, און דורכגעקומען!...

און עס האָט זיך געמאַכט, אַז גראָד אין אָט־דער צייט האָט ראַבי לעווענבערג זיי אויך דערזען און ער האָט זיי באַגריסט פונדערווייטן מיט אַ האַנט.

זיי בײדע האָבן אים געענטפערט אויף זיין באַגריסונג. דערנאָך איז מאַקס אויפגעשטאַנען, האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר לילין און איז צוגעגאַנגען צו ראַבי לעווענבערג.

ראַבי לעווענבערג האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצן הויכן, ברייטן וואוקס, ווען מאַקס איז צו אים צוגעגאַנגען, און האָט אים דערלאַנגט אַ ווייסע, אויסגעכאַליעטע האַנט. און שמייכלענדיק צו אים מיט זיינע גרויסע, קאַרע אויגן און דינע ליפּן, האָט ער פריילעך זיך אַנגערופן מיט אַ באַסאָוון קול:

— אײַך דאָ צו טרעפן האָב איך זיך גאָר ניט געריכט. עס פרייט מיך. שוין אַזוי לאַנג אײַך ניט געזען.

מיט זיין רונדן, פולן פּנים, אַן אַ באָרד און אָן וואָנצעס, אַנגעטאָן אינגאַנצן אין שוואַרצן, מיט אַ קליינעם, ווייסן, שטייענדיקן קראַגן אונטער דער גאָמבע, האָט ראַבי לעווענבערג אויסגעזען מער ווי אַ פּריסטער, איידער אַ ייִדישער ראַבי.

און אַזוי ווי דער פּלאַץ לעבן אים איז געווען ליידיק, האָט ראַבי לעווענבערג געבעטן מאַקסן, אַז ער זאָל לעבן אים זיצן, און זיי בײדע האָבן זיך נאָכדעם אַוועקגעזעצט.

— דערציילט מיר, וואָס מאַכט איר? — האָט ראַבי לעווענבערג ווייטער גערעדט מיט זיין באַסאָוון קול. — וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער ווערק

„דער אייביקער ייד״? ווען וועלן מיר זוכה זיין דאָס צו הערן? שוין לאַנג געענדיקט מסתמא.

— ניין, נאָך ניט. דערווייל האָב איך דאָס אָוועקגעלייגט ניט פֿאַרענדיקט.

— האָט מאַקס געענטפֿערט מיט אַן אומעטיקן שמייכל.

— פֿאַרוואָס? — האָט אים ראַבי לעווענבערג אַנגעקוקט פֿאַרוואונדערט.

— אַזאַ ווערק אָוועקלייגן ניט פֿאַרענדיקט האַלט איך פֿאַר אַ זינד. מיר אַלע זיינען אַזוי אַנטציקט געווען פֿון יענע טיילן, וואָס איר האָט פֿאַר אונדז געשפּילט. איר געדענקט? ביי מיר אינדערהיים. שוין באַלד אַ יאָר, דאַכט זיך. אַ שאָד, אַ שאָד! פֿאַר אונדז, יידן, איז אַזאַ ווערק אין דער היינטיקער צייט באַזונדערס וויכטיק.

— דאָס ווערק האָט אַ סך פּעלערן און איך מוז נאָך איבער דעם אַ סך אַרבעטן, איידער איך פֿאַרענדיק עס. דערפֿאַר האָב איך דאָס אויף דערוויילע אָוועקגעלייגט. אַמאָל, שפּעטער, ווען איך וועל זיין פֿאַר דעם אויפֿגעלייגט, וועל איך זיך ווידער נעמען צו דעם, — האָט מאַקס געזאָגט ניט גאָר זיכער.

— אַ שאָד, אַ שאָד! קינסטלערישע קאַפּריזן! — האָט ראַבי לעווענבערג געשאָקלט דעם קאָפּ. — מיין ווייב וועט דערפֿון האָבן צער. זי האָט ניט איין מאָל מיט מיר גערעדט וועגן אָט־דעם ווערק אייערן מיט באַגייסטערונג. און פֿון איר מבינות האַלט איך. זי אַליין איז דאָך אויך אַ שטיקל קינסטלערין.

— וואָס מאַכט זי, מאַדאַם לעווענבערג? — האָט מאַקס אים העפֿלעך איבערגעשלאָגן.

— אָ, זי אַרבעט. זי איז פֿאַרנומען איצט נאָך מער איידער פֿריער. זי האָט אַזוי פֿיל צו טאָן! אַזוי פֿיל יידישע צרות אויף דער וועלט! איז זי טאָג און נאַכט פֿאַרנומען געווען מיט אונטערנעמונגען, מיטינגען. איך האָב קוים ביי איר געפּועלט, אַז זי זאָל פֿאָרן אַהער קיין פֿלאָרידע אויף אַ פּאָר וואָכן זיך אָפּרוען. זי איז דאָרטן געבליבן מיט מיין טאָכטער. איך האָב מיט זיי פֿאַרבראַכט אַ וואָך צייט.

— און וואָס מאַכט אייער טאָכטער, ראַבי לעווענבערג?

— די לעצטע צייט האָט זי גענומען העלפֿן איר מאַמען. און ווער איז עס יענע לעידי, לעבן וועלכער איר זייט דאָרט געזעסן? — האָט ראַבי לעווענבערג מיטאַמאָל אַ פֿרעג געטאָן.

מאַקס האָט אים אַנגעקוקט פֿאַרוואונדערט און זיך אָנגערופֿן:

— איר דערקענט ניט מאַדאַם מאַרשאַל?

— וואָס? — האָט ראַבי לעווענבערג זיך אַ כאַפּ געטאָן. ער האָט אַ קוק געטאָן אַהין, וואו לילי איז געזעסן, און ער האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט מיט

אַ באַסאָון געלעכטער. — איך האָב זי דאָך גאָר ניט דערקענט. ווי פאַרברוינט די בלאָנדע איז עס געוואָרן!

און ער האָט זיך אויפגעהויבן, און מאַקס מיט אים, און זיי זיינען דערנאָך צוגעגאַנגען צו לילין.

— מאַדאַם מאַרשאַל, דאָס זייט איר? — האָט ראַבי לעווענבערג פריילעך איר דערלאַנגט די האַנט. — איך פרעג זיך אַלץ, ווער איז דאָס די שיינע לעידי, וואָס האָט מיך געגריסט, ווען איך האָב באַגריסט אונדזער פריינט, דעם קינסטלער? ערשט דאָס זייט איר! איר פאַרט עס אַהיים? לאַנג דאָ פאַרבראַכט?

לילי האָט אים דערציילט, ווי לאַנג זי האָט פאַרבראַכט אין מיאַמי ביטש. דערווייל האָט ראַבי לעווענבערג באַמערקט אויך מיס גרין און האָט איר אויך געדריקט די האַנט.

שפּעטער זיינען זיי אַלע אַוועק אין דעם אָבזערוואַציע־וואַגאָן און האָבן זיך דאָרט אַוועקגעזעצט.

לילי איז געווען זייער פריילעך אויפגעלייגט און האָט זיך געוויצלט און דערציילט קאָמישע אַנעקדאָטן, און זיי אַלע האָבן געלאַכט.

— וואָס מאַכט מיסטער מאַרשאַל? — האָט ראַבי לעווענבערג דערנאָך אַ פרעג געטאָן.

— וואָס מיסטער מאַרשאַל מאַכט? — האָט לילי זיך אָנגערופן. — איך גלויב, אַז זיין וואָג האַלט ער נאָך אָן. איך האָב אים שוין לאַנג ניט געזען. ער איז אין שיקאַגע. דעם לעצטן בריוו, וואָס איך האָב פון אים באַקומען, איז געווען פון שיקאַגע.

זי האָט זיך צעשמייכלט און זיך מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן:

— דאָס דערמאַנט מיך, ראַביי לעווענבערג, אַז גאָר אינגיכן וועט עמעצער דאַרפן אָנקומען צו אייך.

— אָנקומען צו מיר? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— אָנקומען צו אייך, אַז איר זאָלט געבן אייער ברכה. איך מיין צו אייך אין טעמפּל.

— אַ, דאָס מיינט איר? ווער איז דאָס?

לילי האָט האַסטיק אַ קוק געטאָן אויף מאַקסן און אויף מיס גרין און דערנאָך האָט זי געענטפערט:

— דערווייל, ראַבי לעווענבערג, איז דאָס אַ סוד.

— אַ סוד?

— יאָ, ראַבי לעווענבערג, דערווייל איז דאָס אַ סוד. אַזוי וויל דער חתן,

— האָט זי געענטפערט, און די בלויע אויגן האָבן ביי איר געלאַכט.

— און דער חתן איז געראַכט, — האָט מיס גרין זיך שטיל אַריינגעמישט.

ראַבי לעווענבערג האָט אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— מיט אייער סוד האָט איר מיך פאַראינטערעסירט. שוין מיט אומ־געדולד וועל איך וואַרטן, אַז ער זאָל פאַר מיר אויפגעדעקט ווערן.

— דאָס וועט געשען, ראַבי לעוונבערג. אין דעם בין איך זיכער, — האָט לילי געזאָגט.

מער האָבן זיי דערפון ניט גערעדט. אָבער ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק זיינען זיי אַלע געווען צוזאַמען, געזעסן צוזאַמען, געגעסן צוזאַמען, געמאַכט באַמערקונגען וועגן געוויסע פאַרשוינען אין זייער וואַגאָן, גערעדט וועגן די נייעס פון טאָג, וועגן ביכער, וועגן טעאַטער, וועגן דער יידישער לאַגע און דער לאַגע פון דער וועלט בכלל, און אַ פאַר מאָל האָט ראַבי לעווענ־בערג אויך דערמאָנט מאַקסן וועגן זיין ניט־פאַרענדיקטער אַרבעט „דער אייביקער ייד" — און אַזוי זיינען זיי אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

אויך האָבן זיי אַלע צוזאַמען פאַרלאָזן דעם וואַגאָן ווען די באַן איז אָנ־געקומען אין פענסילווייניע־וואָקזאַל. און דאָרט האָט אויף לילין געוואַרט איר מאַן, מיסטער מאַרשאַל, מיט אַ בוקעט בלומען.

לילי האָט אירע אויגן ניט געגלויבט. ער איז דאָך גאָר געווען אין שיקאַגע. און ווען דער דיקער מיסטער מאַרשאַל האָט זיך מיט איר צעקושט און איר דערלאַנגט די בלומען, האָט זי אויסגעשריען:

— ווי קומסטו אַהער? ווען ביזטו געקומען פון שיקאַגע?

— היינט געקומען צו פליען. געוואָלט דיך באַגעגענען, ווען דו וועסט אָנקומען, — האָט ער געענטפערט מיט אַ הייזעריקלעכן קול, וואָס האָט זיך ווי געטראָגן פון זיין שווערן בויך, און ער האָט גוטמוטיק געשמייכלט מיט זיין דיקן, רויטן, ווי אויפגעבלאָזענעם פנים, מיט די שוואַרץ־געפאַרבטע וואָנצעס.

— אַ דאַנק! — האָט זי געזאָגט און איבערגעגעבן צו מיס גרין דעם בוקעט בלומען.

— האַו דו יו דו, מיס גרין? — האָט דער אַלטער מיסטער מאַרשאַל זי באַגריסט. — אַה, און איר, ראַבי לעווענבערג, זייט אויך דאָ? און אויך אונדזער פריינט, דער זשעני? האַו דו יו דו, דזשענטלמען!

און ער האָט זיי ביידן געדריקט די הענט און גערעדט ווייטער:

— אויב אַזוי, פאַרשטיי איך, אַז מאַדאַם מאַרשאַל איז ניט געווען לאַנג־וויילק אויפן וועג.

— מיר איז געווען זייער און זייער אַנגענעם, — האָט לילי באַמערקט מיט אַ חנעוודיקן שמייכל.

מאַקס האָט געשמייכלט אַ ביסעלע צעמישט. אים איז גאָר ניט אַנגענעם געווען אָט די אומדערוואַרטע טרעפעניש. בפרט ווען ער האָט דערפילט אין די ווערטער פון דעם אַלטן מאַרשאַל „אונדזער פריינט דער זשעני” אַן אָפענע אָפּשפּעטונג.

אין דרויסן האָט געוואַרט אויף דעם אַלטן מאַרשאַל זיין גרויסע ראָלס־ראָיס מאַשין מיט זיין שאָפער. לילי און איר מאַן מיס גרין האָבן זיך געזעגנט מיט ראַבי לעווענבערג און מאַקסן און זיך געזעצט דערנאָך אין מאַשין.

15

אין דעם זעלביקן אויפדערנאַכט איז אין דער ווילע ביי דעם אַלטן מאַרשאַל פאָרגעקומען אַ סצענע, אויף וועלכער ער האָט זיך גאָר ניט גערעכנט. לילי איז געזעסן אין איר בודואַר און האָט געלייענט אַ צייטונג. קומט ער צו איר אַריין אַ פריילעכער, אַ צופרידענער אין אַ סמוקינג־דזשעקעט, און זיינע קליינע אויגן אונטער די שוואַרץ־געפאַרבטע ברעמען און זיינע שוואַרץ־געפאַרבטע וואָנצעס שמייכלען.

זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ נידעריק בענקל, מיט זיין שווערן גוף באַזונט צו איר, און לייגט־אַרויף אַ האַנט צו איר אויף אַ קני און רופט זיך אָן מיט זיין הייזעריקלעכן קול, וואָס שפּאַרט זיך ביי אים ווי פון דעם גרויסן, שווערן בויך אַרויס:

— וועל, האַני, איך האָב שוין לאַנג מיט דיר ניט פאַרבראַכט.

האָט זי פאַרזיכטיק אַרונטערגענומען זיין האַנט פון איר קני און זיך אַביסעלע אָפּגערוקט פון אים. נאָכדעם האָט זי געפרעגט און געקוקט דערביי רואיק אין דער צייטונג אַריין, וואָס זי האָט געהאַלטן אין אירע הענט:

— דו גייסט גאָר היינט ניט אין קלוב?

— היינט? דו ווילסט דאָך ניט, אַז איך זאָל דיך באַליידיקן?

— דו וועסט מיך ניט באַליידיקן. איך דערלויב דיר צו גיין.

האָט ער גוטמוטיק זיך צעלאַכט הייזעריקלעך און זיך אַנגערופן:

— אָ, ניין! דעם פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט דיר קאָן מיר דער קלוב ניט פאַרשאַפן. ווי שיין דו ביסט. זון אין דיינע אויגן, און אויף דיינע באַקן, די שיינע זון פון פלאָרידע!...

און ער האָט ווידער אַרויפגעלייגט אַ האַנט צו איר אויף די קני. דעמאָלט

האָט לילי זיך מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן פֿון איר אָרט, רואיק אָוועקגעלייגט די צייטונג און געזאָגט:

— מיסטער מאַרשאַל, איך גלויב ניט, אַז איך וועל היינט דיר פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן.

— לילי! — האָט ער זיך אויפֿגעהויבן, און פֿון דער אייגענער שווערער משא זייַנער האָט ער געגומען סאָפּען. — זיי ניט היינט אַזוי קאַלט. אַביסעלע פֿרייַנטלעכער זיי מיט מיר היינט.

— מער קאָן איך ניט, — האָט זי געזאָגט, ווי צו זיך אַליין, און זי איז צוגעגאַנגען צו אַ פֿענצטער און האָט זיך דאָרט אָוועקגעשטעלט מיטן רוקן צו אים.

איז ער נאָכדעם געשטאַנען אַ ווייַלע און האָט געקוקט האַלב גוטמוטיק און האַלב אומעטיק אויף איר. די רויטע האָר זייַנען בייַ איר געווען צעלאָזט איבער אירע אַקסלען, און אַנגעטאָן איז זי געווען אין אַ לאַנגן, ווייסן פּעניואַר. מיטאַמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו איר.

— וואָס איז, וואָס איז, לילי? — האָט ער געפֿרעגט אַלץ מיט זייַן האַלב־גוטמוטיקן און אומעטיקן שמייכל.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און געענטפֿערט:

— אָלרייט. איך האָב שוין לאַנג מיט דיר געוואָלט וועגן דעם רעדן. זאָל זייַן היינט, איצט... בפֿרט ווען איך בין געקומען אַהער פֿון פֿלאָרידע מיט דעם באַשלוס...

דער אַלטער מאַרשאַל האָט זי אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט. אויף אַ רגע איז זי אַנשוויגן געוואָרן, נאָכדעם האָט זי גערעדט ווייטער:

— איז דיר קיינמאָל ניט אויפֿפֿאַלנד געוואָרן מיין פֿרייַנטשאַפֿט מיט מאַקסן?

— דו מיינסט מיט דעם נייעם זשעני דייַנעם? — האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט שפּאָט אין קול, אָבער רואיק.

— יאָ, איך מיין מיט אים, — האָט זי געזאָגט אַביסעלע נערוועז.

— איך האָב אפֿילו ניט געטראַכט וועגן דעם. איז בייַ דיר דען אַ נייעס צו זייַן באַפֿרייַנדט מיט אַ זשעני? מיך האָט עס קיינמאָל ניט געאַרט, ווייַל איך האָב דיך גוט געקענט, און איך האָט געוואוסט, אַז איך קאָן דיר גלויבן.

— ניט דאָסמאָל. דו זאָלסט עס וויסן. דאָסמאָל וויל איך דיך אויך ניט נאַרן, דערפֿאַר זאָג איך דאָס דיר אַליין. מאַקס איז מער ווי אַ פֿרייַנט!...

דער אַלטער האָט אַ לאַך געטאָן.

— גלויב איך דיר ערשט ניט! — האָט ער זיך אָנגערופֿן.

— אין מיאַמי־ביטש זייַנען מיר געשטאַנען אין דעם זעלבן האָטעל...

— וועגן דעם האָסטו מיר געשריבן, — האָט ער אויף דעם געענטפערט אַלץ גוטמוטיק.

— אַ טיר נעבן אַ טיר...

— מעג זיין אַ טיר נעבן טיר, אָבער דייך טיר האָסטו געהאַלטן פאַר אים צוגעמאַכט, ווי פאַר די אַנדערע זשעניעס דיינע, ביז דו האָסט זיך באַקענט מיט אַט־דעם זשעני דיינעם...

— יאָ, ביז איך האָב זיך באַקענט מיט אַט־דעם זשעני מיינעם, אמת! — האָט זי אים כמעט אַריינגעשריען אין פּנים.

דעמאָלט האָט ביי דעם אַלטן מיטאַמאָל ווי דער לשון אָפּגענומען. אונטער זיינע שוואַרץ־געפאַרבטע וואָנצעס האָט זיך אַ קרומער שמייכל אויסגעלייגט, און זיינע קליינע אויגן האָבן צעטומלט געקוקט אויף איר. דערנאָך האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— הער נאָר, הער נאָר, דאָס איז דאָך ערנסט?...

ער האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט אויף דעם נידעריקן בענקל, וואו ער איז פריער געזעסן, האָט אַרויסגענומען אַ פּאַרטסיגאַר, פאַררויכערט און איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון איר בודואַר, ניט אַרויסרעדנדיק קיין איין וואָרט.

שפּעטער האָט לילי אָנגעקלונגען און איינע פון די דינסטן איז אַריינגעקומען צו איר.

— איז מיסטער מאַרשאַל אין הויז? — האָט זי געפרעגט.

— מיסטער מאַרשאַל איז אָוועקגעפאָרן אין קלוב, — האָט די דינסט געענטפערט.

און ווען די דינסט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט לילי אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן צו מאַקסן און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז די הויפּט־שוועריקייט מיט איר מאַן איז זי שוין איבערגעקומען. זי האָט שוין מיט אים גערעדט. דער רעזולטאַט? עס קאָן זיין נאָר איינער... און זי האָט פאַרענדיקט איר טעלעפאָן־שמועס מיט מאַקסן מיט די ווערטער: „גוט־נאַכט, מיין מאַן!...“

און דערנאָך האָט זי אויך אָפּגערופן איר סעקרעטאַרין, מיס גרין, און האָט איר וועגן דעם אויך דערציילט. שפּעטער, ווען זי איז אָוועק שלאָפן, האָט זי געטראַכט, ווי אַזוי צו איינאָרדענען דעם גט און וועגן פּלענער נאָך איר חתונה מיט מאַקסן...

אַ פּאָר טעג האָט דער אַלטער מאַרשאַל אויסגעמידן זיין ווייב. ער האָט געגעסן זיינע מאָלצייטן נישט אין דער היים, פאַרבראַכט זיינע אָוונטן אין קלוב און איז געקומען אַהיים שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען אַלע אין הויז זיינען געשלאָפן. ביז איינמאָל אַ נאָכמיטאָג, אין דער אייגענער וואָך, איז ער אַריינ־

געקומען מיטאַמאָל אין מוזיק־צימער, וואו לילי איז געזעסן ביים ראָיאַל און האָט עפּעס געשפּילט.

ער איז אַריינגעקומען אַ רואיקער, מיט אַ העפלעכן שמייכל, און האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר לילין, פאַרוואָס ער שטערט איר, און זיך נאָכגעפרעגט אויף איר געזונט. דערנאָך האָט ער פאַררויכערט אַ סיגאַר, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ דערבייאיקן פאָטעל קעגן איר, און זיך אָנגערופן:

— איצט צו ביזנעס!...

האָט זי זיך אויפגעהויבן פון דעם פּיאַנאָ־שטול, אויף וועלכן זי איז געזעסן, און האָט זיך איבערגעזעצט אין אַ פאָטעל, אַזוי אַז זי זאָל קאָנען קוקן איר מאַן אין פּנים, און זי האָט געזאָגט:

— אדרבה!

— איך האָב די גאַנצע צייט געטראַכט דערפון. באַשולדיקן דיך קאָן איך ניט און איך האָב קיין רעכט ניט אויף דעם. — האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין הייזעריקלעכן קול און געררויכערט זיין סיגאַר. — אויב איך קאָן וועמען באַשולדיקן, איז נאָר זיך אַליין. און זיך אַליין, דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויך קיין רעכט ניט צו באַשולדיקן, ווייל איך האָב גאָרניט קיין חרטה אויף דעם, וואָס איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט. אַ סך גליק האָסטו מיר פאַרשאַפט, פאַרוואָס איך דאַנק דיר, און אויך דערפאַר דאַנק איך דיר, וואָס דו האָסט מיך ביז אַהער צום נאָר ניט געמאַכט פאַר לייטן...

זי האָט געקוקט אים אין פּנים אַריין מיט פרעגנדיקע אויגן און געוואַרט צו הערן, וואָס ער וועט ווייטער זאָגן.

— איך זאָג דאָס קעגן דעם, לילי, — האָט ער גערעדט ווייטער — אַז דערפאַר וואָלט געוועזן אַן עולה, ווען דו זאָלסט מיך איצט מאַכן צום נאַר פאַר לייטן.

— וואָס מיינסטו? איך פאַרשטיי ניט, — האָט זי געלאַסן געפרעגט.

— זאָל פאַר דער וועלט בלייבן אַזוי ווי עס איז, לילי...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דאָס קאָן ניט זיין!

— פאַרוואָס ניט? איך וועל דיר ניט שטערן. איך וויל אָבער ניט, אַז מיינע קינדער זאָלן פון מיר איצט לאַכן. זיי האָבן דעמאָלט געלאַכט פון מיר, ווען איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט, וויל איך זיי ניט געבן נאָכאַמאָל אַזאַ געלעגנהייט... און, לילי, — האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. — איך וועל דיר עפּעס דערציילן... איך בין געוועזן ביי אַ דאָקטער מיט עטלעכע וואָכן צוריק... מיין האַרץ איז צו־שוואַך פאַר אַזאַ שווערער משא, ווי מיינע... ווי לאַנג נאָך? נאָר אַ יאָר, נאָר אַ יאָר... דער דאָקטער איז

געוועזן מיט מיר אָפנהאַרציק. צופיל וואָג שלעפּ איך פאַר מיין שוואַך האַרץ... דערפאַר אייל איך זיך ניט, דערווייל קענסטו טאָן, וואָס דו ווילסט. דו האָסט מיר געזאָגט, נאַרסטו מיך נישט אָפּ... צי מיר אַליין איז דאָס אנגענעם, צי מיר אַליין טוט דאָס וויי, — איך מאָן ביי דיר ניט דערפאַר! אָבער דאָס מוזטו מיר טאָן...

— איך קאָן ניט, — האָט לילי געשאָקלט דעם קאָפּ.

— פאַרוואָס קאָנסטו ניט?

— עס איז דאָ אַ פאַרוואָס, — האָט זי געזאָגט.

— ווייל דו האָסט אים ליב?

— איך האָב אים ליב, יאָ, זייער ליב, משוגע ליב. אָבער אַחוץ דעם איז פאַראַן נאָך עפּעס...

— וואָס נאָך עפּעס?

און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— וואָס עס זאָל דאָרט ניט זיין, איז קיין אונטערשייד ניט. איך בעט דיך, לילי, שאָנעווע מיין כבוד. צו־שלעכט בין איך דאָך צו דיר ניט געווען. און דו וועסט מיר דערמיט פאַרשפּאָרן אויך אַ טרחה, אַז איך זאָל ניט דאַרפן איבערשרייבן מיין צוואה...

האָט לילי נאָכדעם אַ ווײַלע געשוויגן און מיט פאַרמאַכטע אויגן געקוקט פאַר זיך. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און אָנטשלאָסן זיך אָנגערופן:

— ניין, אַזוי מוז דאָס געשען! אויב שוין אָפן גערעדט, וועל איך פון דיר אויך גאָרנישט באַהאַלטן. איך וועל דיר אויסזאָגן עפּעס, וואָס קיינער, אַחוץ מיר, ווייס נאָך ניט וועגן דעם.

זי איז אַ ווײַלע אָנטשוויגן געוואָרן און נאָכדעם האָט זי געזאָגט שטילער, אָבער מיט אַ ציטער אין קול:

— ווען איך האָב אים דערקענט נאָענט, האָט זיך דעמאָלט אין מיר אויפּגעוועקט אַ משונהדיקער פאַרלאַנג צו ווערן אַ מוטער... און... דו פאַרשטייסט, וואָס איך מיין...

דער דיקער, רויטער פּנים ביי דעם אַלטן מאַרשאַלן האָט זיך נאָך מער אויפגעבלאָזן און איז נאָך מער רויט געוואָרן, דער רויכערדיקער סיגאַר איז ביי אים אויף אַ רגע פאַרגליווערט געוואָרן אין דער האַנט. אַ היפּשע צייט האָט ער ניט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט, האָט נאָר געקוקט אויף איר מיט צעשראָקענע אויגן און אַ צעעפנט מויל. דערנאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל צעלאַכט הויך אויפן קול, אַזש קרייען האָט ער געגומען פאַר געלעכטער, האָט זיך שווער אויפגעהויבן פונעם פאָטעל און איז לאַכנדיק אַרויסגעגאַנגען פון דעם מוזיק־צימער.

לילי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין געלעכטער און אים נאָכגעקוקט מיט צעמישטע, צעטומלטע אויגן.

16

דעמזעלבן אויפדערנאַכט איז דער אַלטער געקומען אַהיים פריער ווי געוויינלעך און איז גלייך אַריין צו לילין אין בודואַר.

— לילי! — האָט ער געזאָגט מיט זיין געוויינלעכער רואיקייט, און געשמייכלט דערביי העפלעך און געלאַסן. — איך קום ערשט פון אַ מיטינג מיט מיינע לאָיערס. אַלצדינג איז איינגעאָרדנט. איר וועט באַלד מוזן חתונה האָבן, כדי צו פאַרמיידן אַ סך אומאנגענעמלעכקייטן סיי פאַר מיר און סיי פאַר דיר אַליין. יעדנפאַלס — האָט ער צוגעלייגט מיט אַן אומעטיקן שמייכל — דאַנק איך דיר נאָך אַמאָל. אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַ דאַנק! ווארים איך האָב דאָך געקאָנט בלייבן דער ריכטיקער נאַר סיי ביי דיר און סיי ביי דיין זשעני...

און די דאָזיקע אונטעררייִדונג האָט ער פאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט איר געלאָזט וויסן, אַז ער אַליין ציט זיך אַרויס פון דער ווילע, וועלכע וועט פאַרבלייבן אירס אַזוי לאַנג ווי זי וועט לעבן.

און מיט אַמאָל האָט לילי דערפילט צו אים אַ וואַרעמקייט, ווי צו אַ לייבלעכן פאָטער. זי האָט אים געפּרוּווט טרייסטן מיט די וואַרעמסטע ווערטער. ער האָט זי אויסגעהערט, געקוקט איר אין פּנים אַריין האַלב־אומעטיק און האַלב־שפּאָטיש. דערנאָך האָט ער איר אַרויפגעלייגט זיין דיקע, קורצע האַנט אויף אַן אַקסל און זיך אָנגערופן מיט אַ הייזעריקלעכן געלעכטער:

— לילי, אַי דאָנ׳ט בלעים יו.

האָט געהאַלטן נאָך אַ ווײַלע זיין האַנט ביי איר אויפן אַקסל און געקוקט איר אין פּנים אַריין מיט זיין האַלב־שפּאָטישן און האַלב־אומעטיקן שמייכל. נאָכדעם האָט ער שטיל צוגעלייגט:

— גוט נאַכט, לילי! לאָך ניט פון דעם אַלטן נאַר!

און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

אויף מאָרגן איז לילי געפאָרן צו מאַקסן און האָט אים אַלצדינג איבערגעגעבן. ער איז געווען איבערגליקלעך.

שפּעטער האָט זי אים אויך דערציילט וועגן וואָס זי האָט ביז אַהער געהאַלטן פאַר אים אַ סוד. פאַר פריידיקער אויפרעגונג האָט מאַקס קיין ווערטער ניט געפונען.

— איז דאָס אמת, לילי? — איז ער צוגעפאַלן צו איר שיער ניט מיט טרערן אין קול.

— יאָ, מאַקס, וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי ? מיר האָבן זיך געקאָנט אויף דעם ריכטן, — האָט זי געענטפערט און מיט ליבע אים געגלעט די האָר, די באַקן, דעם פּנים, די הענט. — איך בין איצט אינגאַנצן דיינע, אינגאַנצן. אַ באַנד פון אונדזער פליש און בלוט וועט פון איצט־אָן אונדז אויף אייביק פאַרבינדן.

— יאָ, יאָ, לילי, יאָ!

אין אַ שטיקל צייט שפּעטער איז אין די צייטונגען געמאָלדן געוואָרן, אַז דער מיליאָנער מאַרשאַל האָט זיך געג׳גט מיט זיין שיינער פרוי לילי און אַז זי גייט חתונה האָבן מיט דעם באַגאַבטן אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָר מאַקס שענבערג.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען זיי גראַטולירט דורך בריוו, דורך טעלעגראַמעס און דורכן טעלעפאָן. אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי אויך באַקומען אַ בריוו פון אַלעקס ריינשטיין. ער האָט זיי וואַרעם גראַטולירט און געוואונטשן גליק. אין זיין בריוו האָט ער אויך אויסגעדריקט אַ וואונטש זיך צו זען מיט זיי, איידער ער פאַרלאָזט ניו־יאָרק, מחמת ער קלייבט זיך אינגיכן צוריק־פאָרן קיין ענגלאַנד, וואו עס געפינט זיך איצט זיין היים.

סיי לילי און סיי מאַקס האָבן זיך דערפרייט מיט זיין בריוו און זיי ביידע האָבן אים געוואָלט זען. מחמת דעם האָט לילי אַליין אים געענטפערט מיט אַ בריוו און אים איינגעלאַדן אויף אַ מיטאָג דעם קומענדיקן זונטיק.

מאַקס אַליין האָט אויף דעם באַזוך פון זיין אַלטן פריינט אַלעקס געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד. ערשטנס, האָט ער אים שוין לאַנג ניט געזען; צווייטנס, האָט ער געוואָלט הערן, וואָס זיין פריינט וועט זאָגן וועגן זיין חתונה מיט לילין, אין וועלכער יענער איז אַמאָל אַזוי פאַרליבט געווען, און דריטנס, האָט ער געוואָלט אויסגעפינען ביי יענעם וועגן לאַראַן, וועלכע, ווי ער, מאַקס, האָט גערעכנט, האָט זיך נאָך געפונען אין לאָנדאָן.

ביי מאַקסן אין הארצן איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ מין בענקשאַפט נאָך לאַראַן; ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן איר מיט וואַרעמקייט אַפילו אויך איצט, ווען ער איז אַזוי גליקלעך געווען מיט לילין.

אַלעקס ריינשטיין איז זונטיק ביי זיי געווען. ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיי מיט אים פאַרבראַכט. דער זעלביקער פריילעכער, גוטמוטיקער אַלעקס איז ער געווען ווי פריער. און אויך איצט האָט ער געטראָגן פּענסנע און איז אָנגעטאָן געווען ווי אַן ענגלענדער.

שוין איבער אַ יאָר — האָט ער זיי דערציילט — אַז ער האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן אויף שטענדיק. קלייבט זיך אינגיכן חתונה צו האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ לאָנדאָנער יידישן באַנקיר. און וועגן לאַראַן האָט ער דערציילט, אַז ער הערט אַמאָל וועגן איר, אָבער געזען האָט ער זי שוין לאַנג ניט.

— וואָס טוט זי איצט? — האָט מאַקס געפרעגט.

— איך גלויב, אַז זי איז נאָך אַלץ פאַרנומען מיט אירע פּיאַנאָ־שטונדן. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געלייענט אין די צייטונגען וועגן אירן אַ קאָנצערט.

סיי מאַקס און סיי לילי זיינען געוואָרן שטאַרק נייגעריק ביי אָט די ווער־טער זיינע. ביי מאַקסן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— זי איז אויפגעטראָטן אויף איר אייגענעם קאָנצערט?

— אַזוי ווייזט עס אויס. אויף קאָנצערטן פון אַנדערע איז זי שוין פריער ניט איין מאָל אויפגעטראָטן, און באַזונדערס אויף קאָנצערטן, וואָס זיינען אַראַנזשירט געוועז פון ציוניסטן.

— און וואָס האָבן די צייטונגען געשריבן וועגן איר קאָנצערט? — האָט לילי אַ פרעג געטאָן.

— זיי האָבן געלויבט איר שפּיל, און אַנדערע פון די קריטיקער האָבן וועגן איר געשריבן גאָר באַגייסטערט.

— דאָס איז אינטערעסאַנט, — האָט מאַקס אַרויסגערעדט מיט פרייד און ער האָט צוגעלייגט: — אפשר האָסטו איר אַדרעס, אַלעקס? איך וואָלט איר אָנגעשריבן און גראַטולירט. איך בין זיכער, אַז זי וועט זיך דערפרייען מיט מיין בריוו.

לילי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אפשר ניט? לאָז זי בעסער צורו.

אַלעקס האָט באַמערקט:

— סיי־ווי־סיי ווייס איך ניט איר איצטיקן אַדרעס.

— אָבער דו קאָנסט דאָך אויסגעפינען, וואו זי וואוינט איצט? — האָט מאַקס זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— ווען איך וועל זיין אין לאָנדאָן, יאָ.

— וועסטו מיר צושיקן איר אַדרעס פון לאָנדאָן?

— דאָס קאָן איך טאָן.

האָט לילי זיך דעמאָלט ווידער אָנגערופן, און דאָס מאָל מיט זיכערקייט אין איר קול:

— צו וואָס דאַרפסטו איר אַדרעס? דו וועסט דאָך צו איר קיין בריוו ניט שרייבן?

— פאַרוואָס ניט, לילי?

— ווייל דו דאַרפסט עס ניט טאָן. דו דאַרפסט שאַנעווען איר רו. ווי וויניק איר, מענער, קענט די פרוי...

האָט אַלעקס מיט איר אויך מסכים געווען. ער האָט באַמערקט:

— לילי איז גערעכט, מאַקס. דיין בריוו וואָלט איר גאָר ניט דערפרייט.

איך ווייס דאָס זיכער. דערפאַר ווינטש איר גליק פון דערוויטנס.
מאַקס האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.
— אפשר זייט איר גערעכט, — האָט ער שטיל געזאָגט ווי צו זיך אַליין.

17

אונטערהאַלטונגען אַזעלכע ווי פריער זיינען ביי לילין אין דער ווילע איצט מער ניט פאָרגעקומען. איינציקע געסט זיינען צו זיי יאָ אַמאָל געקומען אויף באַזוך, אָבער ניט קיין גרויסע געזעלשאַפטן, ווי פריער. לילי און מאַקס האָבן איצט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל זיי שטערן. בפרט האָט לילי זיך געוואָלט איצט אָפּהיטן צוליב אירע אַנדערע אומשטענדן...

אַ שטיקל צייט האָט ביי זיי אויך פאַרבראַכט די אַלטע שרה־העניע. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס לילי איז געווען צו איר זייער פריינטלעך און האָט זי באַהאַנדלט, ווי זי, שרה־העניע, וואָלט געווען איר אייגענע מאַמע און וואָס מאַקס האָט איר ממש אַריינגעקוקט אין די אויגן, האָט זי זיך געפילט ניט באַקוועם אין דעם גרויסן, רייכן הויז פון איר זון. עפּעס האָט זי זיך געפילט ווי פאַרבלאָנדזשעט דאָרט צווישן די סך צימערן און בילדער און סטאַטועס און דינסטן, סיי ווייסע און סיי נעגערשע.

אָפּגעווען דאָרט אַ וואָך צייט, איז זי דערנאָך אַוועקגעפאָרן צוריק צו זיך אַהיים קיין פילאַדעלפיע.

אין איין שיינעם טאָג איז מאַקסן ווידער באַפאַלן דער אַרבעטס־פיבער. מיט פרייד האָט ער זיך צו דער אַרבעט גענומען.

אַ קורצע זאַך האָט ער געוואָלט שאַפן, עפּעס וואָס זאָל איבערגעבן זיין איצטיקע שטימונג, זיין ליבע צו לילין און זיין פאַרגעטערונג פון איר.

האָט ער געאַרבעט פלייסיק און מיט אמתער פרייד.

עס האָט זיך געפילט, אַז די אַרבעט געלינגט אים, האָט ער זיך געפרייט, ווי אַ קינד. ער האָט נאָך געקאָנט עפּעס שאַפן.

און אין די מינוטן, ווען ער האָט זיך אָפּגערוט, האָט ער גערעדט דערפון מיט לילין. גערעדט מיט דער אַמאָליקער באַגייסטערונג, מיט דער אַמאָליקער זיכערקייט אין זיך.

יעדן אינדערפרי איז ער געפאָרן אין זיין סטודיאָ, וואו ער איז פאַרנומען געווען עטלעכע שעה יעדן טאָג מיט זיינע שילער, און נאָכדעם איז ער געקומען צוריק צו זיין ווייב אין ווילע, האָט פאַרבראַכט מיט איר אַ ווײַלע און איז דערנאָך אַוועק אַרבעטן.

מיט יעדן טאָג איז ער אַלץ מער פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין אַרבעט:

יעדע פרייע מינוט האָט ער איבער זיין נייער זאַך געאַרבעט. עס האָט געטראָפן, אַז ער איז פון זיין צימער ניט אַרויס; עס האָט אַפילו אויך געטראָפן, אַז ער איז געקומען אַהיים פון זיין סטודיאָ און איז גלייך אַריין צו זיך אין אַרבעט־צימער און איז אַפילו צו די מאָלצייטן ניט אַרויסגעקומען.

דאָס האָט לילי ניט געוואָלט ליידן. עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס ער קאָן זיך אַזוי מיטרייסן מיט זיין שאַפן און אין איר פאַרגעסן. זי האָט אים ניט געשטערט, אָבער פאַר איר סעקרעטאַרין האָט זי זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ. עס האָט ניט געטאָרט זיין אַזוי, — האָט זי געטענהט. — דאָס באַליידיקט זי. אַפילו צוליב דעם גרעסטן ווערק זייַנעם האָט ער אין איר ניט געדאַרפט פאַרגעסן...

און מיס גרין איז דווקא געווען מלא שמחה פון דעם, וואָס מאַקס האָט ווידער געאַרבעט.

פערצן טעג נאָכאַנאַנד האָט מאַקס געאַרבעט. פאַר אָט דער צייט האָט ער קיין איין מאָל ניט פאַרגעשפּילט טיילן פון זיין נייעם ווערק פאַר לילין. ער האָט פּשוט זיך געשראָקן פאַר איר, אַז זי זאָל ניט צעשטערן זיין שטימונג און ער זאָל ניט קאָנען ווייטער אַרבעטן.

צום סוף איז ער מיט זיין נייעם ווערק פאַרטיק געוואָרן.

נאָכדעם האָט ער די גאַנצע זאַך פאַר זיך אַליין פריער אַ פּאָר מאָל פאַרגעשפּילט און ער איז געווען גליקלעך. סיי־ווי־סיי איז ער געווען גליקלעך פון דעם אַליין, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרענדיקן אַ גאַנצע זאַך, נאָכדעם ווי אים האָט זיך געהאַט אויסגעדאַכט, אַז ער קאָן שוין מער ניט אַרבעטן.

ער האָט זיין נייע זאַך פאַרגעשפּילט פאַר לילין און איר סעקרעטאַרין.

— זייער שיין, מאַקס, זייער שיין! — האָט לילי געזאָגט.

— געוויס!

— דאָס איז וואונדערלעך, מאַקס, וואונדערלעך! — האָט מיס גרין אונטערגעכאַפּט מיט התפּעלות.

און ער האָט געטראַכט:

„אָבער פאַרוואָס רעדט לילי אַזוי קאַלט? עס געפעלט איר ניט?...“

און ער האָט זיך ווידער אָנגערופן צו איר:

— דענקסטו, אַז עס איז אַזוי גוט ווי מיינע פריערדיקע זאַכן?

— דאָס קאָן איך דיר ניט זאָגן, — האָט זי געענטפערט. — אָבער שיין איז דיין נייע זאַך יעדנפאַלס. די פילהאַרמאָניק וועט דאָס שפּילן...

און זי האָט צוגעלייגט מיט אַ שמייכל:

— איך וועל זיי דאָס איבערגעבן און זיי וועלן דאָס שפּילן, אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט ווייטער אַזוי ניט אַרבעטן...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך זאָל ווייטער אַזוי ניט אַרבעטן? וואָס מיינסטו, לילי?

— איך מיין, אַז דו זאָלסט ניט פאַרגעסן צוליב דיין אַרבעט, אַז איך בין אויך פאַראַן ערגעץ אויף דער וועלט...

ער האָט אַ לאַך געטאָן:

— וואָס פאַר אַן עגאָאיסטקע דו ביסט, לילי! אַט די נייע אַרבעט מיינע איז דאָך אינגאַנצן באַזועלט מיט די געפילן צו דיר!...

האָט לילי אויך אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— אַט די געפילן, מאַקס, האַלט בעסער פאַר מיר אַליין...

— ווייניק? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר.

האָט לילי ווידער אַ לאַך געטאָן און געענטפערט:

— איך פאַרלאַנג, אַז קיין איין געפיל דיינער, וואָס געהערט צו מיר, זאָלסטו ניט פאַרשווענדן ערגעץ אַנדערש... פאַרשטייסט?...

ער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— ניין!

— זי איז אייפערזיכטיק אַפילו צו אייער אַרבעט, מאַקס! — האָט מיס גרין זיך אַ כאַפּ געטאָן אויפגערעגט. — פע, לילי, מיאוס!

— בין איך מיאוס, מאַקס? — האָט לילי דערנאָך געפרעגט מיט אַ שטיפערישן שמייכל. — בין איך דיר נאָך געפעלן, מאַקס?

האָט ער פריילעך געענטפערט:

— מאַך זיך ניט נאַריש און רעד ניט קיין קינדערייען! ווייטער, אַז איך וועל אַרבעטן, וועל איך אין דיר אויך ניט פאַרגעסן. צופרידן?

האָט לילי אויף דעם באַמערקט:

— ווען דו וועסט האָבן מיך און נאָר מיך אין זינען, וועסטו קאָנען אויך אַרבעטן.

און אַזוי איז טאַקע געווען ווי לילי האָט אים געזאָגט. זיין נייע זאַך האָט מען אַנגענומען אין פילהאַרמאָניק מיט פרייד.

מאַקס האָט נאָכדעם געוואָלט אַרבעטן איבער נייע זאַכן, אָבער ער האָט ווידער ניט געקאָנט. דער שטענדיקער געדאַנק, אַז ער דאַרף אויך לילין האָבן אינזינען, בפרט איצט, ווען זי איז געווען אין באַזונדערע אומשטענדן, האָט אים געשטערט און ער האָט זיך ניט געקאָנט מיטרייסן. ביז ער האָט צו זיך געזאָגט, אַז ער וועט די אַרבעט זיינע אָפּלייגן אויף אַ צייט, ווען דער קאָפּ וועט ביי אים רואיקער זיין.

18

דאָס איז געווען באַלד נאָך ניי־יאָר. ביי לילין אין דער ווילע האָט מען זיך געריכט אויף דער גרויסער געשעעניש. מאַקס האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. איינער פון די גרעסטע ניו־יאָרקער אַקושאָרן איז באַשטעלט געוואָרן און צוויי ספּעציעלע נוירסעס, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף דער קימפּעטאָרין.

מאַקס איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער איבער די צימערן אויף די שפּיץ־פינגער, איז געגאַנגען פון איין צימער אין דעם אַנדערן און האָט אַלץ געזוכט דעם דאָקטאָר, צי איינע פון די נוירסעס, און האָט ער עמעצן פון זיי דערזען, האָט ער באַלד געפרעגט מיט אַ פאַרסודעטער מינע: „נו?״ אָדער: „וואָס מאַכט די מאַדאַם?״

און דער קלענסטער גערויש אין הויז, צי פון דער גאַס, האָט אים נערוועז געמאַכט, מחמת ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט דאָס זיך אָפּרופן שלעכט אויף דעם צושטאַנד פון דער מוטער פון זיין צוקונפטיקן קינד.

צום סוף איז עס געשען: אַ ייִנגל איז דאָס געווען. אַ געזונטער יונגאַטש מיט רויטע פויסטן און מיט אַ געזונטן געשריי.

און אַלע האָבן אים באַוואונדערט: דער דאָקטאָר, די נוירסעס, מיס גרין, די שטוב־מיידלעך, די קעכין — זיי אַלע האָבן געטענהט אין איין קול:

— דער טאַטע מיט די ביינער!...

מאַקס האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן פאַר פרייד. ער וואָלט זיך צע־וויינט, האָט ער זיך געשעמט. ער וואָלט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט עס ניט געפעלן זיין דער קימפּעטאָרין.

דער פּנים זיינער איז געווען איין גרויסער, נאַרישעוואַטער שמייכל.

לילי איז געלעגן אויף זייד און שפּיצן. אַ פּאָר מאָל האָט זי געלאָזט זיך ברענגען דאָס קינד און באַרירט דאָס קליין פּנימל מיט די ליפּן און גע־פליסטערט:

— ווי זיס דאָס איז!...

און ווען מאַקס האָט דאָס געזען, האָט זיך אים נאָר געוואָלט צופאַלן צו דער קימפּעטאָרין און קושן איר די הענט און דערציילן איר, ווי גליקלעך ער איז געווען...

און ווען ער האָט געזען, ווי איינע פון די נוירסעס נעמט דאָס עופעלע אין אירע אָרעמס אַריין, איז ער אומרואיק געוואָרן און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן:

— פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, דריקט עס ניט אַזוי!

אים האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט זי צעקוועטשן דאָס קליין, טייער נפשל.

און אַז ער האָט באַמערקט, ווי דאָס עופהלע פאַרציט דאָס מויל און פאַרקנייטשט דעם שטערן אין פאַלדן, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— זעט, זעט, ער וויל וויינען!

אַ שטיק צייט נאָכדעם איז ער אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם נייעם געפיל צו זיין קינד. וועגן קינד האָט ער גערעדט ביים עסן, ווען ער איז אַרויס שפּאַצירן מיט לילין און ביי אים אין דער סטודיאָ מיט זיינע שילערינס. און ווען ער האָט וועגן אים ניט גערעדט, האָט ער געטראַכט וועגן אים. און שטענדיק, ווען דאָס קינדער־מיידל האָט אַרויסגעפירט דאָס קינד אויף פרישע לופט אין זיין וועגעלע, האָט מאַקס אַמאָל זיי אָנגעיאָגט און אַריינגעקוקט אין וועגעלע, כדי צו זען, צי דאָס קינד איז גוט איינגעדעקט. און אַזוי ווי ער, איז אויך לילי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם קינד...

דערווייל האָט ער, מאַקס, ניט געאַרבעט, הגם אין האַרצן האָט ער דאָס ביי זיך געמאָנט. און מיס גרין האָט זיך אויך ביי אים נאָכאַנאַנד נאָכגעפרעגט, צי ער אַרבעט איבער אַ נייער זאַך, און כסדר האָט ער זיך געזאָגט: מאָרגן... מאָרגן זיכער... קומענדיקע וואָך אומבאַדינגט...

און אַן אַנדערש מאָל, כדי צו פאַרשרייען זיין אייגענע אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין, וואָס האָט זיך געקליבן ביי אים אין האַרצן, האָט ער גענומען רעדן מיט לילין וועגן אַ גרויס ווערק, וואָס ער קלייבט זיך די טעג אָנצוהויבן. זי האָט אים אויסגעהערט מיט אַ שמייכל, צוגעשאָקלט מיטן רויטן קאָפּ און באַלד פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן עפּעס אַנדערש: וועגן קינד, צי וועגן אַן אונטערהאַלטונג, צו וועלכער זיי זיינען איינגעלאַדן געוועז, צי גאָר וועגן אַן אָונט, וואָס זי אַליין האָט זיך געקליבן צו מאַכן ביי זיי אין הויז.

און דאָס האָט געווירקט אויף אים שטענדיק, ווי זי וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער...

ער האָט ניט גערעדט מער נאָכדעם מיט איר דערפון, אָבער אַרבעטן האָט ער אויך ניט געקאָנט.

די אונטערהאַלטונגען ביי זיי אין הויז זיינען איצט אויך באַזוכט געוואָרן פון אַ געקליבענעם עולם. אויף אָט די אונטערהאַלטונגען האָט מען אַלעמאָל געקאָנט טרעפן שריפטשטעלער און קינסטלער, דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, און אויך דאָקטער ראָבינסאָן צווישן זיי.

און פון אָט די אונטערהאַלטונגען איז מאַקס גאָר ניט צופרידן געווען. ער האָט ניט ליב געהאַט די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס איז געקומען אַהין זיך צו אונטערהאַלטן. ער האָט געזען מיט וואָס פאַר אַ פאַרשיכורטע אויגן זיי

אַלע האָבן געקוקט אויף זיין לילין; ווי זיי אַלע האָבן געפרעסן לילין מיט זייערע אויגן, און ווי זי אַליין האָט קאָקעטירט מיט יעדן איינציקן פון זיי, און ער האָט עס ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

ווידער איז זי, לילי, געווען דער צענטער, אַרום וועלכן זיי אַלע האָבן זיך געדרייט, אַזוי ווי פריער, ווען זי איז נאָך געווען די פרוי פון דעם אַלטן מיסטער מאַרשאַל.

אין זיינע אויגן איז איצט לילי, נאָכדעם ווי זי האָט געבוירן דאָס קינד, געוואָרן נאָך שענער, און ניט נאָר אין זיינע אויגן אַליין, נאָר אַזוי האָבן אַלע איבעריקע געהאַלטן, סיי די מענער און סיי די פרויען. און אים, מאַקסן, האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז נאָך קיינמאָל האָט זי, לילי, ניט קאָקעטירט מיט אַזויפיל חן און אַזויפיל ברען מיט אירע געסט, ווי איצט.

באַזונדערס איז ער נערוועז געוואָרן, ווען ער האָט באַמערקט, ווי זי האָט קאָקעטירט מיט דאָקטער ראָבינסאָן.

ער האָט דערפילט אַ פיינטשאַפט צו זיי אַלעמען, וואָס זיי האָבן זיך דאָרט געדרייט אַרום לילין.

ער האָט אָבער געשוויגן, געשמייכלט צו זיי אַלעמען, געצוואונגען און זיך באַמיט מיט אַלע כחות צו זיין פריינטלעך און העפלעך מיט יעדן איינעם פון זיי. אָבער ניט אַלעמאָל האָט ער זיך געקאָנט באַהערשן, און דעמאָלט האָט דער אומעט זיינער אַרויסגעקוקט ביי אים פון די אויגן.

האָט דאָס לילי אַמאָל באַמערקט און זי איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אַרויפגעלייגט אירע ביידע הענט צו אים אויף די אַקסלען און אַריינגעקוקט אים טיף אין די אויגן, אַ שמייכל געטאָן צו אים אָן ווערטער. און דעמאָלט — ווי זי וואָלט דעם אומעט פון אים אַרונטערגעווישט. ער האָט פריילעך אַ שמייכל געטאָן.

— דו ביזט געווען אומעטיק. פאַרוואָס? — האָט זי נאָכדעם שטיל ביי אים געפרעגט.

האָט ער איר שטיל געענטפערט:

— מיר איז אומעטיק פון אָט די אַלע מענטשן, פון אָט די געסט דיינע. נודנע מענטשן.

— „נודנע"? דו האָסט אַ טעות. זייער אינטערעסאַנטע מענטשן. מיר זיינען זיי געפעלן, — האָט לילי גערעדט, און די בלויע אויגן האָבן ביי איר געלאַכט.

האָט ער דערפילט דעמאָלט, ווי ער ווערט נערוועז, ווי ער ווערט אויפגערעגט און ער האָט זיך מיט גוואַלד באַהערשט.

— אפשר האָב איך אַ טעות. קאָן זיין, — האָט ער געזאָגט מיט אַ גע־צוואונגענעם שמייכל.

אויף אָט די אונטערהאַלטונגען ביי אים אין הויז האָט ער זיך אַלעמאָל אָפּגעזאָגט צו שפּילן. אַפילו לילי האָט ביי אים ניט געקאָנט פּועלן, אַז ער זאָל זיך זעצן ביי דער פּיאַנאָ און שפּילן עפּעס פאַר די געסט. ער האָט עס געטאָן בלויז אַ פּאָר מאָל, ווען ראַבי לעווענבערג מיט זיין פּרוי זיינען געווען צווישן די געסט.

דעמאָלט האָט ער די גאַנצע צייט פאַרבראַכט מיט זיי און האָט זיי דער־ציילט די וואונדער פון זיין קינד, און איינמאָל אַפילו האָט ער זיי ביידן אַריינ־געפירט אויף די שפּיץ־פינגער צו זיין קינד אין צימער, בעת עס איז געשלאָפן אין זיין בעטעלע, און אויף דעם געוויזן מיט אַ האַנט און אַרויסגעפּליסטערט, און דער פּנים האָט ביי אים דערביי געשיינט:

— ראַבי לעווענבערג, מאַדאַם לעווענבערג, קוקט עס אָן. איז עס ניט אַ מלאך?

און יעדעס מאָל, ווען ראַבי לעווענבערג איז ביי זיי געווען אויף אַן אונטער־האַלטונג, האָט ער געמאָנט ביי מאַקסן זיין ווערק „דער אייביקער ייד״.

— ווען ווערט איר דאָס ענדיקן? ווען? — האָט ער ביי אים געמאָנט.

און מאַקס האָט אים געגעבן שטענדיק דעם זעלביקן תירוץ:

— אָט באַלד, באַלד. נאָך אַ שטיקל צייט. איך וועל דאָס אַריינגעמען אין די הענט.

אַזוי איז אַוועק נאָך אַ יאָר. פאַר דער צייט האָט מאַקס געפּרואווט אָנ־הויבן עטלעכע נייע אַרבעטן און יעדע פון זיי האָט ער געמוזט וואַרפן אין מיטן, מחמת עס האָט אים געפעלט די סביבה און די דערמונטערונג, וואָס זיינען אים נויטיק געווען צו זיין אַרבעט.

19

נאָך אַ פּאָר יאָר זיינען אַוועק. איינמאָל אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג (אין מיטן חודש מאַי איז עס געווען), איז מאַקס געווען ביי זיך אין סטודיאָ פאַר־נומען מיט איינער פון זיינע שילערינס. מיט אַמאָל האָט דער טעלעפאָן גע־נומען קלינגען. האָט ער גענומען דעם טעלעפאָן־טרייבל. מאַדאַם לעווענבערג האָט עס גערעדט. זי האָט אים דערציילט, אַז זי גייט מאַכן ביי איר אין הויז אַ קאָנצערט פאַר אַ געקליבענעם עולם. איינטריט איז וויפיל ווער עס וועט געבן. די הכנסה וועט גיין אויף צו שטיצן די קרבנות פון היטלערן, בעט זי אים, אַז ער זאָל זיך אויך באַטייליקן אין אָט דעם קאָנצערט.

— ווער נאָך וועט זיך באַטייליקן — האָט מאַקס געפֿרעגט אין דעם קאָנצערט?

האָט זי אים אָנגערופֿן אַ באַוואוסטן פֿידל־שפּילער און נאָך איינע אַ זינג־גערין, וועלכע וועט אינגיכן אויפֿטרעטן אין טאָון־האָל אויף איר אייגענעם קאָנצערט. און זי האָט אָנגערופֿן איר נאָמען.

און אַז מאַקס האָט דערהערט דעם נאָמען פֿון דער זינגערין, איז ער אויף אַ רגע צעטומלט געוואָרן. לאַראַ איז עס געווען.

גלייך אָבער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן: יאָ, ער וועט זיכער זיך באַ־טייליקן. נאָר תּיכּף האָט ער חרטה געהאַט: ניין, ער קאָן ניט, ער טאָר ניט, ער דאַרף ניט...

און ער האָט געענטפֿערט מאַדאַם לעווענבערג, אַז ער וועט איר וועגן דעם לאָזן וויסן.

נאָכדעם האָט ער ניט געקאָנט זיך פֿאַרנעמען מער מיט זיין שילערין. אַזוי אויפֿגערעגט איז ער געווען.

וואָס־וואָס וואָלט ער ניט געגעבן, אַז ער זאָל קאָנען זען לאַראַן. כאָטש רעדן מיט איר אַ ווײַלע. כאָטש אָנקוקן זי. זען, וואָס זי מאַכט. הערן, וואָס זי טוט. און צי זי געדענקט אים נאָך.

אָבער אפשר דאַרף ער עס ניט טאָן. ער וועט זיך דורכרעדן וועגן דעם מיט לילין.

מיט אומגעדולד איז ער געפֿאָרן נאָכדעם אַהיים. לילי איז געזעסן אין גאָרטן פֿאַרן הויז, וואו אַלצדינג האָט געגרינט מיט פֿרישער מאַיאָווער בליאונג. זי איז געזעסן אין אַ געפֿלאָכטענעם שאָקל־שטול מיט אַ האַנט־אַרבעט, און פֿון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפֿן אַ וואַרעמען בליק צו איר קינד, וואָס האָט זיך דאָרט געשפּילט אויפֿן גראָז מיט אַ ווייס הינטעלע.

דאָס קינד האָט דערזען דעם „דעדי‟, האָט ער איבערגעלאָזט דעם הינ־טעלע אויפֿן גראָז און זיך אַ וואָרף געטאָן צו מאַקסן.

דער טאַטע האָט אים אויפֿגעהויבן אין דער הויך, אַרויפֿגעזעצט אים צו זיך אויף די אַקסלען, איז זיך דורכגעלאָפֿן מיט אים אַ ביסל איבערן גאָרטן און אים אונטערגעהאָטשקעט. נאָכדעם האָט ער אים מיט ליבע אַרונטער־געלאָזט צו דער מאַמען אויפֿן שויס.

לילי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אין אירע אָרעמס און צוגעדריקט אַ באַק צו זיין רויטן קעפּל.

נאָכדעם, ווען דאָס קינד איז אַוועק ווידער שפּילן מיטן הינטל, האָט מאַקס זיך אַוועקגעזעצט לעבן לילין און איר דערציילט וועגן מאַדאַם לעווענבערגס טעלעפֿאָן.

לילי האָט געענטפערט:

— איך ווייס וועגן דעם. און בילעטן האָב איך שוין אויך פאַר דעם אָוונט. מאַדאַם לעווענבערג איז דאָ פריער געווען און איך האָב איר שוין פאַר דיר געענטפערט אויך.

מאַקס האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פאַרוואונדערט.

— דו האָסט איר געענטפערט פאַר מיר?

— יאָ, איך האָב איר געזאָגט, אַז יענעם אָוונט פאָרן מיר קיין פילאַדעלפיע. געוואויר־ווערן דיין מאַמען, און מיר וועלן דאָס טאָן אויך. שוין לאַנג צייט געווען. דיין מאַמע איז אַ שוואַכע פרוי, און ווען זי זעט דיך, ווערט זי געזונט. יאָ, מיר האָבן שוין לאַנג געדאַרפט פאָרן צו איר.

— אָבער פאַרוואָס דווקא יענעם אָוונט, לילי?

— ווייל דו דאַרפסט ניט זיין יענעם אָוונט דאָרט, וואו יענע וועט זיין. איך האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט, אַז דו דאַרפסט זי אויסמיידן. פון איר טובה וועגן. דאָס איז איינס. צווייטנס, וויל איך ניט זאָגן קיין ליגן. דערפאַר פאָרן מיר יענעם אָוונט קיין פילאַדעלפיע, ווי איך האָב געזאָגט דער מאַדאַם לעווענבערג.

— אָלרייט. אפשר ביזטו גערעכט, — האָט מאַקס זיך אָנגערופן פאַר־טראַכט.

— און די בילעטן פאַר יענעם אָוונט וועל איך אַלע פאַרטיילן. איך האָב שוין טעלעפאָנירט וועגן דעם צו באַקאַנטע.

אַזוי איז אויך מאַקס ניט געגאַנגען צו לאַראַס קאָנצערט, וואָס איז פאַר־געקומען אין דריי וואָכן שפּעטער אין טאַון־האָל. אָבער אויף מאָרגן נאָך יענעם קאָנצערט, ווען ער האָט געלייענט אין די צייטונגען, וואָס מען האָט געשריבן וועגן דער דאַזיקער זינגערין, האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז ער מוז זי זען אונטער אַלע אומשטענדן...

די צייטונגען האָבן די זינגערין, דאָס הייסט, לאַראַן, געלויבט. און אַנדערע פון די מוזיק־קריטיקער האָבן איר פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט אין דער מוזיקאַלישער וועלט.

מאַקס האָט זיך געפרייט. אין דער אייגענער צייט אָבער האָט זיך אַן אומעט געוועקט אין זיין האַרצן. ער האָט געטראַכט: און פון זיין מוזיקאַלישער צוקונפט וואָס ווערט?...

ער האָט אויסגעפונען לאַראַס אַדרעס און אין צוויי טעג שפּעטער איז ער אַוועק צו איר.

זי איז איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל אויף בראָדוועי נישט ווייט פון זיין סטודיאָ, איז ער אַוועק צו איר אין האָטעל. נאָכמיטאָג איז דאָס געווען.

זי איז געווען אין איר צימער. ער האָט אין האָטעל געהייסן איר זאָגן דורכן טעלעפאָן, אַז איינער פון דער פּרעסע וויל זי זען, האָט זי אים געהייסן אַרויפקומען.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געשטאַנען פאַר איר טיר. ער האָט אָנגעקלאַפּט.

זי אַליין האָט געעפנט די טיר. זי האָט אים דערזען, איז זי געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרגליווערטע. דעם נאָמען זײַנעם האָט זי בלויז אַרויסגעשטאַמלט:

— מאַקס!

— יאָ, לאַראַ, איך בין דאָס. מעג איך אַרײַנגיין?

זי האָט ניט געענטפערט, זי האָט נאָך אַמאָל אַרויסגעשטאַמלט זײַן נאָמען: „מאַקס!" דערנאָך האָט זי זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ, יאָ, קום אַרײַן!

און ער איז אַרײַן נאָך איר.

עטלעכע רגעס זײַנען זיי נאָכדעם ביידע געשטאַנען צעמישטע און צע־רודערטע און זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו רעדן ווײַטער. זי האָט אים אַפילו ניט געבעטן זיך זעצן. אָבער מיט אַמאָל האָט זי אַ צי געטאָן אויף זיך דעם ווײַסן טוך, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אירע אַקסלען, און זי האָט זיך אָנגערופן:

— נו, אַן אורח! זיצט, מאַקס...

ער האָט זיך געזעצט, אַזוי אָבער ווי זי איז געבליבן שטיין, איז ער צוריק אויפגעשטאַנען.

— וואָס מאַכסטו, לאַראַ? — האָט ער געפרעגט.

— פײַן! — האָט זי אים קורץ געענטפערט, אַ שמייכל געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ דערבײַיאיקן שאָקל־שטול.

האָט ער זיך דעמאָלט אויך געזעצט אויף אַ שטול אַנטקעגן איר און געקוקט איר אין פּנים.

זי איז אַ ביסל דיקער געוואָרן זינט ער האָט זי געזען. אָבער שיין איז זי נאָך אַלץ געווען און אין אירע שוואַרצע אויגן האָט נאָך אַלץ געלויכטן דאָס אַמאָליקע, ליכטיקע פײַערל.

און ווידער האָבן זיי ניט געוואוסט וועגן וואָס צו רעדן און ביידע האָבן געשוויגן. ביז ער האָט געזאָגט:

— איך האָב געלייענט אין די צײַטונגען וועגן דײַן קאָנצערט. איך האָב זיך זייער געפרייט מיט דײַן דערפאָלג.

— יאָ? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים אַ ביסעלע שפּאַטיש.

— מיר זײַנען דאָך אַלטע פרײַנט.

האָט לאָראַ ווידער אַ קוק געטאָן אויף אים אַזוי, אַז ער האָט זיינע אויגן געמוזט אַרונטערלאָזן, און זי האָט שטיל געזאָגט:

— דו, מאַקס, האָסט עס שוין לאַנג פאַרגעסן. און, זאָגן דיר דעם אמת? איך אַליין האָב דאָס שוין אויך לאַנג פאַרגעסן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעלייגט מיט אַ פאַרשטיקטער אויפרעגונג אין איר קול:

— מיך וואונדערט אויף דיר און אויף דיין מוט.

נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער געענטפערט:

— דו ביזט גערעכט. איך האָב געדאַרפט וויסן, אַז מיין איצטיקער באַזוך דאַרף דיר ניט זיין זייער אַנגענעם. אָבער איך האָב דאָס געוואוסט אויך און איך האָב געטראַכט דערפון. איך האָב דיך אָבער געמוזט זען.

— געמוזט? וואָס מיינסטו, דו האָסט מיך געמוזט זען?

— ווייל דו ביזט מיר נאָך אַלץ נאָענט און טייער, ווי אַ לייבלעכע שוועסטער.

זי האָט זיך צעלאַכט שטיל מיט פאַרשטיקטער אויפרעגונג און באַמערקט מיט שפּאָט אין קול:

— אַ, דו האָסט עס נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן? די אייגענע ווערטער, וואָס איך האָב פון דיר געהערט פריער, דעמאָלט . . .

— אָבער דאָס איז אמת, לאָראַ.

— אמת? אפשר? עס קאָן זיין.

זי איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער און האָט זיך פעסטער איינגע־וויקלט אין איר ווייסן טוך. און מיט אַמאָל האָט זי זיך ווידער אָפּגעשטעלט פאַר אים מיט גאָר אַן אַנדער אויסדרוק אין אירע שוואַרצע אויגן. און זי האָט געזאָגט ניט אין אַן ערך ווייכער:

— אייגנטלעך האָב איך ניט געדאַרפט רעדן איצט מיט דיר אין אַזאַ טאָן. געקומען? צופרידן, אַ גוטער גאַסט. פאַרט צוזאַמען אויפגעוואַקסן פון קינדהייט־אָן, שפּעטער ראָמאַנסירט, געחלומט צוזאַמען . . . הייסט פאַרוואָס ניט אַ גוטער גאַסט? בפרט ווען דיר האָב איך דאָך צו פאַרדאַנקען פאַר מיין איצטיקער קאַריערע אויך: ווען ניט דו, קאָן זיין, וואָלט איך קיינמאָל די אַמביציע ניט געהאַט צו ווערן אַמאָל אַ זינגערין.

און זי האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— זאָג מיר, וואָס מאַכסטו, מאַקס?

— זייער פיין, לאָראַ, זייער פיין. דו אָבער דערצייל מיר וועגן זיך.

— וועגן מיר איז זייער ווייניק פאַראַן וואָס צו דערציילן. זינט אַ געוויסער צייט פאַרנעם איך זיך ניט מער מיט פיאַנאָ־שפּילן. געהאַט אַ פּאָר

קאָנצערטן אין ענגלאַנד, דאָ אַ קאָנצערט און אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער וועל איך אויפטרעטן אין באָסטאָן, דערנאָך מסתמא אין אַנדערע שטעט.

— דו האָסט ניט לאַנג צוריק אויפגעטראָטן ביי ראַבי לעווענבערג אין הויז אויף אַ קאָנצערט. ראַבי לעווענבערג איז אַ פריינט מיינער.

— איך ווייס. זיי האָבן מיר דערציילט. איך ווייס אויך, אַז דו האָסט געזאָלט דאָרט אויפטרעטן, נאָר דו ביזט אַוועקגעפאָרן באַזוכן דיין מאַמען אין פילאַדעלפיע. יאָ, וואָס מאַכט זי, דיין מאַמע?

— שוואַך און אַלט.

לאַראַ האָט זיך אָנגערופן:

— איך וועל זיין אין פילאַדעלפיע, וועל איך דיין מאַמען באַזוכן. אַן אַלטע פריינדין מיינע, אַ מיטגליד פון „הדסה", וועט האָבן ביי זיך אין הויז אַ מין אָוונט, אַזאַ ווי ביי ראַבי לעווענטאַל, פאַר דער „הדסה"־אָרגאַניזאַציע, וועל איך דאָרט אויך אָנטייל נעמען. איז דעמאָלט, ווען איך וועל זיין דאָרט, אין פילאַדעלפיע הייסט עס, וועל איך באַזוכן דיין מאַמען. וויל איך טאַקע, אַז דו זאָלסט מיר געבן איר אַדרעס.

און זי האָט אים דערלאַנגט אַ בלייפעדער מיט פּאַפּיר.

מאַקס האָט איר געגעבן זיין מאַמעס אַדרעס און געפרעגט:

— דו אינטערעסירסט זיך נאָך אַלץ מיט דער „הדסה"־אָרגאַניזאַציע?

— איצט נאָך מער ווי פריער. מיין גרעסטער חלום איז אויפצוטרעטן אויף מיינעם אַ קאָנצערט אין פּאַלעסטינע. און דו ווייסט, וואָס איך וואָלט דאָרט געוואָלט זינגען אויף יענעם קאָנצערט? — האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן.

— וואָס?

— די תפילה פון דיין „אייביקן ייד", בעת די אינקוויזיטאָרן פירן אים צו פאַרברענען. זיין „שמע ישראל".

— דו געדענקסט עס נאָך?

— צי איך געדענק עס נאָך? איך געדענק דאָס און נאָך אַנדערע שטעלן פון אָט דעם ווערק דיינעם. דאָרט זיינען דאָך אויך פאַראַן שטיקער פון מיין אייגענעם האַרצן...

— אמת, לאַראַ, — האָט ער געענטפערט. — דיין באַגייסטערונג איז אין יענעם ווערק. דאָס האָב איך די גאַנצע צייט ניט פאַרגעסן.

— ערנסט? דו פאַרגעסט עס ניט?

— איך האָב די גאַנצע צייט געבענקט נאָך דעם, לאַראַ. עס פעלט מיר. איך האָב אַלצדינג: אַ פרוי וואָס איך ליב, אַ קינד וואָס איך האָב אים ליב, אַ רייכע הויז, דינסטן, צוויי מאַשינען; איך פאַרדין אַ סך, גאָר אַ סך. עס

פעלט מיר אָבער דער עיקר: אָט דאָס, וואָס זאָל וועקן מיין קינסטלערישע אַמביציע; וואָס זאָל מיך באַגייסטערן צו שאַפן.

— און דיין ווייב, מאַקס?

— מיין ווייב? איך האָב זי משוגע ליב, און זי, גלויב איך, האָט מיך אויך ליב ניט ווייניקער, און . . . דאָס אַלץ! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, איז זיך ווידער דורכגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק און האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

— ראַבי לעווענבערג האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט נאָך ניט פאַר־ענדיקט דיין „אייביקן ייד". איז דאָס אמת?

— יאָ, אמת. און איך ווייס ניט, צי איך וועל אים אַמאָל פאַרענדיקן.

— פאַרוואָס? אַזאַ וואונדערלעך ווערק!

— איך ווייס ניט. איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט אין אים. פאַרלאָרן דעם וועג, דעם טאָן. דעם ניגון האָב איך פאַרלאָרן, לאַראַ.

— יאָ, יאָ, מאַקס! הפנים, אַז דו האָסט דעם ניגון פאַרלאָרן. אַ גרויסער שאָד, מאַקס, אַ גרויס ווערק...

און דעמאָלט איז אים מיט אַמאָל אַ שווערער אומעט באַפאַלן און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן פאַרצווייפלט:

— דו זאָגסט „אַ גרויס ווערק פאַרלאָרן". איך האָב מורא, אַז אינגאַנצן בין איך איצט פאַרלאָרן. איך אַליין בין דער פאַרלאָרענער ניגון.

זיי האָבן נאָך אַ ווײַלע גערעדט. מיט אַמאָל האָט לאַראַ זיך אָנגערופן:

— וועסט עפּעס טרינקען, מאַקס?

און זי האָט ניט געוואַרט אויף זיין ענטפער און אָנגעקלונגען.

— מיר'ן טרינקען אַ גלאָז וויין, דערמאָנען אונדזער אַמאָל.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. לאַראַ האָט געענטפערט. זי האָט אַריינ־געקוקט אין קאָרידאָר און עפּעס געזאָגט. דערנאָך האָט זי צוגעמאַכט די טיר.

— מען ברענגט באַלד אַריין, — האָט זי זיך אָנגערופן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ דינער אַריינגעבראַכט אַ פלאַש וויין. לאַראַ האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער.

— שוין אַ לאַנגע צייט, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען, מאַקס. האָב איך זיך עפּעס געענדערט פאַר דער צייט?

— גאָר ניט. נאָך שענער געוואָרן.

— און דו? — האָט זי זיך גוט איינגעקוקט אין אים. — דו ביזט ווייט ניט אַזוי שיין ווי פריער, — האָט זי אַ לאַך געטאָן. — און דו ווייסט פאַרוואָס?

ווייל איך קוק איצטער ניט אויף דיר מיט נאַרישע, פאַרליבטע אויגן, ווי אַמאָל.

זי האָט גענומען אַ גלאָז ווײַן און אָנגעוויזן אויף דער אַנדערער:

— טרינק, מאַקס.

ווי רואיק און געלאַסן זי האָט איצט גערעדט. איצט האָט ער געזען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער לאַראַ. יענע האָט ניט געהאַט אַזאַ פעסטן כאַראַקטער, ווי די לאַראַ. וויניקסטנס, אַזאַ איינדרוק האָט זי איצט אויף אים געמאַכט.

כמעט מעכאַניש האָט ער געטאָן, וואָס זי האָט געוואָלט. ער האָט גענומען די גלאָז און אָנגעקלאַפּט אָן אירער. נאָכדעם האָבן זיי ביידע געטרונקען.

— דו געדענקסט, מאַקס, ווי מיר האָבן אַמאָל אַזוי געטרונקען? — האָט זי אַ לאַך געטאָן. — וואָס פאַר אַ נאַרישע צייט געווען. און דאָך איז אַ שאָד יענע צייט. עס ווילט זיך אַמאָל זיין נאַריש...

זי האָט נאָך אַמאָל אַ זופּ געטאָן פון דער גלאָז און זי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. נאָכדעם איז זי ווידער אַוועק שפּרייזן איבערן צימער, האָט פאַרצויגן אַרום די אַקסלען שטייפער דעם ווייסן טוך, געשפּרייזט פאַרטראַכט און געשוויגן.

— יאָ, פאַרוואָס זאָל איך עס לייקענען, מאַקס? — האָט זי ווייטער גערעדט. — איך בין אָפנהאַרציק מיט דיר: דו ביזט מיר זייער טייער געווען; טייערער איידער אַלצדינג אויף דער וועלט. דעמאָלט, ווען דו האָסט אַזוי שווער געקעמפט, בין איך... נאַריש? ניין, גאָר ניט נאַריש! איך שעם זיך גאָר ניט מיט דעם! איך בין גרייט געווען דעמאָלט זיך צו לייגן אונטער דיינע פיס, כדי צו מאַכן דיר לייכטער דעם האַרטן, דאָרנדיקן וועג. נו, איז וואָס איז דאָ זיך צו שעמען דערמיט? איך בין דעמאָלט גליקלעך געווען, גליקלעך...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַ זופּ געטאָן דעם ווײַן. נאָכדעם האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שאָקל־שטול און זיך געוויגט.

— וועגן זיך האָב איך וויניק געטראַכט, — האָט זי דערנאָך ווידער אָנגעהויבן. — נאָר וועגן מאַקסן. נאָר מאַקס און מאַקס און מאַקס... ער מוז באַרימט ווערן. ניט איך. און אויב עס איז מיר יאָ אַמאָל אַריינגעפאַלן אַ געדאַנק וועגן זינגען, איז נאָר כדי צו זינגען דיין געזאַנג... דערפאַר האָב איך נאָכדעם אַזוי פיל געליטן. איך וויל ניט זאָגן, מאַקס, אַז דו האָסט קעגן מיר געהאַנדלט ניט ערלעך. ניין, איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט. מען קאָן ניט דיקטירן דאָס האַרץ, ווועמען און וואָס און פאַרוואָס צו ליבן. אָבער ווען איך האָב דיך פאַרלאָרן איז אַרום מיר אַזוי פינצטער געוואָרן און אַזוי קאַלט! אָ, ווי איך האָב געפראַרן! געפראָרן, מאַקס, מיט דער ברענענדיקער ליבע אין מיין האַרצן!...

מאַקס האָט געקוקט אויף איר מיט אויגן, וואָס זיינען פאַרשלייערט געווען פון טרערן. אים האָט זיך געוואָלט צופאַלן צו איר און בעטן איר, אַז זי זאָל אים מוחל זיין פאַר די אַלע יסורים, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט אַ ריר טאָן. ער איז אַזוי ווי געליימט געוואָרן פון אירע לעצטע ווערטער. ער האָט געהאַלטן די גלאָז ווייַן אין דער האַנט און זיך ניט צוגערירט צו דעם.

באַלד אָבער איז לאַראַ געקומען צו זיך און זי האָט זיך באַהערשט. זי האָט פריילעך אויסגעשריען, און דערביי האָט זי האַסטיק זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט:

— אָבער וואָס האָב איך זיך דערמאָנט וועגן זאַכן, וואָס איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן? טרינק, מאַקס. פאַרוואָס טרינקסטו ניט דעם ווייַן, מאַקס?

האָט מאַקס דעם ווייַן ניט געטרונקען, נאָר אַוועקגעשטעלט די גלאָז אויפן טיש און איז צוגעגאַנגען צו לאַראַן און איז צוגעפאַלן צו אירע הענט און האָט זיי געקושט. און דערנאָך האָט ער זיך מיט אַמאָל צעוויינט שטיל, אָן ווערטער.

לאַראַס גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט און צעטומלט. נאָכדעם האָט זי זיך מיט אַמאָל צעלאַכט:

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ קינדעריי?

און אין איר קול האָט געציטערט אַן איינגעהאַלטענע טרער.

דערנאָך האָט זיך מאַקס צונויפגענומען און זיך האַלב־פאַרשעמט צע־שמייכלט. ער האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— ווען איך וואָלט געקאָנט עפּעס טאָן פאַר דיר, לאַראַ! דאָס וואָלט מיך איצט גליקלעך געמאַכט.

זי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אים אויף אַן אַקסל און מיט אַן אומעטיקן שמייכל זיך אָנגערופן:

— יאָ, מאַקס, עפּעס קאָנסטו יאָ טאָן פאַר מיר. פאַרענדיק דיין ווערק „דער אייביקער ייד". אַ שאָד אַזאַ ווערק! פאַרענדיק דאָס, מאַקס. אפשר וועל איך טיילן פון דעם קאָנען זינגען אויף מיינע קאָנצערטן.

— איך וועל עס זיכער טאָן, לאַראַ. איצט וועל איך דאָס קאָנען פאַר־ענדיקן, ווען איך וועל האָבן דיך איינזינען.

זי האָט אַוועקגענומען איר האַנט פון זיין אַקסל און זיך אָנגערופן פּלוצים אין גאָר אַן אַנדער טאָן, כמעט אין אַ קאַלטן טאָן:

— סיידן נאָר ביי אָט־דער אַרבעט. אָבער ווייטער זאָלסטו ניט טראַכטן מער וועגן מיר. פאַרגעס מיך, ווי איך האָב דיך פאַרגעסן. און קום מער ניט צו מיר, — האָט זי צוגעלייגט. — דו האָסט ניט געדאַרפט קומען!

יענע נאַכט האָט מאַקס ניט געקאָנט שלאָפן. אַ שווערער אומעט און בענקעניש האָבן אים געדריקט.

* * *

אַזוי לעבט מאַקס. געלט פעלט אים ניט. עס פעלט אים אָבער מער אײדער דאָס: דאָס אַמאָליקע גליק פון שאַפן; יענע שטונדן פון באַגײַסטערונג און גליק, וואָס בײַ דעם אמתן קינסטלער קאָן מען זײ ניט פאַרבײַטן מיט קײן אַנדער זאַך אין דער וועלט.

ער שאַפט ניט מער קײן זאַך, הגם צווישן די באַקאַנטע פון זײַן קרײַז און צווישן די רײַכע שילער זײַנע דערצײלט מען נאָך אַלץ, אַז ער אַרבעט איבער אַ גרויס ווערק.

און אַמאָל עפנט ער אויף די שאַפע, וואו עס ליגן די ניט־פאַרענדיקטע אַרבעטן זײַנע. ער נעמט פון דאָרט אַרויס אַ העפט און קוקט אין דעם אַרײַן מיט בענקשאַפט אין די אויגן.

אַ וואונדערלעכע אַרבעט. ער מוז דאָס פאַרענדיקן. ער איז אָבער צופיל פאַרנומען, צופיל באַשעפטיקט מיט זײַנע שטונדן. ער וועט זיך נאָר אַביסל באַפרײַען פון זײַנע שטונדן, וועט ער דאָס פאַרענדיקן.

וועט ער פאַרענדיקן דעמאָלט די זאַך און יענע זאַך און די דריטע זאַך און וועט זיך אויך זעצן אַרבעטן איבער זײַן גרעסטן ווערק „דער אײביקער ייד“.

אַזוי האָט ער זיך געטרײסט.

אָבער טיף בײַ זיך אין האַרצן האָט ער געפילט, אַז ער וועט זײַנע ווערק שוין קײנמאָל ניט פאַרענדיקן. און די וועלט, וואָס האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף זײַנע גרויסע ווערק, וועט זײ קײנמאָל ניט הערן.

מחמת ער האָט שוין קײן כוח ניט געהאַט מער פאַר ערנסטער אַרבעט, קײן ענערגיע, קײן חשק און קײן אַמביציע. אויס קינסטלער, אויס שאַפער — געשטאָרבן!...

און אײנמאָל, בשעת ער איז געזעסן אין קאַרנעגי האָל מיט לילין בײַ אַ קאָנצערט, וואו מען האָט אויך געשפּילט זײַנע אַ פּאָר פריערדיקע זאַכן, האָט ער דאָס ערשט ריכטיק דערפילט.

און פאַרצווייפלט האָט ער דעמאָלט געטראַכט:

„גאָט, וואָס פאַר אַ קראַפט איך האָב אַמאָל געהאַט! וואו איז דאָס אַלצדינג אַהינגעקומען? וואו איז מײַן אַמאָליקע קראַפט? מײַן אַמאָליקע פאַנטאַזיע? וואו זײַנען די אַלע פריערדיקע קלאַנגען און טענער?!...“

זײַנע באַקן זײַנען נאַס געוואָרן, און אַרויסגעקרעכצט האָט אין אים:

„פאַרלאָרן, אַלצדינג פאַרלאָרן! יאָ, איך בין דער פאַרלאָרענער ניגון...“

סוף

דערציילונגען

דער אייביקער ייד

(געשריבן אונטער דעם איינדרוק פון די פּאָגראָמען פון 1906)

. . . דאָרט, וואו אינדערפרי, אין דעם העלן אינדערפרי, איז די היץ פאַרגליוועט אין דער לופט, דער שטיקנדיקער; וואו דער זאַמד דער הייסער ברענט ווי קוילן גליענדיקע, אָנגעצונדן פון דער זון דער פייערדיקער, וואַנ־דערט ער זינט יאָרן גרוי, דער זקן דער אַלטער, דער פּאַטריאַרך דער אָנ־געפלאָגטער, — וואַנדערט ער מיט פיס נאַקעטע, צעוואונדעטע, איבער דעם זאַמד דעם הייסן, מיט לעפצן פאַרטריקנטע אין אַ לופט אַ שטיקנדיקער, — וואַנדערט און זוכט טראָפּנס עטלעכע וואַסער קוועלנדיקע צו לעשן דעם דורשט דעם ברענענדיקן פון זיינע לעפצן די פאַרטריקנטע...

. . . דאָרט, אין דער נאַכט, אין דער שוואַרצער נאַכט, וואו עס טראָגט זיך אַ קרעכצן אַ שניידנדיק, אַ וואָיען אַ מוראדיק, פון פייגלען ווילדע, פון חיות הונגעריקע, וואַנדערט ער, דער זקן דער אַלטער, געיאָגט פון דעם קרעכצן דעם ווילדן, פאַרפאָלגט פון דעם וואָיען דעם אימהדיקן, — וואַנדערט ער און זיינע אויגן, די בעטנדיקע, זיינען געווענדט צום הימל דעם שוואַרצן, וואו עס וואוינט זיין גאָט דער אַלמעכטיקער, דער באַשיצער דער איינציקער.

און זיינע ליפּן, די פאַרברענטע, בעטן:

„גאָטעניו, דו, וואָס איז פול מיט רחמנות, ברענג מיך צו אַ ווינקל אַ זיכערן. פאַרברענט ווער איך אין דעם מדבר דעם פרעמדן, דערשטיקט ווער איך. גענוג געוואַנדערט, גענוג געוועזן נע־ונד, גאָטעניו, דו ביסט דאָך אָן אל מלא רחמים!"

און שטום איז דער הימל דער שוואַרצער. עס ענטפערן נאָר די פייגלען די ווילדע, די חיות די הונגעריקע נאָך בייזער, נאָך שרעקלעכער...

און ער וואַנדערט ווייטער, ווייטער, איבער שטיינער שפּיציקע, איבער דערנער שטעכעדיקע, איבער זאַמד גליענדיקן, און לאָזט איבער הינטער זיך טראָפּנס רויטע פון בלוט וואָרעמען... און עס דעריאָגט אים אַ שטורעם אַ בייזער; און עס וואַרפט זיך אויף אים אַ זייל פון זאַמד הייסן; און עס וויל אים דערשלאָגן דער דונער, דער צאָרנדיקער, פאַרברענען דער בליץ, דער פלאַמענדיקער.

און ער קרעכצט, דער זקן, דער אַלטער. און זײַן רוקן בויגט זיך, בויגט זיך אונטער די קלעפּ די שווערע; אָבער ער פאַלט ניט; די פיס זײַנע שטאַרקע האַלטן אויס.

און ער וואַנדערט ווײַטער, ווײַטער. לאַכט, דאַכט זיך, פון די פייגלען די ווילדע, פון די חיות די הונגעריקע, פון דעם זאַמד דעם גליענדיקן, פון דעם שטורעם דעם בייזן, פון דעם דונער דעם צאָרנדיקן און פון דעם בליץ דעם פלאַמענדיקן.

און פאַרוואונדערט זײַנען די בייזע קרעפטן, פאַרוואונדערט און באַליידיקט. וואָס איז דאָס? זיי קאָנען ניט בײַקומען אַזאַ אײַנגעהויקערטן אַלטיטשקן?!...

און דער שטורעם דער בייזער האָט אַ הילך געטאָן מיט אַ שטים אַ פייערדיקער:

„העי, וואו זײַט איר, איר מעכטיקע קרעפטן? איר, וואָס רײַסן אַרויס די דעמבעס מיט די וואָרצלען; וואָס רײַסן אַרונטער בערג־פעלזן; וואָס פאַרשיטן טײַכן טיפע; וואָס באַגראָבן גאַנצע שטעט און דערפער; וואָס אַפילו די זון אַליין איז בײַ אײַך אַ שפּילכל — ווען איר ווילט נאָר, פאַרטרײַבט איר די שײַן די ליכטיקע פון דעם הימל, דעם בלויען, — וואו זײַט אירע אַלע? קומט, מיר וועלן צעברעכן דעם הויקער, דעם אַלטן!"

און די לופט איז פאַרהילכט געוואָרן מיט קולות ווילדע, מיט אַ געפילדער אַ מוראַדיקן. עס האָבן געקרעכצט: „בלוט, בלוט", די פייגל די ווילדע; עס האָבן געוואָיעט: „פליש, פליש!" די חיות די הונגעריקע; עס האָט געליאַרעמט: „טויט, טויט!" דער שטורעם דער בייזער; עס האָט געגוואַלדעוועט: „שלאָג, שלאָג!" דער דונער דער צערײַצטער; עס האָט געפליסטערט: „ברען! ברען!" דער בליץ דער פלאַמענדיקער; אַפילו פון גיהנום זײַנען געקומען צו לויפן די גײַסטער די בייזע, אי לילית, אי דער מלאך־המות אַפילו אַליין, און זיי האָבן געליאַרעמט מיט קולות ווילדע:

„בלוט! בלוט! פליש! פליש! טויט! טויט!"

און ס'האָט זיך אַ שאָקל געטאָן דער אַלטער. און ער איז געפאַלן מיט אַ „שמע ישראל" אַ פאַרשטיקטן אויף די ליפּן די פאַרבלוטיקטע.

און אַ געפילדער פון פרייד און נצחון האָט זיך אָפּגערופן אויף זײַן „שמע ישראל" דעם פאַרשטיקטן. און אין זײַן בלוט דעם וואַרעמען האָבן יענע גענומען טאַנצן, אי לילית, אי דער מלאך־המות האָט געטאַנצט.

— „זײַן נשמה גיט מיר!" — האָט געשריען דער מלאך־המות מיט אַ שטים אַ פריילעכער.

— נעם זײַן נשמה, נעם זי!

און דאָ — אַ וואונדער. דער זקן דער אַלטער האָט זיך אַ הייב געטאָן אין דעם טייך בלוט דעם וואָרעמען. אַ גלייכער, אַ מעכטיקער, אָן דעם הויקער. און אָוועקגעשטעלט זיך האָט ער קעגן די קרעפטן די בייזע, און אַ געשריי געטאָן האָט ער מיט אַ קול, וואָס אין אים האָט געראַוישט בלוט פרישע, בלוט יונגע און פייערדיקע:

„אָ, איר בלינדע, פינצטערע קרעפטן, איר ווילט מיך פאַרניכטן? כ'האָב אָבער פאַר אייך קיין מורא ניט. איך בין דער אייביקער ייד. ניט איין שטורעם האָט זיך איבער מיין קאָפּ דורכגעטראָגן; ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס בייזע קרעפטן ווילן מיך פאַרניכטן; זינט איך וואַנדער האָב איך פיל איבער־געטראָגן אויף מיינע אַקסלען, אַ סך דורכגעלעבט און וועל נאָך אַ סך דורכ־לעבן. אָבער שטאַרבן? קיינמאָל ניט! איך לעב און וועל לעבן. אין מיר איז דאָס לעבן, און דעם לעבן קאָנט איר ניט פאַרניכטן. אָ, איר בלינדע, איר פינצטערע קרעפטן!

„איך האָב איבערגעלעבט יענע בלינדע, בייזע קרעפטן, וואָס האָבן מיך פאַרטריבן פון מיין היים, און וועל אייך אויך איבערלעבן. איך וועל אייך איבערלעבן, אייך, וואָס פאַרפאָלגן מיך אויף מיין וואַנדער־וועג. אָוועק פון מיר! איך האָב פאַר אייך קיין מורא ניט. ניט דער שטורעם שרעקט מיך, ניט דער דונער און ניט דער בליץ, ניט דער הונגער און ניט דער דורשט, און ניט דאָס וואָיען און קרעכצן פון די ווילדע חיות און פייגל. איך האָב דאָס שוין געהערט, געזען, דורכגעלעבט פיל, פיל מאָל, זינט יאָרן און יאָרן. אָוועק!"

און אַ צעקאַכטער איז דאָן אָוועקגעפלויגן דער שטורעם דער בייזער, און נאָך אים דער דונער דער צאָרנדיקער, און דער בליץ דער פלאַמענדיקער, און אַלע בלינדע, בייזע קרעפטן האָבן זיך באַהאַלטן, פאַרשוואונדן אין זייערע היילן די פינצטערע.

דער זקן דער אַלטער האָט אויף אַ ווײַלע דאָן אָפּגעצויגן זיין אָטעם דעם פייערדיקן... נאָכדעם האָט ער אָנגעקוקט מיט אויגן צעשראָקענע די לעכער די פרישע אויף זיין האַרץ דעם פאַרוואונדעטן, האָט דערזען דאָס בלוט דאָס פרישע, וואָס ער האָט פאַרגאָסן, און אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל דעם שטומען און אַרויסגעפּליסטערט:

„וועט אַמאָל שוין זיין אַ סוף? וויפיל נאָך בלוט קען איך פאַרגיסן? וואו איז דיין רחמנות? ביז איצט האָב איך געקענט נאָר דיין צאָרן, דו אל מלא רחמים, אָבער ניט דיין דערבאַרעמען. פאַרנעם איצט מיין געבעט. דיין רחמנות בין איך דיר מוחל, איך פאַרלאַנג שוין ניט פון דיר קיין הילף; צייר־

נאָר ניט אַרויף אויף מיר דיין צאָרן און דיינע פּלאָגן, דעמאָלט וועל איך אפשר אָן דיין הילף געפינען פאַר זיך אַ מקום מנוחה, אַ ווינקל, וואו אָפּצורוען.״

אַזוי האָט געבעטן דער זקן דער אַלטער, דער וואַנדערער דער אייביקער, און גענומען זיין שטעקן און אַוועקגעוואַנדערט ווייטער און ווייטער...

עס האָט גענומען טאָגן. אַ נייע זון אַ ליכטיקע האָט זיך אָנגעצונדן אויפן האָריזאָנט.

אפשר וועט די זון, די נייע, באַלייכטן דעם וועג פאַר דעם וואַנדערער, דעם אַלטן, צו אַ היים אַן אייגענער, צו אַ ווינקל אַ זיכערן און אַ ליכטיקן ?...

די שפּראַך פֿון עלנט

א

דאָס איז געווען באַלד ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. מיר האָט זיך גרײַלעך ניט געגלוסט דערהרגעט צו ווערן. האָב איך גענומען טראַכטן ווי אַזוי מאַכט מען דעם ויברח פֿון מײַן שטעטל, און דווקא האָט מיר אָפּגעגליקט...

אַרום סוכות־צײַט בין איך אָנגעקומען קיין אַמעריקע. געהאַט אַ שטיקל קרוב אין ניו־יאָרק, האָט ער מיך פֿון דער שיף אַראָפּגענומען.

אַי, די גרינגע צרות! קיין למדן אין הלכות קלאָוקס־נייען אויף דער קאַטע־רינקע, ווי איך בין הײַנט, בין איך נאָך דעמאָלט ניט געווען. און אַז איר וואָלט מיר דעמאָלט געיונעוועט אַ גאַנץ יאָר, וואָלט איך אַלץ ניט פֿאַר־שטאַנען וואָס „יונע" איז, וואָס „אַרבייטורער אינטערעסן" זײַנען און וואָס „פּיקעווען" הייסט. הגם, דעם אמת געזאָגט, האָב איך דעמאָלט אויך געקאָנט דערלאַנגען אַ כמאַליע אין פּיסקאַטש אַרײַן, אַז מען זאָל דערזען ביי מיר דער באָבען פֿון יענער וועלט. אָבער דעמאָלט האָב איך נאָך ניט געוואוסט, אַז כמאַליען דאַרף מען דווקא „סקעבס". אין דער היים, ביי מיר אינעם שטעטל, בין איך ניט געווען אַזאַ אויסקלײַבער: האָט זיך עמעצער מיט מיר פֿאַר־טשעפּעט, איז אַ רייב אין פּרעסער אַרײַן, אַז די כאָליערע האָט אים געכאַפּט!

דערפֿאַר טאַקע האָט מען מיך דאָרט גערופֿן „די ווילדע בריאה". אָבער דרך־ארץ האָט מען פֿאַר מיר דאָרט געהאַט מער ווי פֿאַר דעם רב, כמעט אַזוי פֿיל ווי פֿאַר אונדזער אוריאַדניק.

איך האָב דאָרט פֿאַרקויפֿט פֿיש אויפֿן מאַרק. ביי די אַנדערע דאָרטיקע פֿישער האָט מען אָפֿט פֿיש „געלאַטכנט". ביי מיר אָבער... אָהאָ! — קיין שאָלעכץ פֿון אַ פֿישל אַפֿילו איז קיינמאָל ניט געגאַנגען פֿאַרלאָרן. אַזאַ דרך־ארץ האָט מען דאָרט פֿאַר מײַנעם אַ „פּלעם" געהאַט...

דאָ אָבער — אויס יחסן געוואָרן. קיינער האָט דאָ פֿאַר מיר קיין דרך־ארץ ניט געהאַט. אַפֿילו דער הונגער אויך ניט. גאַנצענע טעג אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, געזוכט עפּעס צו פֿאַרדינען, און — אַ נעכטיקער שלש־סעודות!

געבראַכט פֿון דער היים עטלעכע קאַרבאָנצעס. בין איך אָבער, צום שלימזל, אַ היפּשער עסער, און דער אַמעריקאַנער ברויטל איז ווייניקער פֿון פֿינף פֿונט און קלעקט מיר אויף איין צאָן. און די ציין, אַ דאַנק גאָט, זײַנען נאָך ביי מיר אַלע אינעם מויל. זײַנען די עטלעכע קאַרבאָנצעס גאָר אין גיכן צווישן די ציין צעגאַנגען...

און אין דער היים האָב איך אַ ווייבל נאָך איבערגעלאָזט. דווקא אַ שיין ווייבל. פיר יאָר נאָך דער חתונה. אויך אַ דריי־יעריק ווידליקל — אַ געשמאַק מיידעלע. טראַכט איך וועגן זיי כסדר, בענק נאָך זיי, אַז די ניכפּה כאַפּט מיך, און גאָר!

קיין סך געלט האָב איך זיי ניט איבערגעלאָזט. ווי קומען זיי דורך דאָרט? צי הונגערן זיי ניט דאָרט, חלילה?

איך שרייב בריוו צו מיין ווייב, און אין יעדן בריוו מיינעם לאָז איך איר וויסן, אַז באַלד־באַלד שיק איך איר אַרויס די אַמעריקאַנער דאָלערס.

וואַרט זי דאָרט און איך דאָ.

גייט אַזוי אַוועק אַ חודש און נאָך אַ חודש. קיין האָפענונג אַפילו איז ניטאָ צו פאַרדינען אַ סענט!

וואוין איך ביי מיין קרוב אַ פּעדלער, אַ געדראָלענער קבצן מיט אַ סך קליינע קינדערלעך. גיט ער מיר אַן עצה, איך זאָל פּרוּוון פּעדלען. מילא, זאָל זיין פּעדלען. באַזאָרגט ער מיך מיט אַ קערבעלע מיט קלייניקייטן: קלאַפּ, ברודער, אין די טירן! מילא, קלאַפּ איך... קלאַפּ איך היינט, קלאַפּ איך מאָרגן, קלאַפּ און קלאַפּ און אַלע מאָל צום שלימזל אין טיר אָנגעקלאַפּט. דאָ זידלט מען מיך, הלמאי אַזאַ געזונטער יאַט ווי איך פּעדלט — חולה בין איך צו אַרבעטן, וואָס? און דאָרט ענטפערט מען מיר אויף אַ טאַראַבאַרשצינע, און גיי פאַרשטיי וואָס מען רעדט צו דיר! און אין אַ דריטן פּלאַץ רעדט מען גאָר ניט — פאַרהאַקט די טיר פאַר דער נאָז און לך לך! הכלל, אין אַ וואָך אַרום קער איך אום מיין קרוב זיין קערבעלע: „מער קלאַפּ איך ניט אין די טירן, יאַשע. דאָס איז ווי נדבות בעטן. מען גיט ניט און איך קאָן ניט. איכ׳ל בעסער גיין זוכן ערד גראָבן, שטיינער האַקן!“

און ווייטער זיך אַ נעם געטאָן צום זוכן — ניטאָ!

אין די קעשענעס ביי מיר פייפט אַ קאַלטער ווינט. די געדערים אינעם בויך דרייען זיך, וואָיעווען כסדר: גיב זיי פּאַפּקע. מיין קרוב און זיין ווייב האָבן אויף מיר שטאַרק רחמנות, זאָגן זיי מיר, אַז זיי קאָנען ניט צוזען מיין צער, דערפאַר זאָל איך אויף זיי רחמנות האָבן און אויפזוכן פאַר זיך אַ נייע לאָזשי...

אַז איך הער דאָס, ווערט מיר נאָך בעסער אויפן האַרצן. זיי בעטן מיך אַמאָל צום טיש עסן. זע איך אָבער בשעת מעשה ביי מיין קרובס ווייב אין די אויגן די גאַנצע תוכחה, בין איך איר שוין ס׳רוב מוחל די תוכחה מיט דעם עסן.

וואָס דען טו איך? אין מיטן נאַכט, ווען זיי אַלע שלאָפן, גנבעט זיך אַמאָל מייגער אַראָפּ פון טאַפּטשאַן, כאַפּט זיך אַריין מיט באָרוועסע פיס אין

קיך, וואו דאָס ברויט ליגט, און חי — געלעבט!

די ערשטע צייט מיינט מיין קרובס ווייב, אַז דעם חורבן האָבן עס מיין אַנגעטאָן, קויפט זי פאַר זיי מישאַק. שפּעטער אָבער שטויסט זי זיך אָן, אַז איך בין דאָס דער תל־מאַכער. פאַלט זי אויף מיר אָן: נאָך וויניק וואָס איך פרעס איר אָפּ דעם קאָפּ, ברענג איך איר אויס נאָך 5־סענטיקע אויף מישאַק! וואָס איז זי, אַ ראָטשילדיכע, וואָס? זי איז אָן אביונטע און זי האָט בילכערע וועמען צו געבן עסן.

אָט אין דער דאָזיקער צייט לייען איך אַמאָל איבער אין אַ יידישער צייטונג, אַז עפּעס איינער אַ חזן אין בראַנזוויל דאַרף האָבן אַ באַס. איר דאַרפט וויסן, אַז אין דערהיים האָב איך ימים־נוראים אונטערגעהאָלפן די היימישע בעל־תפילות. טראַכט איך מיר: אויב גראָבן ערד ניט, האָקן שטיינער אויך ניט, זאָל זיין זינגען!

האָב איך געליען אַ צען־סענט שטיק ביי מיין קרוב און בין אַוועקגעפאָרן קיין בראַנזוויל.

קום איך אַריין צום חזן אין הויז. איך זע פאַר זיך אַ יידן מיט אַ הויכן קאַפּעלוש און אַ געשאָרן בערדל. דערצייל איך אים: אַזוי און אַזוי הייסט עס, אַ באַס פון רוסלאַנד, געזונגען אַלע מיינע יאָרן ביי די גרעסטע חזנים אין דער היים. הייסט ער מיך עפּעס זינגען. וויל איך אים דאָך וויזן מיין כלי אין דעם ריכטיקן קאָליר, פאַרקאַטשע איך זיך און אַרויס מיט דער גאַנצער פּאַרע, אָט ווי אַ פּאַראָוויק! און — הו־הו און הו־הו — איך הודיע, ברודער, מיט דער גאַנצער גאַמבע, אַז דער חזן מיינער האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן מיט ביידע הענט, פאַרקרימט דאָס פּנים, אַזוי ווי איך וואָלט אים מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ געקלאַפּט, און געשריען:

— געוואָלד! געוואָלד! גענוג! גענוג! הערט אויף!

אַז איך בין אַנטשוויגן געוואָרן, מאַכט ער צו מיר:

— איר קאָנט גוט שרייען. איר האָט, קיין עין־הרע, אַ סך כח; אָבער זינגען, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!...

נו, נו, וואָס מיינט איר?... מיט אַמאָל דערפיל איך טרערן, אַזוינע הייסע, ווי הייסע באָב, פאַלן מיר איבער די באַקן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך צעיאַכנעוועט, ווי אַ באַביצע...

הקיצור, דער חזן, ניט קיין שלעכטער מענטש, האָט מיך גענומען אויס־פרעגן. איך האָב אים אַלץ דערציילט, מיין גאַנצן חורבן.

מאַכט ער צו מיר: ער האָט אַ דזשאָב פאַר מיר. אַ רייכער באַלעבאָס פון זיין שול, אַ בילדער פון הייזער, דאַרף, ווייסט ער, האָבן אַ „וואָטשמאַן", אַ שומר, צו די הייזער וואָס ער בויט. און טאַקע גלייך גייט ער צו צום

טעלעפאָן ביי אים אין הויז, רופט אָפּ יענעם און דערציילט אים די גאַנצע מעשה. יענער זאָגט, איך זאָל צו אים קומען, און דווקא גלייך.

אין אַ ווילע אַרום בין איך מיטן חזן לעבן יענעמס הויז. אַ רייך הויז, און ביים סאַמע אַריינגאַנג שטייען צוויי גרויסע לייבן מיט אָפענע מיילער. מאַכט צו מיר דער חזן, איך זאָל ניט מורא האָבן. די לייבן זיינען ניט קיין לעבעדיקע, זיינען פון שטיין. זאָג איך אים: הלוואי וואָלטן זיי געווען לעבעדיקע און וואָלטן מיך איינגעשלונגען, זאָל זיין אַ סוף!...

קומען מיר אַריין צו יענעם אינעם הויז. עס בלאַנקט און פינקלט פאַר די אויגן. הויכע שפּיגלען אין גאָלדענע צי באַגילדטע ראַמען. בילדער אויף די ווענט, אויך אין אַזוינע ראַמען. מעבל גאָלדענע צי באַגילדטע. אַ גרויסער זייגער אויף דער וואַנט — אַ גאָלדענער צי אַ באַגילדטער. אַפילו די ווענט זיינען אויך מיט גאָלדענע פּאַסן, — קורץ, דאָס גאַנצע הויז איז כולו גאָלד!...

דער באַלעבאָס אַליין, אַ פריילעכער יאַט, מיט אַ רויטער באָרד און זומער־שפּרענקלעך אויפן פּנים, אַ קורצער, מיט אַ היפּשער פּוזשע, הויבט מיך אָן אויסצופרעגן: פון וואַנען בין איך אַ לאַנדסמאַן און ווי לאַנג בין איך אינעם לאַנד, און וואָס איך האָב אין דער היים געטאָן. דערצייל איך אים. דער־ציילט ער מיר דערנאָך, אַז ער האָט געהאַט אַ וואַטשמאַן, האָט ער, דער וואַטשמאַן, הייסט עס, געהאַט אַ מיאוסע טבע: איז געשלאָפן ביינאַכט. און אַרום די הייזער האָט מען דערווײַלע געגנבעט. אַרום וואוינען אַרעמע איטאַ־ליענער, גנבענען זיי האָלץ, וואָס נאָר זיי קאָנען. מיט דריי טעג צוריק האָט ער דעם וואַטשמאַן אָפּגעזאָגט, און זיין ווייב מיט זיין זון זיצן דאָרט גאַנצענע נעכט אין דער בודקע, ווי הינט, און היטן, מען זאָל ניט גנבענען...

פרעגט ער מיך:

— קאָן מען זיך אויף דיר פאַרלאָזן?

זאָג איך:

— געוויס.

— וועסטו ניט שלאָפן?

מאַך איך:

— שלאָפן? ווער קאָן דאָס שלאָפן אין אַמעריקע?

— וועסטו היטן? — פרעגט ער ווייטער.

זאָג איך:

— ווי דען? אַוודאי.

פרעגט ער דערנאָך:

— קאָנסטו דערלאַנגען, אַז מען דאַרף?

פאַרשטיי איך ניט אַפריער וואָס ער מיינט. גיט ער מיר צו פאַרשטיין:

— מיט די ידים, מיין איך, אַז עס זאָל זיין עולם, ביילעם, לאַמטאַדריילעם. דאָס הייסט, אַז ביי דעם גנב זאָל זיך דער קאָפּ פאַרדרייען פון די בוכצעס און ער זאָל דערנאָך ווייכן פון מיינע הייזער אויף צען מייל...

זאָג איך אים, אַז וואָס איז שייך דעם ענין, קאָן ער זיך אויף מיר פאַרלאָזן. איך האָב גאָר ניט אַזוי ליב די היגע מענטשן, איך זאָל זיי זשאַלעווען אַ ריכטיקן כמאַל, ווען עס וועט אויסקומען...

הקיצור, איך קריג ביי אים דעם „דזשאָב". צען דאָלער אַ וואָך באַקום איך. דערפאַר דאַרף איך היטן אַ גאַנצע נאַכט די הייזער, מען זאָל פון דאָרט גאָרנישט גנבענען.

איידער איך פאַרלאָז אים, זאָגט ער מיר נאָכאַמאָל:

— געדענק־זשע, ניט געשלאָפן! געקוקט מיטביידע אויגן און צוגעהערט זיך מיט ביידע אויערן, וואָרים מיין ווייב, זאָל לעבן, איז ביי מיר ניט קיין פאַרשלאָפענע. אין מיטן נאַכט וועט זי קומען צו דיר צו חלום... געדענקזשע נאָכאַמאָל: עולם, ביילעם, לאַמטאַדריילעם — טאָמער אַ גנב, פאַרטייטש אים ריכטיק אָט דעם פסוק...

בין איך, הייסט עס, געוואָרן אַ ביינאַכטיקער שומר.

ב

די הייזער, וואָס איך היט, זיינען ווייט, דאַכט זיך, פון דער גאַנצער וועלט. אַרום איז פעלד. פון וויטן נאָר זעען זיך באַוואוינטע הייזער. ביינאַכט קריכט דאָרט אַרום אַ מוראדיקער חושך איבערן פעלד, און די פייערלעך פון די ווייטע הייזער קוקן דורך דעם חושך, ווי אויגן פון קעץ...

— קוואַ־קוואַ! קוואַ! — הערט מען כסדר ווי די זשאַבעס זינגען דאָרט אין די זומפּן. צי עס דערהערט זיך אַמאָל פון וויטן דאָס קלינגען פון אַ קאַר.

דאָס איז אַלץ גערעדט, ווען די נאַכט איז אַ שטילע און ווען עס רעגנט ניט. האָט אָבער גערעגנט און אַ ווינט האָט זיך צעהוליעט, איז מיר אַזוי סומנע געווען אין מיין בודקע. דער ווינט האָט זיך אַזוי געריסן, אַז עס האָט זיך אויסגעגעבן, אַז קעץ שלאָגן זיך דאָרט אַרום אין דעם חושך, בייסן זיך און רייסן זיך, און יאָמערן אַזוי מוראדיק, ווי עפּעס גאָר „ניט־גוטע"... דער רעגן האָט געקלאַפּט איבערן דעכל, אַזוי ווי עמעצער וואָלט דאָרט נאָכאַנאַנד אויף אים אַרבעס געשאָטן פון אויבן... און הגם איך בין בטבע ניט קיין שרעקעדיקער, האָב איך אין אַזאַ צייט זיך דאָך עפּעס געפילט אַזוי מאָדנע קאַלעמוטנע. איך בין ניט געוואוינט געווען צו אַזאַ לעבן. זיצן און גאָרנישט טאָן און בלויז טראַכטן און צוהערן זיך — דאָס האָט מיך נערוועז געמאַכט.

עס האָט זיך מיר אָפּט אויסגעוויזן, אַז איך בין איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט, אָפּגעשניטן פון אַלע מענטשן, און אַרום מיין בודקע אין דעם חושך טאַנצן אַרום שדים און רוחות, אַלע בייזע שלעק, פאַר וועלכע איך האָב אַזוי געציטערט, בעת איך בין אַ קינד געווען. איך האָב נאָך געהאַט דעמאָלט די גרינגע פרומקייט, האָב איך אָפּט זיך געכאַפּט קריאת־שמע לייענען, און אַמאָל האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן הויך אויפן קול צו זיך אַליין, אַבי צו הערן אַ לעבעדיקן קול אַרום מיר... און אַמאָל האָב איך זיך גאָר צעזונגען אויף מיין באַס — אַ „יעלה־לע" צי אַ „זכרנו־לע" האָב איך געזונגען. דעמאָלט האָט מיין באַס געדרעוועט אַזוי מאָדנע מוראדיק, אַז איך האָב זיך פאַר אים אויך געשראָקן...

גאַנץ אָפּט בין איך אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין. „דו יאָט דו, וואָס שרעקסטו זיך? פאַר וועמען, בהמה?" און געמאַכט זיך האַרץ און דווקא אַרויסגעגאַנגען פון דער בודקע און אַרומגעגאַנגען די הייזער... איך האָב אָבער מורא געהאַט צו קוקן אין דעם חושך, וואו די שרעקלעכע קולות האָבן געוואָיעט, און געקוקט אַלץ אויף דעם באַלויכטענעם פענצטער פון מיין בודקע... פאַר מענטשן וואָלט איך ניט מורא געהאַט, ניט פאַר די ערגסטע לאָבוסעס! אָבער פאַר דעם חושך און פאַר דאָס, וואָס האָט דאָרט געמיאַוקעט, — אַהאַ!

צום גליק אָבער האָט ניט יעדע נאַכט גערעגנט און ניט יעדע נאַכט האָט אַ ווינט געוואָיעט. אין די שטילע נעכט האָט דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס מיך אָפּט דערמאָנט אָן אַזאַ קוואַקען אין דער היים. דעמאָלט האָב איך געטראַכט פון מיין ווייב הינדעלע און פון מיין קינד אסתרקע...

איך האָב אַזוי געבענקט נאָך זיי! איך האָב נאָך קיינמאָל, דאַכט זיך, זיי אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי דעמאָלט. דער געדאַנק וועגן זיי האָט מיך דער־מאָנט, אַז איך בין ניט אַליין אויף דער וועלט; אַז דאָרט, אין דער היים, איז דאָ אַזאַ זיס, שיין ווייבל, וואָס טראַכט פון מיר כסדר, אַזאַ ליכטיק נפשל, ווי מיין עופהלע, וואָס רעדט דאָרט: „טאַטקע! טאַטקע!" ווען זיי וואָלטן דאָ מיט מיר געווען, אין מיין בודקע, מיין שיין ווייב מיטן קינד, וואָלט מיר גאָר ניט אַזוי שלעכט געווען. אָן זיי אָבער איז מיר ביטער געווען. דעמאָלט, אַז איך בין פאַרזאָרגט געווען מיט חיונה, האָב איך עס נאָך מער געפילט. דו האָסט אַזאַ שיין ווייב, איז זי גאָר דאָרט און דו דאָ. האָסט אַזאַ זיס קינד, קאָנסטו עס ניט אַ קוש טאָן. דערנאָך אָבער, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך וועל זיי קאָנען באַלד אַרויסשיקן געלט, איז מיר גלייך פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן...

די ערשטע וואָך איז אַריבער בשלום. קיינער איז ניט געקומען גנבענען...

די מיסעס פון מיין באַלעבאָס, אַ הויכע, מאָגערע יידענע, מיט אַ פּיסק,

איז כמעט יעדן ביינאַכט ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן פאַר מיין בודקע און האָט אָנגעקלאַפּט אין מיין פענצטער:

— העי, דו שלאָפסט ניט?

בין איך אַרויס צו איר, האָט זי אויפגעהויבן איר לאַמטערנע קעגן מיין פּנים, צו זען, אויב איך האָב, חלילה, פריער ניט געכאַפּט אַ דרעמל. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— אָט אַזוי, אַז דו וועסט אַרבעטן טריי, וועסטו קומען צו אַ תּכלית אין אַמעריקע!...

און אַוועק. קיין איין מאָל אַפילו האָט זי ניט געזאָגט מיר: „גוט־נאַכט".

ג

איך האָב זי פיינט געקראָגן, ווי חזיר. די צונג האָט מיר ממש געביסן, אַ זאָג צו טאָן איר עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל איר אין די סאַמע געדערים אַריין...

איר מאַן, מיט דער רויטער באָרד און די זומער־שפּרענקלעך אויפן פּנים, איז דווקא געווען אַ נישקשהדיקער אדם. שטענדיק פריילעך, האָט ער מיר אַמאָל אַ סיגאַר געגעבן און אַלעמאָל, ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, האָט ער גלייך אַרויסגעשאָסן:

— מיין אשה לאָזט דיר גריסן. זי האָט מיר געהייסן דיר זאָגן, אַז דו זאָלסט הערן מיט די אויגן און זען מיט די אויערן, און, דער עיקר, האָבן אין זינען דעם פּסוק. טאָמער, חלילה, אַ גנבֿ, איז גלייך דעם פּסוק — עולם, ביילעם — לאַמטאַדריילעם!...

ביז איינמאָל . . .

איך זיץ איינמאָל ביינאַכט אויף דער וואַך אין מיין בודקע און הער זיך צו. דאָס איז געווען, געדענק איך, אַ מאָנטיק אויף דער צווייטער וואָך. אין קעשענע ביי מיר האָב איך די ערשטע אַמעריקאַנער דאָלערס, וואָס איך האָב זיי יענעם טאָג פון מיין באָס געקראָגן. איז מיר וואַרעם אין קעשענע און וואַרעם אויפן האַרצן. און איך טראַכט פון מיין הינדעלעך און איך שטעל זיך מיר פאָר, ווי זי באַקומט דאָרט דאָס געלט אין דער היים און ווי זי וויינט דאָרט פאַר שׂמחה; און פאַר פרייד ווילט זיך מיר אַליין אויך וויינען...

ווי אינעם שלאָף הער איך דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס: קוואַ־קוואַ... קוואַ־קוואַ!...

פּלוצים — גלין־גלין־גלין! — ווי מען וואָלט טשוועקעס אויף האַלץ געשאָטן...

איך טו זיך אַ כאַפּ ווי פונעם שלאָף. דערמאָן זיך, אַז אויף די ברעטער

אין דרויסן ליגן גאַנצע קאַסטנס מיט טשוועקעס. פּאַלט מיר איין: צי איז דאָס ניט אַ לאַבוס — אַ „לאַטכער״?

הער איך זיך ווייטער צו. ווידער: גלין־גלין־גלין!...— און איך דער־הער קלאָר טריט אויף די ברעטער.

עס האָט מיר אַ האַק געטאָן אינעם האַרצן. טאָמער איז עס אַ „לאַטכער״, אַ גנב הייסט עס, וועל איך איצט דאַרפן מקיים זיין דעם פּסוק: עולם, ביילעם, לאַמטאַדריילעם...

דעם אמת געזאָגט, ווי איך בין ניט קיין שרעקעדיקער, האָב איך דאָך איצט אַ ביסעלע אַ ציטער געטאָן... צו אַ היימישן גנב וואָלט איך אַרויסגעפּלויגן ווי אַ באָמבע; צו אַן אַמעריקאַנער אָבער... ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ לאַבוס איז דאָרט אין דער פינצטער? אפשר וועט ער גאָר מיט מיר לערנען מיין באַלעבאָס׳ פּסוק!...

האָב איך שטילינקערהייט גענומען די לאַמטערנע און אויף די שפּיץ־פינגער זיך אַרויסגערוקט פון מיין בודקע...

די נאַכט איז פינצטער, אַ מורא. מען קאָן, דאַכט זיך, דעם חושך מיט די פינגער אָנטאַפּן. און די ווייטע פייערלעך פון די הייזער, וואָס אין אַן אַנדער צייט קוקן זיי אַרויס ווי די אויגן פון קעץ דורך דעם חושך, קוקן איצט, ווייזט זיך מיר אויס, אַלע אויף מיר, און זיי זיינען שוין ניט אויגן פון קעץ, נאָר פון בייזע אַמעריקאַנער לאַבוסעס, וואָס האַלטן מעסערס און פּיסטאָלעטן אין די קעשענעס און העק אין די הענט...

שטעל איך זיך אָפּ. און מיט אַמאָל כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס, און דווקא אויף רוסיש, אַזוי ווי איך וואָלט דאָ צו טאָן געהאַט מיט רוסישע לאַבוסעס:

— קטאָ טאַם? העי, קטאָ טאַם? (ווער איז דאָרט?)

פאַר שרעק, מסתמא, האָב איך פאַרגעסן, אַז איך בין אין אַמעריקע און גענומען רעדן פאָניע־קוואַס לשון...

קיינער ענטפערט ניט. שטיל. וואַרט איך נאָך אַ ווילע. „קוואַ־קוואַ!״ הערט זיך פון די זומפּן און מער גאָרנישט.

שריי איך אויס נאָך אַמאָל און העכער:

— העי, קטאָ טאַם?

און מיין באַס צעטראָגט זיך אין דעם חושך אַזוי מאָדנע, אַז מיר ווייזט זיך אויס, אַז ניט איך, נאָר עמעצער אַן אַנדערער גוואַלדעוועט עס אַזוי הינטער מיר.

איך הויב־אָן זיך צו רוקן נעענטער צו די ברעטער און האַלט די לאַמ־טערנע פאַר זיך. מיט אַמאָל — בראַזג! די שויבן פון מיין לאַמטערנע האָבן

זיך צעשאָטן, דאָס פייער האָט זיך פאַרלאָשן, און פאַרביי מיינע פיס האָט זיך דורכגעטראָגן אַ שטיין און איז געפאַלן הינטער מיר.

אָט דאָס, זעט איר, האָט געמאַכט אַ סוף צו מיין גאַנצן שרעק. דאָס האָט מיך אינגאַנצן אָנגעצונדן. איך האָב שוין מער וועגן גאָרנישט געטראַכט, האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער קופּע ברעטער מיט אַזאַ גוואַלד, ווי איך וואָלט זיך געקליבן אויסצוהרגענען אַלע לאַבוסעס פון גאַנץ אַמעריקע!

איך הער אַ געלויף איבער די ברעטער און דערנאָך — באַץ! אַ שטיין האָט מיר אַ האַק געטאָן איבערן רעכטן אַקסל, אַז איך בין שיער ניט אומגעפאַלן.

אָבער דאָס האָט מיך שוין איצט ניט צוריקגעהאַלטן. ניין, ניט מיך! איך האָב נאָר געוואָלט פאַרצאַפּען עמעצן אין די הענט, און בין ווייטער געלאָפן און האָב שוין גערעוועט ניט מיט מיין קול...

הפנים, אַז די לאַבוסעס האָבן דערפילט אין מיין געשריי, אַז איך קאָן ריכטיק כמאַליען. ווארים באַלד האָב איך דערהערט זייער געלויף איבערן פעלד. זיי האָבן זיך אַפּגעטראָגן...

ד

שפּעטער, אַז איך האָב זיך צוריקגעקערט אין מיין בודקע, האָט דער אַקסל מיר שטאַרק ווייגעטאָן, אָבער אויפן האַרצן איז מיר אַ סך לייכטער געווען ווי פריער. ווארים מיר איז איצט קלאָר געווען, אַז די אַמעריקאַנער לאַבוסעס מאַכן אויך דעם „ויברח״. אויב אַזוי, האָב איך פאַר זיי קיין מורא ניט.

איך שפּיליע זיך פאַנאַנדער און טו אַ קוק אויף מיין אַקסל — רויט ווי פייער! טראַכט איך ביי מיר: „וואַרט, איר וועט שוין ביי מיר אויסקרענקען. לאָמיר נאָר עמעצן פון אייך פאַרצאַפּען. איכ'ל שוין איינמאָל מיט אייך לערנען דעם פּסוק: „עולם־ביילעם־לאַמטאַדריילעם״...

אויף מאָרגן אין דער פרי וויזט זיך אַרויס, אַז די לאַבוסעס האָבן געוואָלט אַוועקלאַטכענען קאַסטנס מיט טשוועקעס. אַ סך טשוועקעס זיינען אויסגעשאָטן געווען אויף די ברעטער, און אַ גאַנצן קאַסטן, וואָס זיי האָבן, קענטיק, שוין געטראָגן, האָבן זיי איבערגעלאָזט אין דער קאַנאַווע בעת זיי זיינען אַנטלאָפן.

דער באַלעבאָס קומט מיט זיין מיסעס. ביידע לויבן מיך. דער באַלעבאָס קוועלט און מאַכט צו מיר:

— האָסטו זיי כאַטש ריכטיק פאַרטייטשט מיין פּסוק?

און זיין מיסעס, די הויכע, דאַרע אַנשיקעניש, מיטן פּיסקעלע, קוועלט אויך און זאָגט צו אים:

— האָב איך דיר ניט געזאָגט, דוד, אַז ער איז אַ טייערע קאַץ פאַר די מייז?...

מאַכט ער:

— אַ קאָטער, רבקהלע. דו ביזט אַ קאַץ.

שטייט איר דאָס ניט אָן, וואָס ער זאָגט איר, און זי טוט אים אַ צי ביים אַרבל און מאַכט שטיל:

— פעדלעריוק!...

לאַכט ער:

— נו, נו, האָב קיין פאַראיבל ניט...

טוט זיך אַ קער צו מיר און זאָגט:

— דאָ האָסטו ביי מיר פאַרדינט אויף אַ שנאַפּס. נאַ!

און וויל מיר דערלאַנגען אַ דאָלער.

זיין ווייב אָבער טוט פלינק אַ כאַפּ אַרויס דעם דאָלער פון זיינע הענט מיט די ווערטער:

— זע נאַר, ער האָט זיך שוין צעדאַסט!...

באַהאַלט דעם דאָלער, שטופּט מיר אַריין אין דער האַנט אַ קוואָדער און אַנטלויפט צו די הייזער.

דער באַלעבאָס צעלאַכט זיך נאָך העכער, נאָך פריילעכער און מאַכט:

— די ווייבער, אַן אומה אַ ביסל! ווער האָט זיי אויסגעטראַכט? ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! — לאַכט ער.

קוקט זיך אַרום אין דער זייט, וואו זיין ווייב איז פאַרשוואונדן, נעמט אַרויס פון קעשענע לאחר־יד אַן אַנדער דאָלער און רוקט אים מיר אַריין אַזוי הינטערוויילעכטס:

— נעם, האָסט ביי מיר פאַרדינט... אָבער אַז דו וועסט איינעם כאַפּן, וואָס? האַ? נו?...

האָב איך געענטפערט אויך מיט אַ געלעכטער:

— וועט זיין אָך און ווי צו יענעם. איך וועל מקיים זיין אייער פסוק אַזוי ריכטיק...

— אַ־אַ־אַט דאָס מיין איך טאַקע! האָב שטענדיק מיין פסוק אין די הענט! פאַרשטייסט? אין די ידים!

און ער דערציילט מיר ווייטער מיט אַ מינע, אַזוי ווי ער וואָלט מיר אַ סוד דערציילט:

— איך טראָג אויף זיי אַן אַלטן כעס. איך האָב אַמאָל געפעדלט, האָבן זיי מיר דעם טויט געמאַכט. אַט די אייגענע רוצחים גנבענען דאָך דאָס. דער־פאַר, אַז דו וועסט עמעצן פון זיי כאַפּן, האַק ווי אין קרויט, אָן רחמנות. הרגע!

שלאַג! מזיק! דריי אויס אַ פּוס, אַ האַנט, דעם קאָפּ דריי אַראָפּ! אַ גנב אין אַמעריקע מעג מען אַפּילו דערשיסן. קורץ, עולם־ביילעם־לאַמטאַדריילעם און גאַר!

און ער לויפט אַוועק צו זיין ווייב...

ח

נאָך אַ וואָך איז אַוועק. איך האָב שוין אַוועקגעשיקט מיין ווייב די ערשטע צען דאָלער און אינעם קאָפּ ביי מיר האָב איך שוין אויסגערעכנט, וויפיל וואָכן איך וועל נאָך דאַרפן אַרבעטן, ביז איכ׳ל איר קאָנען אַרויסשיקן אַ היפּשע מטבע, אַז זי זאָל זיך קאָנען דאָרט עפּעס עפענען אַ שטיקל קרעמל. און דעמאָלט האָט מיט אַמאָל דער בראָך געטראָפן...

אַ שרעקלעכע נאַכט געווען. אַ קאַלטער רעגן, אַ ווינט. אין דרויסן האָבן זיך וועלטן געקערט. עס האָט געוואָיעט און געפייפט און געהאַוקעט. געווען אַ מורא אַרויסצוגיין, און נאָך מוראדיקער צו זיצן אַליין אין בודקע. צייטנ־ווייז האָט זי זיך געוואָרפן ווי אין אַ קדחת פונעם ווינט, און אַמאָל האָט זיך ממש אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט טוט זי דער ווינט אַ נעם אונטער די לאַפּעטקעס און קערט זי איבער צוזאַמען מיט מיר און דעם אייזערנעם אייוועלע, ביי וועלכן איך בין געזעסן און האָב זיך געוואַרעמט.

פאַרגלוסט זיך מיר אַ קוק צו טאָן דורכן פענצטער. קוק איך און אַ ווײַלע זע איך גאָרנישט. נאָר דער רעגן טוט מיר אַ שמיץ אַנטקעגן אויפן פענצטער. און אַמאָל פליט אָן דער ווינט מיט אַ סקאַוואוטשען, ווי אַ חיה רעה, טוט אַ טרייסל די שויבן און כאַפּט זיך אַרויף אויפן דעכל פון דער בודקע און רייסט אים דאָרט, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר וועלן אים פון דאָרט אַרונטעררייסן...

מיט אַמאָל — אַ פייערל טוט אַ מיניע פאַר מיינע אויגן. איך קוק זיך איין: דאָס פייערל רוקט זיך, רוקט זיך אין דעם חושך צו די ברעטער צו... אַהאַ, סקאַצל קומט, אַן אורח! און איך זאָג צו מיר: גורט אָן דיינע לענדן, רבי בערטשיק...

און מיינער פאַרציט פעסט דעם רימען אַרום די תחתונים, פאַרקאַטשעט די אַרבל און שאַרפט זיינע כלי־זין...

רב בערטשיק, רעכן זיך אָפּ פאַר דעם שטיין אין אַקסל אויך!

און מיינער גייט אַרויס שטילערהייט פון דער בודקע, אָן אַ סימן פון מורא, גאָר ווי אין די פריערדיקע צייטן אין דערהיים, און מיינער ברענט מיט אַ העלישן פייער פאַר כעס.

פון דערווייטן דערזעט מיינער אַ לאַמטערנע אויף דער ערד אַרום דער קופּע ברעטער. בויגט זיך מיינער איין אין דרייען און אויף די שפּיץ־פעקעס

גערוקט זיך, גערוקט זיך צו די ברעטער צו...

דער ווינט וואָיעט, דער רעגן שמייסט און עס איז קאַלט, אַז עס נעמט דורך די ביינער...

צוגערוקט זיך נאָענט, זעט מיינער, אַז עמעצער שטייט דאָרט איבער די ברעטער און פּורקעט זיך עפּעס...

גנבעט זיך מיינער צו צום לאָבוס פון הינטן און — כאַפּ פּאַר אַ פּוס... און כאַפּ פּאַר אַ פּוס אַזוי, אַז יענער — בוכץ מיטן פּנים אָן דער ערד און דער־נאָך — שאַבאַש! אַ כמאַליע אין פּיסקאַטש! אַ פלעם אונטער די אויגן! אַ טערעבענץ אין די שיניים! אַ „יקום פורקן" אין די אזנים, און מיט אַ סקאַר־באָוון „כל נדרי" נאָכאַמאָל באַקליידט די עינים, אַז מיין לאָבוס, אַ באַדעקטער, האָט געגומען זינגען „יעלה"...

מיינער אָבער האָט דאָך שוין געהערט „יעלות" פון ריכטיקע חזנים, הערט ער זיין „יעלה" מיט דער פּיאַטע און מיט די הענט — עולם־ביילעם־לאַמטאַ־דריילעם — געטייטשט אַט־דעם פּסוק, און געשמירט און געפּוצט! בוכץ! טראַסק! כליאַפּ! באַ־אַך! טאַ־ראַ־ראַך!...

און דאָ... וואָס איז דאָס? עמעצער בייסט מיר די קני מיט אַ מוראַדיקן קוויטשען... מיין איך, אַז דאָס איז אַ הונט. טו איך מיט גוואַלט אַ ריס די פּוס און טו זיך אַ וואָרף נאָך אַ שטעקן, נאָך אַ ברעט, אַ שטיק אייזן. ערשט איך דערזע אַ קליין קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף אַלט!... עס גיסט פון איר און זי טרייסלט זיך אינגאַנצן, ווי אַ דורכגענעצט קעצעלע, און זי וויינט מיט באַ־נומענע קולות, און זי טענהט און טענהט, און קוקט אויף מיר און קוקט... גאָט מיינער, די אויגן פון דער דאָזיקער מיידעלע, וואָס פאַר אויגן!... ווען דער מלאך־המות אַליין וואָלט אויף מיר דעמאָלט געקוקט, וואָלט איך אַזוי ניט מבולבל געוואָרן...

די גאַנצע וועלט, דאַכט זיך, האָבן מיר דעמאָלט די דאָזיקע פּאַר קינדערשע אויגן פאַרשטעלט. נאָר זיי האָב איך געזען, נאָר די קינדערשע אויגן, און זיי האָבן דאָס, דאַכט זיך, אַזוי געשריען מיט אַזוינע באַנומענע קולות...

דער לשון נעמט אָפּ ביי מיר, הענט און פיס נעמען אָפּ ביי מיר. איך שטויס זיך אָן, אַז דאָס האָט זי אַזוי מוראַדיק געקוויטשעט און מיר די קני געביסן, בעת איך האָב דעם מאַן געשלאָגן...

איך פאַרשטיי אויך, אַז דער מאַן איז איר ניט אַ פרעמדער. אפשר איר טאַטע? היינט ווי אַזוי האָט ער זי געקאָנט מיטנעמען ביינאַכט אין אַזאַ וועטער, בפרט נאָך, אַז ער איז געגאַנגען גנבענען? עס קאָן ניט זיין, אַז דאָס איז איר ליבלעכער טאַטע!...

און דאָ, זע איך, לויפט זי צו צום מאַן, וואָס ליגט דאָרט אַ צעהרגעטער

אויף די ברעטער און קרעכצט, לויפט צו צו אים און פאַלט צו צו אים מיט אַ רחמנותדיקן געוויין, און איך הער ווי זי רופט אים „פּאַפּאַ"... און אַז איך הער דאָס, טוט מיר אַ ריסביים האַרצן און דער מוח טוט זיך אַ הייב. רבונו של עולם, זאָל זיין אַ גנב, אָבער אַ גנב דאַרף דאָך אויך זיין אַ טאַטע! ווי אַזוי האָט ער געקאָנט שלעפּן מיט זיך דאָס עופהלע?...

און דאָ זע איך, ווי דער מאַן האָט זיך אויפגעזעצט און צוגעצויגן צו זיך דאָס מיידעלע, גענומען זי גלעטן און קושן און גערעדט עפּעס צו איר און גערעדט...

הייסט עס דאָך, אַז ער האָט זי יאָ ליב, אַז ער איז יאָ אַ טאַטע, הייַנט ווי אַזוי?...

און גלייך פאַלט מיר איין: אפשר האָט ער ניט קיין היים פאַר זיך און זיין קינד? ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ לאַנד אַמעריטשקע איז? און דערפאַר אפשר איז ער איצט געגאַנגען גנבענען?...

עס טוט מיר אַ ברען אינעם מוח. טאָמער האָט ער עס געטאָן פאַר זיין קינדס וועגן — האָבן די הענט געמעגט מיר אָפּדאַרן!...

איך הייב־אויף זיין לאַמטערנע און גיי־צו צו אים. דאָס מיידעלע הייבט־אָן ווידער צו קוויטשען, אַז זי דערזעט מיך, שטופּט מיך מיט ביידע פיס און וואַרפט צו מיר אירע ביידע פויסטן...

דער מאַן, אַ צעבלוטיקטער, רעדט אויך עפּעס צו מיר און האָט אויסגע־שטעלט צו מיר זיינע ביידע הענט.

פיל איך, אַז די ניכפּע כאַפּט מיך און גאַר! אַז איך אַליין וועל זיך באַלד צעיאָמערן...

הייב איך אָן צו אים צו רעדן אויף רוסיש און אויף יידיש, זאָג אים: ס'טייטש, אַזאַ קינד אין אַזאַ וועטער... רעדט ער אויך עפּעס... און דאָס קינד קוויטשעט. און דער רעגן גיסט נאָך. און דער ווינט וואָיעט...

— ניע פּלאַטש, מיליענקאַיאַ — וויין ניט, ליבינקע; זאָלן מיר די הענט אָפּדאַרן, — זאָג איך איר — אויב איך וועל דיין טאַטן נאָך טשעפּען!...

זי פאַרשטייט מיך ניט. כאַפּ איך אַרויס אַ האַלבן טאָלער פון קעשענע און שפּאַר איר אַריין אין הענטעלע. טוט זי אַ שמיץ דאָס געלט אָן די ברעטער און שרייט אַלץ.

איך נעם זוכן דעם האַלבן טאָלער מיט דער לאַמטערנע, ערשט דער מאַן האָט זיך דאָרט אויפגעהויבן פונעם אָרט, איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן פון דער ערד די מטבע און מיר דערלאַנגט.

האָב איך דעם האַלבן טאָלער אים אין דער האַנט אַריינגעקוועטשט. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ מין וואָיען, אַט ווי אַ געשלאָגענער הונט, בעת זיין

באַלעבאָס האָט אים אַ גלעט געטאָן, איז צוגעפאַלן צו מיין אַקסל און האָט אַ קוש געטאָן.

האָט מיר דאָס האַרץ נאָך מער פאַרקוועטשט.

— קום, — מאַך איך צו אים און ווייז אים אָן מיט דער האַנט אויף מיין בודקע. ער האָט מיך פאַרשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צו זיין מיידעלע, האָט עפּעס געזאָגט צו איר, ביז זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דערנאָך האָט ער זי גענומען אויף די הענט און מיר זיינען אַריין אין מיין בודקע.

איך האָב זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן, אַזוי צעבלוטיקט און צעהרגעט איז ער געווען.

איך האָב אים דערלאַנגט וואַסער און אַ האַנטוך, ער זאָל זיך אַרומוואַשן. און אַליין בין איך צוגעגאַנגען צו דער מיידעלע, וועלכע איז געשטאַנען אַ בליי־כינקע, אַ מאַגערינקע, אַ דורכגענעצטע אינגאַנצן, מיט אַזוינע גרויסע, מאָדנע שוואַרצע און צעשראָקענע אויגן.

איך האָב זי געוואָלט אַ גלעט טאָן, איז זי צעשראָקן אָפּגעטראָטן פון מיר. איך האָב געהאַט אַ בייגל, האָב איך אים באַשמירט מיט פּוטער און איר געוואָלט אים געבן. האָט זי אויף אים געקוקט, מיט די אויגן אים ממש געשלונגען, אָבער נעמען — בשום אופן האָט זי ניט געוואָלט אים נעמען ביי מיר. איך בין דאָך געווען דער גזלן, וואָס האָט איר טאַטן אַזוי געשלאָגן!...

ד

אין אַ ווילע אַרום איז דער מאַן, אַן איטאַליענער אין מיטעלע יאָרן, גע־זעסן מיטן קינד פאַרן אויוועלע און זיי האָבן זיך געוואַרעמט. מיר האָבן זיך צעטענהט, ער אויף זיין לשון, איך — אויף יידיש און אויף רוסיש...

ער האָט אויפגעהויבן ביים קינד פון הינטן דאָס קליידל און געוויזן, ווי נאַקעט עס גייט אַרום. דערנאָך האָבן מיר זיך צערעדט אויף שטום־לשון, מיט די הענט, מיט די פינגער און מיט כל־ערליי העוויות. מיר האָבן זיך אָבער פאַרשטאַנען, קלאָר פאַרשטאַנען, דווקא ניט פאַרשטייענדיק איינער דעם אַנ־דערנס לשון. איין עלנדער פאַרשטייט דעם אַנדערן אויפן וואונק. אַז איך האָב דאָס שפּעטער דערציילט מיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַ שרייבער אין די צייטונגען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיר האָבן דעמאָלט גערעדט אויף דער שפּראַך פון עלנט, און דאָס איז אַזוי. אויף דער שפּראַך פון עלנט האָבן מיר דעמאָלט גערעדט,ביידע עלנטע, און דערפאַר האָבן מיר זיך אַזוי גוט פאַרשטאַנען, רעדנדיק אויף פאַרשיידענע שפּראַכן...

איך האָב זיך באַלד אַנגעשטויסן, אַז ער פאַרקויפט „פּינענעס", לייזט קוים אַ דאָלער אַ טאָג, און ער האָט אַ ווייב און פיר קינדערלעך, איינס קלענער פון דעם אַנדערן, און אין שטוב איז ביי אים קאַלט, און ער איז געקומען אַהער צונויפנעמען אַביסל האָלץ, און דאָס מיידעלע האָט ער מיטגענומען, אַז זי זאָל אים צולייגן...

און דאָ איז מיר איינגעפאַלן: אפשר איז דאָרט ביי מיינער אויך קאַלט אין שטוב... געהרגעט זאָל איך ווערן, פאַרוואָס האָב איך אים געשלאָגן!

איך דערלאַנג אים דעם בייגל, ער זאָל געבן זיין מיידעלע. ביי אים נעמט זי גראָד. און ווען איך זע ווי זשעדנע זי עסט אים, דערמאָן איך זיך אָן מיין אסתרקען און איך טראַכט מיר: אפשר הונגערט דאָרט מיין עופהלע אויך!

איך גיי־צו צום מיידעלע און פרעג ביי איר:

— געשמאַק, האַ?

קערט זי אָפּ דעם קאָפּ פון מיר.

מאַך איך:

— איכ'ל שוין מער דיין טאַטן ניט שלאָגן...

און טו איר אַ גלעט איבערן קעפּעלע.

טוט זי אַ טופּע מיטן פיסל און אַ שמיץ דעם בייגל אָן דער ערד. זי האָט מיר ניט געקאָנט מוחל זיין...

אַז עמעצער וואָלט מיך אַזוי געשלאָגן, וואָלט מיין אסתרקע אים אויך ניט מוחל געווען...

מיר האָט אַזוי ווי געטאָן, אַזוי ווי געטאָן פאַר איר צער...

שפּעטער אַ ווײַלע האָט דער מאַן גענומען זיין מיידעלע פאַר אַ האַנט און געוואָלט גיין מיט איר אַהיים. איך האָב זי אַ כאַפּ געטאָן:

— קום!...

האָב געבראַכט דעם מאַן צוריק צו די ברעטער, צונויפגענומען אַ גאַנצע קופּע שפּענער און אים אויף די אָרעמס אַרויפגעלייגט.

— גיי!

און אינמיטן דערינען, אין דעם חושך און אין דעם קאַלטן רעגן — מזל־טוב, יענע איז דאָ! די מיסעס, הייסט עס, פון מיין באַלעבאָס.

ווי פון אונטער דער ערד איז זי אַרויסגעשפּרונגען... האַלט־צו מיט איין האַנט דעם רעגנשירעם, וואָס דער ווינט טרייסלט אים מיט אַ קנאַקן איבער איר קאָפּ און דער רעגן קלאַפּט איבער אים — צאַפּ! צאַפּ! צאַפּ! — און אין דער אַנדערער האַנט האַלט זי אַ לאָמטערנע און זי קוקט אויף מיר, קוקט אויף דעם מאַן מיט דער קופּע שפּענער, קוקט אויף דעם קינד לעבן אים און פאַר צע־טומלטקייט האָט זי איר פּיסק פאַרלאָרן...

דעם אמת געזאָגט, אַז איך האָב זי דערזען, האָב איך זיך לכתחילה אַזוי דערשראָקן, אַקוראַט ווי איך וואָלט פון דער פינצטערניש אַרויסגעשפּרונגען...

באַלד אָבער בין איך צו זיך געקומען און אַ שטופּ געטאָן דעם מאַן:

— גיי!...

זי האָט אַרויסגעלאָזט דעם רעגנשירעם פון דער האַנט, וואָס דער ווינט האָט אים אונטערגעכאַפּט און פאַרטראָגן ווייטער, ביז ער האָט זיך דאָרט פאַרשטעפּעט אָן אַ ברעט, און זי האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַן פאַרן אַרבל.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

זאָג איך:

— שפּענער... איר דאַרפט דאָך דאָס ניט... אַ ביטערער צער אויף אים... ער פרירט מיט זיין ווייב און קינדער... קוקט־אָן דאָס מיידעלע, נעבעך...

טוט זי אַ געשריי:

— גנב!... אַזוי היטסטו? דערפאַר צאָל איך דיר געלט?...

זאָג איך:

— איך בין ניט קיין גנב, מיסעסקע... פאַר אַזאַ וואָרט קריגט מען ביי מיר אַ כמאַל אין פּרעסער אריין!

און איך ווער נאָך מער אין כעס, טו זי אַ פּאַק ביי דער האַנט און רייס זי אָוועק פון דעם מאַן.

— גיי, — זאָג איך צום מאַן, — גיי!...

ער לאָזט זיך שנעל גיין מיט די שפּענער און מיט זיין מיידעלע, וואָס באַלייכט אים דעם וועג מיט איר לאַמטערנע.

מיין מיסעס האָט זיך, הפּנים, דערשראָקן פאַר מיר. וואָרים פּלוצלונג האָט זי גענומען רעדן צו מיר גאָר מיט אַן אַנדער טאָן, אַזוי ווייך און אַזוי גוט, כאַטש נעם און לייג זי צו צו אַ געשוויר...

— בערטשיק, טייערינקער, — מאַכט זי, — לאָז־אָפּ מיין האַנט. עס טוט וויי. איך האָב אַ שוואַך האַרץ, ניט פאַר דיר געדאַכט... נו, נו, האָסטו געגעבן שפּענער, מילא... איכ׳ל ניט בדלות ווערן... דו ביסט טאַקע אַן ערלעכער מענטש... האָסט אַ דימענטן האַרץ... לאָז־אָפּ מיין האַנט, האַרציקער...

לאָז איז אַרויס איר האַנט. זי כאַפּט איר רעגנשירעם פון דער ערד און זאָגט מיר:

— גוט־נאַכט!...

דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָט זי מיר דעמאָלט „גוט־נאַכט“ געזאָגט...

באַלד איז זי ניט געוואָרן אין דעם רעגן און אין דעם חושך...

אויף מאָרגן איז זי געקומען מיט איר מאַן און זיי ביידע האָבן מיר געזאָגט:

— לך לך!...

גייענדיק דערנאָך מיט מיין פּעקל צו ראַלף עוועניו קאַר, דערזע איך מיט־אַמאָל מיין נעכטיקן איטאַליענער אויף פּיטקין עוועניו מיט אַ וועגל „פּינעגעס״. ער האָט מיך אויך דערקענט. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין בראָך אויף מיין שפּראַך, ער האָט מיר דערציילט ווידער וועגן זיינע צרות אויף זיין שפּראַך, און ווידער האָבן מיר זיך ביידע אַזוי גוט פאַרשטאַנען...

דער מאַן מיטן רויטן צייכן

(געווידמעט מיין פרוי פּולינע)

א

צווישן מיינע נייע באַקאַנטע זיינען מיר אמת ליב הער יאַנקל פּערעלמאַן און זיין פרוי בערטאַ.

גערן קום איך צו זיי אין הויז אַריין און גערן פאַרברענג איך מיט זיי.

דער מאַן איז אַן אינטעליגענטער אַרבעטער, אַרבעט אין אַ פאַבריק ביי קינדער־מאַנטלען און פאַרדינט ניש־קשהדיק. די פרוי איז אויך אַן אינטע־ליגענטע, האָט פריער, פאַר דער חתונה, אויך געאַרבעט אין אַ פאַבריק ביי קינדער־מאַנטלען.

פאַרהייראַט זיינען זיי באַלד צוויי יאָר, און אינעם לאַנד איז ער פינף יאָר און זי — אַ יאָר דריי און אַ האַלב.

ער איז אַלט אַרום אַכט־און־צוואַנציק, זי — אַרום פינף־און־צוואַנציק. ביידע קומען פון רוסלאַנד, פון איין שטאָט: ווילנע.

אין ווילנע איז ער געווען אַן אַרבעטער, האָט געאַרבעט ביי רויכוואַרג; זי איז דאָרט קיינמאָל קיין אַרבעטערין ניט געווען, זי איז געווען אַ טאָכטער פון געהויבענע באַלעבאַטישע עלטערן. דאָך האָבן זיי זיך דאָרט אויך גוט געקענט, ווייל ביידע האָבן אין דערהיים באַלאַנגט צום „בונד".

גלייך אויפן ערשטן בליק מאַכן זיי ביידע אַ גאַנץ פאַרשיידענעם, גאַנץ פאַרקערטן איינדרוק, און מע פרעגט זיך גלייך: וואָס פאַר אַ בייזער שפּאַס־מאַכער האָט צונויפגעפּאַרט אַזאַ אומגלייכע פּאָר?... קיין גרעסערער קאָנ־טראַסט ווי צווישן זיי, אין אַלצדינג, קאָן מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן: זי איז אַ הויכע, שלאַנקע ברונעטין, מיט אַ חנעוודיקן פּנים, מיט אויגן שוואַרצע, ברענענדיקע, וואָס שפּריצן, דאַכט זיך, פייער, אַן אמתע יידישע שיינהייט; ער — אַ קליינינטשקער, אַ דאַרינקער, מיט שמאָלע, שפּיציקע אַקסלען, שמאָלער ברוסט, מיט אויגן שטילע, רואיקע, גלייכגילטיקע, גאַנץ אַפּט ווי פאַרשלאָפענע און מיט אַ פּנים אַ צעקאַליעטשעטן, אַ פאַרקריפּלטן פון אַ לאַנגן רויטן צייכן (שראַם), וואָס ציט זיך ביי אים איבער דער גאַנצער רעכטער באַק פון אויג אַרונטער ביזן האַלדז. זי איז אַ פריילעכע, פול לעבן, פול פייער, כמעט אַ שטיפערין, וועלכע קאָן ניט איינזיצן קיין איין מינוט רואיק: דאָ לאַכט זי

הילכיק און שטיפעריש פון דער קלענסטער קלייניקייט; דאָ נעמט זי זיך דערציילן, רעדן, דעבאַטירן, וועגן אַ ווערק, אַ שרייבער, וועגן רוסלאַנד, אַמע־ריקע, וועגן „בונד“, וועגן איר אַרבעט דאָרט — און תמיד און וועגן אַלצדינג רעדט זי אינטערעסאַנט, בילדערהאַפט, און מיט אַ ברען... זי וואָלט כסדר גע־רעדט, נאָכאַנאַנד דערציילט, ניט, חלילה, ווייל זי געהערט צו דעם רעדעוודיקן געשלעכט, נאָר ווייל תמיד קאָכט און ברענט אין איר, ווייל דאָס פייער, וואָס איז אין איר, ברענט איר צונג, זי זאָל רעדן, דערציילן... און דערפאַר דערעסט זי קיינמאָל ניט מיט אירע רייד. דערפאַר הערט איר זי אויס אַלעמאָל מיט פאַרגעניגן, און דערפאַר מאַכן גאַנץ אָפט אירע רייד אַן איינדרוק אויף אייך...

און שווייגט אפילו אַמאָל אויף אַ ווײַלע איר צונג, רעדן אירע שוואַרצע אויגן, שפּריצנדיק פונקען. רעדן אירע רונדע אַקסלען, דרייענדיק און קערנ־דיק זיך נאָכאַנאַנד. רעדט איר גאַנצער שלאַנקער קערפּער, באַוועגנדיק זיך, ווי אויף ספּרוזשינעס...

איר זיצט און טרינקט טיי בײַם טיש, זי טרינקט אויך און רעדט. איר מאַן טרינקט אויך און שווייגט, ווי געוויינלעך. מיט אַמאָל טוט זי זיך אַ כאַפּ אויף פון אָרט מיט אַן אימפּעט: „זעט נאָר, ווי אייער טיי זעט אויס! ווי מיין פּנים!“ טוט אַ כאַפּ פון אונטער אייער נאָז דאָס האַלב־אויסגעטרונקענע גלאָז טיי, פאַרשווינדט אין קיך און קערט זיך באַלד צוריק מיט אַ פרישער גלאָז, טוט עס אַ שטעל מיט אַ געפּילדער אויפן טיש פאַר אייך, אַ רוק די צוקערניצע צו אייך, אויך מיט אַ געפּילדער, די ביסקוויטס, דאָס טיי־לעפעלע, און אַלצ־דינג שנעל, געאײַלטערהייט, אַזוי ווי זי וואָלט קיין צייט ניט געהאַט, און אַזוי געאײַלטערהייט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף איר שטול, געכאַפּט זיך צו איר גלאָז, געזופּט און גערעדט...

גאַנץ אָפט אין מיטן אַ געשפּרעך טוט זי זיך אַ כאַפּ אויף מיט אַן אימפּעט, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך אַן עפּעס דערמאָנט: — שאַ!... מיינט איר, גאָט ווייס, וואָס זי וויל אייך דאָ דערציילן, קוקט איר זי אָן נייגעריק און וואַרט. אָבער אין אַ רגע אַרום טוט זי אַ שאָקל מיטן שוואַרצן קאָפּ, שמייכלט און זאָגט:

— אַן אַנדערש מאָל!...

ווערט איר נאָך מער נייגעריק און פרעגט:

— וואָס האָט איר געוואָלט?...

איז אַמאָל איר ענטפער:

— איך האָב געוואָלט פאַרלעזן, צי פון פּרץ, צי פון שלום־עליכמען, צי פון דעם נייעם רוסישן זשורנאַל... אָבער ניט היינט!...

און אַמאָל ענטפערט זי פּשוט:

— מיר האָט זיך פריער געגלוסט אייך אָנצורייסן פאַר די אויערן... אָבער מיר ווען עס לאָזן פאַר אַן אַנדערש מאָל...

און אַמאָל, בעת געסט פאַרזיצן זיך ביי זיי שפּעט אין דער נאַכט אַריין, טוט זי זיך פּלוצים אַ כאַפּ אין מיטן געשפּרעך:

— העי, חברה, וואָס מיינט איר, אַז מיין מאַן דאַרף מאָרגן ניט גיין אַרבעטן? נו, טראָגט זיך אַרויס פון דאַנען, אַהיים!...

און דאָס זאָגט זי, הגם ערנסט, אָבער אַזוי ליב און רייצנד, אַז אייך פאַלט אַפילו ניט איין צו באַליידיקן זיך, און איר פאָלגט זי מיט אַ לייכטן האַרצן.

און אַמאָל, ווי שפּעט איר זאָלט זיך ניט פאַרזיצן ביי זיי, וויל זי אייך ניט אַפּלאָזן. באַזונדערס טרעפט עס, בעת זי לייענט עפּעס פאַר פאַר אייך פון פרצן, אָדער פון אַן אַנדער יידישן שרייבער... דאַן איז זי באַגייסטערט, דאַן וואָלט זי אַ גאַנצע נאַכט פאַר אייך געלייענט, דאַן וויל זי, אַז די אַרומיקע זאָלן אויך זיין אַזוי באַגייסטערט, ווי זי, און זי ברעכט זיך אָפּט אונטער מיט אויסגעשרייען:

— הערט, הערט, ווי גרויס, ווי טיף!... און עס זיינען נאָך דאָ מענטשן, וואָס זאָגן, אַז קיין יידישע ליטעראַטור איז ניטאָ! הערט! הערט!...

און זי לייענט ווייטער, ווערט אַלץ מער באַגייסטערט און זוכט אויך די צוהערער אירע צו באַגייסטערן.

ער, ס'הייסט איר מאַן, איז פאַרקערט: ווי לעבעדיק און אימפּולסיוו זי איז, אַזוי רואיק און געזעצט איז ער. זעלטן-ווען רעדט ער. נאָך זעלטענער לאַכט ער אויפן קול, און כמעט קיינמאָל ווערט ער ניט באַגייסטערט. תמיד געפינט איך אים אין דער היים איבער אַ בוך, אָדער אַ צייטונג. פרעגט מען אים וואָס ער לייענט, ענטפערט ער ניט, נאָר ווייזט אויפן שער-בלעטל פונעם בוך, אָדער אויף דאָס קעפּל פון דער צייטונג. איז אים עפּעס געפעלן, דריקן עס אויס זיינע שטילע, גאַנץ אָפּט ווי פאַרשלאָפענע אויגן, וועלכע טוען אויף אַ רגע וואַרעם אַ שיין; איז אים עפּעס ניט געפעלן, טוט ער בלויז אַ דריק מיט די אַקסלען און אַ שמייכל מיט איראָניע. און רעדט ער יאָ אַמאָל, איז ער תמיד קורץ, קלאָר און צום פּונקט, ווי יעדעס וואָרט זיינס וואָלט ביי אים פריער אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן געווען.

און רעדן קאָן מען אים מאַכן בלויז דעמאָלט, ווען מען באַרירט די פראַגע וועגן דער יידישער לאַגע און וועגן דער יידישער קולטור (ער איז אַ וואַרעמער ייד און גלויבט שטאַרק אין יידישער קולטור); רעדט מען אָבער וועגן אַנדערע ענינים, שווייגט ער, הערט זיך בלויז צו, און אַמאָל שמייכלט ער צו און אַ סך מאָל לאַנגווייַלט ער זיך, דאַכט זיך...

אָבער דאָס דאַכט זיך בלויז... אין אמתן הערט ער זיך תמיד צו גוט,

צו וואָס מען רעדט. אַ סך מאָל האָט געטראָפן, אַז בעת מען האָט גערעדט וועגן אַ געוויסן ענין און איבער זיין פּנים איז צעגאָסן געוואָרן אַ מוראדיקע לאַנגווייליקייט, כמעט אַ שלעפעריקייט, האָט בערטאַ זיך פּלוצים געווענדט צו אים: „וואָס זאָגסטו, מיין סאָקראַטעס?“, האָט ער געענטפערט מיט דער זעלבער לאַנגווייליקער מינע אויפן פּנים אויף זיין שטייגער: קורץ און קלאָר און צום ענין. און נאָך זיין ענטפער האָט דער געשפּרעך כמעט תמיד אָנגענומען אַ טיפערע ריכטונג.

— ער איז מיין סאָקראַטעס, — מאַכט זי אַמאָל צו מיר. — איר זאָלט אָבער, חלילה, ניט דענקען, אַז איך בין זיין קסאַנטיפּע!...*)

אַמאָל, בעת בערטאַ צעשטיפט זיך, און מיר אַלע אַרום איר, אַלע אירע געסט, קוועלן פון איר אָן, לאַכן אויפן קול, און ער, איר „סאָקראַטעס“, זיצט זיך מיט אַזאַ מינע, אין וועלכער עס איז שווער צו טרעפן, צי ער שלאָפט, צי ער וואַכט, — לויפט זי צו צו אים, כאַפּט אים אָן פאַר די אַקסלען און טרייסלט און שרייט: „וועיק אַפּ! וועיק אַפּ! (וואַך אויף!). דו וועסט שפּעטער שלאָפן!“ — דאָן טוט אין זיינע אויגן אַ שיין אַ גוטער, וואַרעמער שמייכל און זיין פּנים לעבט אויף, אָבער בלויז אויף אַ רגע. באַלד, אָפּגערוקט זיך פון איר און אַרויסגערעדט שטיל און געלאַסן: „איך שלאָף דאָך ניט, נאַרעניו“, נעמט אָן זיין פּנים ווידער זיין געווייגלעכן, שטילן, רואיקן, כמעט פאַר־שלאָפענעם אויסדרוק.

אַ פּאָר מאָל האָט אויך געטראָפן, אַז זי איז אויף אָן אמת בייז געוואָרן אויף אים.

— ווילסט שלאָפן? גיי שלאָפן! — האָט זי אים דעמאָלט געזאָגט מיט אומגעדולד אין קול. — אַניט מאַכסטו אונדז אַלעמען שלעפעריק.

אָבער אַ קוק געטאָן אויף דער מינע, וואָס ער האָט געמאַכט — אַ האַלב־פאַרוואונדערטע און אַ האַלב־בעטנדיקע — איז זי גלייך געקומען צו זיך, געוואָרפן זיך צו אים אויפן האַלדז מיט די ווערטער: „נו, נו, איך מיין גאָר ניט, זיי מיר מוחל! אוי, בין איך אַ שלעכטע!“ און געכאַפּט אים קושן, און מערקווירדיק, אַמאָל אויך אויפן רויטן שראַם!...

איך געדענק, ווי אומאָנגענעם איך בין איבעררראַשט געוואָרן, בעת איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען, ווי זי האָט אים געקושט אויפן רויטן צייכן, וואָס זעט אויס אויף זיין רעכטער באַק, ווי אַ שטיק רויט אָנגעוואַקסן ווילד־פלייש: — ווי קאָן זי דאָס?

---

* קסאַנטיפּע איז געווען די פרוי פון דעם גריכישן פילאָסאָף סאָקראַטעס. זי איז געווען אַ באַרימטע הולטאַיקע מיט אַ מוראדיקן מענה-לשון. איר מאַן, דער פילאָסאָף, איז פון איר אויסגעשטאַנען צרות צרורות. — ל.

דעם צווייטן מאָל, בעת איך האָב עס געזען, האָב איך ביי זיך אַ טראַכט געטאָן:

— דער רויטער צייכן האָט פאַר איר, ווי עס ווייזט אויס, אַ באַזונדערע באַדייטונג, אַניט קאָן איך זיך ניט פאָרשטעלן, ווי אַזוי דאָס עקלט איר ניט... ניין, איך קאָן אײַנגאַנצן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי זי, אַזאַ פרוי, האָט געקאָנט חתונה האָבן מיט אַזאַ מאַן, וועלכער איז דורכאויס דער היפּוך פון איר!...

די ערשטע פּאָר מאָל, בעת איך האָב זיי באַזוכט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער מאַן איז ניט צופרידן, וואָס מען קומט צו זיי אַריין, דערפאַר איז דער דאָזיקער גלייכגילטיקער אויסדרוק אויף זיין פּנים, דערפאַר רעדט ער אַזוי ווייניק. שפּעטער אָבער, בעת איך האָב זיך נעענטער באַקאַנט מיט אים, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין אמתן איז ער זייער גאַסטפריינטלעך, איז באמת צופרידן, ווען מען קומט צו זיי אַריין, אַז די גלייכגילטיקע מינע אויף זיין פּנים און זיין שווייגן האָט קיין שום שייכות ניט מיט דעם.

תמיד, סיי בעת ער זיצט ביים טיש, סיי ער זיצט אויף דער סאָפע מיט אַ בוך אָדער אַ צייטונג, סיי בעת ער קוקט אייך אין די אויגן אַריין, צוהערנדיק זיך צו אייער געשפּרעך, — האַלט ער זיין פאַרקריפּלטע באַק מיטן שראַם אָן אַ זייט, אַזוי אײַנעם שאָטן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט דעם, ווי ער וואָלט דאָס געוואָלט פאַרבאַרגן פון אייערע אויגן. און ניט איינמאָל האָט איר געטראַכט ביי זיך: אפשר דערפאַר איז ער אַזאַ שווייגנדיקער, ווייל ער פילט זיך דערשלאָגן, דערשלאָגן פון זיין פאַרקריפּלטן פּנים?... ווייל האָבנדיק אַזאַ פרוי, מוז אים געוויס שטאַרק מוטשען, וואָס ער איז אַזוי פאַרקריפּלט און אַפילו עקלדיק...

בלויז איין מאָל האָב איך אים געזען אין אַן אַנדערן ליכט, ניט קיין גלייכגילטיקן, נאָר אַן אויפגערעגטן און נערוועזן.

איך קום איינמאָל צו זיי אַ ווינטער ביינאַכט. איך קלאַפּ אָן אין דער טיר, עס עפנט מיר אויף פערלמאַן. אָבער גאָר אַ נייער פערלמאַן! זיין פּנים איז עפּעס מאָדנע אויפגעלעבט, אָן אַ סימן פון גלייכגילטיקייט, די אויגן אויפגערעגטע, מיט אַ נערוועזן בליק; איבערן אָקסל הענגט ביי אים אַ ווייסער האַנטוך און די הענט זיינען ביי אים נאַס און רויט.

— קומט אַריין, — מאַכט ער, און אויך אויף אַ נייעם שטייגער, שטיל, אָבער גיך, געכאַפּט, אַזוי ווי ער וואָלט קיין צייט ניט געהאַט. — נאָר טרעט שטיל... גייט אַריין אין עס־צימער... איך קום באַלד, איך וויל נאָר אַ ביסל פאַרטיק ווערן אין דער קיך!...

— וואָס איז דער מער? וואו איז עפּעס מיסעס פערלמאַן?

— קראַנק! שוין דעם צווייטן טאָג אין בעט... אַז בערטאַ זאָל ליגן אין בעט, קאָנט איר שוין אַליין פאַרשטיין, ווי זי פילט...

און ער האָט נערוועז אַ דריק געטאָן מיט די שמאָלע אַקסלען און איז אויף די שפּיץ־פינגער פאַרשוואונדן אין קיך אַריין.

איך גיי אַריין נאָך אים אין קיך.

ער שטייט און ווישט מיטן האַנטוך אַ טעפּל, דרייט מיט דער האַנט אַזוי שנעל אַרום טעפּל, באַוועגט דערביי מיטן האַלדז, מיט די אַקסלען און מיטן גאַנצן מאָגערן, שפּיציקן קערפּער.

— וואָס פעלט איר?

— דער קאָפּ. פאַרקילט...

— געווען אַ דאָקטער?

— נאָר־וואָס, דאָס צווייטע מאָל...

— וואָס זאָגט ער?

— פאַרשריבן אַ רעצעפּט... אָך, וואָס ווייסן די דאָקטוירים!...

און אַזאַ אומרואיקייט קלינגט אין זיין קול, אַז איך וואונדער זיך, ווי קומט דאָס צו אים.

אין דער דאַזיקער צייט דערהערט זיך בערטאַס קול עטוואָס הייזעריק פונעם שלאָפצימער:

— יאַנקל!

ער טוט זיך אַ צאַפּל, טוט אַ שטעל דאָס טעפּל אויפן טיש מיט אימפּעט און לויפט אַרויס.

איך גיי אַריין אין עס־צימער אַריין. דאָרט איז האַלב־טונקל. דאָס פּייערל פונעם גאַז־ברענער איז האַלב אַרויסגעדרייט. פונעם שלאָפצימער לינקס דערהערט זיך פּערלמאַנס שטיל קול און באַלד בערטאַס געלעכטער, וואָס קלינגט הייזעריקלעך און ביט אַזוי פריי און קאָכעדיק ווי געוויינלעך.

אין אַ ווײַלע אַרום הער איך ווי זי רופט מיך פונעם שלאָפצימער, איך זאָל אַריינגיין צו איר, און גלייך נאָכדעם קומט פון דאָרט אַרויס איר מאַן, דריקנדיק מיט די אַקסלען.

— גייט שוין אַריין צו איר, — מאַכט ער צו מיר, — אַניט וועט די משוגענע אַרויסגיין צו אייך...

מיר גייען ביידע אַריין אין שלאָפצימער. דאָרט איז אויך האַלב־טונקל. דאָס פּייערל פונעם גאַז־ברענער איז דאָרט אויך האַלב־אַרויסגעדרייט. אויפן בעט ליגט בערטאַ, די שוואַרצע האָר צעשאָטן איבער דעם ווייסן קישן, אויף די באַקן שפּילט אַ פאַרב און די שוואַרצע אויגן בלישטשען מער ווי געוויינלעך — קענטיק, זי האָט היץ. זי איז איבערגעדעקט מיט אַ רויטער

וואָלענער דעק ביזן האַלדז.

דערזען מיך, שמייכלט זי און מאַכט:

— געקומען מבקר חולה זיין? אָבער צו שפּעט. איך בין שוין געזונט! זיצט! יאַנקל, זיי אַזוי גוט, דריי אַרויס מער די גאַז!...

— אַזוי איז פאַר דיר געזינטער, — רופט ער זיך אָן.

— דריי אַרויס, איך בין שוין געזונט.

— ניין, דאָס ניט! — מאַכט ער מיט עקשנות אינעם קול.

— דרייט איר אַרויס, זייט אַזוי גוט, — ווענדעט זי זיך צו מיר אין אַ טאָן פון אַ נאָכגעגעבענעם קינד.

איך האַלט מיט איר מאַן, אַז עס איז בעסער פאַר איר, ווען אינעם צימער איז האַלב־טונקל.

— נו, וועל איך אַליין אַרויסדרייען... איר מיינט, הפּנים, אַז איך בין אַזוי געפערלעך קראַנק, אַז איר מוזט מיך צוגעוואוינען צו דעם חושך פון אַ קבר, וואָס וואַרט דאָרט אויף מיר?... איך לאַך פון אייער אַלעמענס קעפּ. איך בין געזינטער פון אייך!...

און זי צעלאַכט זיך הייזעריקלעך און טוט זיך אַ הייב אויפן בעט...

— משוגענע! — טוט זיך אַ כאַפּ דערשראָקן איר מאַן. — וואָס ווילסטו טאָן? נו, גוט! ליג, ליג אין אויף דיין אָרט, סטרעקאַזשׂ דו, איך וועל שוין...

און ער דרייט אַרויס מער דעם גאַז־ברענער, און אין שלאָפצימער ווערט ליכטיק.

זי לייגט זיך צוריק אויף איר אָרט.

לעבן דער בעט שטייט אַ טישל, און אויף אים זיינען אָנגעשטעלט פלעשער און פלעשלעך, גלעזער און טעצלעך און אַן אייזערנע שטערצל פונעם אויוון ליגט אויך דאָרט.

— איר זעט? — מאַכט זי מיט אַ שטיפערישן שמייכל, אָנווייזנדיק מיט אַ האַנט אויפן טישל. — אַן אמתער שפּיטאָל... דאָס האָט מיינער, זאָל לעבן, געאַרבעט איבער מיר... זייט איך בין קראַנק געוואָרן, האָט ער נאָך קיין מינוט ניט גערוט, מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, געוואַרעמט פלעשער, פלעשלעך, שטערצעלעך פונעם אויוון פאַר מיר... דעם אויוון געמאַכט, דאָס געשיר געוואַשן, די צימערן אויפגערוימט, אין אַפּטייק געלאָפן, אָפּגעהיט צו דערלאַנגען מיר דעם רעצעפּט צו דער סעקונדע... ער קאָן זיין אי אַ מאַמע, אי אַ ניאַנקע, אי אַ מאַן איז ער, אַ מאַן! — זאָגט זי איבער מיט אַ שטאָלצן און גוטן בליק אויף אים. — קום אַהער! — ברעכט זי זיך אונטער. און אַז ער גייט צו צו איר, כאַפּט זי אים אַרום מיט ביידע אָרעמס אַרום זיין נאַקן, ציט אים צו צו זיך און קושט אים ווידער אויפן רויטן צייכן, ווי אומיסטן.

ער רייסט זיך זאַכט אַרויס פון אירע הענט, שמייכלט גליקלעך און מאַכט:
— ליג איין רואיק, באַלעווע מיך ניט, שטיפערקע!
און בעת ער זאָגט עס, שטייט ער מיטן רויטן צייכן קעגן שיין פון דעם גאַז־ברענער און דאַן איז אַ מורא אַ קוק צו טאָן אויף זיין פנים: שוין ניט קיין רויטער שראַם פאַרקריפּלט זיין רעכטע באַק, נאָר אַ שטיק פייערדיק־רויט, רוי פלייש!
און ווידער פרעגט איר זיך: ווי קאָן זי דאָס? און ווידער ענטפערט איר זיך מיט נאָך מער זיכערקייט, אַז דער רויטער שראַם האָט פאַר איר אַ באַזונדערע באַדייטונג...
נאַטירלעך, פרעגן, פון וואַנען עס קומט צו אים דער דאָזיקער שראַם, האָב איך אַליין קיינמאָל ניט געפרעגט, נישט ביי בערטאַן און נישט ביי איר מאַן. עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פרעגנדיק ביי זיי דאָס, וואָלט איך ווי מיט די פינגער אָנגעוויזן אויף אַ מיאוסער זאַך ביי זיי... ביי די געסט, וואָס איך האָב ביי זיי צופעליק געטראָפן, האָט זיך אויך אַלץ ניט געמאַכט צו פרעגן... נאָר איינמאָל האָט עס מיר בערטאַ אַליין דערציילט, און דאַן איז מיר פילעס, פילעס קלאָר געוואָרן...
איך זיץ איינמאָל ביי זיי אַ זונטיק ביינאַכט, דער מאַן איז אין דער היים ניטאָ. אויסער מיר זיצט דאָרט נאָך איין גאַסט, אַ יונגערמאַן, זייערער אַ באַקאַנטער, וועלכן איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל געטראָפן ביי זיי. בערטאַ דערציילט אונדז וועגן אַ געשפּרעך, וואָס זי האָט אונטערגעהערט צופעליק אויף דער גאַס צווישן צוויי ווייבער. דערציילט עס מיט אַזוי פיל קאָמיזם און אַזוי לעבעדיק, ווי זי נאָר אַליין קאָן אַמאָל דערציילן, בעת זי איז גוט אויפגעלייגט, אָדער ווי זי רופט עס אַליין: בעת זי איז „צעפלאַכטן". מיר קוועלן אָן פון איר. פּלוצים דערהערט זיך פון דער גאַס אַ טומלדיק פאַרן פון פייער־לייט און אַ לאַנגער, לאַנגגער אייזערנער פייף פון אַ פייער־מאַשין; בערטאַ טוט זיך אַ צאַפּל, האַקט אָפּ אין מיטן די רייד, שפּרינגט אויף צעשראָקן פון איר אָרט, טוט זיך אַ וואָרף צום פענצטער, עפנט עס, רוקט אַרויס דעם קאָפּ און קוקט אַרונטער אויף דער גאַס.
— ווי זי שרעקט זיך עס פאַר אַ פייער! — מאַך איך שטיל צום יונגנמאַן.
— און נאָך ווי! — ענטפערט דער יונגערמאַן. — זייט יענעם פייער... איר ווייסט דען ניט? האָט זי אייך קיינמאָל ניט דערציילט?
— וואָס? וועגן וועלכן פייער רעדט איר?...
— ווייסט איר דען ניט, פון וואַנען ביי איר מאַן איז דער רויטער צייכן? איך טו זיך אַ כאַפּ:

— פון וואַנען?

אָבער אין אָט דער צייט פאַרמאַכט בערטאַ דאָס פענצטער און שלאָגט איבער אונדזער שטילן שמועס.

— דער פייער איז ערגעץ ווייט... פע, אַ מיאוסע זאַך אַ פייער!

— און איר האָט, ווי איך זע, שטאַרק מורא פאַר אַ פייער! — רוף איך זיך אָן.

— זייט יענער געשיכטע, — מאַכט זי, — שוידערט מיך פאַר אַ פייער.

— וועלכע געשיכטע? — טו איך זיך אַ כאַפּ.

— איר ווייסט דען ניט? — טוט זי זיך אויך אַ כאַפּ. — האָט איך דען קיינער ניט דערציילט?

— וואָס?

— אַ שיינע געשיכטע, כ׳לעבן! עס קומט אַריין אַ מאַן, און נאָך אַ שרייבער דערצו, אין הויז אַריין, קוקט און זעט גאַרנישט!

— וואָס זאָל איך זען?

— און דער רויטער צייכן ביי מיין מאַן אויפן פנים? איר מיינט, אַז ער איז געבאָרן אַזוי?

— ער ווייסט ניט, — מישט זיך פלוצים אַריין דער יונגערמאַן. — ער האָט ביי מיר ערשט געפרעגט, פון וואַנען איז ביי פערלמאַנען דער רויטער צייכן?

— ווייסט איר דאָך ניט, אַז דער רויטער צייכן איז געווען אונדזער שדכן? — זאָגט בערטאַ און טוט אַ לאַך. — און אויב אַזוי קענט איר דאָך מיין מאַן אויך ניט. דאַן הייסט עס, קענט איר ניט אַ זייער אינטערעסאַנטן מענטשן, וועלכן מען טרעפט ניט יעדן טאָג אינעם לעבן, און פאַר אייך, אַלס שרייבער, האָט עס באַדאַרפט האָבן אַפילו אַ באַזונדערן ווערט... ווען איר וועט אים דערקענען, וועט איר פאַר זיך זען גאָר אַ נייעם מענטשן און איר וועט אים מוזן באַוואונדערן.

ווער איך נאָך מער נייגעריק און בעט זי, זי זאָל מיר דערציילן וועגן אים און זיין רויטן צייכן.

— אָבער כדי איר זאָלט אים קענען, — הויבט זי אָן, — מוז איך אייך צוערשט דערציילן, וואָס פאַר אַ מין מענטש ער איז געווען אין דער היים...

ב

— ווי איר ווייסט שוין, זיינען מיר ביידע ווילנער. אין ווילנע האָבן מיר ביידע אַמאָל באַלאַנגט צום „בונד״. דאָרט איז מיר קיינמאָל אַפילו אויפן זינען ניט אַרויף, אַז ער וועט אַמאָל זיין מיין מאַן. הגם דאָרט האָב איך אים אויך

רעספּעקטירט און גאַנץ אָפט אַפילו באַוואונדערט, דאָך האָב איך אויף אים תמיד געקוקט ווי אויף אַ „מאַסאָוון" מענטשן און אויף זיך, ווי אויף אַן אינ־טעליגענטקע. עס מאַכט ניט, וואָס ער איז אפשר געווען מער באַלעזן פון מיר, וואָס ער האָט אפשר טיפער געדענקט פון מיר, ער איז אָבער פאָרט געווען אַן אַרבעטער, וואָס האָט גערעדט אַ געבראָכענעם רוסיש, און איך — משה־בער בערלינס טאָכטער, וועלכע האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע און גערעדט רוסיש, ווי אַ ריכטיקע קאַצאַפּקע... דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט, אַז ווען מען זאָל אַ קראַץ טאָן אַ רוס, וועט מען אַ טאַטער געפינען, און איך, די גרויסע בערטאַ, זאָג, אַז ווען מען זאָל אַ קראַץ טאָן אַ באַלעבאַטישע יידישע טאָכטער, מעג זי אַפילו זיין דעמאָקראַטיש אָנגעהויכט, ווי אַ „בונדיסטקע", — וועט מען געפינען אַ יחסנטע... לאַכט ניט, איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט, אַזוי זיינען מיר שוין זינדיקע מענטשן!

אים אַליין האָט זיך אויך דאָן ניט געחלומט אַפילו, אַז איך וועל אַמאָל זיין זיין פרוי. ערשטנס, וואָלט ער דאַן אפשר ניט געוואָגט וועגן אַזאַ זאַך צו חלומען, און צווייטנס, האָט מען בכלל וועגן אַזוינע נאַרישע, ערדישע חלומות דאָן ניט געחלומט. מיט קליגערע, שענערע, הימלישע חלומות זיינען אונדזערע פאַנטאַזיעס פאַרנומען געווען!...

דעמאָלט איז דאָס פּנים ביי אים ניט געווען פאַרקריפּלט, אָבער שיין איז ער אויך דעמאָלט ניט געווען, דאַר און קליין, און ניט־רעדעוודיק, כמעט ווי היינט...

אָבער אַלע, וואָס האָבן אים נאָענט געקענט, האָבן אים ליב געהאַט, רעספּעקטירט און, ווי איך האָב שוין געזאָגט, ניט איינמאָל באַוואונדערט.

ער האָט זעלטן־ווען גערעדט, זעלטן־ווען אָנטייל גענומען אין די דיס־קוסיעס, אָבער דערפאַר צו טאָן, צו ריזיקירן מיט זיך, איינצושטעלן דאָס לעבן אין קאָן, — איז ער געווען דער ערשטער...

איך וועל אייך דערציילן אַ פּאָר פאַקטן וועגן דעם, ווי ווייט ער האָט געקאָנט ריזיקירן מיט זיך, בעת עס איז נויטיק געווען.

למשל: איינמאָל דערוויסן זיך אונדזערע, אַז מען איז באַפאַלן אונדזער „קאָנספּיראַטיווע" קוואַרטיר, וואו עס האָט זיך געפונען „ליטעראַטור" און, וואָס נאָך ערגער, קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן... מיר זיינען פאַרצווייפלט, ווייסן ניט וואָס צו טאָן, ווייסן בלויז אַז ווען מען פאַרכאַפּט די אַדרעסן, וועט געשען אַ גרויסער חורבן — ניט נאָר „אַרבעט", נאָר מענטשן אַ סך וועלן פאַרלוירן גיין... יאַנקל איז אויך צווישן אונדז און, בשעת מיר אַלע קאָכן זיך, לויפן אַרום איבערן הויז, ווי פאַרסמטע מייז, אַכצן און ברעכן מיט די הענט, — שטייט ער זיך אין אַ ווינקל, דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט, שווייגט, דרעמלט,

דאַכט זיך... פּלוצים טוט ער זיך אַ כאַפּ אויף, אַזוי ווי פונעם שלאָף, און מאַכט:

— וואו געפינען זיך די אַדרעסן?

— אויפן בוידעם, אונטערן מצה־קאָרב, וואָס איז איבערגעקערט מיטן דעק אַרויף, — זאָגט מען אים.

— מען דאַרף פּרואוון... — מאַכט ער און ציט אַרונטער דאָס היטל שטייפער איבערן קאָפּ. — איר מוזט מיר אָבער העלפן...

מיר אַלע בלייבן שטיין צעמישטע... העלפן? אַ קלייניקייט! דאָס איז כמעט ווי מיט די אייגענע הענט זיך איבערגעבן צו די זשאַנדאַרמען אין די הענט אַריין! מיר שווייגן, האָבן ניט דעם מוט צו זאָגן: ניין; אָבער נאָך ווייניקער צו גיין מיט אים...

ער באַמערקט אונדזער צעמישטקייט און שמייכלט.

— נו, — מאַכט ער, — וואָס שטייען מיר? איך וויל, אַז אַ פּאָר פון אייך זאָלן צוגיין צו יענעם הויז און פאַרפירן צווישן זיך אַ געשלעג... איר זאָלט אויפהויבן אַ געשריי „קאַראַאול״, מאַכן אַ גוואַלד. דאָס וועט אָפּציען די זשאַנ־דאַרמען און די פּאָליציי, וואָס שטייען אַרום הויז, און איך וועל דאַן קאָנען אפשר אַרויפכאַפּן זיך אויפן בוידעם...

דער פּלאַן איז אונדז געפעלן, און צוויי פון אונדזערע יונגעלייט רופן זיך אַרויס דאָס צו טאָן. איך מיט נאָך אַ יונגנמאַן גייען אויך אַוועק באַלד נאָך זיי: אפשר וועלן מיר דאָרט צוניץ־קומען.

דאָס איז געווען אַזייגער עלף אין אַ קאַלטער האַרבסט־נאַכט. אין דרויסן איז פינצטער. פון אויבן שפּריצט אַ קאַלט רעגנדל און פון אונטן שליאַפּעט די בלאָטע: שליאַפּ! שליאַפּ! — אויף די גאַסן איז שטיל, זעלטן־זעלטן ווערט די אַרומיקע שטילקייט, וואָס טוליעט זיך צו דעם שווערן חושך, געשטערט פון אַ מענטשישן קול, אַ פור, אַ דראָזשקע... די פייערלעך פון די פאַנאַרן באַלייכטן בלויז עטלעכע טריט אַרום זיך און ווייטער טוליעט זיך צו דער ערד, צו די הייזער, דער דיקער שוואַרצער חושך. די קראָמען זיינען שוין צוגעמאַכט און זעלטן־וואו שיינט אַרויס פון אַ פענצטער אַ פייערל, ווי אַ פייערדיק אויג פון אַ שוואַרצן וואַלד אַרויס...

— ווי שיין איר קאָנט דערציילן! — רייסט זיך ביי מיר אַרויס קעגן מיין ווילן.

— ברעכט מיך ניט אונטער, איך בעט אייך... הקיצור: איך מיט דעם יונגנמאַן גייען צו יענעם הויז צו. די אַנדערע זיינען שוין ערגעץ דאָרט געווען... מיר גייען און שווייגן, אָבער ביידע פילן מיר זיך זייער שטאַרק אויפגערעגט, נערוועז. איך טראַכט ביי זיך: וואָס וועט זיין, ווען יאַנקל וועט אויך אַריינ־פאַלן? דאַן נאָך איין קרבן!...

פלוצים דערהערן מיר אַ טומל, אַ געשריי: „קאַראַאול!"... מיר דער־קענען די שטימען... דאַן אַ געלאַף פון אַלע זייטן... אַ פייפן פון פּאָליציייסקע פייפלעך... און ווידער אַ געשריי: „דערזשי!" (האַלט!), אויך פון באַקאַנטע שטימען... מיר הויבן אויך אָן צו לויפן אין יענער ריכטונג, און באַלד זעען מיר, ווי פּאָליציייסקע מיט לאַמטערנעס יאָגן זיך איבער דער גאַס, אַ ביסעלע ווייטער פון איבער דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר... מיר שטעלן זיך אָפּ קעגן איר, לעבן אַן אַנטקעגנדיקן הויז, וואָס איז פּאַרזונקען אינעם חושך און קוקן, וואָס דאָרט, אין אונדזער קוואַרטיר, טוט זיך... די פענצטער זיינען באַלויכטן. עטלעכע דראָזשקעס, הפּנים, אויף וועלכע „גאַטשאַלסטוואָ" איז געקומען, שטייען אַרום די פענצטער...

מיט אַמאָל דערהערן מיר פון דאָרט אַ טומל און אַ ליאַרעם, און אַ געשריי: „עמעצער איז פון בוידעם אַרונטערגעשפּרונגען!" און דאַן האָט עמעצער פון אינעווייניק אַ פענצטער מיט אַ געפּילדער אָן עפן געטאָן, אַ קאָפּ האָט זיך אַרויסגערוקט מיט אַ שוואַרצער באָרד און אַ געשריי געטאָן: „דיערזשיטיע!"...

— ער איז פאַרלאָרן! — האָב איך שיער ניט אויסגעשריען, און קראַמפּ־האַפט אָנגעכאַפּט דעם יונגנמאַן פאַר די הענט.

און דאַן זיינען מיר אַוועק צוריק אויף יענער קוואַרטיר, פון וועלכער מיר זיינען פריער אַלע אַרויס.

איך האָב זיך קוים אויף מיינע פיס געשלעפּט, פאַר פאַרצווייפלונג האָב איך זיך געפילט, ווי אַ דערהרגעטע.

איך בין תמיד געווען אַ נערוועזע באַשעפעניש; קיינמאָל ניט געקאָנט בייקומען מיינע געפילן און תמיד בין איך געווען אָדער העכסט־גליקלעך אָדער העכסט־פאַרצווייפלט...

מיר קומען צו גיין אויפן קוואַרטיר, ערשט... יאַנקל איז דאָרט!... דרייט זיך דאָרט אַרום אַרום דער קעראָסינקע און מאַכט טיי.

— איר ווילט טיי? — באַגעגנט ער אונדז מיט אַ שמייכל. — עס וועט באַלד זיין!...

מיר בלייבן שטיין אָן לשון, קוקן אויף אים, ווי אויף אַ מת פון יענער־וועלט.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? — מאַכט ער מיט אַ ברייטערן שמייכל.

— די אַדרעסן זיינען גאַנץ...

דאַן קומען מיר צו זיך, כאַפּן אים אַרום, שטיקן אים און קושן. וואָס קושן? „מיינע" איז אַזוי צעפלאַכטן, אַז איך כאַפּ אים אַרום און נעם זיך מיט אים דרייען ווי משוגע. משוגעוואַטע בין איך תמיד געווען!...

ער רייסט זיך אַרויס פון מיינע הענט, לאַכט גוטמוטיק און מאַכט:

— אָבער איר, בערטאָ, וועט איצט האָב אַ סך אַרבעט...

— וואָס איז?

— שפּרינגענדיק פונעם בוידעם און דערנאָך אַריבערקלעטערנדיק עט־לעכע פּאַרקאַנס, האָב איך מיינע הויזן צעריסן.

און ער ווייזט מיר אויף זיינע הויזן, וואָס האָבן עטלעכע גוואַלד־ריסן ביי די קני...

שפּעטער קומען אָן די אַנדערע, די קאַראַאָול־שרייער, און כאַפּן אים אויף אַרום קושן.

— אַ צווייטן מאָל האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע: מיר האָבן זיך דער־וואוסט, אַז מען האָט איינעם פון אונדזערע אין טורמע מיט ריטער באַשטראָפט... ווי אַ דונער האָט די דאָזיקע ידיעה אַלעמען געטראָפן... וואָס טוט מען? אַזאַ שענדלעכע באַליידיקונג האָט מען ניט געטאָרט פאַרשווייגן!... מען האָט גע־מוזט פּראָטעסטירן, אָבער ווי אַזוי?... האָט מען באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ שאַרפע פּראָקלאַמאַציע קעגן דער „נאַטשאַלסטוואָ" פון דער טורמע און, איבער־הויפּט, קעגן דעם דאָקטער, וועלכער, אַרומקוקנדיק פאַר דער עקזעקוציע דעם אַרעסטאַנט, האָט אַרויסגעזאָגט דעם פּסק, אַז דער אומגליקלעכער קאָן פאַר־טראָגן די העכסטע צאָל שמיץ... הייסט עס, האָט מען באַשלאָסן צו וואָרענען דעם דאָזיקן דאָקטער אין דער פּראָקלאַמאַציע.

יאַנקל איז אויך דערביי, און דאָס מאָל, זעט מען, איז ער אויך אויפגערעגט. ער רעדט אָפּילו ניט, קאָכט זיך ניט, ווי די איבעריקע, אָבער זיין פּנים איז בלייך, די ליפּן פעסט צונויפגעדריקט און די אויגן זיינע קוקן אַרום זיך צע־מישט און פאַרוואונדערט. די גאַנצע צייט, בעת אַרום אים גייט אָן די דיס־קוסיע וואָס צו טאָן, זיצט ער אָפּילו, ווי זיין שטייגער איז, פאַררוקט אין אַ ווינקל און הערט זיך צו, אָבער מען זעט קלאָר, אַז רואיק איז ער דאָס מאָל ניט...

פּלוצים הויבט ער זיך אויף פונעם אָרט.

— שוין! באַשלאָסן אַ פּראָקלאַמאַציע, און שוין! דער שאַנד־פלעק איז אָפּגעווישט! דער אינטעליגענטער דאָקטער האָט זיך דערשראָקן, און... הוראַ!...

— מאַכט ער מיט אַ ציטערדיקן קול און בייסט די ליפּן.

— וואָס דען זאָל מען טאָן? — פרעגן די אַנדערע.

— דעם דאָקטער זאָל וויי טאָן, — רעדט ער אַרויס שאַרף. — דעם איני־טעליגענטן דאָקטער מוז וויי טאָן! מיט קיין פּאַפּירענע סטראַשונקעס וועט איר אים ניט אָפּשרעקן... זיין הויט און פליש מוזן פילן דעם טעם פון ריטער!...

— ווי?

— מען מוז דינגען אַ הייזל ערגעץ הינטערן שטאָט און אַהינצו מוז דער אינטעליגענטער דאָקטער געבראַכט ווערן און פּיכטע ריטער, וואָס זאָלן

סוויסטשען... איך נעם דאָס אויף זיך! — מאַכט ער, און רוקט אַרונטער דאָס היטל פעסטער איבערן קאָפּ, ווי זיין שטייגער איז געווען, בעת ער האָט זיך אויף עפּעס אַנטשלאָסן...

אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, גראָד אין אַ שיינער זומער־נאַכט, קומט יאַנקל אַליין צו יענעם דאָקטער און רופט אים, ער זאָל גלייך פאָרן צו זיין קראַנקער מוטער. אַ פור איז שוין אויך אַנגעגרייט. דער דאָקטער וויל אַפּריער ניט, אָבער יאַנקל דערלאַנגט אים אַ פינף־רובלדיקע, און ער פאָרט מיט אים... און דאָרט וואַרט מען אויף אים... אַ פּאָר יונגעלייט און ריטער... דער דאָקטער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַריבערצוטראָטן דעם שוועל פון יענעם הייזל, ווי זיין קאָפּ האָט זיך געצאַפּלט אונטער אַ „הייבל“, אַ זאַק מיין איך, און באַלד האָט ער געפילט דעם טעם, וואָס יענער אומגליקלעכער האָט געפילט...

קורץ: אַזאַ מענטש איז יאַנקל געווען אין דער היים.

ג

אַ קורצע צייט פאַר די „פרייהייטס־טעג“ און די פּאָגראָמען, נאָך אַ „געשיכטע“ מיט אַ שפּיאָן, איז יאַנקל געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, און איז אַוועק קיין אַמעריקע.

דאָ האָט ער זיך לאַנג געפּלאָגט, אויסגעריסן געוואָרן. זיין אַרבעט האָט ער ניט געפונען, ער איז אַריינגעטראָטן אין אַ פאַבריק, אַרבעטן קינדער־מאַנטלען ביי דער מאַשין. דער עיקר האָט ער געליטן, וואָס מען רופט, מיט דער נשמה. ער האָט זיך דאָ געפילט פרעמד, לאַנגווייליק און געבענקט נאָך דער היים און די היימישע...

און בעת איך האָב אים געטראָפן אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין ניו־יאָרק, נאָך די פריי טעג און פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט ער אויסגעזען דערשלאָגן, דערהרגעט גייסטיק, אָן אַ שום אינטערעס צו וואָס ניט איז...

— נאָט איך אַ פיאַטאַק פאַר אַלצדינג! — האָט ער מיר געזאָגט, בעת מיר האָבן זיך געטראָפן דאָס ערשטע מאָל אין ניו־יאָרק, און מיט אַזאַ טויטער גלייכגילטיקייט האָט ער דאָס געזאָגט!

— האָט אויף אייך אַזאַ איינפלוס געהאַט אַמעריקע? — פרעג איך.

— אַמעריקע, רוסלאַנד — אומעטום איז וואויל, איבערהויפּט דעם יידן! — מאַכט ער. — אָבער וואָס מאַכט עס אויס? — לייגט ער צו מיט אַ טאָן פון יאוש. — אַזוי איז שוין דאָס לעבן!

איך בין זייער איבערראַשט געווען. ווי ער האָט זיך געענדערט! אמת טאַקע, צו יענער צייט האָבן זיך אַ סך פון אונדזערע פאַרלאָרן, אַ סך פון זיי

זיינען אין יאוש אַריינגעפאַלן, זיינען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע, מיט צע־ריסענע הערצער און נשמות. — אָבער אַז יאַנקל זאָל זיך אויך אַזוי ענדערן — דאָס איז פאַר מיר געווען מער ווי אַן איבערראַשונג...

נאָך מער בין איך איבערראַשט געווען, בעת איינמאָל, גייענדיק מיט אים אַ זונטיק איבער אַ פּאַרק אין די בראָנקס, איז אונדז באַפאַלן אַ שיכורער אירלענדער... דער אירלענדער האָט פרעך אַ שטויס געטאָן מיך און ביי יאַנקלען דעם הוט אַרונטערגעוואָרפן... יאַנקל האָט שנעל אויפגעהויבן דעם הוט, צעשראָקן מיך אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך און שיער זיך ניט געלאָזט לויפן...

— וואָס איז דאָס? איז׳ס יאַנקל, צי ניט? — האָב איך ביי זיך געטראַכט אַ צעטומלטע.

און שפּעטער, אַז איך האָב עס אים אַרויסגעזאָגט, האָט ער געענטפערט, אַפילו אַ ביסעלע פאַרשעמט:

— אַ שיינע זאַך, כ׳לעבן, שטעלן זיך שלאָגן מיט אַזאַ געזונטן איריש־מאַן! ער וואָלט קיין איין גאַנצן ביין אין מיר ניט איבערגעלאָזט!

קורץ: אַן אַנדערן יאַנקל האָב איך אין אַמעריקע געטראָפן... דאָס האָט מיר אַזוי וויי געטאָן!

דאָס פריערדיקע לעבן, פול מיט גלויבן, האָט אַרויסגעבראַכט יאַנקלען און דאָס איצטיקע, פול מיט יאוש, האָט אים דערשטיקט!

אָבער שפּעטער איז געקומען אַ מאָמענט, ווען איך האָב ווידער דערזען דעם אַלטן יאַנקלען...

אַזוי ווי איך האָב דאָ קיין אַרבעט ניט געהאַט, האָט מיך יאַנקל אַריינ־גענומען אין דער פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט, און מיך אויסגעלערנט ווי צו אַרבעטן קינדער־מאַנטלען אויף דער מאַשין.

דאָרט, אין דער פאַבריק, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ געוויסן יונגנמאַן, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף מיר. מיר וועלן אים רופן „באָריס". זיין אמתן נאָמען וועל איך אייך ניט זאָגן, ווייל מען קען אים. ער האָלט אָפט פייערדיקע דרשות אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ער דערציילט, וואָס פאַר אַ גרויסער העלד ער איז, און וואָס פאַר אַ גבורות ער האָט אין דער היים געוויזן.

דער יונגערמאַן איז אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער געווען, אַ שיינער יונג, האָט געהאַט אַ גלאַט צינגעלע, און אויב אַ האַרץ פון אַ „בונדיסטקע" וואָלט זיך אין דער היים אפשר געקווענקלט צו פאַרליבן זיך אין אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, מחמת פּראָגראַם־דיפערענצן, האָט זי דאָ, אין אַמעריקע, אַ היתר געפונען און זיך פאַרליבט אין אים מיטן גאַנצן ברען... דער יונגערמאַן אין איר אויך.

עס האָט ניט גענומען קיין גאַנצע דריי חדשים זייט אונדזער באַקאַנט־שאַפט, ווען איינמאָל איז ער געקומען צו מיר אויפן קוואַרטיר און פאַר מיר אַרויסגעפּליוכעט די אַלע פּייערדיקע געפילן פון זיין האַרצן...

אַזוי און אַזוי, הייסט עס. ער קאָן אָן מיר ניט לעבן. קורץ, אַ ליבעס־דערקלערונג מיט אַלע פליטערלעך, פּונקט ווי ביי לייטן!...

אַ קוש, אַ דריק... דער טעם פון גן־עדן... הימלישע חלומות... און... איך, די גליקלעכע, האָב אַ חתן אַ העלד, אַ שיינעם יונגאַטש, מיט אַלע מעלות, אַז טאַקע לעבן זאָל אַמעריקע!...

און איינמאָל טרעפט זיך אַ נייער סורפּריז: יאַנקל באַזוכט מיך אויך אַמאָל אויף מיין קוואַרטיר, לייענט פאַר פאַר מיר אַ יידישע דערציילונג, אָדער זיצט זיך סתם אַזוי און שוויגט די גאַנצע צייט, קוקנדיק גלייכגילטיק פאַר זיך. ער איז תמיד ביי מיר אַ גוטער גאַסט, איך האַלט אים פאַר איינעם פון מיינע בעסטע פריינט; אין פאַבריק העלפט ער מיר גאַנץ אָפט אויסענדיקן מיין אַרבעט, בעת איך בין ניט פאַרטיק...

קומט ער אַמאָל צו מיר אין אַ זומער־פאַרנאַכט, בעת איך וואַרט, און טאַקע מיט אומגעדולד אויך, אויף מיין חתן. קומט ער צו מיר אַריין מיט אַ צעטראָגענעם שמייכל, באַגריסט מיך און זעצט זיך אַנידער.

— וואָס הערט זיך עפּעס? — מאַך איך.

ענטפערט ער ניט, נאָר שמייכלט צעטראָגן.

— וואָס שמייכלט איר?

— הערט אויס, מאַכט ער פּלוצים אויפגערעגט. — איך בין געקומען היינט צו אייך מיט עפּעס... מיט עפּעס... אַ פאָרשלאָג! אָבער איר מוזט מיר זאָגן גלייך און אויפריכטיק: אָהער אָדער אַהין, אָן צערעמאָניעס!

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין... איך בין ניט גלייכגילטיק צו אייך!...

טו איך זיך אַ כאַפּ פונעם אָרט אַ צעטומלטע.

— וואָס פעלט אייך איין?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, בערטאָ, — מאַכט ער מיט אַ שטילערן קול. — אויב איך האָב נאָך עפּעס אַן אינטערעס אין לעבן, זיינען דאָס מיינע געפילן צו אייך.

דערצייל איך אים דעמאָלט וועגן מיין ליבע און באַריסעס.

דערהערט עס, ווערט זיין פּנים רויט און נאָכדעם בלייך, און ער מורמלט:

— דאָס איז שוין אַן אַנדער געשיכטע! דאָס איז שוין אַן אַנדער גע־שיכטע! מילא! — דריקט ער מיט די אַקסלען און הויבט זיך אויף. — איך

האָב עס ניט געוואוסט. אַנטשולדיקט... דאָס איז שוין אַן אַנדער געשיכטע! — מורמלט ער ווידער. — גוט־נאַכט!
און אַוועק.

בלייב איך שטיין מיט צעמישטע געפילן. עס מוטשעט מיך אַ געפיל פון רחמנות צו אים, און נאָך אַ שטאַרקערער געפיל פון אַ באַליידיקונג: סטייטש, ער זאָל וואַגן מיר פאָרשלאָגן צו חתונה האָבן מיט אים? אין דער היים וואָלט ער דאָך עס ניט געוואַגט! אוי, ווי אַמעריקע גלייכט אויס! איך רעד מיט אייך אָפן: די היימישע יחסנישע טאָכטער האָט זיך דערפילט באַליידיקט, און די דאָזיקע באַליידיקונג האָט באַלד דערשטיקט דעם רחמנות־געפיל צו אים!...

פון דעמאָלט אָן האָט אויפגעהערט מיין פריינטשאַפט. מיר טרעפן זיך דערנאָך אין דער פאַבריק, גריסן זיך פריער פון דערווייטנס, שפּעטער אָבער הערן מיר אויף צו גריסן זיך אויך... צו מיין מאַשין גייט ער שוין ניט צו מער...

איך טראַכט שוין אָבער ניט וועגן אים מער; אַלע מיינע געדאַנקען און געפילן זיינען פאַרנומען מיט מיין חתן, וועלכער זיצט אין פאַבריק דער צווייטער פון מיר.

ד

און איינמאָל — מיר דאַרפן שוין אין גיכן ווערן מאַן און פרוי, אין צוויי וואָכן אַרום, און ביי אונדז איז שוין אַלצדינג אָפּגעמאַכט, באַשטימט: וויפיל צימערן, וואָס פאַר אַ מעבל, וועמען צו לאַדן אויף דער „פאַרטי" און אַזוי ווייטער, — זיץ איך זיך אין דער פאַבריק לעבן מיין מאַשין, אַרבעט און טראַכט וועגן מיין צוקונפטיקן לעבן מיט באַריסן. טראַכט מיט בענקעניש און ווייטיק וועגן דעם, ווי גוט עס וואָלט געוועזן, ווען מיין אַלטע מאַמע וואָלט אויף אונדזער „פאַרטי" געוועזן... דערנאָך טראַכט איך ביי זיך, וואָס פאַר אַ בריוו זאָל איך צו איר שרייבן, צו מיין מאַמען... עס וועט איר געוויס פאַרדריסן, הלמאי ביי מיר וועט ניט זיין קיין ריכטיקע יידישע חתונה — טראַכט איך מיר, אַז מען דאַרף אינגאַנצן אויסמיידן דאָס וואָרט „חתונה" אינעם בריוו... און בעת דעם פיל איך אין אַ טיפן ווינקל פון מיין האַרצן אַזאַ נאָגעניש און בענקעניש נאָך דער ריכטיקער יידישער חתונה, נאָך יענער חתונה, וואָס איך האָב מיטגעמאַכט אין דער היים ביי מיין עלטערער שוועסטער, נאָך דער פּאָעטישער און הייליקער שטימונג פון יענער חתונה, וואו אַלע און אַלצדינג האָט געשטראַלט און געלויכטן, געפרייט זיך און געזונגען, און געטאַנצט: סיי די מענטשן, סיי די ברענענדיקע ליכט, סיי די אינסטרומענטן פון די קלעזמער, און אַפילו די חופּה־שטאַנגען! איר וואונדערט זיך אַוודאי, וואָס

איך האָב געטראַכט וועגן דעם? איך מיין, אַז אַ סך יידישע ראַדיקאַלע פּרויעןָ, אויב זיי האָבן נאָר אין זיך לעבן, טראַכטן וועגן דעם און בענקען נאָך דעם, בעת זיי קומט אויס דאָ צו פאַרבינדן זיך מיט אַ מאַן אויף דעם זאַגענאַנטן „פרייען" שטייגער, נאָר זעלטן ווער פון זיי וועט אפשר וועלן זיך אין דעם מודה זיין, ווי איך...

קורץ: זיץ איך דעמאָלט און טראַכט און בענק נאָך דער מאַמען, נאָך דער היימישער חתונה, ביז איך פאַרגעס זיך און זע זיך באַלד מיט באַריסן אין דער היים לעבן דער מאַמען, צווישן אַלע אונדזערע קרובים און באַקאַנטע, אין אַ ליכטיקן זאַל, וואו מוזיק שפּילט און וואו אַלע און אַלצדינג טאַנצט אַרום אונדז...

פּלוצים דערהער איך אַרום זיך אַ טומל, אַ געפּילדער, אַ געלאָף און אַ ווילדן געשריי... איך טו זיך אַ כאַפּ — אַרום מיר, פון אַהינטער מיר און פאַר מיר, פון אַלע זייטן לויפן אַרבעטער און אַרבעטערינס מיט געשרייען צו דער טיר. און באַריס, ווייס ווי קאַלך, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, שטייט אויך אין אַ פּאָזע, ווי צו לויפן, מאַכט צו מיר מיט די הענט, ווי אַ משוגענער, און שרייט צו מיר מיט אַ פאַרשטיקטן קול:

— פו־פאַ־פו־פאַ־פּיירדר....

איך פאַרשטיי אים ניט, אָבער דערזען, ווי אַלע פון דער פאַבריק זיינען אַרויסגעלאָפן מיט ווילדע געשרייען, האָב איך זיך אויך אַ כאַפּ געטאָן פונעם אָרט.

מיין חתן, דער העלד, שפּרינגט צו צו מיר, טוט מיך אַ כאַפּ אַן ווילד פאַר אַן אַקסל, שלעפּט מיך און לאָזט אַרויס אַזוינע צעשראָקענע טענער...

איך קלאַמער זיך אָן אָן אים, ער אָן מיר און מיר לויפן צו דער טיר. אָבער ניט דערלאָפן ביז דער טיר, דערהערט זיך מיט אַמאָל אַ געשריי: „די טרעפּ ברענען!" מיין חתן טוט ווילד אַ געשריי, טוט זיך אַ ריס פון מיר, אָבער איך בין איינגעקלאַמערט אין אים פעסט: — „ניין, פייגעלע, קיין געבראָטענער ביפסטייק וויל איך ניט זיין!" — ערשט ער טוט מיך אַ שטויס פון זיך און מיט אַזאַ האַסט, אַז איך קוליע זיך שיער ניט איבער, און — ניטאָ אים!...

אַ ווײַלע בלייב איך שטיין צעמישט פון אַזאַ סורפּריז, קום אָבער באַלד צו זיך און הויב אָן צו שרייען: „באַריס!" ווי איר זעט מיך לעבן, דווקא באַריס!... אַ חכמה אַ יידענע, איך האָב, הפּנים, דעם פאַרשטאַנד דאָן געהאַט פאַרלאָרן!

איך טו זיך אַ וואָרף צו אַ פענצטער. איך געפין זיך אויף אַ פערטן שטאָק. אויבן זיינען נאָך אַנדערע צוויי שטאָק, וואו מען אַרבעט. איך טו אַן עפן דאָס פענצטער מיט אַ ווילדן געשריי. קיין „פייער־עסקייפּס" זיינען ניטאָ.

אונטן, אויף דער פּאַרשנייטער גאַס — דעם גאַנצן טאָג איז געהאַט געפאַלן אַ שניי — איז אַ טומל. אַ שוואַרצער ים פון מענטשישע קעפּ באַוועגט זיך דאָרט... די מענטשן פון אונטן דערזעען מיך, רייסט זיך ביי זיי אַרויס אַ רעוועריי, אַ וואַיעריי, אַ ווילד קרעכצעריי, אַזוי ווי אַ ים וואָלט דאָרט גע־שטורעמט...

— ראַטעוועט! — שריי איך מיט אַלע קרעפטן, און מיין קול ווערט פאַר־טרונקען אין די ווילדע קולות, וואָס טראָגן זיך פון אונטן...

און דאָ האָט מיר פון אַן אונטערשטן פענצטער אַ זעץ געטאָן אַ גע־דיכטער רויך אין פּנים, און אַ מוראדיק ברייטע פייערדיקע צונג האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם רויך און גענומען קריכן איבער דער וואַנט אַרויף, אַרויף, צו מיר צו... איך בין אָפּגעשפּרונגען פונעם פענצטער.

— מאַמעניו, — טראַכט איך ביי זיך, — איך וועל פאַרברענט ווערן! אַט צו וואָס דו ביזט געקומען קיין אַמעריקע!...

די גאַנצע סצענע יענע האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין מיין מוח, אַז איך געדענק זי אין אַלע איינצלהייטן.

איך טו זיך ווידער אַ וואָרף צו דער טיר, אַנטקעגן שלאָגט אַ געדיכטער רויך, ווי פון צענדליקער לאָקאָמאָטיוון, און ביי די זייטן פון רויך דרייען זיך און פויזען ראַזעווע שלענגעלעך. עס טוט מיר אַ ביס אין די אויגן, אין האַלדז, עס הויבט אָן צו שטיקן... דערווייליע דערהערט זיך פון דרויסן דאָס פייפעריי און דאָס קלינגעריי פון די פייער־מאַשינען...

איך טו זיך צוריק אַ וואָרף צום פענצטער.

זאָלן זיי מיך זען! זאָלן זיי וויסן, וואו איך געפין זיך!

איך רוק אַרויס ווידער דעם קאָפּ דורכן פענצטער. די פייערלייט זיינען נאָך ניטאָ, מען הערט אָבער דייטלעכער און נעענטער דאָס פייפעריי און דאָס קלינגעריי פון זייערע מאַשינען, וואָס טראָגן זיך ערגעץ ניט ווייט מיט אַ ליאַרעם.

— ראַטעוועט! — שריי איך ווידער, און ווידער ווערט מיין קול דער־טרונקען אין דעם געפילדער פון די מענטשן אונטן.

איינער אַ פּאָליסמאַן שרייט עפּעס צו מיר, אַ סך מענטשן מאַכן צו מיר מיט די הענט.

און מיט אַמאָל — טראַ־אַך! אויף דעם שטאָק אונטער מיר האָט עטוואָס עקספּלאָדירט, דאָס גאַנצע הויז האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך גענומען שיטן, און דער טומל אונטן איז געוואָרן ווילדער...

איך ווער מטושטש, אַלצדינג הויבט זיך אָן צו מישן און דרייען פאַר מיינע אויגן; איך לויף אַרום פון פענצטער צו פענצטער, הין און צוריק, ווי אַ פאַר־

שפּאַרטע מויז אין אַ ברענענדיקער פּאַסטקע, און שריי, ווייס שוין אַליין ניט, וואָס איך שריי...

און מיט אַמאָל באַמערק איך, ווי דורך אַ חלום, אַז אויף אַ פענצטער פון דעם שטאָק איבער מיר שטייט אַ יונגע מיידל מיט צעלאָזטע שוואַרצע לאָקן אויף ביידע באַקן און שרייט היסטעריש. און דאַן האָט דאָס מיידל אַ פאַל געטאָן, געדרייט זיך אין דער לופטן מיטן קאָפּ אַרונטער און מיט די הענט אויסגעשטרעקט... אין דער אייגענער צייט האָט זיך פון אונטן דערהערט אַ לאַנגער, לאַנגער צעמישטער אַהוּ־אַה־אַ־איי!!...

איך הויב אָן צו שרייען היסטעריש און, ווי אַ משוגענע, טו איך זיך אַ וואָרף ווידער צו דער טיר...

איצט לויף איך שוין אין דעם רויך אַריין... עס שטיקט מיך און ווערגט מיך, איך שטעל זיך אָבער ניט אָפּ. קיין פאַרשטאַנד איז שוין ניטאָ, קיינע געדאַנקען, קיין קלאָר געפיל, דאַכט זיך, נאָר עפּעס שטופּט מיך און שטויסט מיך אין דעם רויך אַריין, אין דעם פייער אַריין... אָט זע איך, ווי דורך אַ טיפן חלום, ווי איבער די טרעפּ פון אונטן טראָגט זיך אַ געדיכטער שוואַרצער וואָלקן, אַרומגעוויקלט מיט ראָזעווע שטענגלעך... די שטענגלעך צעוואָרפן זיך לענגער, (ברייטער, און באַלד צעשפּרייטן זיי זיך איבער דער אונטערשטער העלפט פונעם וואָלקן, און איך טו זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ צוריק און קלאַפּ זיך אָן מיטן שטערן אָן עפּעס שאַרפס אַזוי שטאַרק, אַז אויף אַ רגע קום איך צו זיך, דערפיל אַ ווייטיק און דאָס קייקלען זיך פון וואַרעמע טראָפּנס איבער דער רעכטער באַק...

איך הויב ווידער אָן צו שרייען, אָבער מיין געשריי ווערט באַלד דער־שטיקט פונעם רויך, וואָס זעצט אַרום מיר.

פּלוצים דערפיל איך, עמעצער האָט מיך האַסטיק אַ שלעפּ געטאָן, אויפ־געהויבן אין דער הויך און גענומען מיט מיר ערגעץ לויפן...

— פאַרבאַהאַלט אייער פּנים, — הער איך אַ פאַרשטיקטע שטימע, — טוליעט זיך צו מיר פעסט... היט אייערע האָר!

און איך פיל, ווי איבער מיינע האָר האָט זיך עפּעס אַרומגעוויקלט פעסט, פעסט — צי אַ מלבוש, צי עפּעס וואָס אַנדערש.

דאַן הער איך, ווי דער פאַרשטיקטער קול קרעכצט: אוי! אוי! היט אייער פּנים! אוי! אוי! דריקט זיך צו מיר פעסטער — אוי! אוי! — רעדט דער קול צו מיר און ברעכט זיך אונטער מיט קרעכצן.

און אין אַ ווײַלע אַרום דערפיל איך, ווי עמעצער אַן אַנדערער האָט מיך אַ הויב געטאָן אין דער הויך, און גלייך נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ „הוראַאַ“ פון טויזנטער שטימען און אַ שרעקנס־געשריי...

מען האָט מיר באַפרייט דעם קאָפּ און די האָר פון דאָס, וואָס האָט מיך צוגעדעקט — דאָס איז געווען אַ רעקל. דאָס קלייד האָט מען פון מיר אַרונטער־געריסן, וואָס האָט געברענט אויף מיר.

אַ היפּשע ווײַלע בין איך נאָך געשטאַנען אַ צעמישטע צווישן די פײַערלײַט און ניט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין.

מען האָט מיך אַרײַנגענומען אין אַ הויז אַנטקעגן. אַן אַמבולאַנס־דאָקטער איז געקומען, האָט מיר פאַרבונדן די וואונד אויפן שטערן, און האָט דער־קלערט, אַז איך בין „אַלרײַט". דאַן איז געקומען מײַן חתן, דער העלד; אַז איך האָב אים דערזען, האָב איך גענומען שרײַען היסטעריש: „אַוועק! אַוועק!" און געפאַלן אין חלשות, גאָר ניט מעשה ייִדענע...

ח

שפּעטער דערוויס איך זיך, אַז מיך האָט געראַטעוועט אַ יונגערמאַן, אַז ער איז צעברענט געוואָרן און ליגט איצט אין גאַווערניער האָספּיטאַל.

אין דעם אייגענעם אָוונט דערוויס איך זיך, אַז דער יונגערמאַן איז יאַנקל און אַז די מענטשן פון אונטן האָבן אים געוואָרנט, ער זאָל ניט גיין, ער וועט פאַרברענט ווערן, נאָר ער האָט אַרונטערגערוקט די הוט שטיפער איבערן קאָפּ און איז אין פײַער געקראָכן.

דער אַלטער יאַנקל, זאָל לעבן!...

איך האָב נאָך אַ טשיקאַווע זאַך זיך דערוואוסט, אַז פון דער צײַט, זינט דאָס פײַער האָט זיך אָנגעהויבן, ביז איך בין געראַטעוועט געוואָרן, זײַנען פאַרלאָפן ניט מער ווי אַן אַכט אָדער צען מינוט. און מיר האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז שעהן גאַנצע האָט עס געדויערט!

שפּעטער אַ ווײַלע פרעג איך זיך אָן דורכן טעלעפאָן אינעם שפּיטאָל וואָס יאַנקל מאַכט, און מען ענטפערט מיר, אַז מען קאָן נאָך גאָר ניט וויסן.

יענע נאַכט בין איך שיער ניט משוגע געוואָרן. מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז צען לעבנס מײַנע וואָלט איך אָפּגעגעבן פאַר זײַן לעבן... ווען מײַן חתן איז יענע נאַכט צו מיר אויפן קוואַרטיר געקומען, האָב איך אים גלײַך געהייסן „נעמען דעם וועג"... ער האָט געפּראַוואוט זיך צו פאַרענטפערן פאַר מיר, דערקלערן זײַן פייגע האַנדלונג מיט פּסיכאָלאָגישע און פילאָסאָפישע „דריידלעך", געבעטן זיך ביי מיר, געוויינט און זאָגאַר געסטראַשעט מיט זעלבסטמאָרד. אָבער וואָס מער ער האָט געטענהט, אַלץ מער האָט ער מיך אויפגערעגט, אַלץ אומאויסשטייַלעכער איז ער מיר געוואָרן און אַלץ היס־טערישער האָב איך געשריען:

— איבער איך שטאַרבט ער דאָרט, פייגלינג! איבער איך, טויגעניכטס! אַרויס!

— גוט, גוט, איך גיי! — וויינט ער. — אָבער וויסן זאָלט איר, אַז די דאָזיקע פייגהייט מיינע וועל איך באַשטראָפן מיט מיין לעבן, נאָך היינט!...

בערטאַ האָט זיך צעלאַכט און באַמערקט:

אָבער די פייגהייט זיינע האָט אים אָפּגעהיט פאַר דער מענטשהייט. ער האָט זיך, חלילה, קיין מיתה ניט אָנגעטאָן ניט אין יענער נאַכט און ניט אין אַן אַנדערער. ער האָלט נאָך עד היום דרשות אויף פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ער דערציילט וועגן זיינע העלדנטאַטן אין דער היים... מילא, כאַפּט אים דער רוח!...

— קורץ: יענע נאַכט האָב איך קוים איבערגעלעבט. אויף מאָרגן אין דער פרי גיי איך אין שפּיטאָל, מען לאָזט מיך אָבער ניט צו צו יאַנקלען. מען זאָגט מיר נאָר, אַז אינערלעך איז ער ניט פאַרלעצט און איז אויסער געפאַר...

ערשט אויפן דריטן טאָג לאָזט מען מיך צו צו אים.

איך טרעף אים ליגנדיק אין אַ בעטל, דער רעכטער זייט קאָפּ און פּנים באַנדאַזשירט אין גאַנצן, אַזוי אַז דאָס רעכטע אויג זעט זיך ניט אַרויס. פריי זיינען בלויז דער לינקער זייט פּנים, דאָס לינקע אויג און דאָס האַלבע מויל פון דער לינקער זייט.

ער דערזעט מיך, שטרעקט ער אויס צו מיר אַ האַנט און דאָס לינקע אויג לאַכט.

— געזונט? בראַוואָ! — מאַכט ער מיט אַ האַלבן מויל און זיין קול קלינגט אַזוי, ווי ער וואָלט עפּעס אינעם מויל געהאַלטן.

אַ היפּשע צייט קאָן איך ניט אויסרעדן קיין וואָרט פאַר אויפרעגונג, דריק אים בלויז די האַנט און טרערן שטיקן מיך. דאַן קאָן איך זיך שוין לענגער ניט איינהאַלטן, פאַל־צו צו זיין האַנט, קוש זי און צעוויין זיך.

— איך דאַנק אייך, בערטאַ! — מאַכט ער און נעמט ווידער אַריין מיין האַנט אין זיינער, וועלכע ציטערט איצט.

איך פיל ווי זי ציטערט, און הויב זי אָן צו גלעטן. אַ ברענענדיק פאַר־לאַנג דערוועקט זיך אין מיר צו טרייסטן אים, גליקלעך אים צו מאַכן. איך ווייס, וואָס אים קאָן גליקלעך מאַכן, און איך זאָג אַזוי פּלוצים, ווי נאָר איך קאָן אַמאָל זאָגן:

— ווערט נאָר געזונט, יאַנקל... איך ליב אייך אויך!...

ער טוט זיך אַ צאַפּל, אַזוי ווי פון אַן אומדערוואַרטעטן שמיץ, רייסט

אַרויס פון מיר די האַנט און דאָס לינקע אויג שטשירעט זיך אויס אויף מיר אַזוי פאַרוואונדערט.

— מיט אַזוינע זאַכן שפּילט מען זיך ניט, בערטאַ! — מאַכט ער, און אין אַ ווײַלע אַרום: — און אײַער חתן?...

איך זאָג אים, אַז מיטן חתן איז אויס, דערצייל אים, ווי און וואָס און פאַרוואָס...

— נאַרישקייטן! — ברעכט ער מיך אונטער. — איר ליבט אים... אין אַזוינע מאָמענטן פאַרלירט מען זיך... נאַרישקייטן! איר וועט זיך נאָך איבער־בעטן מיט אים!... מען שפּילט זיך ניט אַרום מיט אַזוינע זאַכן, בערטאַ! — מאַכט ער ווידער.

איך דערקלער אים, אַז אַזוי האָב איך באַשלאָסן, און פאַרטיק!—

— מילאַ! — רופט ער זיך אָן אין אַ ווײַלע אַרום, און דאָס לינקע אויג לאַכט ווידער, דאָס מאָל נאָך פריילעכער: — דערווייל ביז־וואָס איז פאַר־לאָרן געגאַנגען מײַן רעקל, נאָך גאָר אַ נײַער רעקל.

— ווי אַזוי?

—איך האָב מיט אים אײַך דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט און איצט איז ער פאַרפאַלן געוואָרן...

— אַבי מײַן קאָפּ איז גאַנץ געבליבן! — טו איך אַ לאַך. — וואָס האָט איר זיך צעבערענט, יאַנקל?

— אַט, דעם פּנים אַ ביסעלע... אָבער אַבי אײַער קאָפּ איז גאַנץ געבליבן!

— ברעכט ער אונטער און לאַכט אויך.

— ווי איך באַוואונדער אײַער מוט! — זאָג איך.

— וואָס איז דאָ צו באַוואונדערן? אַ בהמה קריכט אין פײַער,— לאַכט ער.

רעד איך ווייטער:

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז מענטשן האָבן אײַך געוואָרנט, איר זאָלט ניט קריכן.

— ווער האָט געהערט מענטשן? — זאָגט ער. — איך האָב קיינעם און גאָרנישט געהערט, נאָר מײַן אייגענעם געפיל, וואָס האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אין געפאַר און אַז איך מוז אײַך ראַטעווען...

— איז אײַך גאָרניט אײַנגעפאַלן, אַז איר אַליין קאָנט פאַרברענט ווערן?

— פרעג איך אים דערנאָך.

— איך האָב דעמאָלט וועגן דעם ניט געטראַכט, — זאָגט ער. — נאָר שפּעטער, בעת איך האָב אײַך געטראָגן פון די טרעפּ און מײַן פּנים האָט זיך גענומען פּרעגלען, האָב איך יאָ וועגן דעם געטראַכט...

— אַז איר ווערט פאַרברענט?

— מיט אייך צוזאַמען און... נאָך עפּעס, — מאַכט ער.
— וואָס? — פרעג איך אים.
— אַז מיר זיינען אַ באַשערטע פּאָר, אויב ניט פאַרן לעבן איז פאַרן טויט... — לאַכט ער.
— יאָ, — טו איך זיך דעמאָלט אַ כאַפּ צו אים. — מיר זיינען אַ באַשערטע פּאָר פאַרן לעבן, מיר'ן לעבן...
ער ליגט אַפּ אַזוי אין שפּיטאָל צוויי וואָכן. איך קום צו אים יעדן טאָג געוואָר ווערן. ער איז גליקלעך, שפּאַסט, זאָגט, אַז סוף כל סוף באַצאָלט זיך „דאָס וואָגן"...
און איינמאָל — אַ טאָג, איידער מען האָט אים אַרויסגעלאָזט פון שפּיטאָל, קום איך צו גיין צו אים. איך טרעף אים אַ דערשלאָגענעם. ער זיצט אויפן בעט מיטן באַנדאַזשירטן קאָפּ טיף אַרונטערגעלאָזט. קעגנאיבער, אויף אַ צווייטן בעט, שלאָפט נאָך עפּעס אַ פרישער קראַנקער.
איך גיי צו צו אים. דאָס לינקע אויג קוקט אַזוי פאַרלאָרן אויף מיר.
— וואָס איז געשען, יאַנקל? — פרעג איך צעשראָקן.
דאָס לינקע אויג טוט טרויעריק אַ שמייכל און יאַנקל ענטפערט מיט אַ געבראָכענעם קול:
— וואָס איז געשען, איז פאַרפאַלן!
און ער דערציילט מיר:
מען האָט פון אים פריער דעם באַנדאַזש אַרונטערגענומען, ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און שיער ניט אָנגעהויבן צו שרייען „שמע ישראל". אַ רוח, אַ טייוול האָט ער דערזען, מיט אַ געבראָטענער באַק, אַ פאַרגעניגן! — זי וועט זיך מחיה זיין, אַז זי וועט עס דערזען! — זאָגט ער מיר שטיל, און ער כאָרכלט מיטן האַלדז, ווי ער וואָלט זיך מיט טרערן געוואָרגן.
די דאָזיקע בשורה צעטומלט מיך לכתחילה, באַלד אָבער קום איך צו זיך און הויב אים אָן צו טרייסטן.
— וואָס טרייסט איר מיך, נאַרעניו? — זאָגט ער. — איך קאָוויר אייך, ווען איר וועט מיך דערזען אין מיין גאַנצן רייץ, וועט איר זיך ווינטשן נאָך אַמאָל צו זיין אין אַ ברענענדיקן הויז, אַבי מיך ניט אָנצוקוקן!
— נו, אַ סימן האָט דאָך געמוזט זיך אָפּשטעלן, — זאָג איך. — ווייזט וואָס איז דאָרט?... לאָזט, איך וועל אָפּבינדן דעם באַנדאַזש!
— רירט ניט אָן! — מאַכט ער, און הויבט זיך אויף פון בעט. — איר האָט באַדאַרפט אָנגרייטן חלשות-טראָפּן, מחמת איך האָב מורא, אַז איר וועט גלייך חלשן... אַ שיינער סימן, אַ געבראָטנס, געגנוג פאַר אַ הונגעריקן הונט אָנצופרעסן זיך! — לאַכט ער שטיל און ביטער.

צום סוף לאָזט ער מיך דאָך אַרונטערנעמען פון אים דעם באַנדאַזש, אָבער בעת איך נעם זיך אים פאַנאַנדערבינדן, קוקט יאַנקלס לינקע אויג אויף מיר צעמישט, און ער שטאַמלט ווידער:

— אָבער געדענקט, איך האָב אייך געזאָגט, איר זאָלט זיך ניט דערשרעקן... איבערהויפּט דאַרפט איר זיך ניט שרעקן... מיר חלומט זיך אַפילו ניט, אַז איר זאָלט איצט זיין מיין ווייב...

און בעת ער שטאַמלט דאָס, כאָרכלט ווידער ביי אים אין האַלדז.

דער באַנדאַזש איז אַרונטערגענומען, און... מיין קול איז פאַרשטאַרבן אין מיין ברוסט פאַר שרעק!... ווי עמעצער וואָלט מיר איבערן מוח מיט אַ שווערן האַמער אַ האַק געטאָן. איך קאָן די אויגן ניט אָפּרייסן פון דער רויטער מוראַדיק־פאַרקריפּלטער באַק. איך זע בלויז די דאָזיקע באַק. דאָס גאַנצע צימער ווערט איין גרויסע, רויטע, צעברענטע, עקלדיקע באַק... אַ מוראַדיק־עקלדיקע באַק!...

דערנאָך לאָז איך אַרויס אַ געשריי און פאַרשטעל די אויגן מיט די הענט.

דער געשריי האָט געמוזט זיין גאָר אַ נישקשהדיקער, ווייל אין צימער איז אַריינגעלאָפן אַ קראַנקן־וועכטערין און דער קראַנקער, וועלכער איז געשלאָפן אויפן צווייטן בעט, האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט מיט אַ קרעכצעריי.

די קראַנקן־וועכטערין שטייט לעבן מיר און באַרויקט מיך. יאַנקל שטייט פון ווייטן מיט דער צעברענטער באַק אָן אַ זייט פון מיר און שמייכלט אַזוי רחמנותדיק, סאַפּעט מיט דער נאָז און איבעם האַלדז ווערט די כאָרכלעריי געמישט מיט אַ פייפן...

— נו, נו, בערטאַ! — גייט ער צו צו מיר און שלינגט די טרערן (דאָס איינציקע מאָל אין מיין לעבן, ווען איך האָב ביי אים געזען טרערן): — נו, פאַרפאַלן!... איר דאַרפט זיין גליקלעך, וואָס איר... וואָס איך און ניט איר...

ער דערריידט ניט, איך פאַרשטיי אָבער וואָס ער מיינט און עס טוט מיר אַ ברען אין מח: — איך אַליין האָב דאָך אויך געקאָנט קריגן אַזאַ פּנים! פאַר מיר האָט ער דאָך...

איך טו זיך אַ וואָרף צו אים און כאַפּ אים אָן פאַר די הענט:

— יאַנקל, — זאָג איך, — אין מיין לעבן וועל איך איצט האָבן איין צוועק: דו זאָלסט זיין גליקלעך!...

* * *

— און אַזוי האָב איך מיט אים חתונה געהאַט, — האָט מיר בערטאַ דערציילט. — און דערווייל האָט זי איר צוזאָג געהאַלטן: זי מיט זיך, אַז ער זאָל זיין גליקלעך. און אַמאָל, אַז זי ווערט בייז אויף אים פאַר עפּעס, דאַרף זי נאָר אַ קוק טאָן אויף זיין באַק, דערמאָנט זי זיך גלייך, אַז זי אַליין האָט

געקאַנט אַזאַ באַק האָבן, און איר האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט וואַרעמקייט און ליבע צו אים, יאָ, מיט ליבע!...

* * *

בערטאַ האָט געענדיקט, און אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַ דאַנקבאַרער ווייכער וואַרעמער ליכטיקייט, און איך אַליין האָב אויך געפילט אַזאַ גוטע וואַרעמקייט אויפן האַרצן, און איך בין באמת דאַנקבאַר געווען בערטאַן פאַר איר דאַנקבאַרקייט צו אים...

דאַרף איך אײַך נאָך דערציילן, אַז דער רויטער צייכן האָט זיך מיר פון דעמאָלט אָן ניט אויסגעוויזן אַזוי עקלדיק?...

ברוקלין, 1917.

אַקטיאָרן

א

אַ באַקאַנטער ייִדישער דראַמאַטורג האָט דערציילט:

— מיט אַ יאָר צען צוריק איז דאָס געווען. אין איינעם פון די ייִדישע טעאַטערס האָט מען זיך געגרייט אויפצופירן מיינע אַ פּיעסע.

אַ קאָמעדיע איז דאָס געווען, וואָס אין איר האָבן די וויכטיקסטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס פון יענעם טעאַטער גוטע ראָלן געהאַט.

זיי אַלע, די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, הייסט עס, האָבן מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג גערעדט וועגן אַט דער פּיעסע בעת די פּראָבן.

— אַ באָמבע וועט דאָס זיין פאַרן פּובליקום, — האָבן זיי גערעדט. — וועט לויפן דעם גאַנצן סעזאָן.

און דער קאַסירער פונעם טעאַטער, וועלכער אין גוטע צייטן, דאָס הייסט, ווען אין דער קאַסע איז געווען ששון־ושמחהדיק, האָט גערעדט נאָר ענגליש, און אין שלעכטע צייטן, דאָס הייסט, ווען אין דער קאַסע איז געווען שטאַרק מרה־שחורהדיק, האָט גערעדט נאָר ייִדיש, — ער אויך, הערנדיק, וואָס די אַקטיאָרן האָבן גערעדט וועגן דער פּיעסע, האָט יעדעס מאָל, אַז ער האָט מיך דערזען אין דער פאָיע פונעם טעאַטער, אַרויסגערוקט צו מיר זיין שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ פון דעם קאַסע־פענצטערל און מיך וואַרעם און מיט התפעלות באַגריסט אויף ענגליש און דערביי ניט פאַרגעסן צו זאָגן אין זיין כאַראַקטעריסטיש־ענגלישן טעאַטער־זשאַרגאָן:

— איט איז דאָבל דזשי! — וואָס דער טייטש דערפון איז געווען, אַז די פּיעסע איז צוויי מאָל גוט...

און ער אַליין, דער באַלעבאָס, דער הויפּט־מענעדזשער פונעם טעאַטער, אַן אַלטער, אַ רונדער און אַ שווערער ייִד, מיט רונדע, איינגעהויקערטע אַקסלען, וואָס אויף זיי באַמבלט זיך אַרום אַ רונדער קאָפּ, איינגאַנצן אַן אַ האָלדז, דאַכט זיך, מיט אַ פּנים, וואָס זעט אויס ווי די לבנה, ווען זי וואָלט אָנגענומען בלוט און פלייש, — ער, וואָס געווייינלעך איז ער קאַרג אויף אַ שמייכל, בפרט פאַר אַ פּאַרפאַסער, וואָס האָט ביי אים ערשט ניט לאַנג צוגענומען טויזנט דאָלער פאַר אַ פּיעסע, — ער שמייכלט אויך צו מיר מיט אַ מין לבנה־שמייכל און קראַצט זיך די רעכטע באַק מיט זיין קורצער, פעטער האַנט יעדעס מאָל, ווען

ער טרעפט מיך ביי די פּראָבן, און פרעגט מיך מיט אַ קול, ווי פון אַ הייזעריקער אַלטער קאַץ:

— אַ באַמבעטשקע, האַ? טאַקע אַ ריכטיקע באַמבעטשקע?...

און פון זיין שמייכל, און דער עיקר, פון זיין קראַצן די רעכטע באַק, זע איך, אַז ביי אים איז גאָר קיין ספק ניט, אַז מיין פּיעסע וועט זיין אַ „ריכטיקע באַמבעטשקע!"

וואָרים אַזאַ טבע האָט אָט דער מענעדזשער: ווען ביי אים איז אַ ספק, אויב אַ נייע פּיעסע וועט אויסנעמען, צי ווען די געשעפטן בכלל זיינען ביי אים ניט פריילעך, קראַצט ער דעמאָלט די לינקע באַק, וואָס זי קאַרטשעט זיך בעת דעם נערוועז און קרימט זיך אין אַ וואָלקן פון מרה־שחורה ממש. און פאַרקערט, ווען די געשעפטן זיינען ביי אים געהויבן, אין דער קאַסע שמחה־וששונדיק, אָדער ווי זיין קאַסירער וואָלט געזאָגט: „דאָבל דזשי", דעמאָלט קראַצט ער זיין רעכטע באַק, וואָס זי שמעלצט זיך בעת דעם אין אַ שמייכל, אין אַ מין לבנה־שמייכל.

די פּראָבן ציען זיך אַ פּאָר וואָכן. די באַגייסטערונג ביי די אַקטיאָרן וואַקסט פון טאָג צו טאָג, פון פּראָבע צו פּראָבע, און אינאיינעם דערמיט — דער דרך־ארץ פאַר מיר, די אָנערקענונג פון מיין דראַמאַטישן טאַלאַנט.

איך בין דער גרעסטער, דער איינציקער יידישער דראַמאַטורג. די אַנ־דערע — די הענט האָט מען זיי געדאַרפט אויסדרייען. טראַכטן מיט דער פּאָטילניצע און שרייבן מיט די קני. מיין „פּראָזע"! מיין הומאָר! מיין פייער!... קורץ, גאַנצע וואָלקנס ווייַרויך לאָזן זיי איבער מיין קאָפּ...

קוקן מיר אין די אויגן אַריין, כאַפּן אויף יעדער באַמערקונג מיינע ביי די פּראָבן, שמייכלען צו מיר, לאַשטשען מיך מיט סאַמעט־בליקן, בפרט יענע פון זיי, וואָס זיי האָבן די הויפּט־ראָלן אין מיין פּיעסע.

די בלאָנדע אַקטריסע, מיט די קלוגע בלויע אויגן, וואָס דאָס לעבן שלאָגט פון זיי, ווי פון אַ בלויען קוואַל, דער הויפּט־סטאַר אין אָט דעם טעאַטער, וואָס זי האָט די הויפּט פרויען־ראָל אין דער פּיעסע, און וואָס אויף איר מבינות האָט מען די פּיעסע ביי מיר געקויפט און דער מענעדזשער האָט געמוזט אַרויסלייגן, קראַצנדיק שטאַרק זיין לינקע באַק, גאַנצע טויזנט דאָלער, — זי שטראַלט פאַר גליק ביי די פּראָבן.

ווען ניט זי, ערשטנס, וואָלט מען די פּיעסע נישט געקויפט. צווייטנס, איז איר ראָל, אַ טראַגי־קאָמישע אין דער פּיעסע, ווי געבוירן פאַר איר. יעדעס וואָרט פון איר ראָל, וואָס זי רעדט אַרויס מיט אַ נאַאיווער מינע ביי די פּראָבן, רופט אַרויס געלעכטער. און אין אַנדערע סצענעס איז זי אַזוי

רירנד אין איר טראַגישער אומבאַהאָלפנקייט, אַז די אַקטיאָרן סאָפּען מיט די נעזער און ווישן זיך די אויגן.

שטראַלט דאָס גליק אַרויס פון אירע בלויע אויגן און פון איר חנעוודיקן שמייכל און זי דערציילט כמעט ביי יעדער פּראָבע די אייגענע מעשה:

— ווי נאָר איך האָב געהערט די פּיעסע לייענען, אַזוי האָב איך אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר און געזאָגט: „דאָס איז מיין פּיעסע; נאָר איך קאָן אָט די ראָלע שפּילן!"

וואַרפט דערביי אַ בלויען, וואַרעמען בליק אויף מיר און לייגט נאָך צו:

— וואו נעמט ער אַזוי פיל פייער, אָט דאָס באַיטשיקל?...

מיטן „דאָס באַיטשיקל" האָט זי טאַקע געמיינט מיך, נישט, חלילה, קיין אַנדערן!

און דער קאָמיקער פון אָט דער טרופּע, קליין-געוויקסיק און מאָגער, און פלינק, און אימפּעטיק, ממש קוועקזילבער, נישט קוקנדיק אויף זיין זעכציקיאָריקן עלטער, — ער איז גאָר הוילע התלהבות סיי פון דער פּיעסע און סיי פון מיר. ער גוואַלדעוועט:

— אַזאַ קאָמעדיע איז נאָך אויף דער יידישער בינע נישט געווען. זי וועט מאַכן דעם ריכטיקן טומל. אַ ריכטיקע באָמבע. יעדע מינוט אַ קאַנאָנענגעלעכטער. מען וועט נישט דאַרפן קיצלען דעם עולם די פּיאַטעס, אַז ער זאָל לאַכן. לעבן, „כאַראַקטערע", פּראָזע. וועט לויפן ביז פּסח, איך בין זיכער אין דעם!

און מיט נאָך גרעסערער התפּעלות זיך אַ קער געטאָן צו מיר און גערעדט ווייטער:

— איך האָב אָבער אַלעמאָל געזאָגט, אַז דער איינציקער פּראָפעסאָר, וואָס קאָן דערלאַנגען די באָמבע, זייט איר, איר ווייסט, — בייגט ער זיך צו צו מיר פאַרסודעט, — איך האָב אַלעמאָל זיך אַרומגעקריגט פאַר אייך מיט די פּורצעס. אָט די קאָמעדיע וועט אייך מאַכן אומשטערבלעך. פּייפט אויף דער גאַנצער וועלט. נעמט אַ סיגאַר!...

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטע ראָל אין דער פּיעסע.

און דער מענערשער סטאַר פון דער טרופּע, אַן אַקטיאָר מיט אַ ראָמאַנטישן שוואַרצן לאָקנדל אויפן שטערן און מיט אַ ראָמאַנטישן גלאַנץ אין זיינע שוואַרצע אויגן, כמעט אַ מאַטינע-געטשקע, וואָס מחמת דערפאַר רעדט ער אין אַ לירישן טאָן, וויינענדיק-וויבעריש אַ ביסל, — ער גלאָצט אויך צו מיר ראָמאַנטיש מיט זיינע אויגן, אַזוי ווי איך וואָלט געווען זיין געליבטע העלדין אויף דער בינע, און מאַכט מיט אַ ראָמאַנטישן זיפץ:

— יאָ, יאָ, קאַ-לאַ-סאַ-אַל!...

און נאָך יעדער פּראָבע שלעפּט ער מיך מיט גוואַלד אַוועק, צו עסן מיט אים דינער אין אַ רעסטאָראַן און לאָזט מיך נישט באַצאָלן, וואָס דאָס איז דער באַווייז, ווי שטאַרק ער האַלט פון זיין ראָל אין מיין פּיעסע, ווי זיכער ער איז אין זיין דערפאָלג און ווי חשוב איך בין אין זיינע אויגן אַלס פּאַר־פּאַסער, ווייל געוויינלעך איז ער זייער אַ קאַרגער און איז געוואוינט, אַז אַ פּאַרפאַסער זאָל צאָלן פאַר זיינע דינערס. און ביי יעדן דינער לייגט ער מיר אַן פולע קעשענעס מיט קאָמפּלימענטן אין זיין ליריש־וויינענדיק־ווייבערשן טאָן, גלאָצנדיק ראָמאַנטיש מיט זיינע אויגן, און פאַרענדיקט שטענדיק מיט איינעם און דעם זעלביקן פּזמון:

— איר זייט דער איינציקער דראַמאַטורג, וואָס קאָן אָנשרייבן פאַר מיר אַ גרויסע ראָל. און איך בין דער איינציקער אַקטיאָר, פאַר וועמען אַזאַ גרויסער פּאַרפאַסער דאַרף שרייבן פּיעסעס...

אַזוי אויך די איבעריקע, די קלענערע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס זיי מאַכן פּראָבע אין מיין נייער פּיעסע.

ב

טאַקע, אמת, ס׳רוב פון זיי, וואָס זיי האָבן קלענערע ראָלן אין מיין פּיעסע, טראָגן אַ ברוגז אויף מיר אינעם האַרצן, ווייל אַזוי איז שוין די טבע פונעם אַקטיאָר: שטענדיק איז אים זיין ראָל צו־קליין, ווען אַן אַנדערער האָט אַ גרעסערע ראָל אין אַ פּיעסע, און תמיד מאַכט ער שולדיק פאַר דעם דעם פּאַרפאַסער, וועלכער האָט ווי אומיסטנע אָנגעשריבן פאַר אים די קליינע ראָל, און פאַר דעם אַנדערן — די גרויסע... אָבער זייער ברוגז ווייזן זיי ניט אַרויס פאַר מיר. יעדער פון זיי רעכנט ביי זיך, אַז אים לוינט זיך ניט איינצורייסן מיט מיר, וואָרים די פּיעסע מיינע וועט דאָך זיכער האָבן אַ דערפאָלג. וועט מען נאָכדעם מסתמא אויפפירן מיינע אַ צווייטע פּיעסע, איז בעסער צו לעבן מיט מיר אין פריינטשאַפט.

ווייזן אַרויס דווקא אָט די, וואָס אינעם האַרצן טראָגן זיי אַ ברוגז אויף מיר, נאָך אַ גרעסערע באַגייסטערונג פאַר מיין פּיעסע, איידער די איבעריקע, וואָס זיי זיינען צופרידן מיט די ראָלן.

איינער פון זיי טראָגט מיר שטענדיק צו אַן אָנגעצונדן שוועבעלע, ווי נאָר איך נעם אַרויס אַ פּאַפּיראָס פון מיין פּושקע. און אַזוי ווי איך רויכער נאָכ־אַנאַנד, רייבט אָט־דער אַקטיאָר נאָכאַנאַנד די שוועבעלעך.

אַ זייטיקער מענטש וואָלט זיכער געמיינט, אַז אָט־דער שוועבעלעך־רייבער איז לכתחילה אָנגעשטעלט געוואָרן דאָרט אונטערצוטראָגן פייער פאַר מיינע פּאַפּיראָסן...

און אַן אַנדער אַקטיאָר, אַ יונגערמאַן, וואָס שניידט זיך אויף אַ שפּעטערדיקן „סטאַר״, מחמת בעת׳ער שפּילט אויף דער בינע וואַרפט ער „אויגעלעך״ צו די ווייבער און, ווי מען זאָגט, מיט גרויס דערפאָלג, ער רוימט מיר איין אַ סוד וועגן אַ ווייבל אַ „ביוטי״, וואָס וויל זיך באַקענען מיט מיר...

און פון די אַקטריסעס הער איך פון איינער:

— ער זעט אויס ווי ווילסאָן, לעבן זאָל איך אַזוי!

פון אַ צווייטער:

— ניין, גיכער ווי זאַנגוויל. מיר געפעלט זאַנגוויל זייער!

און פון אַ דריטער, וואָס זי דווקא טראָגט אין האַרצן אַ ברוגז אויף מיר, מחמת איר ראָל אין מיין פּיעסע איז די קלענסטע:

— אַי, גייט שוין, גייט! ווי קומען יענע צו אים? יענע זיינען אַלטע, אָפּגעלעבטע און ער האָט פייער מער פון צוואַנציק יונגעלייט!

די אונטערשטע שורה: ווען איך טו דעמאָלט אַ קאַפּעטשקע אַ שטאַרב, וואָלט געשטאָרבן אַ גדול מיט אַלע מעלות, לכל הפחות ביי יענע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס האָבן זיך געגרייט אויפצוטרעטן אין יענער פּיעסע מיינער...

דער מענעדזשער, מיטן לבנה־פּנים, באַווייזט זיך אַמאָל ביי די פּראָבן, שטייט אַ ווײַלע מיט די קורצע, פעטע הענט פאַרלייגט אַהינטער און הערט זיך און קוקט זיך צו צו די אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

דערהערט אַ געלעכטער, הייבט ער אָן צו קראַצן די רעכטע באַק, וואָס צעשמעלצט זיך אין דעם באַזונדערן לבנה־שמייכל, און ער קוקט פון איין אַקטיאָר אויפן צווייטן, פון איין אַקטריסע אויף דער אַנדערער — זיי לאַכן טאַקע אַלע, און ביי יעדער פּראָבע לאַכן זיי, איז דאָך דאָס באמת אַ באָמבע!... טוט ער אויך אַ לאַך, אַט אַזוי ווי אַ הייזעריקע קאַץ וואָלט אַ כריפּע געטאָן און דערנאָך גייט ער צו מיר צו מיט דער קורצער, פעטער האַנט אויף דער רעכטער באַק און מאַכט צו מיר:

— איז וואָס, טאַקע אַ באָמבעטשקע? ניט גענומען ביי מיר אומזיסט די טויזנט דאָלער.

— אָדער ער זאָגט מיר:

— שרייבט אָן עפּעס נאָך אַ פּיעסעלע. אפשר אויף פסח וועט מען דאַרפן...

מישט זיך דאָן אַריין דער סטאַר סטאַר אין זיין ליריש־ווײַנענדיק־ווייבערשן טאָן:

— וועט לויפן איבער פסח.

און די בלאָנדע סטאַריכע:

— מען וועט ענדיקן מיט איר דעם סעזאָן. נו, ווער איז אַ מבין אויף

פּיעסן? שיר ניט איינגעלאָזן די פּיעסע צוליב די טויזנט דאָלער! — טוט זי אַ לאַך פון דעם מענעדזשער.

און די אַנדערע כאַפּן אונטער:

— זיכער וועט מען ענדיקן מיט איר דעם סעזאָן, זיכער!

דער מענעדזשער קראַצט זיך די רעכטע באַק און שמייכלט:

— נו, נו, מיר וועלן איבערציילן, — מאַכט ער, און אַזוי, מיטן לבנה־שמייכל און מיט דער האַנט אויף דער רעכטער באַק, ווערט ער ניט מיטאַמאַל.

און אין אַ ווײַלע שפּעטער באַווײַזט זיך דער קאַסירער מיטן שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ, שטייט אַ ווײַלע און הערט זיך צו צו דער פּראָבע מיט אַן התפּעלותדיקן שמייכל. מיטאַמאָל הייבט ער אָן ווי אַ ווילדער צו אַפּלאָדירן, גוואַלדעוועט אַרויס:

„דאַבל, דאַבל, דאַבל דזשי!" — און לויפט אַוועק אַ באַגײַסטערטער.

אויך אויף דער טעאַטער־עווענױ רעדט מען וועגן מײַן „באַמבע", און אין דעם קאַפע־הויז, וואו עס קומען זיך צונויף די טעאַטער־מענטשן. און טרעפט מיך אין גאַס אַ טעאַטער־מענטש, צי אַן אַקטיאָר פון אַן אַנדער טעאַטער, צי אַ מענעדזשער, צי גאָר אַ טיר־שטייער פון אַן אַנדער טעאַטער — באַגריסט ער מיך מיט אַ באַזונדערן קאַווירנדיקן שמייכל, מיט אַ שמייכל, וואָס חנפעט...

און קום איך אַרײַן אין קאַפע־הויז און זעץ זיך אַוועק ביי אַ טישל, איז שוין באַלד אַרום מיר דער און יענער מענעדזשער, דער און יענער אַקטיאָר, די און יענע אַקטריסע — געווײַנלעך פון די סטאַרס — און מ'פרעגט ביי מיר, צי איך שרייב ניט עפּעס אַ נײַע פּיעסע, און וואָס איך מאַך אין געזונט און וואָס מײַן ווײַב מאַכט און וואָס מײַנע קינדער מאַכן...

און נאָך מער פיל איך מײַן קומענדיקן „סוקסעס" אין דעם אופן ווי אַזוי מײַנע קאָלעגן פּיעסן־שרײַבער פאַרהאַלטן זיך איצט צו מיר: כמעט אַלע קערן אָפּ ברוגז דעם קאָפּ פון מיר...

ג

דאַרף טרעפן מיטאַמאָל אַזאַ מעשה: די קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך געגרייט אַרויסצוטרעטן מיט מײַן „באַמבע", האָט געזאָלט שפּילן אַ פאָרשטעלונג אין האַרטפאָרד.

מיטוואָך האָט די דאָזיקע פאָרשטעלונג געזאָלט געשפּילט ווערן אין האַרטפאָרד און פרײַטיק, אין דער אייגענער וואָך, האָט געזאָלט פאָרקומען די פּרעמיערע פון מײַן „באַמבע" אין ניו־יאָרק.

פאַלט אײַן דאַן דער בלאָנדער סטאַריכע, וואָס זי איז הונדערט פּראָצענט

זיכער, אַז זי וועט די וועלט איינגעמען מיט איר ראָל אין מיין פּיעסע, אַז מען זאָל מיטוואָך שפּילן אין האַרטפאָרד מיין נייע פּיעסע אַנשטאָט אַן אַלטער, וואָס זיי האָבן געזאָלט שפּילן. די פּיעסע, טענהט זי, וועט אַ סך געווינען. פּריטיק, ווען מען וועט זי שפּילן אין ניו־יאָרק, וועלן די אַקטיאָרן זיך פילן זיכערער אין זייערע ראָלן.

די אַנדערע אַקטיאָרן געפעלט אויך אָט־דער פּלאַן און דעם מענעדזשער אַליין אויך.

זיצן מיר אַלע יענעם מיטוואָך נאָכמיטאָג אין אַ וואַגאָן און פאָרן קיין האַרטפאָרט — דער מענעדזשער מיטן קאַסירער אויך מיט אונדז.

אַלע זיינען אין אַ געהויבענער שטימונג, פאָרן ווי צו אַ פריילעכער חתונה. יעדער פון זיי פילט, אַז דער „סוקסעס" פאָרט מיט זיי. יעדער פון זיי שפּירט ממש זיין אָטעם.

און מער פון אַלעמען פיל איך דאָס אַליין. כ'בין דער הויפּט־מחותן פון אָט־דער פריילעכער חתונה. איך בין אַליין דער „סוקסעס". לכל הפּחות, אַזוי לאָזן זיי מיך פילן.

דער קליין־געוויקסיקער קאָמיקער, באַוועגלעך און אימפּעטיק אַזוי ווי אַ וועווערקע, שפּרינגט אויף יעדע ווײַלע פון זיין זיץ און לויפט צו צו מיר און זאָגט עפּעס אַ וויץ פון מיינער אַן אַלטער פּיעסע, צי גאָר פון מיין נייער „באָמבע", אַניט הייבט ער אָן צו דערציילן ווי ער איז מיר געפעלן געוואָרן אין אַ געוויסער ראָל פון מיינער אַ פּיעסע. און כסדר רופט ער מיך רויכערן. ער האָט גוטע ציגאַרן — זאָגט ער.

לעבן מיר זיצט די בלאָנדע סטאַריכע, איז זי איצט אינגאַנצן פריידי און חן, און אירע אויגן רויכערן זיך ממש מיט בלויער וואַרעמקייט, בשעת זי קוקט אויף מיר.

דערווייל באַמערקט זי, אַז איך זיץ לעבן אַן אָפענעם פענצטער, טוט זי זיך אַ כאַפּ:

— מאַכט צו דאָס פענצטער, איר וועט זיך נאָך פאַרקילן!

און דער סטאַר מיטן לאָקנדל הייבט זיך אויף און לאָזט אַרונטער דאָס פענצטער און פאַראיינוועגס פאַרריכט ער מיר שוין דעם האַלדזטוך אויך.

— איר זעט, — מאַכט דאַן צו מיר דער מענעדזשער און טוט זיך אַ קראַץ די רעכטע באַק — אַז מען איז אַ גוטער פּראָפעסער, איז אַלראַיט!...

דער סטאַר מיט לאָקנדל פרעגט דערנאָך ביי מיר, צי איך וויל שפּילן מיט אים אַן איין־און־צוואַנציק. ברענגט דאַן דער פּאָרטער אַ קליין טישל, שטעלט עס אַוועק צווישן דעם סטאַר און מיר, און מיר הייבן אָן צו שפּילן.

דער מענעדזשער און די בלאָנדע קוקן זיך צו.

געווין איך, קראַצט דער מענעדזשער די רעכטע באַק און שמייכלט מיט זיין לבנה־שמייכל; פאַרליר איך, אַרבעט זיין האַנט אויף דער לינקער באַק און ער כמורעט זיך.

קענטיק, אַז ער, דער מענעדזשער, האָט ביי זיך אין קאָפּ געמאַכט סימנים: אויב איך געווין, וועט מיין נייע פּיעסע מאַכן „סוקסעס״, און, חלילה, אויב איך פאַרליר, איז... אַ קלאָג צו זיין לינקער באַק!...

און מיטאַמאָל — איין קאָן נאָכן אַנדערן — איך פאַרליר! דער מענעדזשער איז נערוועז, קראַצט זיך די לינקע באַק און שרייט:

— נענוג, גענוג, וואָס דאַרפט איר שפּילן? איר קענט ניט, איר קענט ניט, איר זייט אַ קאַליקע. פּע, שפּילט ניט!

די בלאָנדע פאַרשטייט פאַרוואָס דער מענעדזשער וויל ניט, אַז איך זאָל איצט פאַרשפּילן, ווערט זי אויך אַנגעשטעקט פון אים און מיט אַן אומרואיקער מינע טוט זי אַ כאַפּ די קאָרטן פון טישל און זאָגט:

— שפּילט ניט. עס איז ניט מזלדיק.

און זי באַהאַלט די קאָרטן אונטער זיך.

— וואַרף זיי אַרויס דורכן פענצטער, — שרייט דאָן צו איר דער מענעדזשער — וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף זיי? שלימזלדיקע קאָרטן!

און זי פאָלגט אים טאַקע — זי עפנט דאָס פענצטער און דאָס פּעקל „שלימזלדיקע״ קאָרטן ווערן אַרויסגעשמיסן...

פאַרנאַכט קומען מיר אָן קיין האַרטפאָרד — ווידער אַ שלימזלדיקער סימן! בעת אונדזער אויטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ גרויסן האָטעל, וואו מיר דאַרפן איבערנעכטיקן, און ווען מיר לאָזן זיך גיין אויף די ווייסע מאַרמאָר־טרעפּ צום האָטעל־אַריינגאַנג, גייט אונדז אָן אַנטקעגן — ווער מיינט איר? אַ קעצעלע, אַ קליינס, אַ שוואַרצס און אַ גלאַנציקס, און עס מיאַוקעט אַזוי רחמנותדיק.

דער מענעדזשער טוט זיך אַ צאַפּל און כאַפּט זיך אָן פאַר דער לינקער באַק און די בלאָנדע טוט אַ צאַפּל מיט אַן „אוי״ און כאַפּט זיך אָן פאַר מיין אָרעם; אַפילו דער סטאָר מיטן לאָקנדל בלייבט שטיין מיט זיין ראָמאַנטישן גלאָץ צעטומלט אויף דעם קליינעם שוואַרצן קעצעלע.

בלויז דער קאָמיקער אַליין פאַרלירט ניט זיין געהויבענע שטימונג. ער לאָזט אַרויס אַ מיאַו, ווי אַ קאַץ, און פרעגט דאָס קעצעלע, צי עס זוכט די מאַמען, אָדער דעם טאַטן.

איך רוף זיך אָן צו דער בלאָנדער און צום מענעדזשער:

— אַ קליין קעצעלע, וואָס האָט איר זיך דערשראָקן?

— אַ שוואַרץ קעצעלע. פּע! — מורמלט נערוועז דער מענעדזשער.

און מיין בלאָנדע זיפּצט און ווערט אַזוי ערנסט.

און שפּעטער, ווען מיר זיצן אַלע אינעם עס־צימער פונעם האָטעל, איז די שטימונג נאָך שווערער: די בלאָנדע און דער מענעדזשער רירן זיך קוים צו צום עסן. קענטיק, אַז דאָס שוואַרץ קעצעלע טראָגט זיך נאָך פאַר זייערע אויגן. און טאָמער וואָלטן זיי עס פאַרגעסן, לאָזט דער קאָמיקער אַרויס פון צייט צו צייט אַ מיאַו, און דער מענעדזשער בעט זיך ביי אים: „גזלן, הער אויף! הער אויף, גזלן! דו פרייסט זיך, טאָמער, חלילה, וועט זיין אַ דורכפאַל? עס וועט דאָך ניט זיין מיט וואָס דיר צו צאָלן ווידזשעס, גזלן!"

— דו וועסט צאָלן. מיר האָבן אַ יוניאָן, — ענטפערט אים קאָמיש דער קאָמיקער.

נאָר ווען די בלאָנדע הייבט אָן אים דערנאָך צו בעטן, אַז ער זאָל זיך איצט ניט וויצלען, מאַכט ער:

— ביי מיר איז אַ שיין קעצעלע אַ סימן פון אַ שיינעם סוקסעס, און — מיאַו — שאַ!

און מיטאַמאָל קומט אָן אַ ידיעה פונעם טעאַטער, אַז דאָס גאַנצע הויז איז „אויספאַרקויפט", מען פאַרקויפט בילעטן אויף צו שטיין...

— נו? — שרייט דער קאָמיקער — ווער איז גערעכט, האַ? וואָס פאַר אַ סימן איז אַ קליין שוואַרץ קעצעלע, האַ?

און דער מענעדזשער קראַצט זיך שוין ווידער די רעכטע באַק און שמייכלט, און דער קאַסירער שרייט אויס זיין „דאַבל דזשוי", און די בלאָנדע שמייכלט, און דער סטאַר מיטן לאָקנדל — די גאַנצע שטימונג איז ווידער אַ יום־טובדיקע און אַ געהויבענע.

און אין אַט־דער שטימונג פאָרן מיר דערנאָך אַלע אַוועק אין טעאַטער.

ד

שפּעטער, ביז דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרבראַכט ביי די אַקטיאָרן אין די גאַרדעראָב־צימערן, צוגעקוקט זיך צום גרים פון יעדן און יעדער פון זיי, געמאַכט אַ באַמערקונג דעם און דעם אַקטיאָר, דער און דער אַקטריסע, און געוואונטשן זיי גליק.

און זיי אַלע זעען אויס איצט ערנסט, פאַרטאָן אין זיך, ווי געוויינלעך ביי אַ ערשטער פאָרשטעלונג פון אַ נייער פּיעסע.

אפילו דער פריילעכער לץ, דער קאָמיקער, גרימירט און אָנגעטאָן אַזוי ווי אַן אַמעריקאַנישער קצב אין זיין יאַטקע, אין אַ ווייס רעקל, מיט אַ ווייסן שירץ, — ער זעט אויס אויך פייערלעך־ערנסט.

דער פאָרהאַנג דאַרף זיך אויפהייבן באַלד. איך גיי אַריין אין טעאַטער — אַ גרויסער עולם, איבערגעפּאַקט!

אַ לאָזשע האָט מען איבערגעלאָזט פאַר מיר און פאַר דעם מענעדזשער און פאַר דעם קאַסירער. זיצן מיר דאָרט אַלע זאַלבעדריט.

דער מענעדזשער איז שטאַרק נערוועז, קראַצט ער זיך ביידע באַקן, אי די רעכטע, אי די לינקע.

דער קאַסירער זיינער מונטערט אים.

— עס וועט זיין „דאַבל דזשי" — הער איך, ווי ער זאָגט אים.

דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. דער עולם אַפּלאָדירט די ניו־יאָרקער אַקטיאָרן. דער מענעדזשער לעבן מיר ווערט דאַן מונטערער, טוט אפילו אַ שמייכל.

דאָס שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן. דערווייל זיינען אויף דער בינע נישט די וויכטיקע אַקטיאָרן, וואָס זיי קניפּן די שפּעטערדיקע האַנדלונג, ווייזט ניט אַרויס דער עולם קיין התפּעלות, קוקט נאָר אויף דער בינע, הערט זיך צו צו די אַקטיאָרן, און שאַ.

אָבער אָט באַווייזט זיך אויף דער בינע זי אַליין, די בלאָנדע סטאַריכע, וואָס איז זייער באַליבט ביים עולם פאַר איר קאָמיזם און פאַר איר טאַנצן און פאַר אירע לידלעך.

דער עולם אַפּלאָדירט, ווען ער דערזעט זי.

מיין מענעדזשער טוט זיך אַ רוק אויף זיין שטול און מאַכט צו מיר, קראַצנדיק זיין רעכטע באַק:

— אָט זי וועט שוין באַלד זיי אַ נעם טאָן ביי די קישקעלעך. אַז מען האָט אַזויפיל געלאַכט ביי די פּראָבן, דאַרף דאָך ביים פּובליקום צעפּלאַצט ווערן די קישקעס, ניין?

— איט וויל בי דאַבל דזשי! — וואַרפט אַריין דער קאַסירער.

אָבער אין אַ ווײלע אַרום — אַי, ווײ געשריען! — די בלאָנדע אויף דער בינע שפּילט מיט אַלע קאַלירן פון איר טאַלאַנט, שפּרודלט ממש מיטן גע־זונטסטן הומאָר, און דער עולם זאָל כאָטש אַ שמייכל טאָן!

צוערשט פּרוּווט דער מענעדזשער אַליין לאַכן הויך אויף זיין הייזעריקן קול, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן דערמאָנען דעם עולם אין טעאַטער, אַז דאָס שפּילט מען אַ קאָמעדיע און ער דאַרף לאַכן; פּרוּווט ער הויך אַ לאַך טאָן איינמאָל און נאָכאַמאָל, און צום סוף, ווען דער עולם שווייגט אַלץ, קלינגט אָפּ זיין לאַך אַזוי ווי אַ הייזעריקער קרעכץ, כאַפּט זיך אָן פאַר דער לינקער באַק און מורמלט:

— אַי, ווײ איז מיר, וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

טוט זיך אַ קער צו מיר מיט צעפּלאָמטע באַקן און קרעכצט:

— האַ, וואָס זאָגט איר? פאַרוואָס לאַכט מען ניט, האַ? פאַרוואָס לאַכט מען ניט?

דער קאָמיקער קומט דערנאָך אַרויף אויף דער בינע — די אייגענע מעשה: דער עולם נעמט אים אויף מיט אַפּלאָדיסמענטן, אָבער דערנאָך, ווען ער שפּילט, און אויך מיט אַ סך קאָמיזם, לאַכט ניט דער עולם.

און אַזוי אויך, ווען דער סטאַר מיטן לאָקנדל אויפן שטערן באַווייזט זיך אויף דער בינע.

זיי שפּילן אַלע גוט, מיט ברען, אָבער אַזוי ווי אויף אַ בית־עולם פאַר טויטע...

מיין מענעדזשער זיצט שוין אינגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט אויף זיין שטול מיט די איינגעהויקערטע אַקסלען, און די קורצע, פעסטע האַנט אַרבעט איבער זיין לינקער באַק.

און זיין קאַסירער אויך רעדט שוין אויף יידיש.

— אַי ווײ, אַי ווײ, — הער איך ווי ער רעדט — אַ פּלאָג האָבן מיר איינגעהאַנדלט, אַ לעמאָן. מען לאַכט ניט. פון וואָס זאָל מען דאָ לאַכן?

און מיטאַמאָל טוט זיך אַ קער צו מיר דער מענעדזשער און כריפּעט אַרויס:

— איר האָט מיך געקוילעט, גזלן! זיי האָבן אין דר'ערד אייערע חכמות! חכמות, חכמות, האָסטו געזען, אַז מען לאַכט ניט, חכמות! איר האָט ביי מיר אויסגענאַרט טויזנט דאָלער. איר זייט אַ שווינדלער, אַ ליטוואַק זייט איר! אַי ווײ איז מיר, וואָס זאָל איך איצט טאָן? קיין נייע פּיעסע האָב איך ניט. ברענגען דעם לעמאָן קיין ניו־יאָרק. ער האָט מיך געקוילעט, געקוילעט, דער ליטוואַק!...

איך שווייג. וואָס זאָל איך אים ענטפערן? איך אַליין בין אויך צעטומלט, פאַרשטיי ניט פאַרוואָס דער עולם נעמט אויף אַזוי קאַלט אָט־די פּיעסע, וואָס זי ווערט אַזוי אויסגעצייכנט געשפּילט פון כמעט אַלע אַקטיאָרן.

דער פאָרהאַנג נאָכן ערשטן אַקט פאַלט. דער עולם אַפּלאָדירט זייער קאַלט.

דער מענעדזשער מיטן קאַסירער לויפן פון דער לאָזשע. ביידע נישט אומקוקנדיק זיך אפילו אויף מיר.

איך בלייב דאָרט זיצן אַליין. איך פאַרשטייט דאָך, ווי וואויל מיר איז דעמאָלט אויפן האַרצן. וויל איך אין אַזאַ שטימונג זיך ניט ווייזן פאַר די אַקטיאָרן, וועלכע, ווי איך פאַרשטיי, זיינען ניט אין אַ בעסערער שטימונג.

קומט אַריין צו מיר אין לאָזשע אַ באַקאַנטער ייִד, וואָס איך האָב אים אַ פּאָר מאָל געטראָפן פריער אין ניו־יאָרק, און ער דערקלערט מיר:

— דער עולם איז אומצופרידן. איז געקומען זען די אָפּערעטע, וואָס איז די גאַנצע צייט רעקלאַמירט געוואָרן: געקומען זען טענץ און הערן לידלעך,

און מיטאַמאָל דערלאַנגט מען אים אַ פּיעסע אַן געזאַנג, און אַן טענץ...

אַז איך דערהער דאָס, ווערט מיר גרינגער אויפן האַרצן. דאָן, הייסט עס, איז דאָ אַ האָפענונג, אַז דער עולם אין ניו־יאָרק, וואָס ער וועט לכתחילה קומען זען מיין פּיעסע, וועט ניט אַנטוישט ווערן...

צום צווייטן אַקט קומען אַריין אין לאָזשע ווידער דער מענעדזשער און זיין קאַסירער און זעצן זיך אויף זייערע פּלעצער.

דער מענעדזשער מאַכט צו מיר:

— מען וועט מוזן אַריינגעבן לידלעך און טענץ אין אייער לעמאַן, אפשר וועט דאָס ראַטעווען.

זאָג איך:

— דאָס ניט. אָן לידלעך און אָן טענץ. אַזוי איז בפירוש אין מיין קאָנטראַקט מיט אייך.

צעכריפּעט ער זיך:

— וואָס מיר קאָנטראַקט, שמאָנטראַקט! איך האָב אין דר'ערד אייער "ליטעראַטאַציע". גיט מיר צוריק מיינע טויזנט דאָלער און נעמט זיך צוריק אייער לעמאַן!

מישט זיך אַריין דער קאַסירער און מאַכט צו מיר:

— אָן לידלעך און אָן טענץ איז דאָס אַ פּלאָג, אַ לעמאַן. איר וועט הערן וואָס די אַקטיאָרן זאָגן.

דעם צווייטן אַקט האָט דער עולם אויפגענומען מער גלייכגילטיק. און די אַקטיאָרן האָבן אין דעם צווייטן אַקט געשפּילט ערגער אויך, מחמת זיי האָבן פאַרלוירן דעם מוט.

און גאָר שלעכט האָבן זיי דורכגעפירט דעם דריטן און דעם לעצטן אַקט.

נאָך דעם לעצטן אַקט טוט זיך אַ הייב דער מענעדזשער און טוט אַ פּאַטש מיט די הענט:

— געקוילעט, געקוילעט, געקוילעט — קרעכצט ער, און טוט זיך אַ קער צו מיר: — וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? קיין לידלעך ווילן אויך ניט העלפן, קיין טענץ אויך ניט. ווארים צו לידלעך און טענץ דאַרף מען דאָך האָבן אַ פּיעסעלע, און דאָס איז אפילו קיין לעמאַן ניט. ווארים אַ לעמאַן איז דאָך אויך עפּעס ווערט, און וואָס איז דאָס ווערט? ליטעראַטאַציע, אַ שפּיי! טפוי!

און ער אַנטלויפט מיט זיין קאַסירער.

הקיצור: איך קום דערנאָך צוריק אין האָטעל אַליין. אויפן האַרצן איז מיר גאָר פאַסקודנע. איך טרעף זיי דאָרט אַלעמען, אַלע אַקטיאָרן און אַקטרי־

סעס מיטן מענעדזשער און מיטן קאַסירער, זיי זיצן אַלע אין פּאָיע פון האָטעל אין איין גרופּע, אַלע אַזוי ווי אַרום אַ בן־מינן...

מיך באַמערקן זיי גאָר ניט, דערקענען מיך גאָר ניט.

איך זעץ זיך אַוועק אַליין, פונדערווייטנס פון זיי, זיץ ווי אויף הייסע קוילן. וואָלט ניט געווען איינס ביינאַכט, וואָלט איך געכאַפּט דעם ערשטן, בעסטן צוג און אַנטלאָפן אַליין קיין ניו־יאָרק. וואָלט איך געווען באַקאַנט מיט דער שטאָט, וואָלט איך אַנטלאָפן אין אַן אַנדער האָטעל.

דערהער איך מיטאַמאָל דעם קול פון דער סטאַריכע:

— אוי וויי, דאָס שוואַרץ קעצעלע!

און תיכף דערנאָך דעם קול פון דעם קאָמיקער:

— וואָס איז שולדיק דאָס שוואַרץ קעצעלע אין אַט־דער פּלאָג? שולדיק איז דער פּאַרפאַסער, וואָס שרייבט מיט די קני!...

און דאַן — פון אַלע זייטן האָט מען מיך גענומען פּאַלמעסן. און מיט אַ גאַנץ באַזונדערן פאַרגעניגן האָבן מיך איצט „געפּאַלמעסט" יענע פון די אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן פון פריער אַ ברוגז אויף מיר אינעם האַרצן, מחמת די ראָלן אין מיין פּיעסע האָבן זיך זיי אויסגעוויזן צו־קליין.

מען פּאַלמעסט מיין „פּראָזע", מען מאַכט צונישט מיין הומאָר און מען מאַכט אַ תל פון מיין פייער...

און דער אַקטיאָר, וואָס האָט געריבן די שוועבעלעך פאַר מיינע פּאַפּיראָסן ביי די פּראָבן, דערקלערט פּלוצים:

— די גאַנצע צייט האָב איך געזען, אַז די פּיעסע איז אַ פּגר, נאָר גאָר־נישט, אַז אַלע שרייען „גוואַלד", האָב איך ניט געוואָלט זיך אַרויסשטעלן פאַר דעם „חכם".

און די אַקטריסע, די אייגענע, וואָס האָט ביי די פּראָבן געזאָגט, אַז איך האָב מער פייער פון צוואַנציק יונגע לייט, האָט זיך אויך גענומען שווערן, אַז זי האָט אויך די גאַנצע צייט געוואוסט, אַז דער עולם וועט גענעצן ביי דער פּיעסע. וואָרים, אַחוץ „ליטעראַציע", וואָס איז דאָרט? נישט קיין הומאָר, נישט קיין שיינע פּראָזע און נישט קיין פייער!...

עס שווייגט נאָר דער סטאַר סטאַר מיטן לאָקנדל אויפן שטערן. ער זיצט אַן אָנגעבלאָזענער, מיט אַ מינע פון אַן אָפּגעשמיסענעם, און שווייגט. און עס שווייגט אויך די בלאָנדע, וועלכע זיצט מיט אַ פאַרצווייפלטער מינע און שאָקלט דעם קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט געזעסן איבער אַ מת, וועלכער איז איר נאָענט געווען.

דער מענעדזשער רעדט. אָבער קיינער פאַרשטייט ניט קלאָר, וואָס ער

רעדט. רעדט שנעל, שנעל צו זיך אַליין און קראַצט זיך די פּאַרקרימטע און פּאַריאָמערטע באַק. מען הערט נאָר: געקוילעט, טויזנט דאָלער, ליטעראַ־טאַציע, דער ליטוואַק, אַ לעמאַן, אַ פּלאַג!...

אַ דאַנק גאָט, צום סוף אַריינגעכאַפּט זיך אין מיין צימער פונעם האָטעל...

אויף מאָרגן קום איך אַריין צום פרישטיק אין עס־צימער פונעם האָטעל.

זיי אַלע, דאָס הייסט, די גאַנצע קאָמפּאַניע פון מיינע אַקטיאָרן און אַקטרי־סעס, אינאיינעם מיטן מענעדזשער און מיטן „דאַבלי דזשי" קאַסירער, זיצן שוין דאָרט אַרום די טישלעך.

איך זאָג „גוט־מאָרגן", קיינער, אַחוץ דער בלאָנדער, ענטפערט מיר ניט, קוקן זיך ניט אום אפילו אין מיין זייט. און אפילו די בלאָנדע אַליין ענטפערט מיר אין אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט מיר געזאָגט: „גוט־מאָרגן, גזלן, רוצח, וואָס האָט איר צו מיין לעבן געהאַט?..."

זיץ איך מיר אין וואַגאָן גאַנץ באַזונדער פון זיי אַלעמען און טראַכט מיר די טיפע טראַכטענישן וועגן דעם הבל הבלים פון רום און גרויסקייט, און איך דערמאָן זיך אָן דעם באַוואוסטן לאַטיינישן פּסוק, וואָס נישט איין געפאַלענער גדול האָט זיך מסתמא אָן אים דערמאָנט, בעת ער האָט זיך אַרונטערגעקוליעט פון די הויכע הימלען און זיך אָנגעשלאָגן מיט זיין נאָז אָן דער האַרטער ערד: „סיק טראַנזיט גלאָריאַ מונדי" — דאָס הייסט, אַזוי גייט אונטער דער רום פון דער וועלט!...

ערשט, ווען מיר קומען אָן קיין ניו־יאָרק און מיר דאַרפן זיך צעשיידן, ווענדט זיך צו מיר די בלאָנדע, די איינציקע פון דער גאַנצער קאָמפּאַניע, וואָס איז צוגעגאַנגען איצט צו מיר.

זי ווענדט זיך צו מיר מיט טרערן אין אויגן:

— זעט, טוט עפּעס. אפשר קאָן מען נאָך ראַטעווען די פּיעסע. איך האָב אַזויפיל געזונט אַריינגעלייגט אין מיין ראָל, און ער וועט מיר דאָס בלוט אויס־צאַפּן, פאַרוואָס איך האָב אים צוגערעדט, אַז ער זאָל אייך באַצאָלן טויזנט דאָלער.

איך דערקלער איר, אַז מ'דאַרף גאָרנישט ניט טאָן. אַז דער עולם, וואָס האָט געזען די פּיעסע אין האַרטפאָרד, האָט זי אויפגענומען, מיין איך, דערפאַר אַזוי קאַלט, ווייל ער איז געקומען זען אָן אָפּערעטע מיט געזאַנג און טענץ...

— אַי, וואָס רעדט איר, — טענהט זי — אין אייער פּיעסע איז נישטאָ קיין הומאָר, עס איז ליטעראַטור!...

אין דעם אייגענעם אָוונט, ווען איך קום אַריין אין דעם קאַפע־הויז, וואו די טעאַטער־מענטשן פאַרקליבן זיך, דערקענט מיך קיינער ניט.

ביי די טישלעך זיצן די באַקאַנטע טעאַטער־מענעדזשערס, די אייגענע,

וואָס זיי האָבן ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק מיך געחנפעט מיט זייערע בליקן און שמייכלען און וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ ממש רירנדיקן אינטערעס צו מיין געזונט און צו מיין ווייבס געזונט און צו מיינע קינדערס געזונט, — איצט קוקן זיי ניט אין מיין זייט. אָדער קוקן און זעען מיך ניט. אָדער זעען מיך און, ווי מיר ווייזט זיך אויס, שטעקן מיר אַרויס אַ צונג...

פון די אַקטיאָרן און אַקטריסעס גייט קיינער ניט צו צו מיין טישל און קיינער פון זיי גריסט מיך נישט. און טוט עמעצער פון זיי אַפילו אַ קוק אין מיין זייט, לייען איך אין זיין בליק: „פלאָג, לעמאַן!...“

אַפילו די טיר־שטייער פון די טעאַטערס, וואָס זיצן דאָרט אַרום די טישלעך, קוקן אויף מיר מיט אַ מין פאַראַכטונג.

זיי אַלע ווייסן שוין, קאַנטיק, וואָס פאַר אַ לעמאַן עס האָט זיך אַרויס־געוויזן מיין „באָמבע“!

נאָר אַ פּאָר קאָלעגן מיינע, פּיעסן־שרייבער, גייען צו צו מיין טישל. איצט גייען זיי צו, אַזוי ווי מנחם אבל זיין. זיי מאַכן זיך, אַזוי ווי זיי וואָלטן כלומרשט גאָרנישט געהערט וועגן דעם, ווי אַזוי מיין פּיעסע האָט אויסגענומען, און פרעגן זיך נאָך ביי מיר, ווי אַזוי איז די פּיעסע „געגאַנגען“, ווי אַזוי די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט און ווי אַזוי דאָס פּובליקום האָט זי אויפגענומען...

פאַרט קאָלעגן!...

פרייטיק נאַכט איז די פּרעמיערע פון מיין פּיעסע אין ניו־יאָרק. איך גנבע זיך ממש אַריין אין טעאַטער, וויל זיך ניט טרעפן מיט קיינעם פון די טעאַטער־מענטשן.

אינעם טעאַטער איז אַ גרויסער עולם. איך פאַררוק זיך אין אַ ווינקל ערגעץ און וואַרט, אַז דער פאָרהאַנג זאָל זיך אויפהייבן.

דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. די אַקטיאָרן הייבן־אָן צו שפּילן, און באַלד אַ געלעכטער, פריער פון איינציקע מענטשן צווישן דעם טעאַטער־עולם און דערנאָך פון אַלץ מער און מער. און שפּעטער, ווען אויף דער בינע איז די בלאָנדע מיטן קאָמיקער און דער סטאַר מיטן ראָמאַנטישן לאָקנדל אויפן שטערן, לאַכט דער גאַנצער עולם אַזוי פריילעך און האַרציק, און ווען דער פאָרהאַנג נאָכן ערשטן אַקט לאָזט זיך אַרונטער, איז דער גאַנצער עולם אַזוי דערוואַרעמט, אַז מען אַפּלאָדירט די אַקטיאָרן מינוטן לאַנג.

איך ווייז זיך נישט פאַר די אַקטיאָרן נאָכן ערשטן אַקט. איך פיל, אַז איך וועל נישט קאָנען מיט זיי רעדן, פיל, אַז מיר איז פשוט שווער זיך מיט זיי צו טרעפן.

דער צווייטער אַקט ווערט נאָך אויפגענומען וואַרעמער און דער דריטער— ממש מיט שטורעם.

צווישן עולם איז אַ באַזונדערע יום־טובדיקע שטימונג, יענע באַזונדערע שטימונג, וועלכע שאַפט זיך שטענדיק אין אַ טעאַטער, ווען אַ פּיעסע האָט אַ דורכפאַל.

אויף די פּנימער ביים עולם איז צעגאָסן אַ הנאה־שמייכל. דער עולם איז אויפגעלעבט, רעדט הילכיק, מונטער.

די ערשטע לויפן צו צו מיר צוויי טיר־שטייער, ביידע פאַרהאָוועט און באַגייסטערט.

— אַ באָמבע, — מאַכט איינער — דאָס פּובליקום שרייט „גוואַלד!"

און דער צווייטער:

— איך האָב שוין געזאָגט, אַז אייערע אַ פּיעסע זאָל נישט מאַכן קיין טומל, ווייסט איר?

און דאָ קומט מען מיר זאָגן, אַז די בלאָנדע וויל מיך אומבאַדינגט זען.

ערשט איצט גיי איך הינטער די קוליסן.

די בלאָנדע לויפט מיר אַנטקעגן און לאַכט און וויינט:

— אוי, טאַטעלע, גאָט האָט רחמנות געהאַט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך גאָט געבעטן. נו, האָבן זיי געדאַרפט פאַרצאַפּן מיר דאָס בלוט, האַ? גייט אַרויס נאָך דעם אַקט פאַרן פּובליקום!

איך דערזע אויך לעבן זיך דעם מענעדזשער. ער קוקט אויף מיר מיט אַ מטושטשן שמייכל, מיט אַ מין שמייכלענדיקן פראַגעצייכן. קענטיק, אַז ער איז נאָך ניט זיכער, אויב די פּיעסע איז באמת אַ דורכפאַל, אַנגעשראָקן נאָך פון דער פאַרשטעלונג אין האַרטפאָרד. קענטיק, אַז ער ווייסט נאָך ניט, צי זאָל ער קראַצן די רעכטע אָדער די לינקע באַק.

און מיטאַמאָל מאַכט ער צו מיר מיט זיין הייזעריקן קול:

— איז וואָס זאָגט איר, האַ? איז דאָס טאַקע עפּעס אַ פּיעסעלע, וואָס וועט זיין?

איך טרעט אָפּ פון אים און שטויס זיך אָן אויף דעם קאָמיקער.

ער קוקט אויף מיר מיט באַגייסטערונג.

נו, זעט איר, — מאַכט ער — אַז מען גיט דעם עולם עפּעס רעכטס?

רוף איך זיך אָן:

— יאָ, אַז מען דערלאַנגט דעם עולם עפּעס, וואָס איז אָנגעשריבן מיט די קני...

צינדט ער זיך אָן און שרייט אויס:

— אַ קלאָג זאָל זיי נעמען, אַקטיאָרשטשיקעס, געוואוינט צו קייען קליאַטשע פון די אַנדערע פאַרפאַסערס, קאָנען זיי נישט פאַרדייען עפּעס רעכטס. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַלעמאָל געווען אייערער אַ פּאַטריאָט. און ווען

דער פּיעסע ווייסט איר דאָך, ווי איך האָב די גאַנצע צייט געגוואַלדעוועט.

ער צעלאַכט זיך מיטאַמאָל.

— איר געדענקט דאָס שוואַרץ קעצעלע אין האַרטפּאַרד? אַלע האָבן זיך דערשראָקן. נאָר איך בין געווען דער איינציקער, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז דאָס שיין שוואַרץ קעצעלע איז אַ סימן פון אַ שיינעם סוקסעס... וואָס אַרט אייך, עס וועט זיין אַ גרויסער סוקסעס, ווי איך האָב די גאַנצע צייט געשריען!

קורץ, די פּיעסע איז געווען גאָר אַ גרויסער דערפאָלג. דער עולם איז געקומען און אַפּלאָדירט. די קריטיק האָט געלויבט און דאָן —

דער קאַסירער פונעם טעאַטער האָט ווידער גערעדט נאָר ענגליש און ביי יעדער פאָרשטעלונג פון מיין פּיעסע האָט ער אַלץ פריינטלעכער און פריינט־לעכער אַרויסגערוקט צו מיר זיין שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ און אַלץ פייערלעכער און מער געטאַפּלט האָט מיר נאָכגעשריען זיין „דאָבל, דאָבל, דאָבל דזשי״, און דער מענעדזשער האָט מיך באַגעגנט מיט זיין לבנה־שמייכל, קראַצנדיק זיין רעכטע באַק, און אַלץ געטענהט צו מיר:

— שרייבט עפּעס אַן אַ נייע פּיעסע, אפשר וועט מען דאַרפן אויף פּסח...

און דער סטאַר מיטן ראָמאַנטישן לאָקנדל האָט מיך ווידער גערופן מיט אים אין די רעסטאָראַנס און געצאָלט פאַר מיינע דינערס, און געטענהט אַלץ איינס, אַז איך דאַרף שרייבן פּיעסן נאָר פאַר אים, אַז די אַנדערע סטאַרס קאָנען אפילו ניט אַריינגיין אין אַ ראָל פון אַזאַ גרויסן פאַרפאַסער ווי איך בין.

און אַזוי האָט אויך געטענהט צו מיר די בלאָנדע, אַז נאָר פאַר איר, הייסט עס, דאַרף איך שרייבן פּיעסן.

און דער קאָמיקער האָט ווידער און ווידער דערציילט מיר, וואָס פאַר אַ פּאַטריאָט ער איז מיינער, און מיך מכבד געווען מיט ציגאַרן.

און דער אַקטיאָר, דער שוועבעלעך־רייבער, האָט ווידער געריבן שוועבע־לעך, ווען־נאָר ער האָט מיך געזען אַרויסנעמען אַ פּאַפּיראָס...

און אַז איך בין אין קאַפע־הויז געקומען, האָבן סיי די מענעדזשערס און סיי די אַקטיאָרן פון די אַנדערע טעאַטערס שוין מיך ווידער באַמערקט, זיינען צוגעגאַנגען צו מיין טישל און האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי מיר:

— וואָס איך מאַך, וואָס מיין ווייב מאַכט און וואָס מיינע קינדער מאַכן און צי שרייב איך ניט עפּעס אַ נייע פּיעסע?...

נאָר די קאָלעגן מיינע, די פאַרפאַסערס זיינען צו מיין טישל ניט צוגע־גאַנגען, האָבן געקוקט עפּעס אויף מיר אַנגעבלאָזן, ברוגז...

און אָט אין דעם גאַנצן ווירוויר־טומל האָב איך, דער דראַמאַטורג, וואָס איך האָב שוין גענוג דערפאַרונג געהאַט ביים יידישן טעאַטער, געטראַכט נאָר:

— אַקטיאָרן!...

.1928

מיין לאַנדסמאַן יאָסל בורדיע

א

יאָסל, אָדער ווי זיינע לאַנדסלייט האָבן אים גערופן — „יאָסל בורדיע"— איז געקומען אַהער פון אַ קליין פויליש שטעטל. ער איז געווען בערל־איצע דעם קצבס אַ זון, אַ בחור אַ גיבור, איבער זעקס פוס הויך און מיט אַ נאַקן און פלייצעס, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. זיין ברייטער, רויטער פנים איז כסדר געווען מיט אַ קינדערש־גוטמוטיקן שמייכל און זיינע בלויע אויגן האָבן אויך קינדערש־גוטמוטיק געקוקט אויף אייך.

אין דער היים האָט ער געאַרבעט אין אַ שלאַכט־הויז, אומגעוואָרפן די אָקסן מיט זיינע מעכטיקע לאַפּעס, און דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט צו נייען פרויען־קליידער אויף אַ מאַשין און געאַרבעט אין אַ שאַפּ.

איז די אַרבעט ביי אים דאָ געווען אַ שפּילכל. אַ שטעל געטאָן זיינס אַ פּיסל אויף דעם מאַשין־טרעטער, און אַ דריק אויף דעם מיט דער גאַנצער צוויי־הונדערט־פונטיקער משא זייַנער, פליט די מאַשין אַוועק ביי אים מיט אַן אייזערנעם געשריי, און ער רוקט אונטער דער נאָדל שטיק נאָך שטיק דעם צוגעשניטענעם שטאָף און אַרבעט. ציילט ניט די שטונדן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און פילט זיך גאָרניט מיד פון דער אַרבעט.

קלייבן די באַלעבאַטים פון אים נחת, און ער — די „דאָלאַרן", ווי ער רופט עס. קלייבט די דאָלאַרן, רעכנט זיי אין קאָפּ אויף פּוילישע זלאָטעס און טראָגט זיי אין באַנק אַריין . . .

געווען איז ער אַ בחור, וואָס מען רופט אַ „בעל־תכלית". האָט תמיד אין זינען געהאַט, אַז ער מוז שפּאָרן דעם „דאָלאַר", און האָט אים געשפּאָרט. האָט אים געשפּאָרט פון זיין דירה און אַפילו פון זיין עסן.

יעדער סענט איז ביי אים אויסגערעכנט געווען: אַזוי פיל און אַזוי פיל האָט אים געדאַרפט קאָסטן זיין צימער, זיינע דריי מאָלצייטן אַ טאָג און זיינע סיגאַרעטלעך.

אויף דעם אַלעם איז ער קיין גרויסער בעל־הוצאה ניט געווען. נאָר זונטיק, ווען ער האָט אין זיין שאַפּ ניט געאַרבעט, האָט ער זיך פאַרגונען אויסצוגעבן אַן איבעריקן סענט. ער האָט געגעסן מיטאָג אין אַ בעסערן רעסטאָראַן און איז געגאַנגען אין אַ קינעמאַטאָגראַף־טעאַטער, צי גאָר צו אַ מאַטינע־פאָרשטעלונג אין אַ יידישן טעאַטער, ווען ער האָט געקאָנט קריגן אַ ביליקן בילעט אויף דער גאַליאָרקע.

ער האָט געלייענט אַ יידישע צייטונג, אָבער ניט יעדן טאָג און ניט די זעלביקע צייטונג. מחמת די יידישע צייטונג, וואָס ער האָט געלייענט, האָט ער תמיד ביי עמעצן געליען, צי עמעצער האָט זי אים געשענקט.

פון באַלאַנגען צו דער יוניאָן האָט ער אַפילו ניט געוואָלט הערן. אַ שאָד געווען דאָס געלט, וואָס דאָס האָט אים געדאַרפט קאָסטן . . .

אין דעם שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט מען זעלטן־ווען געסטרייקט. איינגאַנצן אַ צען „הענט" האָבן דאָרטן געאַרבעט, „הענט", וואָס האָבן צו קיין יוניאָן ניט באַלאַנגט. און איינמאָל, ווען די אַרבעטער האָבן דאָרט געסטרייקט, איז ער געבליבן אַרבעטן. און אַז די אַרבעטער זיינען אים דערנאָך באַפאַלן, האָט ער געוויזן, וואָס פאַר אַ געזונטע לאַפּעס ער האָט געהאַט.

אין יענער צייט האָב איך אים אָפּט געטראָפן ביי אַ לאַנדסמאַן אין הויז, און איך האָב געפּרואווט אים אַמאָל אויפוויזן, אַז ער האָט באַדאַרפט באַלאַנגען צו אַ יוניאָן, האָט ער אויף מיינע רייד געהאַט איין תירוץ:

— איך וועל קיין אַרבעטאָרער ניט פאַרבלייבן. איך וועל אַריין אין ביזנעס. ניין, יאָסל וועט קיין אַרבעטאָרער ניט פאַרבלייבן. קיינמאָל ניט. אַ שאָד די דאָלאַרן, וואָס די יוניע קאָסט!

דערפאַר אָבער איז דער אייגענער יאָסל געווען דער ערשטער בעלן אויף אַרויסצוהעלפן אַ לאַנדסמאַן. און זיין מאַמען האָט ער אויך יעדן חודש געשיקט געלט אַהיים. (זיין טאַטע האָט שוין לאַנג ניט געלעבט). און האָט ער אַמאָל אַזוי גיך ניט באַקומען קיין בריוו פון זיין מאַמען, איז ער געווען אויסער זיך, איז אַרומגעגאַנגען צעטראָגן פון לאַנדסמאַן צו לאַנדסמאַן, מיט בענקעניש אין זיינע בלויע קינדערשע אויגן, און ער האָט ביי אַלעמען זיך נאָכגעפרעגט:

— צי האָט איר ניט געהערט עפּעס וועגן מיין מאַמען? . . .

וועגן חתונה האָבן האָט ער אַפילו הערן ניט געוואָלט.

ער זאָגט מיר אַמאָל מיט זיין קינדערש־מוטיקער מינע אויפן ברייטן, רויטן פּנים:

— פאַרשטייט איר מיך, מיט קיין קיי און שפּיי וויל איך ניט חתונה האָבן. כל־זמן איך בין אַן אַרבעטאָרער, וועמען קאָן איך נעמען? אַן אויסגעטריקנטן הערינג, אַ דראַניצע, אַ שפּענדל . . . וואָס זיינען זיי דאָ, די שאַפּ־מיידלעך? לאַנגע, דאַרע פיס, ווי ביי אַ בוטשאַן, געפאַרבטע פיסקעלעך, אַן טעם, און דאָ איינגעפאַלן, און דאָ איינגאַנצן פאַרבלאַפט — ווייס איך! . . . זעט איר, ווען איך וועל האָבן אָפּגעשפּאָרט גענוג „דאָלאַרן" און וועל זיין אַ ביזנעסמאַן, וועל איך דעמאָלט קאָנען נעמען אַ ווייב, וואָס זאָל זיין אַ ווייב, ניט קיין בלאָף, פאַר־שטייט איר מיך! . . .

דערפאַר, אַז איך האָב זיך דעמאָלט דערוואוסט, אַז אָט־אָ־דער יאָסל

בורדיע האָט חתונה געהאַט, איז בײַ מיר גאָר קײן ספק ניט געווען, אַז ער האָט געטאָן אַ תּכלית־שידוך. אָבער, האָבנדיק אויפֿן קאָפּ אַזויפֿיל אַנדערע זאַכן, האָב איך לאַנג דערפֿון ניט געטראַכט. ביז מיט אַ שטיקל צײַט צוריק.

ב

זיץ איך מיר אַזוי דעמאָלט, זומער בײַנאַכט, אין סענטראַל־פּאַרק, אַרום דער הונדערט־און־צענטער גאַס, דערהער איך מיטאַמאָל אַהינטער זיך אַ באַקאַנטן קול, וואָס שרײַט:

— לעניִנקע, באַנדיט דו, קיץ־קיץ־קיץ! . . .

איך קוק זיך אום: עטלעכע טריט פֿון מיר שטייט אַ מאַן, איבערגעבויגן איבער אַ וועגעלע, און רעדט און לאַכט מיט אַ מין ווילדער התפּעלות צו אַ קינד, וואָס ליגט דאָרט.

טראַכט איך מיר: עפּעס אַ באַקאַנטער קול. ווער זאָל דאָס זײַן?

און ווי איך טראַכט אַזוי, הייבט אויף דער מאַן דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום אויף בײדע זײַטן, זוכט, משמעות, אַ ליידיקע באַנק, וואו זיך צו זעצן. זײַנע אויגן טרעפֿן זיך מיט מײַנע און בלײַבן שטיין, גרויסע, פֿאַרוואונדערטע, אויף מיר. איך הייב זיך אויף און גיי צו צו אים.

— העלאָ, יאָסל!

טוט ער פּאַטש אין די הענט:

— אוי, דאָס זײַט איר טאַקע? איך זע עפּעס אַ באַקאַנטער, טראַכט איך אַלץ: צי איר זײַט דאָס, צי ניט איר. ערשט איר זײַט עס טאַקע! נו, און מיך האָט איר גלײַך דערקענט?

איך קוק אויף אים: דער אייגענער יאָסל, דאַכט זיך, דער זעלביקער ריז מיט די קינדערש־גוטמוטיקע אויגן און שמייכל, און דאָך איז ער עפּעס ניט דער אייגענער: קוקט און רעדט, ווײַזט זיך מיר אויס, עפּעס אַנדערש ווי פֿריער . . .

דאָס העמד אונטערן רעקל איז בײַ אים ווײַט צעשפּיליעט און ווײַזט אַרויס אינגאַנצן זײַן מעכטיקן האַלדז און אַ שטיק פֿון זײַן רויטער, פֿאַרשוויצטער ברוסט. ער טראָגט ניט קײן הוט און, קאַנטיק, אַז ער האָט ניט לאַנג צוריק זיך אָפּגעשוירן בײַם באַרבער מיט אַ מאַשינקע, מחמת דער קאָפּ בײַ אים זעט אויס הויל, אַזוי ווי אָפּגעגאָלט . . .

ער טוט מיך אַ כאַפּ אָן בײַ אַ האַנט און שלעפּט מיך צו צום וויגעלע.

— לעניִנקע! — שרײַט ער אויס צום קינד מיט ליבע אויפֿן קול, — באַקען זיך, דאָס איז דאָך דײַן פֿאָפּעלעס אַ לאַנדסמאַן!

און ער טוט זיך אַ קער צו מיר און מאַכט:

— ער איז ביי מיר אַ חכם. ערשט אַ יאָר אַלט און פאַרשטייט ווי אַ גרויסער. ער וועט שוין זיין איינמאָל אַ קעמפער פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט! זאָל איך שטאַרבן, אויב מען קאָן געפינען אַ גלייכן צו מיין לעגינען. אין זיין מאַמען געראָטן! וואַרט, וואַרט, איר וועט עפּעס זען, — טוט ער זיך אַ כאַפּ און בייגט זיך ווידער אַריבער איבערן וועגעלע צום קינד. — לעגינקע, האָסט עפּעס ליב די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן?

— פּררר! — הייבט אָן דאָס קינד צו פאַרשקען מיט די ליפּן. — פּררר!!!

— איר זעט? — שרייט יאָסל מיט הרחבה. — דאָס שפּייט ער אַזוי אויף די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן! און קאַפּיטאַל האָסטו עפּעס ליב, לעגינקע?

דאָס קינד, אַ בלאָנד און געזונט יינגעלע, מיט בלויע אויגן, האָט נאָך העכער גענומען פאַרשקען מיט זיינע ליפּן און זיך געהאָטשקעט בשעת מעשה אינעם וועגעלע, וואַרפנדיק מיט די פיסלעך.

אָבער ניט דאָס קינד האָט מיך איצט אינטערעסירט. איך האָב געקוקט אויף יאָסלען און זיך געוואונדערט: בורדיע רעדט דאָס אַזוי?

יאָסל אָבער איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט פונעם קינד און ער רעדט ווייטער נאָך מיט גרעסערער התפּעלות:

— איר האָט געדאַרפט זען ווי אַזוי עס פאַרשטייט זיין מאַמען. מיין קליינע רעדט מיט אים אַזוי ווי מיט אַ גרויסן, ווי זי וואָלט מיט מיר גערעדט, וועגן רעוואָלוציע און וועגן וואָס ניט? און ער פאַרשטייט, פאַרשטייט אַלצדינג, וואָס זיין מאַמע רעדט צו אים!

רוף איך זיך אָן:

— יאָסל, אייער ווייב איז אַ רעוואָלוציאָנערקע?

ענטפערט ער אי גוטמוטיק, אי שטאָלץ:

— און נאָך וואָס פאַר אַ רעוואָלוציאָנערקע! ניט קיין געבלאָפטע, ברודער! איר באַקענט זיך נאָר מיט מיין פריידלען, וועט זי אייך אויך מאַכן פאַר אַ קאָמוניסט, פאַר אַ קלאַסן־באַוואוסטזיניקן קעמפער. מיין פריידל האָט אַ קאָפּ, אַ צונג, אַ האַרץ, אָן אמתע, אַ פּראָלעטאַרישע האַרץ! . . .

דערמאָן איך זיך, ווי ער האָט דאָס אַמאָל ניט געוואָלט באַלאַנגען צו אַ יוניאָן, און איך זאָג אים דאָס.

טוט ער גוטמוטיק אַ לאַך און זאָגט:

— מאָלע וואָס אַמאָל איז געווען! ניטאָ דער אַמאָליקער חושך אין קאָפּ. מיין קליינע האָט עס אויסגעפּאַמפּעט . . .

טראַכט איך ביי זיך: וואָס איז דאָ געוואָרן מיט מיין לאַנדסמאַן יאָסל בורדיע? ווי קומען צו אים אַזעלכע רייד? ווי קומט צו אים אַזאַ שפּראַך?

איין זאַך ווערט מיר קלאָר, אַז זיין ווייב האָט אין דעם אַ גרויסן חלק. פאַר־אינטערעסיר איך זיך אויסצוגעפינען ביי אים, ווי אַזוי ער, דער פריערדיקער יאָסל בורדיע, קומט צו אַ ווייב אַ קאָמוניסטקע.

עס נעמט מיר אַ היפּשע צייט ביז איך פּועל ביי אים, אַז ער זאָל מיר וועגן דעם דערציילן. אָבער צום סוף זיצן מיר ביידע אויף אַ באַנק און ער שאָקלט דאָס וועגעלע מיטן קינד און דערביי דערציילט ער מיר:

— איך האָב געאַרבעט אין אַ גרויסן שאָפּ, האָב איך דאָרט מיין קליינע געטראָפן. איינער לעבן דעם אַנדערן זיינען מיר דאָרטן געזעסן, אַ מאַשין לעבן אַ מאַשין. און שוין באַלד האָב איך דערפילט, אַז זי ברענט מיר אויס לעכער גאַנצע אינעם האַרצן מיט אירע אויגן; פאַרליבט זיך אין איר, אַז איך האָב געמיינט, אַז די נכפּה וועט מיך נעמען.

פרעג איך:

— האָט זי אייך אויך דעמאָלט געליבט?

טוט ער זיך אַ כאַפּ:

— זי מיך? וואָס פאַלט אייך איין? איר האָט דאָך מיך געקענט, וואָס פאַר אַ יאָט איך בין געווען. יאָסעלע בורדיע, אַ קאָפּ אָנגעשטאָפּט מיט פּאָס־קודסטווע, אַפילו ניט קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, נאָר סתם אַ מאַמזערוק, וואָס האָט מער ווי פון דאָלאַרן ניט געטראַכט. קוים געקאָנט זיך אַרויסקראַב־קען פון אַ יידישער צייטונג, און זי — רוסיש, ענגליש, און וואָס ניט? ווי אַזוי האָט זי געקאָנט זיך אין מיר פאַרליבן? זאָל איך צער האָבן, אויב מיר איז דעמאָלט אַפילו איינגעפאַלן, אַז זי וועט אַמאָל זיין מיינע. איך האָב דעמאָלט ניט געטראַכט אַפילו דערפון.

— פון וואָס דען האָט איר דעמאָלט געטראַכט?

— פון נאַרישקייטן, — טוט ער גוטמוטיק אַ שמייכל.

— למשל?

— ווען זי זאָגט מיר דעמאָלט: „יאָסל, שפּרינג אַרויס פונעם פענצטער", וואָלט איך זיך מחיה געווען און אַרויסגעשפּרונגען! „יאָסל, נעם איין אַ מיתה־משונה", וואָלט איך איינגענומען אַ מיתה־משונה מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! צי גאָר: „יאָסל, דראַפּע זיך אַרויף אויפן הימל און רייס מיר אַראָפּ דאָס טעלערל פון דאָרט", וואָלט איך זיך דעמאָלט געפּרואווט צו דראַפּען אויפן הימל אויך. אָט פון אַזעלכע נאַרישקייטן האָב איך דעמאָלט געטראַכט!

און אַז איך הער דאָס, פאַלט מיר איין, ווי ווייניק איך האָב געקענט מיין לאַנדסמאַן, דעם בורדיע!

איך רוף זיך אָן דערנאָך:

— און זי, ווי אַזוי האָט זי זיך פאַרהאַלטן מיט אייך?

— זי האָט געלאַכט פון מיר, געריייצט זיך און אַמאָל אַ שטיף געטאָן.

און ער רעדט ווייטער:

— אָט אַזוי ווי איר הערט. אַמאָל האָט זי מיר געזאָגט: „יאָסל, וואָס טויג אייך אַזוי פיל געזונט? גיט מיר אַ קאַפּעלע דערפון.״ און אַמאָל האָט זי די אַרבעט ביי מיר פונעם טיש אַרויסגעגנבעט און מיך געלאָזט זוכן. און אַמאָל האָט זי מיר עפּעס אַן אַנדער שפּיצל אָפּגעטאָן . . .

— און איר זייט אויף איר ניט בייז געוואָרן דערפאַר?

— בייז ווערן אויף איר? דאָס גרעסטע פאַרגעניגן איז דאָך דאָס ביי מיר געווען! מיך וואָלט דעמאָלט ניט געאַרט, וואָס זי וואָלט מיר ניט געטאָן, אַבי זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אירע פּאָר פייערדיקע קוקערס; אַבי זי האָט מיך אינזינען געהאַט . . .

פרעג איך ביי אים, צי האָט זי צו אים אַמאָל ערנסט אויך גערעדט. מאַכט ער:

— וואָס הייסט? אַוודאי. און נאָך ווי ערנסט! זי האָט דאָך דאָס ביי מיר די גאַנצע פּאַסקודסטווע אינעם קאָפּ צעגראָבן און דאָס אַרויסגעריסן פון דאָרט, ווי מען רייסט אַרויס פּאַסקודנע קראָפּיווע! זי האָט אַרויסגעפּאָמפּעט ביי מיר פון דאָרט דעם גאַנצן חושך. איר האָט דאָך מיך געקענט! שוין איינמאָל אַ יאָט געווען! זי האָט גערעדט צו מיר וועגן קאָמוניזם און וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, און אַמאָל האָט זי מיר עפּעס געלייענט פון אַ צייטונג, און אַמאָל האָט זי פאַר מיר געזונגען רוסישע לידלעך . . .

פרעג איך ביי אים, צי האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט צו אים גערעדט דעמאָלט וועגן קאָמוניזם. טוט ער גוטמוטיק אַ לאַך און שרייט אויס:

— און אַ וואָרט האָב איך פאַרשטאַנען? קיין צער זאָל איך אַזוי ניט האָבן! נאָר גאָרנישט, אַז זי האָט דאָס גערעדט, איז שוין גוט געווען, איז עס פאַר מיר געווען די בעסטע מוזיק. און זי האָט גאָר אינגאַנצן ניט געדאַרפט רעדן אויך, אַז איך זאָל פאַר איר משוגע ווערן. איין קוק מיט אירע פּאָר קוקערס איז פאַר מיר גענוג געווען. אָלץ הייסט קוקערס! גרויסע, שוואַרצע, שטיקער פייער!... און אַז זי וואָלט ניט געווען אַזוי געבילדעט, וואָלט איך לאַנג איר געלאָזט וויסן, אַז איך האָב זי ליב. אַזוי אָבער האָב איך זיך געשראָקן פאַר איר און קיין לשון ניט געהאַט, — לאַכט ער גוטמוטיק.

פרעג איך ביי אים, ווען ער האָט דעם לשון געקראָגן? צעשיינט זיך ביי אים זיין גאַנצער פּנים און ער מאַכט:

— זעט איר, ווי אַזוי איך האָב דעם לשון געקראָגן פאַר איר. — אָט דאָס איז אַ שיינע געשיכטע. דאָס איז אַזוי געווען: די אַרבעטער פונעם שאָפּ זיינען אַרויס אויף אַ סטרייק, איך בין נאָך קיין יוניאָן־מאַן דעמאָלט ניט גע־

וועז. דער באָס פונעם שאַפּ, מיסטער גינזבורג, אַ קליין, מאָגער יידל, ווי אַ כפרה־הינדל, וואָס איז אַרויסגעפליקט, אָבער אַ גרויסער באַנדיט, אַ בלוט־זויגער, איז געווען זיכער, אַז איך וועל נישט אַרויס סטרייקן. מחמת מיט אַ צייט פריער, ווען מען האָט ביי אים געסטרייקט, בין איך געבליבן אַרבעטן. דאָס מאָל איז אָבער מיינע אינעם שאַפּ געווען, און זי זאָגט: „אַרונטער!“ — איז אַרונטער. דערזעט מיסטער גינזבורג, אַז איך קלייב זיך אויך צו פאַרלאָזן דעם שאַפּ, שפּרינגט ער צו צו מיר, ווי אַ ווילדער: „דו אויך, יאָסל?“ זאָג איך אים: „איך אויך!“ ווייזט ער אָן אויף מיינער: „זי האָט דאָס דיך אָנגערעדט, די קאָמוניסטקע, האַ?“ זאָגט מיינע אים עפּעס, אָט אַזוי ווי זי קען. אים ווי מיט אַ מעסער אַריינגעבוכטשעט, דעם בלוט־זויגער! אַזש ער טוט ניט אַ הייב די האַנט און — איר אין באַק!... נו, נו, ווי רעכנט איר, אַז איך שטיי דערביי און זע דאָס! אַ כאַפּ אים און אַ הייב, און אַ טרייסל, און ווידער אַ טרייסל, און נאָכאַמאָל אַ טרייסל, אָט ווי אַ לולב! צו אירע פיס האָט ער געמוזט ביי מיר פאַלן און על־חטא זיך שלאָגן, אַז ניט, וואָלט איך פון אים זיין בלוטזויגערישע נשמהקעלע אַרויסגעטרייסלט! און דאָס איז נאָך ניט אַלץ: עפּעס אַ צען לאָבוסעס האָבן געוואָלט דאָרט פאַרבלייבן סקעבן, האָט מיינער דערנאָך זיי איינעם נאָך איינעם פון די טרעפּ אַרונטערגעוואָרפן. און פון דאָרטן בין איך אַוועק גלייך אין דער יוניאָן און געוואָרן אַ מיטגליד...

— און דעמאָלט זייט איר איר געפעלן געוואָרן?

— ניט אַזוי גיך. ערשט שפּעטער, ווען איך האָב געפּיקעטעוועט דעם שאַפּ און געטרייבערט די סקעבס, און כ'האָב געכאַפּט פון אַ פּאָליסמאַן מיט זיין האַרטן שטעקעלע איבערן קאָפּ, און מען האָט מיך געבראַכט נאָכדעם אין דער יוניאָן, און אַ דאָקטער האָט מיר דאָרט גענייט און געשטשאָבעט מיין וואונד, — ערשט דעמאָלט האָט זיך די קליינע צעוויינט...

— און איר האָט זיך דערוואוסט דעמאָלט, אַז זי ליבט אייך אויך?

— ניין, נאָך אַלץ ניט אַזוי גיך, — האָט יאָסל געענטפערט. און אַזוי ווי דאָס קינד אינעם וועגעלע האָט מיטאַמאָל גענומען דאָרט עפּעס רעדן, האָט יאָסל זיך אַ קער געטאָן צו אים און מיט אַ צערטלעך קול, אַזוי ווי ער וואָלט דאָס עופהלע אויך געוואָלט דערציילן די געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט חתונה געהאַט:

— די מאַמע דיינע, לעניבקע, האָט ניט געוואָלט, ניט געוואָלט... געווען אַ געבילדעטע, אַ קלוגינקע, דיין מאַמע, און דיין טאַטע איז געווען אַ יאָט, אַ גאָרנישט. געבילדעט — פון וואַנען? אַ פריץ האָט פאַרלוירן, וואָס? ער איז ניט געווען אַפילו קיין ריכטיקער פּראָלעטאַריער. סתם אַן אַרבעטער מיט אַ קאָפּ פול מיט חושך! אָבער אַ האַרץ האָט ער געהאַט, און נאָך דיין מאַמען

איז ער אויסגעגאַנגען. נאָר זי, דיך מאַמע, זאָגט: נייך, און ניעט און נאָ! — אויף אַלע שפּראַכן „נייך!"...

דאָס קינד האָט געגומען רופן „מאָם" און געקערט די אויגן אויף אַלע זייטן. געזוכט, משמעות, זיין מאַמען.

און יאָסל האָט גערעדט ווייטער, שוין מעשה קינד, ניט אויסרעדנדיק שאַרף די ווערטער, אַזוי ווי ער וואָלט גערעכנט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט ס'קינד אים בעסער פאַרשטיין.

— פּאַפּאַ קענע עסע, קענע טרינקע, קענע שלאָפע... און פּאַפּאַ זאָגט צו מאַמאַ: האָב ראַכמאָנע. אמת, איך ניט ווערט דיין נאָגע, אָבער איך שטאַרב... מאַמע צום סוף ראַכמאָנע געהאַט און זאָגט: „גוט, פּאַפּאַ, איכ'ל חתונה האָבן מיט דיר, ווייל דו ביסט אַן אָרנטלעכער באָי, און איכ'ל מאַכן פון דיר אַ ריכטיקן פּראָלעטאַריער, אַ קעמפּער!" און מאַמע האָט חתונה געהאַט מיט פּאַפּאַן, און זי האָט אים געבאָרן אַ ייִנגעלע, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן „לעניו" — אַ נאָמען טאַקע נאָך אים אַליין, נאָך דעם ריכטיקן לענינען; און דו וועסט מיר זיין נאָמען ניט פאַרשעמען, לעניוקע! — איז ער צוגעפאַלן צום קינד און עס געגומען מיטאַמאָל קיצלען — קיץ־קיץ־קיץ!...

רוף איך זיך אָן:

— ווי איך זע, יאָסל, זייט איר צופרידן פון אייער פאַמיליע־לעבן. מיך פרייט עס.

הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן מיט וואַרעמע אויגן.

— איר האָט געדאַרפט קענען מיין קליינע, — מאַכט ער. — קליין איז דאָס, אַז איך קאָן זי מיט איין בלאָז אַוועקבלאָזן; דערפאַר אָבער שכל, אַ צונג... איך רעד שוין ניט דערפון, וואָס נאָך אַזאַ געשמאַק נפשל, ווי זי, מיט אַזאַ פּאָר אויגן, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. ווייניקסטנס, אַזוי ווייזט זיך מיר אויס! — טוט ער גוטמוטיק אַ לאַך.

זאָג איך אים, אַז ער האָט מיך אַזוי פאַראינטערעסירט אין איר, אַז איך וואָלט וועלן זיך מיט איר באַקענען.

— אָט מאָרגן וועט איר זיך מיט איר קאָנען באַקענען, — צעלייכט זיך פריילעך ביי אים דאָס פּנים.

— פאַרוואָס מאָרגן?

— מחמת מאָרגן לאָזט מען אַרויס מיין קליינע פון געפענגעניש... וואָס קוקט איר מיך אָן אַזוי? יאָ, יאָ, פון געפענגעניש. צען טעג איז זי געזעסן פאַר שלאָגן זיך מיט די שעריפס, בעת זיי האָבן אַרויסגעזעצט אַ נעגער־פאַמיליע פון אַ וואוינונג, אין האַרלעם...

און ער צעלאַכט זיך ווידער גוטמוטיק:

— די שוואַרצע אין האַרלעם בענקען נאָך איר מער נאָך ווי איך. ווער קען דאָרט ניט מײַן קליינע? אַלע, פון קליין ביז גרויס. כמעט אַלע דאָרט האָבן זי געהערט רעדן. מיט אַנדערע דאָרט לערנט זי קאָמוניזם. און אַנדערע פרעגן בײַ איר עצות. און ווער פירט אָן דאָרט די סטרײַקס קעגן די לענד־לאָרדס? מײַן קליינע! און די דעמאָנסטראַציעס קעגן די אַלע פאַרברעכנס, וואָס מען באַגייט קעגן נעגערס? ווידער מײַן קליינע, מײַן פריידל! ווי קליין זי איז, האָט זי פאַר קיינעם קיין מורא ניט. זאָל מען זי אַרעסטירן, באַשטראָפן מיט געלט, פאַרשפאַרן אין געפענגעניש, — זי, מײַן קליינע, טוט איר פּראָלע־טאַרישן חוב און קעמפט!...

— און איר, יאָסל?

— איך! — מאַכט ער נאָך אַלץ גוטמוטיק. — איך העלף איר קעמפן קעגן די אַלע שונאים פון דעם אַרבעטער־קלאַס. אָט, ווי איר זעט, אַ פּראָלע־טאַריער אָן דער אַמאָליקער פּאַסקודסטווע אינעם מוח און אָן דעם אַמאָליקן חושך אין קאָפּ...

ג

אַ יונגע נעגערטע, אין ווײַסן אָנגעטאָן, און מיט אַ פּנים, וואָס האָט מחמת דעם נאָך מער געגלאַנצט, איז צו אונדז צוגעגאַנגען. זי איז געווען הויך, שלאַנק און שמאָל. אויף די הענט האָט זי געטראָגן אַן אויסגעפּוצט קינד, וואָס דאָס שוואַרץ פּנים בײַ אים האָט אויך שטאַרק געגלאַנצט אונטער אַ ווײַס־געשטריקט היטעלע.

— העלאָ, חברטע גרעיס! — האָט זי יאָסל באַגריסט אויף ענגליש. — העלאָ, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט צו איר קינד, וואָס האָט געקוקט נײַגעריק מיט זײַנע ווײַסע אויגן אויף לעניגען אין וויגעלע.

חברטע גרעיס האָט גאַנץ אָנגענעם געשמייכלט מיט אירע ווײַסע ציין און ווײַסע אויגן. זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ הייזעריקלעכער ברוסט־שטים:

— העלאָ, חבר! וואָס מאַכט דער קליינער לענין?

זי האָט אַרונטערגעלאָזט איר קינד אויף דר'ערד לעבן וועגעלע מיט די ווערטער:

— מײַן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך נעם אים צו לעניגען, האָט ער פאַר פרייד אַזש גענומען טאַנצן...

אין דער אייגענער רגע האָט דער בלאָנדער לענין זיך אויפגעזעצט אין וויגעלע און געקוקט מיט זײַנע בלויע אויגן אויף דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וואָס האָט פון זײַן זײַט, האַלטנדיק אַ שוואַרץ הענטל אויפן וועגל, געקוקט אויף לעניגען מיט זײַנע ווײַסע אויגן.

דיביידע קינדער האָבן אַ ווײַלע זיך אָנגעקוקט — קאַנטיק, שטאַרק ניי־געריק. דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע צעשמייכלט. די בלויע אויגן צו די ווייסע און די ווייסע צו די בלויע.

— לעניך! — האָט אַרויסגערעדט מיט קינדערשער צאַרטקייט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

— דזשאָרדזשי! — האָט זיך הילכיק צעלאַכט לעניך.

און זיין געלעכטער האָט גלייך אונטערגעכאַפּט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען אויף אַ קינדערשן קוויטש.

און אויף זיי קוקנדיק, האָט חברטע גרעיס זיך אויך צעלאַכט אויף אַ באַ־זונדערן אופן מיט איר ברוסט־שטים, אָנהייבנדיק אויף אַ גראָבן טאָן און פאַר־ענדיקנדיק אויף אַ שאַרף־קוויטשענדיקן טאָן.

— חבר „זשאָסעל״, — האָט זי געלאַכט, — זעט, ווי זיי ביידע זיינען גליקלעך! ווייסט שוין לעניך, אַז זיין מאַמע קומט מאָרגן?

— אוודאי ווייסט ער. און די גאַנצע צייט זוכט ער זי מיט די אויגן. ער פילט, אַז זי קומט מאָרגן, — רעדט יאָסל, און דאָס פּנים, מיט די קינדערש־גוטמוטיקע אויגן און שמייכל, צעשיינט זיך ביי אים דערביי, ווי ביי אַ גליקלעך קינד.

— איך וואָלט זי שוין אויך וועלן זען, חבר זשאָסעל! — מאַכט חברטע גרעיס. — מאָרגן קום איך צו אייך און גרייט צו פאַר איר אַ ריכטיקן מאָל־צייט. קום, לעניך, — נעמט זי אַרויס דאָס בלאָנדע קינד פונעם וועגעלע, — שפּיל זיך אַ ווײַלע דאָ מיט דיין פריינט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און נאָכדעם וועל איך דיך נעמען אַהיים און דיך אויסבאָדן.

און זי שטעלט אַוועק יאָסלס ייִנגעלע אויף דר׳ערד און איר דזשאָרדזש וואַשינגטאָן נעמט אים אָן פאַר אַ הענטל, און באַלד גייען זיי ביידע אַוועק מיט גרעיסן אַהינטער די דערבייאיקע ביימער אויפן גראָז.

יאָסל באַגלייט זיי גוטמוטיק מיט די אויגן. ער רופט זיך אָן צו מיר מיט זיין קינדערש־גוטמוטיקן שמייכל:

— מיין קליינע רופט עס „פעלקער־ברידערשאַפט״. איך אַליין האָב זיך שוין אויך אַ סך צוגעוואוינט צו זיי, אָבער ניט אינגאַנצן. אַמאָל איז געווען גאָר חושך. אַז עס האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר אַ שוואַרצער פּנים מיט אַ פּאָר ווייסע אויגן, און ווער שמועסט נאָך, אַז איך האָב דערהערט זייערן אַ גע־לעכטער, האָט מיך אַ פּחד אָנגעכאַפּט. און פאַר מיין קליינער האָב איך דאָס געמוזט באַהאַלטן. עס וואָלט מיר מער נישט געפעלט, ווען זי זאָל וויסן דעם וויסן. אַז זי האָט עפּעס אַ האָר ביי מיר באַמערקט, וואָס ביי אַ ריכטיקן פּראָ־לעטאַריער טאָר דאָס ניט זיין, האָט זי זיך געבייזערט אויף מיר און געטענהט,

אַז עס איז ביי מיר פאַרבליבן געגוג פון דער פריערדיקער קראָפּיווע, פון דעם פריערדיקן חושך אינעם קאָפּ . . . און דאָס איז אמת. ווייסט איר ווען איך פיל דאָס? ווען זי, די שוואַרצע, ברעגגט, אַזוי ווי איצט, איר יינגל צו מיינעם. איך ווייס, אַז דזשאָרדזש וואַשינגטאָן קושט זיך דאָרט מיט מיין לעגינען און איך בין נישט צופרידן דערפון, אַ רוח אין מיין האַרצן! — ווערט יאָסל מיט אַמאָל אויפגערעגט. — און דאָס פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס איך בין נישט צופרידן דערפון. דאָס האָט ניט געטאָרט זיין. אַניט בין איך אַ צבועק, אַ היפּאָקריט. עס ווייזט, אַז ביי מיר איז נאָך פאַרבליבן געגוג פאַסקודסטווע, געגוג חושך אינעם קאָפּ. אויב איך בין אַ ריכטיקער פּראָלעטאַריער, מוז איך דאָס באַקעמפן.

און אין אָט דער צייט, אַז חברטע גרעיס האָט זיך צוריקגעקערט מיט די צוויי יינגלעך, האָט ער זיך מיט היץ אַ וואָרף געטאָן צו זיי און אָנגענומען זיין יינגל פאַר אַ האַנט און צו אים געזאָגט:

— אָגו, לעגינקע, צעקוש זיך מיט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. צעקוש זיך מיט אים אַזוי גוט, גוט! . . .

און לעגין האָט אַרומגענומען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — לעגינען, און זיי ביידע האָבן זיך צעקושט אויף אַ קינדערשן אופן און דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע צעלאַכט הילכיק אויפן קול.

— אָט אַזוי־אָ! — האָט יאָסל גערעדט אין אַ טאָן, אַזוי ווי עמעצן אויף להכעיס.

חברטע גרעיס האָט אויך געלאַכט אויפן קול אויף איר באַזונדערן אופן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט חברטע גרעיס געפירט ביידע קינדער אינעם וועגעלע צו יאָסלען אַהיים. ער איז געגאַנגען פון הינטן מיט מיר און האָט דערציילט, אַז די גאַנצע צייט, זינט מען האָט זיין קליינער פאַרשפאַרט אין געפענגעניש, האָט חברטע גרעיס און נאָך אַ שוואַרצע אַכטונג געגעבן אויף זיין וואוינונג און אויף זיין קינד.

לעבן זיין וואוינונג האָב איך זיך געזעגנט מיט אים און אים געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל קומען אַמאָל צו אים, כדי זיך צו באַקענען מיט זיין „קליינער".

איך בין געווען נאָכדעם ביי אים און האָב זיך באַקענט מיט זיין „קליינער", אָבער מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך האָב זי שוין געקענט גוט פון פריער. זי, וואָס האָט אויף אַזאַ טשיקאַווען אופן איבערגעשאַפן דעם אַמאָליקן יאָסל בורדיע.

אַפּריל, 1934, ברוקלין, נ. י.

די דריי שטערנדלעך פון דער פּרייוואַט־אַרמיי

דער טאַטע שטייט אין אַ ווינקל ביים סינק און וואַשט די הענט אונטער דעם געעפנטן קראַן.

אַ ייד ניט הויך געוואַקסן און אַ מאַגערער איז אָט־דער טאַטע חיים־ברוך מעלניק. לגבי זיין זעקס־פּוסיקן יינגל, מאָריס, וואָס ער זיצט דאָרט מיט זיין מאַמע מלכהן און זיין קליין שוועסטערל אסתרקע, קוקט ער אויס, דער טאַטע, אַ פאַרשוין גאָר אַ חלוש.

ער, חיים־ברוך מעלניק, אַרבעט אין אַ שניידער־שאַפּ. אַן אינטעליגענטער ייד איז ער און אַן אינטעליגענטער אַרבעטער. ער ווייטיקט סיי מיט יידישע און סיי מיט אַלמענטשלעכע ווייטיקן.

היינט איז ער ניט געגאַנגען אַרבעטן, פאַרבליבן אינדערהיים. מחמת ער וויל היינט עסן מיטאָג מיט זיין מאָריסן, איידער יענער גייט אַוועק פון דער היים אויף דער מלחמה...

אַחוץ דעם ציטערט ער, אַז מיט זיין מלכהן, מיט דער מאַמע, זאָל עפּעס ניט געשען. מוז ער, חיים־ברוך, גוט אַכטונג געבן אויף איר: טרייסטן זי, שטאַרקן זי אין אַזאַ שווערער מינוט. אַ קאַטאָוועס, ער, מאָריס, איז דאָך דער דריטער... דער דריטער און דער לעצטער באַי... צוויי שטערנדלעך הענגען דאָך שוין ביי אים אויף אַ פענצטער, וועט זי איצט קאָנען אַרויסהענגען נאָך איינעם, אַ דריטן, אַ לעצטן...

אמת, זיין מלכה שווייגט. זי קלאָגט זיך ניט. פאַרקערט, זי האָט אים גאָר שוין אַ פּאָר מאָל געטרייסט: „חיים־ברוך, ניט אונדז אַליין האָט דער גזר גע־טראָפן, נאָר אַלע טאַטע־מאַמעס!" און עס איז אויך אמת, אַז זי ווייסט, אַז מען מוז אָט־די בלוטדורשטיקע חיה רעה, היטלערן, העלפן צו דערהרגענען. אַ פשיטא נאָך יידישע קינדער: דאָך ווייסט ער, חיים־ברוך, ווי אומרואיק זי, מלכה, איז און אַז זי שלאָפט ניט גאַנצע נעכט...

טאַקע אַלצדינג אמת, אָבער אַ מאַמע איז פאָרט אַ מאַמע, ניט פון אייזן. ווער ווייסט, ווי זי וועט עס היינט אַריבערטראָגן ביים געזעגענען זיך מיט מאָריסן...

זיך אַליין קאָן ער נעמען פאַר אַ ביישפּיל: ער, חיים־ברוך, איז דאָך ניט קיין שוואַכע פרוי, אַ מאַמע, נאָר אַ מאַנסביל, און דערצו נאָך איינער אַזאַ,

וואָס פילט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים, אַז ווען ער פאַרמאָגט אפילו הונדערט לעבנס אַנשטאָט איין לעבן, וואָלט ער זיי אַלע מקריב געווען אין אָט־דער מלחמה מיט היטלערן, ימח שמו. פונדעסטוועגן טרעפט גאַנץ אָפט, אַז ער שלאָפט ניט אַ גאַנצע נאַכט און טראַכט און טראַכט וועגן זיינע „באַיעס״, און אַזוי אין שאַפּ, בעת ער זיצט ביי זיין מאַשין און אַרבעט...

ער טראַכט אַמאָל: ווען די מאַשין־נאָדל וואָלט אַריינגעניית אין דער וואַרע פון דעם מלבוש, וואָס ער האָט גענייט, די אַלע געדאַנקען, וואָס זיין מוח האָט געטראַכט בעת דער אַרבעט, וואָס פאַר אַ מוראדיק־פינצטערער מלבוש וואָלט אַרויסגעקומען!...

צי אַמאָל: געהאָרעוועט, געפּראַצעוועט אַ גאַנץ לעבן אין די שעפּער, געוואָלט אַלץ אַרויסברענגען זיין פיינע, איידעלע, געשיקט זיי אין די קאָ־לעדזשעס, געהאָפט, אַז מאָריס וועט ענדיקן דאָקטער און ער וועט העלפן מענטשן געזונט מאַכן, — צום סוף: בעני, איבי, מאָריס נעמען ביקסן און גייען אַרויס דערהרגענען מענטשן! האָט זיך אַמאָל געקאָנט חלומען אַזאַ פינצטערער חלום?!

אָבער פאַרפאַלן, דער גאַנצער וועלט האָט זיך אַזאַ פינצטערער, מוראדי־קער חלום ווי היטלער אויך ניט געחלומט!...

מוז מען זען פּטור ווערן פון אָט־דעם חלום. מיר, יידן, אוודאי און אוודאי... ער הערט, אַז זיין מלכה רופט אים. דאָס עסן איז שוין אויפן טיש.

זיין בלייכער פּנים מיט די רויטע וואָנצעס, וואָס זעט אויס פאַרדאגהט, צעשמייכלט זיך. אָן אַ שמייכל וויל ער זיך איצט ניט ווייזן פאַר זיין מלכהן און זיינע קינדער.

אין דעם כמורנעם דרויסן גייט אַ רעגן און קלאַפּט אין די שויבן פון די פענצטער. רופט זיך אָן חיים־ברוך מיט אַ שמייכל, ווען ער קומט אַריין אין עס־צימער:

— אַ ביסל אַ רעגן. וועלכע חתן־כלה, וואָס דאַרפן היינט חתונה האָבן, זיינען נאַשערס?

און דערביי פרעגט ער זיך:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ וויץ, בהמה דו? ווער וועט דערפון לאַכן?״

אָבער זיין מלכה, די מאַמע מיטן טרויער אין די שוואַרצע, יידישע אויגן, לאַכט. זי מאַכט:

— קום, קום צום טיש, חיים־ברוך. דערוויילע טו דו אַ נאַש. דאָס עסן ווערט קאַלט.

זי, מלכה, לאַכט און שמייכלט אויך צוליב אים און איר מאָריסן, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט זי צו פאַרזיכערן, אַז מיט פרייד גייט

ער צו דערפילן זיין פליכט צו זיין פאָטערלאַנד. איין זאַך נאָר, וואָס ער וואָלט וועלן טאָן באַזונדערס שטאַרק, איז אָנצולייגן היטלערן אַ פּולן היינטן מיט אַמעריקאַנישע באָמבעס...

זיין מאַמע האָט אים נאָר געענטפערט אויף דעם מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל.

מאָריס, אַ יונגער אַטלעט, מיט פרישע, רויטע באַקן און אַ רויטן קאָפּ, ווי ביי זיין טאַטן, קומט מיט פריילעכע, בלויע אויגן דאָ אויף זיין מאַמען און דאָ אויף זיין טאַטן, עסט און פון צייט צו צייט לייגט ער אַוועק דעם לעפל און דריקט־צו זיין ווארעמע, שטייפע באַק צו זיין מאַמעס, וועלכע זיצט לעבן אים, צי ער טוט אַ גלעט ס׳קעפּעלע אסתרקען, וואָס זי זיצט לעבן אים פון דער אַנדערער זייט.

אמת פריילעך איז די זעקס־יאָריקע אסתרקע. ערשטנס, ווען זיי האָבן אויף זייער פענצטער דריי שטערנדלעך אָנשטאָט צוויי. קיין איינע פון אירע חברטעס היימען האָט ניט קיין דריי שטערנדלעך. צווייטנס, ווערט מאָריס זיין אין „עיר קאָר" און ער ווערט פליען אין אַן עראָפּלאַן, און איר איז איינגעפאַלן, וואָס ער זאָל טאָן, וואָס דערוויל האָט זי עס געהאַלטן פאַר אַ סוד.

צום סוף אָבער האָט זי זיך איינגעבויגן צו אים און אים געזאָגט אין אויער אַריין דעם סוד:

ער זאָל מיט זיין עראָפּלאַן אויפזוכן היטלערן און אים דערהרגענען און דערנאָך קומען אַהיים מיט בענין און אייבין, — האָט זי אים איינגערוימט אַ סוד.

— אוודאי וועל איך דאָס טאָן, — האָט מאָריס פריילעך און מיט יינגלשן געפילדער איר פאַרזיכערט. — און וואָס נאָך, אסתר? ווען איך וועל יענעם „גאַי" כאַפּן, וועל איך אים ניט דערשיסן, נאָר איך וועל ברענגען אים אַ געפאַנגענעם אין מיין עראָפּלאַן צו דיר און דו וועסט עס טאָן!

פאַר שמחה האָט אסתרל אַזש געגומען פּאַטשן אין די הענט.

חיים־ברוך האָט די גאַנצע צייט די אויגן ניט אַרונטערגענומען פון מאָריסן. די גאַנצע צייט האָט זיך אים געוואָלט אַרומנעמען מאָריסן און קושן אים. קיינמאָל האָט ער אים ניט אַזוי ליב געהאַט ווי אַט־איצט. האָט זיך אים גע־דאַכט. ער האָט זיך אָבער געהיט דאָס צו טאָן. געהיט זיך דאָס צו טאָן פאַר זיין מלכהן.

אין די פענצער האָט נאָך געקלאַפּט אַ געדיכטער שטאַרקער רעגן, און חיים־ברוכן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס רעגנט ביי אים אַזוי כמורנע אין דער נשמה.

ער האָט אָבער געשמייכלט.

דאָ האָבן זיך אַריינגעריסן עטלעכע שכנים און שכנות פון דעם הויז. זיי זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט מאָריסן.

צוערשט האָט זיך געלאָזט הערן די אַלטע עלקע — אַ הויכע יידענע מיט אַ קאָפּ, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף אַ זייט, און מיט אַ פּאַטשיילע, וואָס זי האָט מיט 40 יאָר צוריק געבראַכט פון סמאָרגאָן, אויף אירע דאַרע אַקסלען.

די דאָזיקע עלקע האָט געהאַט גוואַלדיק הנאה פון קלאָגן און באַקלאָגן עמעצן. מחמת דעם האָט זי כסדר געזוכט לוויות און אומגליקן.

זי האָט אַרויסגעשאָסן מיט אַ יאָמער:

— נעבעך, מאָריסקען אויך. פריער יענע צוויי און איצט אים אויך, נעבעך! אַזעלכע דריי ביימער! דריי אויגן אַרויסגעריסן ביי טאַטע־מאַמען פונעם קאָפּ, ווי איז צו מיינע יאָרן!

האָט זיך חיים־ברוך אַ כאַפּ געטאָן און גענומען זיך בייזערן אויף איר:

— הערט אויף! וויינט ניט, יאָמערט ניט! נישט דריי, איך וואָלט וועלן האָבן צען. יאָ, יאָ, צען טוצן זין, וואָלטן זיי זיך ביי מיר אַלע באַטייליקט אין אָט־דער הייליקער מלחמה!

האָט די אַלטע עלקע אויפגעהערט צו קלאָגן אויפן קול, נאָר זי האָט גע־קוקט אויף מלכהן און געמורמלט, שאָקלענדיק מיט איר קאָפּ אַהער און אַהין:

— אַ מאַמע, אַ ווייטיק איז מיר, און זאָל זי כאָטש אַ טרער אַרויסלאָזן, ווען מען נעמט צו ביי איר איר דריטן זון אויף דער מלחמה...

אָבער די איבעריקע שכנים און שכנות, וואָס זיינען געקומען מיט איר, האָבן זיך ניט געהאַלטן אַזוי ווי זי.

— זיי וועלן ניט אויסלעשן דאָס ליכט פון דער וועלט! — האָט איינער פון זיי, מיט אַ גרוי בערדל און אין אַ יאַרמולקע, מיט היץ אויסגעשריען.

— ניין, דאָס וועלן ניט דערלאָזן אַזעלכע באַיעס אונדזערע, ווי מאָריס, — האָט אַ צווייטער באַמערקט.

— און ווי די „באָיטשיקעס" פון דער רויטער אַרמיי, — האָט מאָריס אַליין אונטערגעכאַפּט, וואָס ער איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר די העלדן פון סאָוועט־רוסלאַנד.

— און די ענגלישע „טאָמיס" וועלן דען שוייגן? — האָט נאָך עמעצער געזאָגט.

— פאַראייניקטערהייט וועלן זיי אַלע, און מיר מיט זיי, קעמפן קעגן יענער ווילדער פינצטערער מאַכט, וואָס וויל פאַרשליגגען אונדזער ליכטיקע וועלט.

— האָט חיים־ברוך ווידער זיך אָנגערופן. און מיטאַמאָל האָט ער אַרומ־גענומען זיין מאָריסן און גערעדט ווייטער שוין כמעט מיט התלהבות:

— מיין זון, איך בין דיך מקנא. איך וואָלט אויך וועלן זיין איינער פון

אָט־דער פרייהייטס־אַרמיי, ווי דו און דיינע ברידער, און קעמפן אינאיינעם מיט אייך קעגן דעם בלוטיקסטן שונא פון אונדזער פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. זאָל זיין געבענטשט, זאָל זיין טויזנט מאָל געבענטשט דיין געווער, וואָס וועט העלפן צו פאַרטיליקן דאָס מוראדיקע שלעכטס, וואָס טראָגט זיך איף דער וועלט !...

שפּעטער, ווען מאָריס האָט זיך מיט זיי געזעגנט, האָט שוין קיין רעגן מער ניט געגאָסן און אַ גאָלדענע האַרבסט־זון האָט אין דרויסן געלויכטן.

מלכה האָט אַרומגענומען איר מאָריסן. זי האָט איצט אויך ניט געוויינט, נאָר זי האָט צוגעדריקט איר פּנים צו זיינעם און איז אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעגלייכט און זיך אָנגערופן שטיל, צעטראָגן, ווי זי וואָלט צו זיך גערעדט:

— וואָס איז דאָ צו טענהן און וואָס איז דאָ צו וויינען ? אין דעם אַמאָליקן שטעטל אונדזערן, אין אייראָפּע, וואָלט מען געקלאַפּט אונדז איבער די קעפּ, געקלאַפּט און געקלאַפּט, און מיר וואָלטן זיך ניט געקאָנט ווערן, ניט אַפילו מיט קיין געשריי אָדער קרעכץ. דאָ אָבער גיט מען דיר געווער און דו קאָנסט זיך ווערן ! טאָ זאָל געבענטשט זיין דיין געווער, מיין קינד. . . .

און זי האָט צוגעגעבן מיט אַ פייערלעכן טאָן:

— יאָ, מיין קינד, דיין טאַטע איז גערעכט: די אַרמיי, צו וועלכער דו און דיינע ברידער געהערן, איז אַ פרייהייטס־אַרמיי, וואָס זי וועט זיכער ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר אונדז, יידן, אויך !...

באַגלייט מאָריסן האָט דער טאַטע און די קליינע אסתרל, וואָס זי האָט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דערמאָנט מאָריסן, אַז ער מוז אויפזוכן היטלערן מיט זיין עראָפּלאַן...

ווען מלכה איז געבליבן אַליין, האָט זי אויפן טוך מיט די צוויי שטערנדלעך אַרויפגעטאָן דעם דריטן שטערנדל.

זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע פאַר דעם און האָט געקוקט. די האַרבסט־זון, וואָס האָט אויפן פענצטער אָפּגעשלאָגן, האָט זי מיט אַ גאָלדענעם ליכט באַלויכטן.

מלכה האָט אַרויסגעפליסטערט:

— מיינע טייערע דריי שטערנדלעך פון דער פרייהייטס־אַרמיי !

און אַ תפילה האָט זיך אינעם האַרצן ביי איר געגומען וועבן.

נאָוועמבער, 1942, ברוקלין, נ. י.